STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11873

YAHADES

Israel Herbert Levinthal

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהדות (אידענטום)

THE HOUR OF DESTINY

יהדות

(אידענטום)

אַן אַנאַליז און אַן אינטערפּרעטאַציע איבער די
פונדאַמענטאַלע באַגריפען און לעהרעס
פון אידענטום

פון

הרב דר. ישראל ח. לעווינטהאל

רב פון דעם ברוקלין דזשואיש צענטער

אידיש פון

דר. א. אייסען

•

בית מסחר ספרים „פרדס"

י. ז. בוכבינדער, נשיא

28 קאַנאַל סט.

ניו־יאָרק

Copyright, 1949,
by
PARDES PUBLISHING HOUSE, Inc.

The English volume of "Judaism—An Analysis and Interpretation" by Dr. Israel H. Levinthal is published by Funk & Wagnalls Company, New York

Printed in the United States of America by
The Shoulson Press, New York
255

גע־ווידמעט דעם הייליגן אָנדענק

פון מיין מוטער

לזכר אמי מורתי

הרבנית מינא בת הרב מו״ר אלעזר ז״ל

עוז והדר לבושה —

לבושה של תורה.

אינהאַלט פאַרצייכעניש

קאַפּיטל		זייט
	פאַרוואָרט	9
.1	אידענטום — אַ דעפיניציע	13
.2	די איינציגקייט און באַזונדערקייט פון אידענטום	23
.3	די גאָט־אידעע אין אידענטום	35
.4	די אַנטוויקלונג פון דער גאָט־אידעע אין אידענטום	51
.5	איז דאָס אידענטום אין צוזאַמענשטויס מיט דער ווי־סענשאַפט ?	63
.6	דאָס אָרט, וואָס ריטואל און צערעמאָניע פאַרנעמט אין אידענטום	80
.7	וואָס דאַרף זיין די באַציאונג פון דעם מאָדערנעם אידען צו ריטואל און צערעמאָניע ?	92
.8	דאָס אָרט וואָס עטיק פאַרנעמט אין אידענטום	108
.9	די לעהרע פון גיהנם און גן עדן אין אידענטום	119
.10	די לעהרע פון גיהנם און גן עדן אין אידענטום (המשך)	132
.11	די משיח־אידעע אין אידענטום	150
.12	די משיח־אידעע אין אידענטום (המשך)	162
.13	די באַציאונג פון אידענטום צו אַרבעט	174
.14	די באַציאונג פון אידענטום צום אַרבעטער	187
.15	די ראָליע וואָס ארץ ישראל האָט געשפּילט אין אידענטום	199
.16	וואָס איז די צוקונפט פון אידענטום ?	209
.17	דער ספר און די שווערד	215
	נאָטיצן און באַמערקונגען	219

עטליכע ווערטער פון דעם איבערזעצער

מיט אַ פינף און צוואנציג יאָר צוריק בין איך צוגעצויגען געוואָרען צו דער באַרימטער אינסטיטוציע „ברוקלין דזשואיש צענטער“ און גלייכצייטיג האָב איך געהאַט דעם כבוד צו באַקענען זיך מיט איר גייסטיגען פירער, הרב דר. י. ה. לעווינטהאַל.

דורך די אַלע יאָרען האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט די פאַר־שיידענע קולטורעלע טעטיגקייטען, וואָס גייען־אָן סיסטעמאַטיש אין אָט דעם מרכז רוחני. צו דערזעלביגער צייט האָב איך אויך געהאַט די פריווילעגיע אָנצופירען דאָרט זעהר אָפט דעם אידישען פאָרום, מיט אַ גרויסער צאָל דיכטער, קינסטלער און שריפטשטעלער.

די גרעסטע אַטראַקציע, אָבער, איז פאַר מיר געווען דר. לע־ווינטהאַל גופא, מיט זיין צוציהענדיגער און אָנגענעמער פערזענליכקייט, מיט זיינע קינסטלעריש־באַלעהרענדע „סוירמאָנס“ פון דער בימה בכלל און מיט זיין בילדעריש־שיינעם און מייסטערהאַפט־געשריבענעם וואָרט בפרט.

זיין נייעסטעס בוך, „אידענטום,“ וואָס אַנאַליזירט און טייטשט־אויס אידישקייט און אידיש לעבען ווי אַ גאַנצע, רייכע און זעלבסט־שטענדיגע ציוויליזאַציע, האָט ממש געפאַנגען מיין האַרץ און מיין נשמה.

עס איז מיין טבע, אַז ווען איך ווער באַגייסטערט פון אַ ליד אָדער אַ ווערק, פאָעזיע אָדער פראָזע, אין אַן אַנדער לשון, ווילט זיך מיר גרינטלעך פאַרשטיין די שאַפונג נישט בלויז מיט לייענען, אָדער לערנען עס, נאָר ממש איבערזעצען... „הפך בה והפך בה דכולה בה“ — דאַן גיט עס מיר די אמת'ע מעגליכקייט צו פאַרטיפען זיך אין יעדען וואָרט, געדאַנק און געפיל פון דעם קינסטלער'ס ווערק.

דאָס איז באמת געווען דער הויפט־מאָטיוו, וואָס האָט מיך באַ־וואויגען צו איבערזעצען דאָס גרויסע ווערק „אידענטום,“ במילא שוין וועלען אויך אונזערע אידישע לייענער האָבען די געלעגענהייט צו באַקענען זיך מיט דעם גייסטיגען אוצר פון דר. לעווינטהאַל'ס ספר, וואָס איז געשריבען מיט אַזוי פיל שיינקייט פון שפראַך, קלאָרקייט

פון געדאַנק און מיט אַזוי פיל טיפער רייכקייט פון אידישען תוך און אינהאַלט.

איך האָף, אַז דער לייענער וועט שעפּען דעם זעלביגען נחת־רוח פון דעם ספר, ווי איך אַליין.

גלייכצייטיג דריק איך אויס מיין אויפריכטיגען דאַנק צו דעם גע־לערנטען און באַליבטען הרב מנחם סאָלצמאַן, הויפּט־געהילף צו הרב דר. י. ח. לעווינטהאַל פון „ברוקלין דזשואיש צענטער", וועלכער האָט זיך באַמיהט צו פאַרגלייכען מיין איבערזעצונג מיט'ן ענגליש־אָריגינע־לען טעקסט.

אַ יישר כוח פאַרדינט מיין ליבער און איבערגעגעבענער פריינד אַלטער מאַכליס, דער מומחה אין אידיש און העברעאיש, וועלכער האָט מיט פיל טריישאַפט איבערגעקוקט און געלייטערט די קאָרעקטורען פון אַלע פסולת, ווי נאָר מעגליך.

אויך אַ דאַנק דער סעקרעטאַרין פון „פּרדס" פּובלישינג קאָ., די דיכטערין עלסא טייטעלבוים, פאַר נעמען אויפזיכט איבער דער ענגלי־שער קאָרעקטור פון די פינף „סוירמאָנס" אין דעם ספר.

מיין האַרציגסטען דאַנק מיין ליבער פרוי פאַניא, וועלכע האָט מיט פיל פלייס און געדולד מיר געהאָלפען אין לייענען דעם מאַנוסקריפּט.

איך טייל זיך מיט איך אַלע מיט מיין עולם הבא...

א. א.

סעפּטעמבער, 1949

פאָרוואָרט

די קומענדיגע קאַפּיטלען זיינען כמעט ווערטערליך איבערגעגעבן פון אַ סעריע לעקציעס, וואָס איך האָב געהאַלטען פרייטאָג־צו־נאַכטס, אין דעם „ברוקלין דזשואיש צענטער”, אין משך פון די יאָרן 1932 און 1933. זיי זיינען איצט אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם צוליב דעם דרינגענדיגען פאַרלאַנג פון זייער פיל מענשען, וואָס האָבען זיי געהערט, ווען איך האָב די לעקציעס געהאַלטען, און זיי האָבען אויסגעשפּראָכען זייער ווואונש צו האָבען די אַלע לעקציעס אין פּערמאַנענטער פאָרמע. זיי האָבען אויך אמת'דיג געגלויבט, אַז אַט די דאָזיגע דרשות מיינע דאַרפען גרייכען אַ פיל ברייטערען עולם ווי בלויז די גרופּע, וואָס האָט געהאַט די געלעגענהייט זיי צו הערען.

ס'איז אפשר אויך מעגליך, אַז איך וואָלט באַדאַרפט דאָ צוגעבען אַן אַפּאָלאָגיע פאַר דעם נאָמען פון דאָס בוך. דער מחבר גיט צו, אַז די דאָזיגע קאַפּיטלען אין בוך גיבען נישט קיין פולשטענדיגען אַנאַליז, אָדער אינטערפּרעטאַציע, פון אַלץ וואָס מען פאַרשטייט און וואָס עס פּאַסט זיך צו צום טערמין אָדער טיטל „יודאַאיזם” — אידענטום. דער טיטל „אנזיכטען בנוגע אידענטום”, אָדער „אנבליקען וועגען אידענטום” וואָלט, אפשר, געווען מער צופּאַסענד צו דעם זין און אינהאַלט פון די לעקציעס. עס זיינען נאַטירליך דאָ זייער פיל פּאַזן אין דעם אידישען לימוד, ספּעציעל אָט די יענע עלעמענטען, וואָס זיינען בטבע אין דער ספּערע פון גלויבען, וואָס איך האָב לחלוטין גאָרנישט אָנגערירט אין מיין ספר. למשל, די לערע וועגען זינד, דאָס פּראָבלעם וועגען מענשליכע ליידען, די ראָלע וואָס געזעץ שפּילט ביי אונז, און דער ענין קבלה, מיסטיציזם, די פראַגע פון תפילה, און גאָר אַ גרויסע צאָל ענליכע טעמעס קענען בשום אופן נישט ווערען איגנאָרירט אין אַ דיסקוסיע וועגען אידענטום.

דער מחבר האָט, אָבער, דאָ זיך באַגרעניצט צו דער באַהאַנדלונג פון בלויז יענע טעמעס וואָס, ווי ער גלויבט, זיינען די סאַמע

יסודות, וואָס העלפען פאַרשטיין און אויך געהעריג אָפּצושאַצען דאָס אידענטום — די עצם נשמה, אַזוי צו זאָגען, פון אונזער עם חי. דער שרייבער פון אָט די שורות האָפּט, אַז ער וועט אַמאָל אין דער צו־קונפט איה״ש זיין בכח אַרויסצוגעבען אַ שפּאָגל נייע סעריע עסייען, אָדער לעקציעס, וואו ער וועט צילען אַרומצורעדען פיל מערערע פּאָזען און הערשענדיגע עלעמענטען אין דעם ענין פון לימודים, וואָס האָבען אַ דירעקטע שייכות שטענדיג געהאַט מיט דעם וואָס מיר פאַרשטייען ענין אידענטום.

עס טראָגט זיך אַרום אַן אַלגעמיינע באַהויפּטונג, אַז די אידען אין די שולען זיינען נישט פאַראינטערעסירט אין טיף־ערענסטע דיסקוסיעס איבער טעאָרעטישע טעמעס; אַז דער גרויסער עולם לויפט הערען בלויז פּאָפּולערע דיסערטאַציעס, אָדער סענסאַציאָ־נעלע רעדעס. אָבער די ערפאַרונג פון דעם מחבר לייקענט אין גאַנצען אָפּ אָט די באַהויפּטונג. די בימה פון דעם „ברוקלין דזשואיש צענטער״ האָט קיינמאָל נישט געדינט צו דעם געשמאַק פון דעם מין מענש, וואָס זוכט בלויז די געוויינליכע אַנגענעמליכקייט פאַר׳ן אויער; פאַרקערט, דער עולם אידען, מענער און פרויען, יונג און אַלט וואָס באַזוכען דעם צענטער׳ס בית התפילה זיינען תמיד געווען — אין צאָל און אין כאַראַקטער — אין כמות און אין איכות, אַזעלכע מענשען וואָס האָבען ממש באַגייסטערט דעם פּריידיגער. אָבער קיינמאָל אין לויף פון אַלע ערפאַרונגען פון דעם שרייבער, איז דער נאָכפרעג, דער פאַרלאַנג נישט געווען אַזוי גרויס מיט דערמוטיגונג ווי ווען מ׳האָט מודיע געווען, אַז עס וועט געהאַלטען ווערען אָט די דאָזיגע סעריע לעקציעס וועגען אידענטום. עס האָט דעם שרייבער פאַרשאַפט פיל נחת רוח אויסצוגעפינען, אַז דער גרויסער עולם אידען, קיין ע״ה, זיינען נייגעריג צו לערנען עפּעס מער איבער די יסודות פון אידישען געדאַנק; און אַז ס׳איז געווען אַ ברענענדיגער דורשט אין זייערע נשמות פאַר וויסען, וואָס וואָלט געקענט צופרידען שטעלען זייער ווילען און פאַרלאַנג צו פאַרשטיין מער זייער פאָלק און די נשמה פון דעם פאָלק ישראל.

עס קומט, אַגב, אַרויף אויפ׳ן זין די שטאַרקע באַמערקונג פון אונזערע חז״ל אויף די ווערטער פון דער תורה: „און עס וועט זיך, אַז אייערע קינדער וועלען אייך פרעגען: „וואָס מיינט ביי אייך אָט דער דאָזיגער דינסט?״[1] אין תנא האָט אויסגעטייטשט דעם פסוק, אַז עס מיינט: „אַ בשורה רעה — אַ שלעכטער צייכן, אָדער אָנזאָג, ליגט אין אָט די דאָזיגע ווערטער; ווייל עס דייטעט־אָן, אַז אין דער

צוקונפט וועלן אונזערע קינדער גאָרנישט וויסן און זיי וועלן זיך דאַרפן נאָכפרעגן נאָך דעם באַדייט און זין פון זייער גייסטיגן לעבן." אַ צווייטער תנא האָט ווידער אויסגעטייטשט להיפך, פאַרקערט: „אַ בשורה טובה — אַ גוטער צייכן, אַ וואוילער אָנזאָג, ווייל אַט די ווערטער פון דער תורה גיבן אונז די האָפענונג און די פאַרזיכערונג, אַז אין דער ווייטער צוקונפט, הגם אונזערע קינדער וועלן אפשר נישט זיין גענוי באַקאַנט מיט די לערעס פון דער תורה, וועלן זיי זיך אָבער נאָכפרעגן, און זיי וועלן האָבן חשק צו וויסן און זיי וועלן זיין נייגעריג צו וועלן קענען לערנען!"[2])

די דערפאַרונגען, וואָס דער פריידיגער פון די שורות האָט באַקומען אין דעם פאַרלויף פון זיינע דרשות, זיינען באמת געווען: אַ בשורה טובה, אַ גוטער אָנזאָג, וואָס האָט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט גאָר נייער האָפענונג, און מיט אַ נייער אָפשאַצונג פון אַט די אָנהאַלטענדיגע, אַביסעל פאַרשלאָפענע, גייסטיגע בענקשאַפטן אין די הערצער פון די מאַסן פון אונזער אידיש פאָלק.

דער מחבר איז נישט אַזוי שטאַרק איינגעבילדעט אין זיך אַליין אַז ער האָט פולשטענדיג צופרידענגעשטעלט די גייסטיגע בענקשאַפטן פון יענע, וואָס זיינען געקומען לערנען, אָדער, אַז זיינע רייד, אין געדרוקטער פאָרמע וועלן האָבן די השפעה אויף צוריקברענגען די יעניגע, וואָס האָבן זיך פולשטענדיג אָפגעקערט פון דעם שטראָמיגן וועג פון אידישן לעבן. די קלוגע וואָרנונג פון פראָפעסאָר וויליאַם דזשיימס מוז מען שטענדיג געדענקען און אין זינען האָבן, אַז: „אויב דיין האַרץ פאַרלאַנגט עס נישט... וועט עס שוין דיין קאָפּ געוויס און געוויס דיר נישט מאַכן צו גלויבן."[3])

אָבער די דאָזיגע ווערטער זיינען געווענדט צו יענע, וועמענס „הערצער טוען יאָ פאַרלאַנגען" צו זיין געגויליך געגויגט צו די וויזיעס און אָנזאָגונגען וואָס קומען צו אונז אַרויס פון די רייכע שפייכלער פון אידישען לערנען. און עס ווילט זיך האָפען און בעטען, אַז זיי זאָלען, לפּחות צו אַ געוויסען גראַד, צופרידענשטעלען אַט יענעם פאַרלאַנג זייערען, און אַזוינאָך אויך מאַכען זייערע מוחות נאָכאַמאָל צו גלויבען אין דער שיינקייט, אין דעם אמת און אין דער לעבעדיגער נויטווענדיגקייט פון אידענטום פאַר דער טראַגישער וועלט היינט-צו-טאָג.

דער שרייבער פון אַט די שורות איז צופרידען צו פאַרצייכענען, אַז אַ טייל פון דעם ספר איז געשריבען געוואָרען, און אַז דער גאַנצער

מאַנוסקריפּט איז איבערגעקוקט געוואָרען, אין דער צייט וואָס ער האָט לעצטענס פאַרבראַכט אין ירושלים; און ער ווינשט זיך צו באַנוצען מיט דער געלעגענהייט אויסצודריקען זיין גרויסען דאַנק און טיפע אַכטונג צו די פירער און אויטאָריטעטען פון דעם העברעאישען אוניווערזיטעט; און באַזונדערס צו דער קערפּערשאַפט און די אויפזעער פון דער העברעאישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק פאַר יעדער פאַרגרינגערונג וואָס ער האָט געגאָסען אין זיין אַרבייט און פאַר אַלע העפליכקייטען, וואָס מ'האָט אים אַזוי פריינדליך אַרויסגעוויזען.

י. ח. ל.

ערשטער קאַפּיטעל

דאָס אידענטום — אַ דעפיניציע

איך נעם אַלס דעם טעקסט, דעם פּנים, פון מיין גאַנצער סעריע מאַמרים, וואָס באַהאַנדלען דעם אַנאַליז און די אינטערפּרעטאַציע פון געוויסע אָנבליקען אויף דאָס אידענטום, די ווערטער פון כתובים: „און דו שלמה מיין זון, וויס דעם גאָט פון דיין פאָטער.״ [1]) דאָס איז דער העכסטער שטאַפּל פון אונזער אמונה, אונזער תורה, וואָס באַטאָנט דעם אָנזאָג „צו וויסען״, וואָס וויל פון אונז, אַז מיר זאָלען קענען אונזער גאָט.

עס איז אמת, אַז אונזער פאַרשטאַנד קען נישט אַלצדינג אויפכאַפּען און פאַרשטיין. עס זיינען פאַראַן באַגרעניצטקייטען אַרום דער וועלט פון וויסען, ווי מען וואָלט אונז, דוכט זיך, געזאָגט: אַזוי ווייט קענסטו גיין, אָבער נישט ווייטער! אָבער דאָס, וואָס מיר זיינען יאָ ביכולת צו דערווערבען און באַהערשען, איז געוויס אונזער גרויסע פליכט זיך צו באַמיען עס צו וויסען. וויסען איז געווען, ביז די סאַמע לעצטע דורות, די ליניע פון לעבען פאַר דעם אַלגעמיינעם אידען. וויסען איז קיינמאָל נישט געווען דאָס אייגענטום פון בלויז אַ באַזונדער גרופּע אידען, אָדער פון אַן אויסדערוויילטען קלאַס אין אידענטום. דער עם הארץ, דער פּראָסטאַק, קען נישט זיין אמת׳דיג פרום, אַזוי האָט מען אונז געלערענט; דער נישט געלערענטער קען נישט אויפריכטיג אויסמיידען זינד.[2]) דער איד האָט באַדאַרפט דענקען און נישט נאָר פילען. ער האָט באַדאַרפט דינען גאָט מיט׳ן קאָפּ און מיט׳ן קערפּער. ווי אַ באַרימטער געלערנטער האָט אַמאָל אויפגעפּאַסט: „אין אַ געוויסען זין״, האָט ער געזאָגט, „איז דער איד אַ פּראָסט און פּשוט גלויביגער, אָבער קיינמאָל נישט גלאַט אַ תם״.[3])

די ערשטע כאַראַקטעריסטיק, וואָס איך וואָלט דעריבער געמאָנט פאַר דעם אידענטום, וואָס איך גרייט זיך דאָ צו דערקלערען איז די באַטאָנונג אויף דעם ענין וויסען. נאָר אויב וויסען איז געווען אַזוי

שטאַרק וויכטיג פאַר אונזער עקזיסטענץ און פאַר'ן סאַמע תוך פון לעבען אין דער פאַרגאַנגענהייט, איז וויסען טאָפּל וויכטיג היינט צו טאָג. וואו נאָר מיר קערען זיך, מערקען מיר דעם צוזאַמענברוך פון אידישען לעבען. צעקלאַפּט און צעשפּליטערט דורך אונזערע שונאים, אינווייניג צי אין דרויסען פון אונזערע לאַגערען, מערקט מען ווי ס'איז דורכגעפירט געוואָרען די ביטערע קללה, וואָס געפינט זיך אין ויקרא: „איך וועל אַנזעצען אויף אייך אַ צעמישעניש, אַ בהלה."[4]) פיל פון דער צעמישעניש, וואָס הערשט אין אידישען לעבען היינט צו טאָג איז געוויס שולדיג דאָס ערשטוינענדיגע אויספּעהלען פון קענטשאַפט און וויסען וועגען אונזער פאַרגאַנגענהייט, פון די אידעאַלען און האָפנונגען, די לעהרען און באַגייסטערונגען, וואָס האָבען פאַרמירט און מדריך געווען דאָס אידיש לעבען אין די פאַרגאַנגענע צייטען. לעבענדיג אין איגנאָראַנץ, אין אומוויסענהייט פון דער דאָזיגער פאַרגאַנגענהייט, וויסען מיר נישט ווי זיך אַנצוטרעפען פנים אל פנים מיט דער צוקונפט.

דער אַלטער חכם פון אַמאָל איז געווען גערעכט, ווען ער האָט אויסגעטייטשט די ווערטער פון ישעיהו: „ישראל ווייסט נישט, מייך פאָלק קוקט זיך נישט אַרום".[5]) זאָל מיינען, „ישראל ווייסט נישט לשעבר — וואָס עס געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט, דעריבער, טוט מיין פאָלק נישט באַטראַכטען לעתיד, די פאַרלאַנגען און באַדערפעניש פון דער צוקונפט".[6]) אויב מיר דאַרפען פאַרשטאַרקען און רעמאָדעלירען דאָס אידישע לעבען לעתיד, אויף אַ נייער און געזונטער צוקונפט, מוזען מיר זיך ווידער טיף אַרונטערלאָזען אין די טיפעניש פון אונזער פאַרגאַנגענהייט, כדי צו לערנען אויפדאָסניי דעם באַדייט און דעם ציל פון אַלע מיסטישע כוחות, וואָס האָבען אונז געשטאַרקט אין אונזער לעבען ביז היינט צו טאָג.

און איך וואָלט צוגעגעבען נאָך אַ טעקסט צו דעם וואָס שוין דערמאָנט אַלס באַזע פון אונזערע דיסקוסיעס, און ווידער מיט די ווערטער פון ישעיהו הנביא: „קום נאָר, און לאָמיר זיך אַביסל דורכרעדען".[7]) איך פאַרלאַנג נישט פון אייך אויפצונעמען דאָגמאַטיש אַלע מיינע טעזיסען, וואָס איך וועל דאָ אויפקלערען פאַר אייך. מעגליך, אַז איך בין נישט אין גאַנצען גערעכט מיט איינגע פון מיינע טעאָריעס און אינטערפּרעטאַציעס. דאָך, וואָלט איך פון אייך געבעטען, נאָכצוטראַכטען זיי, צו אַנאַליזירען זיי, און אָפּשטעלען זיך איבער זיי. דער טראַגישער גורל פון דאָס אידענטום ליגט אין דעם פאַקט, וואָס מיר זיינען געוואָרען לחלוטין גלייכגילטיג צו דעם אַלץ. דאָס אידענטום וואָלט אַפילו געקענט אויסהאַלטען און וואָלט זיכער אויפגענומען אַ

געזונטע אָפּאָזיציע; אָבער דאָס אידענטום קען נישט דולדען גלייכ־גילטיגקייט. אויב מיר וואָלטען זיך געקענט נאָר אויסלערנען אַביסעלע מערער צו דיסקוטירן, אַביסעלע מערער צו קענען שטעלען פראַגען, און שאַרפען מער אונזער שכל וועגען דאָס אידענטום, בין איך זיכער אַז דאָס אידענטום וואָלט פיל פון דעם געווינען.

מיר מוזען קודם כל אויך צוגעבען, אַז עס ליגט אַ גאָר גרויסע שוועריגקייט אין דער אויפגאַבע גופא, וואָס מיר האָבען דאָ אויפגענומען. אַפילו דער גרויסער תנא הלל, וואָס האָט איבערגעגעבען יענעם געצן־דינער די תורה כולה, בשעת יענער איז געשטאַנען על רגל אחת, אויף איין פוס, אַפילו ער איז געווען זייער פאָרזיכטיג און גע־וואָרענט אים, אַז ער מוז גיין און שטודירען דעם פירוש, די דער־קלערונג, די סופער־סטרוקטור פון יענעם פונדאַמענטאַלען אמת, וואָס הלל האָט אים געלערענט: [8]) זייער מעגליך, אַז דער לעצטער טייל פון זיין לערע — גיי און לערען דעם פירוש — איז געוועזען דער סאַמע וויכטיגסטער, דער סאַמע לעבעדיגסטער פון דער לערע, וואָס ער האָט אים געלערענט. אַ ציוויליזאַציע, וואָס האַלט אַן טויזענטער יאָרען צייט קען מען נישט דערקלערען אָדער דערלערנען אין דעם שטח פון עטלי־כע טוצען קאַפּיטלען אין אַ בוך. דער מחבר קען, אין בעסטען אופן, בלויז האָפען צו געבען אַן אַריינבליק אין איינינגע פון די פונדאַמענ־טאַלע יסודות פון אידישען לעבען. אויב ער קען שוין יאָ, אין העכסטען פאַל, אויפוועקען אין האַרצען פון דעם לייענער אַן אינטערעס אין דעם אידישען לערנען, אַ פאַרלאַנג צו וועלען וויסען וואָס מער, אַן אימפּעט זיך אונטערצונעמען צו שטודירען די אויסטייטשונגען פון אַלץ, וואָס ווערט דאָ אין ספר געזאָגט ווערען, דאַן ווערט דעם מחבר׳ס באַלוין זיין אומגעווינליך גרויס.

בכדי צו פאַרשטיין די פונדאַמענטאַלע לערעס, דעם סאַמע עסענץ פון אידענטום, מוזען מיר קודם כל דעפינירען דאָס וואָרט אידענטום; מיר מוזען וויסען וואָס אידענטום באַטייט, וואָס עס איז, און וואָס, ווען הגם זייער פיל מיינען עס איז, איז עס גאָר באמת נישט. עס זיינען פאַראַן געוויסע אַקסיאָמען, גרונדזאַצן וועגן אידענטום, וואָס מיר וועלען מוזען איבערלערנען, אויב אונזער באַמיאונג צו אַנאַליזירען און אויסטייטשען זיי ווערט סתם פירען צו דערפאָלג.

איר ווערט באַמערקען — און איר ווערט דאַרפען האָבען אָט דעם געדאַנק אין זין דורך דער גאַנצער סעריע אונזערע — אַז איך נוץ דעם טיטל: אידענטום. איך האָב נישט געזאָגט, אַז מיר וועלען דיס־קוטירען: די אידישע רעליגיע, נאָר: אידענטום. איר ווערט מיר אפשר פרעגען, „פאַרוואָס מאַכען אַזאַ מין קליינעם אונטערשיד? צי

איז דען טאַקע פאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד צווישען די צוויי? באַ־ צייכענט דען נישט אידענטום אונזער רעליגיע? באַצייכענען דען נישט אַט די טערמינען די זעלביגע אידעע?" ווייל איך דעריבער זאָגען, אַז טאַקע אין אַט דעם אַלגעמיינעם מיסבאַגריף ליגען עס די וואָרצלען פון אַזויפיל פאַלשען גאַכטראַכטען און די קנאַפּע אָפּשאַצונג פון אונזער באַציאונג צום אידישען לעבען.

איר געדענקט דאָך, מן הסתם, דאָס אַלטע אידיש ווערטעל: „ווי עס קריסטעלט זיך, אַזוי אידעלט זיך." [9]) מיר זיינען באַווירקט נישט נאָר פיזיש פון דער אויסערליכער וועלט, נאָר — און דאָס איז אַפּילו פיל מער סעריעז־אינטעלעקטועל — אויך גייסטיג גראָד אַזוי גוט. אין אונזער גייסטיגען לעבען אורטיילען מיר ווערטהען לויט פרעמדע נוסחאות און מוסטערן. איר קענט זיך אפשר דערמאָנען די תלמודישע אויסטייטשונג פון דער שרעקענדיגער קללה אין דער ביבל: „און ער וועט אָנטאָן אַן אייזערנעם יאָך אויף דיין האַלז, ביז ער וועט דיך פאַרטיליגען." [10]) — „זה הרעיון" זאָגט אַ גרויסער געלערענטער: „עס מיינט דער אופן פון דיין געדאַנק." [11]) יאָ, דאָס איז באמת אונזער שטאַרקע טראַגעדיע. אונזער אַרט דענקען, דער אופן פון אונזער געדאַנק, איז נישט מער אידישליך, נאָר באַאיינפלוסט פון די ניי־ גונגען און אויסקוקען פון דער מאַיאָריטעט צווישען וועלכער מיר לעבען. „דעריבער זאָלסטו דינען דיין שונא... אין הונגער און אין דורשט און אין נאַקעטקייט — ובחסר כל — און עס זאָל דיר אַלץ אויס־ פעלען." [12]) אָט די לעצטע ווערטער, זאָגט אַ תלמיד חכם, מיינט שנטלה דעת מהם — אַפּילו זייער עצם פאַרשטאַנד וועט ווערען אַוועקגענומען פון זיי! [13]) יאָ, אָט דאָס איז די קללה וואָס הערשט אין אידישען לעבען היינט צו טאָג; אונזער אמת פאַרשטיין די אידישע ווערטהען איז געוואָרען אוועקגענומען פון אונז. אונזער גרויסער אומגליק איז, ווי דער פאַרשטאָרבענער גרויסער געלערנטער ישראל אייבערעמס האָט מיט באַדויערען אַרויסגעבראַכט, אַז: „די אידען גיבען אויף זייער אייגענע אָריגינעלע טעאָריע פון לעבען און רעליגיע." [14])

עס איז פאַראַן אַ תלמודישע לעגענדע וואָס דערציילט אונז, אַז ווען אַ פרעמדער פלעגט קומען צו גאַסט אויף באַזוך אין דער שטאָט סדום און האָט געבעטען אַ פלאַץ פאַר איבערנעכטיגען, האָבען אים די סדום'ער נישט אָפּגעזאָגט, נאָר זיי האָבען אָבער דעם פרעמדען גע־ צוואונגען צו שלאָפען אין אַ בעטל, וואָס זיי האָבען פאַר אים געהאַלטען צוגעגרייט. אויב די בעט איז געווען צו־קורץ פאַר אים, פלעגען זיי אָפּשניידען זיינע פיס ביז זיין קערפּער האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דער באַשטימטער בעט. אויב די בעט איז אָבער געווען צו גרויס פאַר

אים, פלעגען זיי אים אַזוי לאַנג ציען פאַר זיין קאָפּ און זיינע פיס, אַז ווען אַפילו ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה פון די יסורים זיינע, אָבער זיין גוף, זיין קערפּער האָט זיך פאַרט אַריינגעפּאַסט אין דער באַשטימטער סדום׳ישער בעט.[15]) אויף אַזאַ מין אופן, קען מען זאָגן, איז געוואָרען די באַציאונג פון זייער פיל פון אונז אין דעם אופן ווי מיר דענקען וועגען אידענטום. מיר צוקאַליעטשען עס, מיר ציען עס פון אַלע זייטען, מיר פירען דורך אַלערליי כירורגישע קונצען איבער אונזער אידענטום אַזוי אַז עס זאָל זיך קענען צופּאַסען מיט די אידעען, וואָס ווערען גענערט און דערצויגען פון אַ סביבה וואָס איז נישט־אידיש אָדער אַפילו אַנטי־אידיש. אונזערע באַגריפען וועגען אידענ־טום, אין פילע פאַלען, זיינען אַזוי פרעמד, אַז עס איז נישט מער אַט דאָס אידענטום וואָס מיר האָבען אין זינען.

ישראל זאַנגוויל, גלויב איך, איז עס געווען, וואָס האָט אין איינעם פון זיינע אויסגעצייכענטע עסייען מיט גרויס אנערקענונג ציטירט אַ דייטשען דיכטער, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט, אַז: „מיר אידען האָבען נישט קיין רעליגיע — מיר האָבן דאָס אידענטום". נו, וואָס קענען מיר אייגענטליך זאָגען וועגען אָט די מאָדנע דיבורים — אַז מיר אידען פאַרמאָגען נישט קיין רעליגיע, נאָר מיר האָבען דאָס אידענטום? יאָ, מיר האָבען נישט קיין רעליגיע אין דעם געוויינליכען אָנגענומענעם טערמין, אַלס אַ זאַך וואָס איז אָפּגעטיילט פון לעבען, אָפּ־געזונדערט פון דער קעניגרייך פון געוויינליכען לעבען; יאָ, מיר האָבען נישט קיין רעליגיע אין דעם זין פון אַן אונענדערענדיגער קערפּערשאַפט פון גלויבען און דאָגמע — אַ פאַראויסזאַג פון גלויבען, וואָס ווען אָפּ־געזונדערט פון אונזער שטייגער לעבען, געווינט זי דאָך פאַר אונז אַ דערלייזונג. אָבער מיר פאַרמאָגען דאָס אידענטום, וואָס איז פיל בריי־טער פאַר דעם, פיל מער אומפאַסענד ווי דער באַגרעניצטער באַ־גריף פון וואָרט רעליגיע.

מיר אידען האָבען אין באמת׳ן נישט קיין וואָרט פאַר רעליגיע. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז אַפילו אַזאַ גרויסער העברעאי־שער געלערנטער און סטיליסט, ווי שמואל דוד לוצאַטאָ, ווען ער רעדט פון רעליגיע, קען נישט געפינען קיין באַשטימטע באַצייכענונג אין העברעאיש פאַר רעליגיע, נאָר נוצט דעם לאַטיינישען טערמין רעליגיאָ.[16]) מיר באַזיצן דאָס וואָרט אמונה, אָבער אָט דאָס וואָרט אין דער ביבלישער טערמינאָלאָגיע איז נישט קיין סינאָנים מיט דאָס וואָרט רעליגיע; עס מיינט „גלויביגקייט", עס מיינט „גלויבען". און עס איז אמת, אַז אין דער שפּעטערדיגער ראַבינישער פראַזעאָלאָגיע, און שוין באַאיינפלוסט פון דעם נישט־אידישען געדאַנק, איז דאָס

וואָרט באַנוצט געוואָרען אין באַצוג צו געוויסע גלויבענס. אָבער דאָס וואָרט האָט קיינמאָל נישט אַרומגענומען פולקאָם די באַצייכענונג פון דעם וואָרט רעליגיע, און געוויס איז עס קיינמאָל נישט געווען קיין סי־נאָנים מיט דאָס וואָרט אידענטום.

יא, מיר האָבען דאָס וואָרט דת, אָבער אויך דאָס וואָרט געפינט מען אין די שפּעטערע ספרים פון דער ביבל, און עס מיינט: מנהג, געוואוינהייט אָדער געזעץ, אָבער נישט רעליגיע.[17] אַפילו אין דער תלמודישער ליטעראַטור, וואו עס ווערט צוגעגעבען אַ נייער באַדייט צו דעם טערמין, מיינט עס באמת בלויז: מנהג אָדער צערעמאָניעל. דת משה מיינט נישט: „די רעליגיע פון משה", נאָר משה׳ס מנהגים און געזעצען. דת יהודית מיינט אויך: אידישער מנהג אָדער גע־וואוינהייטען. ווען דער תלמוד רעדט פון „המירה דתה" מיינט עס נישט: „זי האָט געענדערט איר גלויבען", נאָר „זי האָט געענדערט דעם דרך פון איר לעבען."[18]) דער תלמוד געברויכט אַפילו דעם אויסדרוק דת צוזאַמען מיט תורה — „כדת של תורה" צו באַצייכענען „די וועגען פון דער תורה" אין באַצוג צו דעם צעטל פון אַ מאָל־צייט.[19]) מאָדנע, אָבער ס׳איז דאָך אַזוי, און איין גאָר פיינער געלערנ־טער האָט עס שוין אַזוי געזאָגט: „די טיף־רעליגיעזסטע מענשען האָבען נישט געהאַט קיין באַזונדער־ספּעציפישען וואָרט פאַר רעליגיע.[20])

דאָס וואָרט אידענטום איז אויך נישט אַ סינאָנים מיט „אידישער רעליגיאָן." אידענטום איז עפּעס מער ווי דאָס; עס איז דער סך הכל פון דעם פּראָדוקט פון אידישער באַוואוסטזיניגקייט, פון אידישען גע־דאַנק, און פון דער אידישער נשמה. אידענטום איז פיל מער ווי בלויז אַ סיסטעם פון גלויבענס; אידענטום איז דער עסענץ פון אַ לעבע־דיגער אידישער טראַדיציע. אידענטום איז די ציוויליזאַציע פון דעם אידען, דער פּראָדוקט פון אידישער דערפאַרונג.[21]) עס איז די קולטור, די ליטעראַטור, די פילאָזאָפיע, די עטיקס, די גלויבענס, די מאָראַל, די זיטען, די פאָלקס־וועגען, די וועלט־אַנשויאונג פון דעם אידישען פאָלק. דער איינציגער העברעאישער וואָרט, וועמענס זין קען ווערען אידענטיפיצירט מיט דעם אמת׳ן מיין פון וואָרט אידענטום, אין ברייטסטען זין פון דעם וואָרט, איז תורה. תורה, פאַר דעם אידען, מיינט נישט בלויז די חמשה חומשי תורה, אויך נישט אַפילו די עשרים וארבעה פון דער ביבל; תורה פאַר׳ן אידען איז כולל אַלץ וואָס איז באַשאַפען געוואָרען דורך דער גאונות פון אידישען פאָלק.

ס׳איז אמת, אַז דאָס גלויבען אין גאָט איז דער סאַמע ווינקעלשטיין פון דער גרויסאַרטיגער סטרוקטור וואָס הייסט אידענטום. אונזערע באַגריפען פון גאָט, אונזער גאָט־זוכעניש און דאָס בענקען נאָך גאָט

האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָליע אין פאַרמירען אָט די ציוויליזאַציע פון אידענטום. דאָך איז אידענטום פיל מער; עס גרייפט אָן און עס דרינגט דורך יעדע פאַזע פון דעם לעבען פון אידישען פאָלק. עס איז דעם פאָלק׳ס אורח החיים, דער וועג פון זייער לעבען! דאָס וואָרט אידענטום האָט מען אָנגעהויבען באַנוצען אין דער צייט ווען דער איד האָט זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט דער גריכישער ציוויליזאַציע, כדי צו באַטאָנען שטאַרקער דעם אידישען וועג פון לעבען. מען טרעפט דאָס וואָרט אידענטום צום סאַמע ערשטען מאָל אַרום הונדערט יאָר פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכענונג אין דער גריכיש־אידישער ליטעראַטור. אין דעם ספר פון די מאַקאַבייער באַצייכענט דאָס וואָרט אידענטום דאָס לעבען און די קולטור פון די אידען אַלס קאָנטראַסט צו דעם העלעניזם, דאָס לעבען און קולטור פון די גריכען.[22]

דאָס אידענטום, וואָלטען מיר דעריבער געזאָגט, איז אַ פילאָזאָפיע פון לעבען, אין העכסטער גייסטיגער הויך, ווי ס׳איז באַוויזען דורך אונזער תורה, די שאָפונג פון דעם אידישען נאַציאָנאַלען גייסט. דאָס איז עס, וואָס אונזערע חכמים האָבען געמוזט האָבען אין געדאַנק, ווען זיי האָבען אונז געזאָגט, אַז אונזער פאָטער אברהם האָט שוין געהאַט אָפּגעהיט כולה תורה אַפילו איידער נאָך זי איז צו אונז אַנטפּלעקט געוואָרען אויפ׳ן באַרג סיני.[23] דער גרינדער גופא פון אידישען פאָלק האָט אויסגעשטעלט די פונדאַמענטאַלע שטריכען פון יענער ציוויליזאַציע וואָס, אין די טעג פון משה רבנו, האָט דאָס גאַנצע פאָלק שוין באַשטימט, אַז ס׳זאָל ווערען זייערס. עס איז אָט די דאָזיגע ציוויליזאַציע, און וואָס זי האָט אונז צו לערנען, וואָס מיר ווילען זיך איצט באַמיען צו שטודירען.

עס איז אויך דאָ נאָך אַ פאַזע פון אידענטום, וואָס, הגם זי איז עקזיאָמאַטיש, מוזען מיר זי שטאַרק באַטאָנען. דאָס אידענטום איז אַ וואַקסענדיגע ציוויליזאַציע, אַ דרך פון לעבען וואָס רעפּרעזענטירט אַ כסדר׳דיגע אַנטוויקלונג. יאָ, עס איז פון שטענדיג אָן געווען אַ וואַקסענדיגע ציוויליזאַציע, ווייל עס איז געווען אַ לעבעדיגע ציוויליזאַציע. יעדע זאַך, וואָס איז לעבעדיג מוז וואַקסען און זיך אַנטוויקלען. עס איז דאָ אַזאַ פּראָצעס ווי די עוואָלוציע פון אידענטום. דאָס אידענטום איז נישט אַ שטיל־שטייענדיגער וואַסער, נאָר אַ מים חיים, אַ לעבעדיגער שטראָם, וואָס פליסט פון דעם הויפּט מקור פון די הויכען פון באַרג סיני, און אָט דער שטראָם איז געפלאָסען דורך פאַרשידענע געדרייטע וועגען דורך דור דורות, ווערענדיג וואָס מער ווייטער און ברייטער אין דעם לויף.

פיל פּשוט׳ע מענשען מעגען זיך דענקען אַז אַלץ וואָס מיר הי־

טעג אַפּ היינט צו טאָג און אַלץ אין וואָס מיר גלויבען און פירען דורך איז פּונקט דאָס זעלביגע ווי עס איז געווען דורך די אַלע טעג פון אונזער גלות און אין די ערשטע יאָרען פון אונזער נאַציאָנאַלען לעבען אין ארץ־ישראל. אָבער אַ מענש וואָס האָט אַביסעל נאָכגעטראַכט אין אידישען לערנען ווייסט, אַז ס'איז נישט אַזוי. ס'איז דאָ און ס'איז פון שטענדיג אָן געווען אַ לעבעדיגער וואַקסען און אַנטוויקלונג אין דער לעבעדיגער אידישער טראַדיציע.

אַנדערע, ווידער, וואָס באַגרייפען יאָ אָט די כסדר'דיגע אַנטוויקלונג קענען נישט, אין זייער באַאיוויטעט, אָפּשאַצען, אַז הגם אין דעם אידענטום עקזיסטירט אָט דער וואוקס און אַנטוויקלונג, רעפּרעזענטירט דאָס אידענטום אָבער אויך אָן איינהייט פון לעבען און געדאַנק. אַפילו בערדיטשעווסקי, דער העברעאישער שריפטשטעלער און עסייאיסט איז פאַרפירט געוואָרען פון דעם געדאַנק און ער האָט אַזוי געפרעגט: ווי קענען מיר מאָנען גאַנצקייט צווישען דעם אידענטום פון די שופטים יפתח, גדעון אָדער שמשון און דעם אידענטום פון די נביאים און נאָכדעם פון די תנאים, אָדער צווישען דעם אידענטום פון די תנאים אין איך גאַנג מיט דעם פון די בעלי קבלה, און צווישען דעם אידענטום פון רמב"ם מיט דעם פון בעל שם טוב?

אָבער אין אַ זייער בריליאַנטענער אָפּהאַנדלונג פון פּראָפעסאָר קלויזנער,[24]) געפינט זיך יאָ אָן אינטערעסאַנטער אַנאַליז פון, און אָן ענטפער צו, אָט דעם טעות'דיגען געדאַנק. ער דערמאָנט אונז, אַז אין די צייטען פון סאָקראַטעס איז די זעלביגע פראַגע געשטעלט געוואָרען אין באַצוג צום מענשליכען קערפּער און גייסט. ווי קענען מיר זאָגען, האָבען זיי גע'טענה'ט, אַז דער מענשליכער קערפּער אין די פופציגער יאָרען איז דער זעלביגער ווי ער איז געווען אַלס פיצל קינד, אָדער אין דער ערשטער יוגענד? זיינען דען נישט, דעריבער, די געדאַנקען וואָס פילען אָן דעם מח פון דערוואַקסענעם מענשען אינגאַנצען אַנדערש פון יענע וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין זיין קינדהייט? צי זיינען נישט, האָבען זיי רעזאָנירט, דעם מענשענ'ס הויט און מוסקולערער געוועב אַנדערש פון די קערפּערליכע געוועבען פון זיינע גאָר פריהערדיגע יאָרען — אַזוי אַנדערש אַז זיי זיינען זיך כמעט אין גאַנצען פרעמד איינס דעם צווייטען? געוויס, וואָלט מען יענע געקענט גרינג אָפּענטפערען, אויב יענער אָנגענומענער מענש וואָלט פּלוצים, דורך אַ נס, געקענט אַ שפּרונג טאָן פון דעם וואָס ער איז געווען צו פינף אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס ער איז היינט צו פופציג — אויב אָט די פּלוצימדיגע ענדערונג און טראַנספאָרמאַציע וואָלט געקענט זיין כהרף עין, מיט איין אויגענבליק — וואָלטען מיר געקענט געוויס צוגעבען, אַז

ס'איז נישט דער זעלביגער מענש; דער וואוקס אָדער די טראַנספאָר־מאַציע פון אַט דעם מענשען איז דאָך אָבער בשום אופן נישט געווען אַ פּלוצימדיגע, נאָר מדרגה'ווייז. די ענדערונג אָבער אין דעם מענשען איז דאָך פאָרגעקומען כסדר'דיג און שטופּענווייז. אַט טאַקע דערפאַר און בלויז דערפאַר, ווערט די איינהייט, די גאַנצקייט פון דעם מענשען נישט אָפּגעשטעלט אויף איין איינציגער סעקונדע. ער האָט זיך טאַקע געענדערט, אָבער ער איז דער אידענטישער „ער" אין פאַרלויף פון אַלע זיינע ענדערונגען.

און דאָס וואָס האַלט אויס אמת'דיג מיט אַ מענשליכען וועזען, איז אויך אמת'דיג מיט אַלע פעלקער און קולטורען, און פונקט אַזוי אמת'דיג מיט דעם אידענטום. אַ פּלוצימדיגער שפּרונג פון די נביאים צו די רבנים פון פוילען, וואָלט אונז געוויס געגעבען טיפּען פון צוויי טיף פאַרשידענע קולטורען. עס איז דאָך אָבער אַנדערש, עס איז דאָך אָבער פאָרגעקומען אַ מדרגה'דיגער, אַ כסדר'דיגער וואוקס, אַזוי אַז די איינהייט פון אידישען געדאַנק, און אידעאַלן, דער בליק אויפ'ן לעבען און דאָס לעבען גופא זיינען געבליבען די זעלביגע. אונזערע חכמים דריקען אויס אַט דעם דאָזיגען אמת אין אַ מיסטישען, קבלה'איסטישען לשון. זיי האָבען אַזוי געזאָגט: „יעדע זאַך, וואָס אַ פלייסיגער תלמיד — אַ תלמיד ותיק — וועט לערנען אין דער וויטער צוקונפט, איז שוין פּראָקלאַמירט געוואָרען נאָך אויפ'ן באַרג סיני." [25]) אַט די רייד זיינען אָפט מיספאַרשטאַנען געוואָרען, ווייל מען האָט זיי געלייענט און אויס־געטייטשט בוכשטעבלעך, און זיי זיינען דעריבער געוועזען די אור־זאַך פון שפּאָט און בייזוויליגקייט. די חכמים לערנען דעם סאַמע אמת, — אַז יעדע נייע דערפאַרונג אין דעם גייסטיגען און אינטעלעקטועלען לעבען פון דעם אידען, יעדע נייע ביישטייערונג צו די לעהרען פון די אָנגענומענע לערער איז אַ לעבעדיגער טייל פון יענער זעל־ביגער תורה, אָדער אידענטום, וואָס איז געגעבען געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני. פונקט ווי, אין דעם מענשליכען וועזען, האָט דאָס שאַפען פון זיין געדאַנק צו זיבעציג אַ פאַרבינדונג מיט זיין מח אַלס קינד, אַזוי קומט דאָס שאַפען פון דעם זשעני פון אידישען פאָלק היינט צו טאָג פון זעלביגען זשעני און שאַפער, וואָס טראָגט די גייסטיגע יניקה נאָך פון דעם געבוירענטאָג ביי דעם באַרג סיני. יאָ, מיר מוזען אַט דעם דאָזיגען אמת שטענדיג האָבען אין זין, אויב מיר ווילען ריכטיג אָפּשאַצען וואָס אידענטום איז. יעדער דור און יעדער קאָנטאַקט מיט פאַרשידענע קולטורען און פעלקער האָט איבערגעלאָזט זיין חותם אויף דאָס אידענטום. ווי אַ שוואַם האָט עס אַריינגעזאַפּט ווערטהען וואָס עס האָט געוואָלט, אָדער וואָס עס האָט געפעלט, אַז עס וואָלט

געווען פון גרויס געווינס פאַר דער אַנטוויקלונג; און דאָס זעלביגע האָט דאָס אידענטום געקענט, ווי אַ שוואָם אַרויסוואַרפען און אַרויס־שפייען אַט דאָס וואָס עס איז געווען פרעמד פאַר זיין גייסט.

ישראל זאַנגוויל דריקט עס אויס אויף אַ זייער שיינעם אופן ווען ער זאָגט אונז אַז: „ווען גאָטעס־דינסט און די רעליגיע האָבען גע־לעבט, האָבען זיי אַריינגענומען און אַרויסגעגעבען — ווי יעדע לעבע־דיגע באַשעפעניש".[26] דאָס איז געווען דער קוואַל פון לעבן און קראַפט פון דאָס אידענטום. עס איז תמיד געווען בכח צו באַלעבען און באַקרעפטיגען זיך אַליין, צו דערוועקן פרישען כח און נייע קרעפ־טיגקייט און אַזוינאַך טרינקען שטענדיג פון דעם יוגענד־קוואַל. וואָס מער מיר לערנען געשיכטע און וועגען דער אַנטוויקלונג פון אידענ־טום, אַלץ מער אַנטדעקען מיר פון אַט דעם כח פון זעלבסט־טראַנס־פאָרמאַציע, וואָס אַזעלכעס האָט קיין שום ציוויליזאַציע פון אַלטערטום נישט באַזעסען.

אידענטום איז, דעריבער, לויט אונזער דעפיניציע, דאָס גייס־טיגע שאַפען פון דעם אידישען פאָלק אין משך פון די אַלע יאָרען פון זיין וואַקסען און אַנטוויקלונג.

דאָס זיינען די פונדאַמענטאַלע אַקסיאָמען וועגען אידענטום, וואָס מיר מוזען פאַרשטיין, אויב מיר ווילען אָפּשאַצען די שיינקייט און די רייכקייט פון זיינע לעהרען. טראָגענדיג אַט די אַלע פּרינציפּען אין געדאַנק, וועלען מיר קענען אָנגיין מיט אונזער אַנאַליז, מיט דער האָפע־נונג, אַז ווען מיר וועלען לערנען מער און מער פון דעם תוך און אינהאַלט פון דאָס אידענטום, וועלען מיר קענען פאַרשטיין דעם מיסטישען כח וואָס עס האָט אין זיך געטראָגען און קענען באַאיינפלוסען דעם גרויסען און שטאַרקען שטראָם פון וועלטליכען געדאַנק, און די ראָליע וואָס ס'איז נאָך באַשערט דאָס אידענטום צו שפּילען אין דער ציוויליזאַציע פון גאָר דער וועלט.

צווייטער קאַפּיטעל

די איינציקייט און באַזונדערקייט פון אידענטום

אין דעם פריערדיגען קאַפּיטעל האָבען מיר זיך באַמיט צו דעפּי־נירען דעם טערמין אידענטום, און אָנצואווייזען דעם אונטערשייד צווי־שען דאָס וואָרט אידענטום און דעם וואָרט אידישע רעליגיע. מיר האָבען פּרובירט אַרויסברייינגען קלאָר גענוג, אַז אידענטום איז כולל מער ווי נאָר אַ באַצייכענונג פאַר רעליגיע, ווי עס ווערט געוויינליך פאַרשטאַנען, אַז זי איז בלויז אַ טייל דערפון. רעליגיע איז די פּער־זענליכע פאַרוואַנדשאַפט צווישען אַ יחיד און אַ געטליכען וועזען. אידענטום באַטאָנט עס טאַקע, עס נעמט אָבער אַרום אין איר רוים פיל־פיל מער. אידענטום איז דעם אידענ׳ס אורח חיים, זיין לעבענס־וועג — זיין אַלגעמיינער בליק אויפ׳ן לעבען, ווי עס ווערט באַוויזען דורך זיין מאָראַל, זיין פילאָזאָפיע, זיינע סאָציאַלע אידעאַלען, זיין קולטור און זיין ציוויליזאַציע.

מיר האָבען אין דעם פריערדיגען קאַפּיטעל אויך אָנגעוויזען, אַז די העברעאישע באַצייכענונג פאַר דעם, וואָס אידענטום איז און שטעלט פאַר, איז צום שטאַרקסטען אויסגעדריקט אין דעם וואָרט תורה, וואָס איז דער סך הכל פון גייסטיגען שאַפען פון אידישען פאָלק. און, צום סוף, האָבען מיר פּרובירט צו באַווייזען, אַז דאָס אידענטום איז שטענ־דיג געווען אַ וואַקסענדיגע ציוויליזאַציע, אַז עס רעפּרעזענטירט אַ געזונטע, לעבעדיגע אַנטוויקלונג, אַז עס זעט אויס צו באַזיצען דעם וואונדערליכען כח אריינצונעמען און אַריינצוזאַפּען אין זיך דאָס סאַמע שענסטע פון די דרויסענדיגע קולטורען — די יפיפותו של יפת, די שיינקייט פון יפת, באַנוצענדיג זיך מיט אַ תלמוד׳ישער פראַזע.[1] — וואָס ס׳איז נישט געווען גאָר אין גאַנצען פרעמד, אָדער פיינדליך, צו די אהלי שם, אָדער צו דעם אינערליכען לעבען פון שם, און פאַר־מאָגענדיג דעם זעלבען כח צו קענען זיך אָפּזאָגען אריינצונעמען אין

זיך יענע איינפלוסען, וואָס זיינען געוועזן לחלוטין פרעמד צום אייגע־נעם תוך לעבען און דער אייגענער נאַטור.

עס זיינען אָבער פאַראַן נאָך מערערע פאַקטען, וואָס מיר מוזען באַטראַכטען בנוגע אידענטום, כדי צו באַגרייפען די איינציגקייט און באַזונדערקייט — ווי אַזוי און פאַרוואָס עס שיידט זיך אונטער פון אַלע אַנדערע רעליגיעס און קולטורען.

אַלע אַנדערע רעליגיעס, טאַקע דערפאַר וואָס זיי זיינען בלויז רעליגיעס, זיינען זיי פאַרבונדען און אָפּהענגיג אין די לעהרען און די גייסטיגע דערפאַרונגען פון איין־איינציגען אינדיווידו. בודאַאיזם, למשל, איז אָפּהענגיג אין בורא, קאָנפוציאַניזם — אין קאָנפוציאוס, זאַראָאַסטריאַניזם — אין זאַראָאוסטרא, מאַכמעדאַניזם — אין מאַכ־מעד, און קריסטענטום — אין קריסטוס. זיי זיינען פינאַלע אַנטפּלע־קונגען פון זייערע באַשטימטע לעהרונגען דורך אַט די באַציענדיגע גרינדער זייערע. אָבער אונזער רעליגיע איז נישט קיין אברהמ'־איזם, קיין משה'יזם, קיין נביאימ'יזם און נישט קיין רבנימ'יזם. אונ־זערע איז אידענטום, די שאַפונג פון אַ גאַנץ פאָלק, דאָס אידישע פאָלק. עס איז נישט אָפּהענגיג אין איין־איינציגען יחיד — עס איז די שאַפונג פון אַ גאַנצער ראַסע, אַ נאַציאָנאַלע שאַפונג.

אַנדערע רעליגיעס זיינען אינדיווידואַליסטיש, אומאָפּהענגיג פון דער נאַציאָנאַליטעט פון אירע אַנהענגער. אַ מענש פון כינע קען זיך זיין אַ קריסט, אָדער אַ מאַכמעד אָדער אַ בודהיסט. אידענטום איז אָבער דורך און דורך אָפּהענגיג אין דעם אַנהענגער'ס אידישער נאַ־ציאָנאַליטעט; עס איז אַ נאַציאָנאַלע ציוויליזאַציע, וואָס קומט אַרויס פון אידישען פאָלק, און עס איז אין גאַנצען אָפּהענגיג אין דעם אידי־שען פאָלק.

דערפאַר טאַקע, ווייל אידענטום איז אָפּהענגיג אין אַגנצען אי־דישען פאָלק און נישט בלויז אין איין איינציגער פערזענליכקייט, זיינען עס אונזערע הויפּט ימים טובים נאַציאָנאַל, אין אַנדענק פון די היס־טאָרישע דערפאַרונגען פון אונזער גאַנצער אומה. אין דעם קריסטענ־טום, באַציכענען זייערע ימים טובים פון „קריסטמעס" און „איסטער" די וויכטיגע געשעענישען אין דעם לעבען פון איין און איינציגער פערזענליכקייט אין וועמען דאָס גאַנצע קריסטענטום איז אָפּהענגיג. אָבער אונזערע ימים טובים: פסח, שבועות און סוכות, דערמאָנען גרוי־סע היסטאָרישע געשעענישען אין דעם לעבען פון דעם גאַנצען אי־דישען פאָלק. אַפילו צו אַזעלכע וויכטיגע און הייליגע יום־טובים ווי ראש השנה און יום כיפור, וואָס רעדען צו אונז אין טערמינען פון פערזענליכער און יחיד'ישער דערפאַרונג, אַפילו דאָ, האָבען אויך

אונזערע חכמים צוגעגעבען אַ נאַציאָנאַלען קאָליר, כדי צו באַרייכערען אַט די ימים נוראים מיט ווירדיגקייט און קראַפט.

יאָ, ס'איז טאַקע אויסגעפּאַלען אין ראש השנה, ווי עס ווערט געלויטעט אין אונזער תלמוד,[2] אַז די אידישע פאַרשקלאַפונג אין מצרים האָט זיך אָפּגעשטעלט. יאָ, ס'איז באמת געווען אין ראש השנה, ווערט אין דעם זעלבען אָרט געזאָגט, דאָס מאַנכע פון אונזערע גרויסע נאַציאָנאַלע העלדען זיינען עס געבאָרען געוואָרען — יצחק, יוסף און שמואל.[3]) עס איז גראַדע אויסגעקומען אין יום כיפור, אַז גאָט האָט מוחל געווען זיין אויסדערוויילט פאָלק פאַר האָבען געדינט צום עגל הזהב, ווערט דערציילט אין מדרש:[4]) און עס איז אויך אויס־געקומען אין יום כיפור אַז גאָט האָט דאָס צווייטע מאָל געגעבען די לוחות הברית, צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון יענע לוחות, וואָס משה רבנו האָט צעבראָכען נאָכדעם ווי ישראל האָ טגעזינדיגט.[5]) אַזוי נאָך זיינען אונזערע נאַציאָנאַלע דערפאַרונגען אַריינגענומען געוואָרען אַפילו אין אַט די צוויי הייליגע ימים טובים, וואָס האָבען שטאַרק גערעדט צו דער נשמה פון דעם יחיד.

דאָס אידענטום קען נישט ווערען בשום אופן אָפּגעטיילט פון אידישען פאָלק. אַזוי נאָך קענען מיר אויך פאַרשטיין די אידישע באַציאונג צו גרים. אַנדערע רעליגיעזע גרופּעס גיבען אָפּ זייערע גרעסטע באַמיאונגען צו באַקערען מענשען צו זייער גלויבען. דאָס אידענטום אָבער איז פראַנק גענוג צוצוגעבען אַז „גרים זיינען נישט געזונט פאַר די אידען, זיי זיינען ווי וואונדען אויפ'ן לייב", ווי עס ווערט געזאָגט אין מסכת יבמות:[6]) אמת איז, אַז עס זיינען געווען צייטען אין די גאָר פריע יאָרען פון אונזער נאַציאָנאַלען לעבען, ווען גרים זיינען דערמוטיגט געוואָרען אַריינצוקומען אין אונזער מיטע. דער ספר רות, למשל, אין תנ"ך, באַווייזט דעם דאָזיגען פאַקט. דאָס האָט אָבער פּאַסירט, ווען די אידען האָבען געפירט אַ זיכערען נאַציאָ־נאַלען לעבען. מען האָט דאַן געקענט נישט נאָר באַקומען די גרים, אויפצונעמען געוויסע לעהרען אונזערע, נאָר מ'האָט געקענט מדרגה'־דיג און ביסלעכווייז אַריינזאַפּען זיי אין אונזער נאַציאָנאַלען לעבען גופא. אָבער ווען די אידען האָבען אָנגעהויבען ווערען צעזייט און צעשפּרייט, און זייער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ איז געוואָרען סכנה'דיג, האָט מען שוין דאַן נישט געקענט מער דערמוטיגען די גרים. עס איז נישט קיין ענין פון בלויז אָננעמען געוויסע טעאָרעטישע גלויביג־קייטען; עס איז ממש געווען צו־שווער אַריינצונעמען דעם גר אין אידישען לעבען אַריין. און ווען מ'האָט אים אַפּילו שוין יאָ אַריינגענו־מען, האָט מען אים געגעבען אַ גאָר נייעם נאָמען; ער איז געוואָרען

„דער זון פון אברהם". ער האָט נישט נאָר אָנגענומען אַ נייעם גלויבען; ער איז געוואָרען אַ נייער וועזען. דאָס עצם וואָרט, וואָס די ביבל באַנוצט פאַר ווערען אַ איד איז זייער איינדרוקספול:[7]) ער ווערט נישט נאָר אַן אָנהענגער פון אַ גלויבן אָדער דאגמע, נאָר אַ איד, איינער פון דעם אידישען פאָלק:[8])

אידענטום און דאָס אידישע פאָלק זיינען אַזוינאָך געוועזן אומצעטיילבאַר. פונקט אַזוי ווי אין עלעקטריציטעט, זיינען די ביידע שטראָמען, דער פאזיטיווער און דער נעגאַטיווער, נויטיג כדי צו געבען דעם עלעקטרישען פונק, אַזוי, אויך זיינען שטענדיג אידענטום און אידישקייט געווען אָפהענגיג איינער אין צווייטען.

די עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק מוז דעריבער זיין די ערשטע זאַך, וואָס זאָל פאַראינטערעסירען דעם אידען; און ער מוז אויך פאַרזיכערען, אַז אָט די עקזיסטענץ דאַרף ער האַלטען פאַר זיין ערשטען חוב. ווען מיר לערנען זיך אויס צו זאָגען ווי רות האָט געזאָגט, „דיין פאָלק זאָל זיין מיין פאָלק", איז נאָך דאָ אַ האָפענונג, אַז מיר זאָלען זיך אויך אויסלערנען זאָגען, „און דיין גאָט זאָל אויך זיין מיין גאָט".[9]) אויב מיר וועלען האָבען אַ אידיש פאָלק, וועלען מיר אויך נאַטירליך האָבען אידענטום; אָהן אַ אידיש פאָלק, קען אויך אידענטום סתם נישט עקזיסטירען. אָט דער דאָזיגער געדאַנק ווערט ווידער און ווידער באַטאָנט אין אונזער תלמוד'ישער ליטעראַטור, אַז אויב חס וחלילה די אידען זאָלען אומקומען, וועט אויך די תורה אומקומען, און גאָט אַליין וועט פאַרלירען די שטאַרקסטע עדות פון זיין יש.[10])

דעריבער וועט איר טרעפען, ווי מיר וועלען באַמערקען שפּעטער צו, ווען מיר וועלען שטודירען אידישע צערעמאָניעשקייט, אַז אַ גרויסע צאָל פון אָט די רעליגיעזקייטען, צערעמאָניעס, און אַפילו גאַנצע אינסטיטוציעס, האָבען לכתחילה אָנגעהויבען צו עקזיסטירען ניט דורך דעם רעליגיעזען מאָטיוו, נאָר צוליב דעם צוועק אויפצוהאַלטען דאָס אידיש פאָלק:[11]) ווען די עקזיסטענץ פונ'ם אידען איז געוועזן אין געפאַר, האָט דאָס אידענטום געשאַפען און אַרויסגערופען פאַרשידענע מיטלען צו פאַרהיטען און אויפצוהאַלטען זיין עקזיסטענץ. און דאָס פאָלק האָט באַלד אויפ'ן אָרט באַשאַפען גייסטיגע ווערטהען און אידעאַלען צו באַרייכערען בכבוד'יג דאָס אידענטום. עס איז אָנגעגאַנגען אַ כסדר'דיגע שותפות פאַר געגענזייטיגער הילף און קראַפט. נישט נאָר האָט ישראל געטראָגען דעם ארון קודש אויף זיינע וואַנדערונגען אין דעם מדבר, זאָגען די חז"ל, נאָר „דער ארוון קודש האָט געטראָגען זיינע טרעגער", ווי מיר געפינען עס אין מסכת סוטה:[12]) אַזוי קענען מיר עס אויך זאָגען וועגען דעם אידען און

אידענטום. נישט נאָר האָט דער איד געשענקט לעבען צום אידענטום, נאָר דאָס אידענטום האָט אויך אויפגעהאַלטען דעם אידען.

איך באַטאָן, און שטעל זיך אָפּ אויף דעם־אָ פונקט, ווייל דאָ ליגט באמת די איינציגקייט פון אידענטום. אַזוינאָך קענען מיר, הייסט עס, דערקלערען די באַציאונג פון די חז"ל צו אַ זינדיגען אין ישראל. ווי זאָגט די גמרא אין סנהדרין: „אף על פי שחטא, ישראל הוא" — „אַפילו ווען ער האָט געזינדיגט, בלייבט ער אַלץ אַ איד".[13]) סיידען, ער זאָגט זיך אַליין אָפּ פון אידענטום, אָננעמענדיג אַן אַנדער גלויבען, באַווייזענדיג אַזוינאָך, דאָס ער באַגערט, אַז דאָס אידענטום זאָל אונטערגיין און אויך דאָס גאַנצע אידישע פאָלק. אָבער, געוויינליך, איז אַפילו דער זינדיגער אַ טייל פון דעם אידישען פאָלק, פאַרמאָגענדיג אין זיך די פּאָטענציעלע מתנות פון זיין פאָלק'ס נאַציאָנאַלע און ראַסישע אידעאַלען.

און אויף דעם דאָזיגען שטייגער, איז אויב דו קענסט אַפילו נישט צושטימען צו אָדער אויפנעמען אַלע לעהרען פון דיין פאָלק, ביזטו אָבער פאַרפליכטעט מיט טריישאַפט און איבערגעבענקייט צו דיין פאָלק — ווייל דו ביזט אַ טייל פון אָט דעם פאָלק, און ווייל אַלס אַ גאַנץ פאָלק צוזאַמענגענומען קען אָט דאָס פאָלק נאָך אַלץ שענקען דאָס שאַפען פון דעם קאָלעקטיווען גייסט פאַר דער באַרייכערונג און ברכות פון דער וועלט. און די ווערטער פון דעם נביא: „און דיין פאָלק וועלען אַלע זיין גערעכטע".[14]) וואָלט איך אויסגעטייטשט: „און דיין פאָלק — ווען זיי וועלען זיין כולם, אַלע צוזאַמען, אַ קאָלעקטיווע איינהייט — דאַן וועלען זיי רעפּרעזענטירען אַ קראַפט פאַר גערעכטיגקייט".

ווען מיר רעדען וועגען אידענטום, האָבען מיר אין זינען אַ אידישע ציוויליזאַציע. און דאָך, מוזען מיר געדענקען, אַז עס גיט עפּעס אַ באַזונדערקייט וועגען אָט דעם אידענטום, פונקט ווי עס זיינען פאַראַן באַזונדערע שטריכען, וואָס באַצייכענען די רוימישע און גריכישע ציווילזאַציעס. עס הערשען געוויסע אידעאַלען וואָס כאַראַקטעריזירען און לייגען אַרויף זייער זיגל פון באַזונדערקייט אויף דער אידישער ציוויליזאַציע, און כדי צו קענען אָפּשאַצען אידענטום ריכטיג, מוזען מיר זיך צוערשט געבען באַקענען מיט איניגע פון די דאָזיגע אידעאַלען.

ליידי מאַגנוס, די זייער באַרימטע און בריליאַנטענע שריפטשטעלערין זאָגט אונז: „דערקען נאָר אַ מענשען'ס אידעאַלען, און דאָס איבעריגע וועסטו שוין אויסגעפינען גאָר גרינג." און, זי זאָגט אונז וויטער: „כדי צו באַקומען אונצווייפעלהאַפט וועלכען ס'איז אמת'ן באַגריף פון אַ כאַראַקטער, מוז מען אָט די אידעאַלען אַנטדעקען. זיי קענען אפשר זיין שטייף פאַרדעקט מיט געוויסע קאָנווענציאָליטעטען,

אָדער אויס קנאה באַהאַלטען, ווי באַגראָבענע אוצרות, פון אונסימפּאַטישע אויגען, אָבער ס'איז באמת כדאי זיי גרינדליך צו זוכען און מיט געדולד, ווייל עס זיינען שטענדיג דעם מענשענ'ס אידעאַלען, וואָס ווייזען אונז אָן דעם אמת'ן מענשען, ווי גאָט דער באַשאַפער אַליין קען אים. און פונקט ווי דאָס האַלט אויס אמת'דיג מיט אַ יחיד, איז עס אויך אמת'דיג אין אַ טיפערען און גרעסערען זין מיט די פעלקער... די נאַציאָנאַלע אידעאַלען מוזען שטענדיג זיין, פאַר דעם תלמיד פון געשיכטע, די אמת'ע אַנטפּלעקונג פון אידענטום"[15]: לאָמיר, דעריבער, איבערגיין איניגע פון אָט די נאַציאָנאַלע אידעאַלען אונזערע און אַזוינאָך אַרויסבאַקומען אַ פיינערע און מער קלאָרע אַנטפּלעקונג פון דער נשמה פון דעם אידען.

דער זונדערבאַרסטער שטריך אין אידענטום, פון סאַמע באַגינען אין דער געשיכטע אַרונטער דורך די אַלע דורות, איז דער אידעאַל פון היילינקייט, פון קדושה. ווי אַ פאָדעם וואָס לויפט דורך די גאַנצע דערפאַרונג פון אונזער פאָלק אין זיין זוכען, זיין בענקען און זיין וועלען גרייכען גאָט. גאָט איז ביים אידישען פאָלק דער תוך, דער סאַמע מיט, דער ציל, דער אידעאַל, דער צוועק פון אידענטום. וואָס אייגענטליך דער גאָט איז, דאָס וועלען מיר דיסקוטירען אין אַ שפּעטערען קאַפּיטעל. באַגריפען וועגען אים זיינען געוועזן פאַרשידענע אין פאַרשידענע צייטען און דורות. אָבער דאָס אידענטום האָט זיך אויסגעצייכענט דורך אַלע צייטען דורך וועלען גרייכען דאָס געטליכע. דער איד האָט געזעהן דאָס געטליכע אין יעדער זאַך, און ער האָט געשטרעבט צו מאַכען דאָס געטליכע אַלס הערשענדיגער כח אין זיין טאָגטעגליכען לעבען. אידענטום איז הויפּטזעכליך דעם אידענ'ס וועג צו דער קדושה פון לעבען. עס איז די פאָרמע, וואָס דאָס באַוואוסטזיין פון דעם הייליגען האָט אָנגענומען אין דעם לעבען פון אידישען פאָלק:[16]

ווען מיר עקזאַמענירען אָט דעם אידענטום עטוואָס נעענטער, באַמערקען מיר דאָן פיל אַנדערע כאַראַקטעריסטיקס, וואָס באַצייכענען די באַזונדערקייט, די זונדערבאַרקייט מיט וואָס עס שיידט זיך אָפּ פון אַלע אַנדערע קולטורען און ציוויליזאַציעס.

אויך זייער פיל פון די קריסטליכע געלערנטע און פריידיגער, באַפרייט פון פאָראורטייל, האָבען נישט פאַרפעהלט צו באַמערקען אָט די דאָזיגע כאַראַקטעריסטיקס.

אידענטום צייכענט זיך אויס אויך מיט דעם, וואָס עס באַטאָנט, און לעגט דעם טראָפּ, ווי מען זאָגט, אויף דער וועלט, אין קעגענזאַץ צו אַלע אַנדערע רעליגיעס, וואָס לעגען דעם טראָפּ אויף יענער וועלט.

ווען איר בלעטערט דורך פאַרזיכטיג אונזער חומש, די ערשטע פאַר־צייכענונג פון די יוגענד־יאָרען פון ישראל, וועט איר קוים געפינען ערגיץ וואו דערמאָנט אַ וואָרט וועגען יענער וועלט. „עס איז נישט אין די הימלען".[17]) וואו די תורה אָדער דאָס אידענטום געפינט דעם גרעסטען אינטערעס — נאָר אין מענשען, אין מענשענ'ס געדאַנקען און אין זיינע וועגען פון לעבען, אין קענען טראַנספאָרמירען אונזער ערד אין אַן אמת'ן הימעלשען גן עדן. אידענטום האָט ענטמוטיגט די טענדענץ, וואָס איז געשטיצט געוואָרען פון אַנדערע רעליגיעזע קול־טען, אַז אַ מענש דאַרף פאַרברייגגען זיינע טעג און נעכט אין זאָרגען וועגען הימעל און גיהנום — וועגען דעם, וואָס עס קומט פאַר איידער דער מענש ווערט געבאָרען, און נאָכדעם, ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט. דו בעסער פאַרברייגג דיין צייט אין לערנען און דערלערנען, וואָס דו ביזט מחויב דורכצופירען און אויפטאָן טאַקע דאָ אויף דער ערד: אָט דאָס איז דער באַפעל פון אידענטום.

אייניגע פון אייך וועלען זיך געוויס דערמאָנען אין יענעם שיינעם מדרש, וואָס טייטשט אויס דעם טעם, פאַרוואָס די תורה אונזערע הויבט זיך אָן מיט'ן בוכשטאַב ב', וואָס איז דער ערשטער בוכשטאַב פון דעם ערשטען וואָרט אין חומש — בראשית. „דער אות, אָדער בוכשטאַב ב'", זאָגט דער מדרש, „איז פאַרמירט אַזוי, אַז ער איז פאַרמאַכט פון אויבען, פון אונטען און פון דער הינטערשטער זייט, און ער איז בלויז אָפען פון פאָרענט, לינקס. דעריבער לערענט אונז די תורה, וואָס הויבט זיך אָן מיט'ן בוכשטאַב ב, כדי מיר זאָלען זיך נישט גאָר שטאַרק פאַראינטערעסירען מיט דעם, וואָס עס טוט זיך אויבען, איבער דער ערד, אָדער אונטען, אונטער דער ערד, אָדער אַפילו מיט דעם, וואָס עס טוט זיך הינטער אונז, איידער די ערד איז באַשאַ־פען געוואָרען. די איינציגע זייט, וואָס איז יאָ פאַר אונז אָפען איז ווי אין דעם בוכשטאַב ב — און דאָס דאַרף זיין אונזער הויפט אינטערעס — איז בלויז דאָס, וואָס עס געפינט זיך אין דעם פאָרענט פון אונז דאָ אויף דער ערד!".[18])

ווי אַנדערש עס איז אָט דער דאָזיגער באַגריף פון דעם באַגריף אין קריסטענטום און פון אַלע אַנדערע רעליגיעס! אין דעם נייעם טעסטאַמענט געפינט איר דעם אויסדרוק „מיין קעניגרייך איז נישט אויף דער וועלט!"[19]) יאָ, דאָס זיינען די ווערטער אריינגעלעגט אין מויל פון דעם יונגען אידען, וועמען דאָס קריסטענטום האָט פאַרגעטערט, און זיי ווייזען אויפ'ן קלאָרסטען שטייגער זייער אַנטי־טעזיס צו די פונדאַמענטאַלע לעהרען פון אידענטום.

דער אָנזאָג פון דעם נייעם טעסטאַמענט לויטעט: „דאַרפסט נישט

שענקען קיין אַכט צו דיין איצטיגען לעבען, צום עסען און טרינקען און נישט צום גוף און ווי דו דאַרפסט אים קליידען" ; [20]) אַט דאָס אַלץ קלינגט זייער פרעמד דעם אידישען גייסט און אידענטום. דער קריסט־ליכער אָנזאָג כאַראַקטעריזירט אַ פעסימיסטישע פילאָזאָפיע פון לעבען, די נעגאַציע פון גאַנצען מענשליכען פּראָגרעס.

די אַפּאָסטלס פון אַנדערע גלויבענס האָבען געשטורעמט און גע־דונערט מיט זייערע מיסיעס כדי ראַטעווען דער מענשליכער נשמה פאַר דעם געגוס פון אַן אַנדער וועלט; אָבער די אידישע נביאים שטורמען און דונערען זייער מיסיע לטובת דער סאָציאַלער פליכט דאָ אויף דער ערד.. אַנדערע רעליגיעס זאָגען צו באַלוינונג אין דער ברכה און געגוס, וואָס וועט קומען ערשט נאָך דעם טויט; אידענטום אָבער זאָגט צו דעם באַלוין „כדי דיינע טעג זאָלען פאַרלענגערט ווערען, און כדי עס זאָל דיר גוט זיין, אויף דער ערד, וואָס דער האַר דיין גאָט גיט דיר!" [21]) די חז״ל זאָגען אונז, אַז „עס איז געווען אונזער פאָטער אברהם, יענער סאַמע ערשטער, וואָס האָט אַרונטערגעבראַכט אונזער גאָט פון הימעל אויף דער ערד אַראָפּ, אָנרופענדיג אים דער גאָט פון די הימלען און דער גאָט פון דער ערד." [22]) ביי דעם אידען איז גאָט געווען די קראַפט צו באַאיינפלוסען מענשען אויף דער ערד, אָבער נישט אין הימל אויבן.

דעריבער איז עס וואָס דער אַסקעטיזם, וואָס איז אַזוי פּאָפּולער צווישען אַלע אַנדערע רעליגיעזע קולטען, איז נישט געוואָרען דער־מוטיגט פון אונזער אידענטום, נאָר, פאַרקערט, פאַקטיש אַנטמוטיגט, און ס׳האָט קיינמאָל נישט געהאַט אַפילו די קלענסטע געלעגענהייט זיך צו אַנטוויקלען אין דעם אידישען לעבען. דער נזיר, וועלכער האָט אַ נדר געטאָן נישט צו פאַרזוכען קיין וויין, האָט באַדאַרפט ברייגגען אַ קרבן אַלס כפרה, ווייל, ווי די חז״ל דערקלערען עס אין מסכת נדרים: „ווייל, ער האָט געזינדיגט מיט דעם, וואָס ער האָט מיט זיין אייגענעם ווילען זיך אָפּגעזאָגט פון די תענוגי עולם הזה". [23])

אידענטום האָט געהאַט אַ געזונטע אָפּשאַצונג פון לעבען דאָ אויף דער ערד. אַפילו דער טערמין עולם הבא, „די וועלט וואָס דאַרף קומען", וואָס, פאַר פיל פון אונז היינט צו טאָג, קען עס מיינען דאָס לעבען נאָכ׳ן טויט, איז אָבער אין דעם אָריגינאַל, לויט ווי חז״ל האָט אים באַנוצט, גייט עס נישט שטענדיג אויף יענער וועלט, נאָר עולם הבא איז אַ סינאָנים מיט לעתיד לבוא, די צוקונפט — די אידעאַלע צוקונפטיגע וועלט, וואָס וועט אַנטשטיין טאַקע דאָ אויף דער ערד. אין זיין מאָנומענטאַלער אַרבייט איבער אידענטום, רעכענט־אויס פראָפע־

סאַר מור אַ גאַנצען צעטל מיט אויסצוגען פון די חכמים, וואו דער טערמין עולם הבא דערשיינט אויף דעם שטייגער אין זיין אָריגינע־לער און באַרעכטיגטער באַצייכענונג.[24]) אויך האָט אַ יונגער און פליי־סיגער געלערנטער דאָ נישט לאַנג צוריק אָפּגעדרוקט אַ ווערק, וואו אויך ער שליסליך באַווייזט, אַז עולם הבא באַציט זיך אין פילע שטעלען אין אונזער ליטעראַטור, צו דער אידעאַלער צוקונפט דאָ אויף דער ערד, און נישט אין דעם קעניגרייך פון אַ יענער וועלט נאָכ׳ן טויט:[25]) איך מיין נישט צו זאָגען, אַז אידענטום מאַכט אין גאַנצען אַ שוויג וועגען אָט דער אַנדערער מיינונג וועגען עולם הבא, וואָס ווערט אָגב היינט צו טאָג אַזוי פּאָפּולער באַנוצט.

מיר וועלען דיסקוטירען אָט די דאָזיגע פאַזע פון אידישער לערע אויך שפּעטער־צו, און מיר וועלען אויסגעפינען פאַרוואָס און ווי אַזוי און ווען האָבען אָט די אַלע לעהרען וועגען אַ לעבען נאָכ׳ן טויט זיך פאַרקערפערט אין דעם באַוואוסטזיין פון אידענטום. עס איז דערווייל גענוג צו באַהויפּטען, אַז עולם הבא האָט אין דעם זין קיינמאָל נישט געשפּילט די ראָלע אין אידענטום, וואָס זי האָט געשפּילט אין אַנדערע רעליגיאָנען — אַז די שטאַרקסטע באַטאָנונג איז שטענדיג געווען אויף דעם לעבען, וואָס איז אונזערס אָט דאָ אויף דער ערד! „וחי בהם" — און „ער זאָל לעבען דורך זיי".[26]) — די תורה איז געגעבען געוואָרען מיט דעם צוועק, אַז דער מענש זאָל לעבען דורך די מצוות, און נישט שטאַרבען דורך זיי!"[27]), האָבען אונזערע חכמים געזאָגט.

דאָס דערקלערט די ליידענשאַפט פון דעם איד׳ן דורך אַלע יאָר־הונדערטער פאַר סאָציאַלער רעפאָרם. עס ליגט שוין אין זיין טבע צו זיין פאַראינטערעסירט אין דעם מענשענ׳ס וואוילזיין אויף דער ערד; דאָס איז דער סאַמע עסענץ פון אידענטום!

אַלס אַ צוגאָב און שלוס צו דאָס באַטאָנען פון אידענטום אויף עולם הזה׳דיגקייט, איז פאַראַן נאָך אַן אויסגעצייכענטער שטריך, וואָס מיר מוזען דאָ באַמערקען, הגם בקיצור. ווייל מיר וועלען נאָך האָבען די געלעגענהייט אַרומצורעדען עס באריכות שפּעטער צו — איך מיין די באַטאָנונג פון אידישקייט אויף מאָראַלישקייט, וועגען דאָס אויפפירען זיך פון מענשען, איידער ווי וועגען דאגמע, אָדער גלויבען. ווען אַנדערע לעגען שטאַרק געוויכט אויף טעאָלאָגישע גלויבענס, לעגט אידענטום דאָס הויפּט געוויכט גאָר אויף עטישע באַגריפען.

דזשאָן היינס האָלמס, דער זייער פּאָפּולער קריסטליכער פריידי־גער האָט עס גאָר שיין אויסגעדריקט אין זיין בוך „אידענטום און קריסטענטום", ווען ער האָט געזאָגט: „וואָס דער גלויבען דאַרף

מיינען פאַר דעם קריסט, דאַרפען די לוחות הברית מיינען פאַר דעם איד׳ן".[28] אונזערע מצוות זיינען נישט איינגעטיילט אין קאַטעגאָריעס פון „אין דעם זאָלסטו גלויבען" און „אין דעם זאָלסטו נישט גלויבען", נאָר אין קאַטעגאָריעס פון מצוות עשה, און מצוות לא תעשה — "דאָס זאָלסטו טאָן" און „דאָס זאָלסטו נישט טאָן".[29]

אידענטום איז, אויך, זונדערבאַר אין דער שכל׳דיגער, נאַטירליכער באַציאונג צום לעבען, אין דער געזונטער אנערקענונג פון דער מענשליכער נאַטור. אידענטום האָט זיך געוואָנדעט צו מענשען און נישט צו מלאכים.[30] עס האָט קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט דאָס אומ־מעגליכע און אויך נישט דאָס אומנאַטירליכע פון מענשען. יאָ, געוויס, אידענטום וועט פון דיר פאַרלאַנגען, אַז דו זאָלסט ליב האָבען דיין שכן; אָבער, עס וועט נישט פאַרלאַנגען פון דיר, אַז דו זאָלסט אונטערשטעלען די צווייטע באַק פאַר׳ן צווייטען פאַטש, אָדער דו זאָלסט שקלאַפעריש קושען די האַנד פון דעם, וואָס האָט דיך געשמיסען. עס אנערקענט די פאַרלאַנגען פון מענשליכען קערפער. אידענטום איז „אַ פרייליכער גלויבען", זיך צו באַנוצען מיט אַ פרייליכער פראַזע פון ישראל זאַנגוויל — „אידענטום, מיט דעם פרייליכען גלויבען, פרו ורבו".[31]

באַטראַכט נאָר אויך, למשל, די באַציאונג צו דער אינסטיטוציע פון הייראַט. אין די אויגען פון קריסטענטום, ווערט הייראַט אַנגענומען אַלס אַ נאָכגעבען זיך צום קערפער — דער אידעאַל ביי זיי איז דאָס אונפאַרהייראַט לעבען. ביי אונז אידען איז פונקט דער היפך; עס איז די ערשטע מצוה, דער ערשטער חוב, וואָס דער געזעץ פון דער תורה לעגט אַרויף אויפ׳ן מענשען:[32] קוקט זיך איין אויף דעם מנהג פון הכנסת כלה, וואָס איז, צום באַדויערען, דאָ אין לאַנד זייער אומבאַקאַנט היינט צו טאָג צו פיל פון אונז; עס האָט אָבער געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָליע, אַפילו גאָר נישט לאַנג צוריק, נאָך אין די טעג פון אונזערע טאַטע־מאַמע אויף יענעם זייט ים. אויב אַ מיידעל, צום ביישפּיל, איז געוועזען זייער אָרים אָדער, נעבעך, אַ יתומה, און האָט נישט פאַרמאָגט קיין גראָשען געלט מיט וואָס חתונה צו האָבען, אָדער אַ פיצל נדן צו געבען, ווי די מאָדע איז געוועזען — איז דאַן געוועזען דער הייליגער חוב פון קהל צו באַזאָרגען איר מיט אַט דעם אַלץ, כדי צו פאַרזיכערען אַז זי זאָל חתונה האָבען. פרעג איך אייך, וואָס פאַר אַן אַנדער פאָלק אָדער רעליגיע האָט אַנטוויקעלט אַזאַ מין שיינעם מנהג? ווער נאָך, אַחוץ דער איד, האָט פּראָקלאַמירט אַזאַ שיינע מצוה? די באַציאונג פון אידענטום צו דעם פאַרגעניגען און פרייד פון לעבען איז קענטיג אין דער געזונטער באַציאונג צום לעבען.

ווען לאָרד בייקאָן האָט דאָגמעטיזירט און פעסטגעשטעלט זיין לעהרע וועגען גליק און דערפאָלג זייענדיג די ברכה פון דעם אַלטען טעסטאַמענט, בשעת עלענד און אומגליק איז די ברכה פון דעם נייעם טעסטאַמענט,[33]) מעגען מיר אידען באַטראַכטען עס פאַר אַ קאָמפּלימענט פאַר'ן גייסט פון אידענטום, איידער אַ באַליידיגונג. „ווען דער מענש וועט קומען פאַר'ן יום הדין פאַר דעם רבונו של עולם, וועט ער דאַרפען אָפּגעבען חשבון פאַר אַלע פרייד אין לעבען, וואָס ער האָט פאַר־פעלט צו געניסען", דאָס איז די לערע פון די חז"ל.[34]) אידענטום האָט שטענדיג געשטיצט די שיינע און איינפאַכע מידה: Joie de vivre; עס איז באַשטאַנען, אַז דאָס לעבען איז שפע'דיג רייך מיט ברכות פון פרייד, און גאָט וויל אַז דער מענש זאָל פון דעם טועם זיין. אידענטום האָט ענטמוטיגט דאָס איבערטריבענע, דאָס איבערטריבענע אין פרייד, ווי דאָס איבערטריבענע פון אָפּהאַלטען זיך פון פאַרגע־ניגען; דאָס אידענטום האָט אַריינגענומען אַלע פריידען מיט דעם בליק פון הייליגקייט.

און, צום סוף, מוזען מיר באַמערקען נאָך איין אויסגעצייכענטען שטריך פון אידענטום, און דאָס איז — די פּראָגרעסיוויקייט, דער אויס־קוק פאַר דער צוקונפט. אַנדערע פעלקער האָבען אידעאַליזירט די פאַרגאַנגענהייט, אידענטום האָט אָבער תמיד אידעאַליזירט די צוקונפט. די האָפענונג און דאָס גלויבען פון אידענטום זיינען שטענדיג געווען, אַז די מענשהייט קען און וועט דערגרייכען, אַמאָל אין דער צוקונפט, די צייט פון משיח. אָבער אויך אָט די באַזונדערע טעמע וועלען מיר אויפנעמען און דיסקוטירען אין אַ שפּעטערען קאַפּיטעל. מיר קענען אָבער נישט פאַרפעלען, לפּחות, צו באַמערקען דאָ אָט דעם פּראָגרע־סיווען גייסט אין אידענטום — וואָס איז זייער אַן אָפּטימיסטישער גייסט, שטענדיג מיט בטחון, אַז די אידעאַלע מענשליכע געזעלשאַפט וועט נאָך אַרויסקומען, ווען יושר וועט פליסען ווי אַ פליסענדיגער טייך און גערעכטיגקייט וועט זיך גיסען ווי אַ מעכטיגער שטראָם, ווען פון די שווערדען וועט מען מאַכען גראָב־אייזענס און פון די שפּיזען — שנייד־מעסער, ווען איין פאָלק און אומה וועט נישט אויפהויבען קיין שווערד קעגען דעם צווייטען, און קיינער וועט זיך מער נישט לערנען ווי מלחמה צו האַלטען!

גאַנץ געוויס זיינען פאַראַן אויך פיל אַנדערע באַזונדערע און אויסגעצייכענטע שטריכען אין אידענטום, אָבער, איך גלויב, אַז דער־וויַיל וועט עס גענוג זיין אָט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דאָ אָנגעוויזען, כדי צו באַווייזען, פאַרוואָס אידענטום איז געווען אַזאַ מעכטיגע

קראַפט אין דער וועלט'ס ציוויליזאַציע; פאַרוואָס אידענטום איז געווען דער אַוואַנגאַרד, די פירענדיגע מאַכט פון יעדער באַמיאונג פון מענש־ליכען פראָגרעס. מיר האָבען דאָ דערווייל גענוג אָנגעוויזען, וואָס זאָל אונז באַאיינפלוסען אָפּצושאַצען דעם אמת פון דעם, וואָס לודוויג לו־איסאָן האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין „אידישען נאָטיץ־בוך" אַז: „צו זיין אַ איד — אָט דאָס איז דיין איינציגער חוב צו דער וועלט!" [35]

דריטער קאַפּיטעל

די גאָט־אידייע אין אידענטום

אויב איך האָב געפילט די אָנגעלאָדענקייט און די שווערינקייט פון דער אַרבייט, וואָס איך האָב זיך אונטערגענומען מיט אָט דער סעריע מאַמרים פון סאַמע אָנהויב אָן, פיל איך עס נאָך טאָפּל שווער, ווען איך דערנעענטער זיך צו דער טעמע פון דעם דאָזיגען קאַפּיטעל. די גאָט־אידעע אין אידענטום, אידענטומ׳ס לערנונגען וועגען גאָט, די גאָט־אידייע אַן און פאַר זיך — דאָס אַלץ אין דער באַגרעניצטקייט פון עטליכע זייטען! עס איז דאָך אַ טעמע איבער וועלכער די פילאָזאָפען פון אַלע צייטען האָבען זיך זייער שווער געמוטשעט, אַ טעמע איבער וועלכער די פאַליצעס אין די ביבליאָטעקען זיינען אָנגעפילט מיט הונ־דערטער און הונדערטער ווערק — אַ טעמע, אַרום וועלכער, ווי עס קען אויסזען, עס דרייט זיך אַרום די גאַנצע היינטיגע ציוויליזאַציע! פּראָ־פעסאָר מור, צו וועמענס עפּאָכע־מאַכענדען בוך איך האָב ליב אַזוי אָפט זיך צו ווענדען, פאַרמאָגט מער ווי אַ הונדערט זייטען וועגען די אידישע לערען אין באַצוג צו גאָט. און דאָך וואַג איך זיך צו דערנעענ־טערען צו אָט דער היינטיגער טעמע פאַר אונזער איצטיגער קורצער דיסקוסיע.

איך פיל איצט ווי קיינמאָל פריער, אַז איך פּרוביר נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון יענעם מענשען, וואָס האָט געוואָלט „אַריינפּאַקען אַלע רייכטימער פון דער וועלט, אָהן אַ צאָל און אָהן אַ סוף, אין אַ גאַנץ קליין חדר׳ל״[1]) ווי עס ווערט געשילדערט אין מאַרלאָוס „דער איד פון מאַלטאַ״. אַזוי זיינען אויך די גרעניץ־ליניעס פון אָט דער טעמע אָהן אַ צאָל און אָהן אַ סוף. מיר קענען צופּאַסען צו דעם די ווערטער פון ספר איוב, זייער וואויל; און ווי אונזערע חז״ל האָבען עס אויך זייער פיין צוגעפּאַסט צו אונזער תורה: „איר מאָס איז לענגער פון דער ערד, און ברייטער פון דעם ים״.[2])

עס איז פאַראַן אַן אויסגעצייכענטער אָריענטאַלער פאַבל, וואָס דערציילט אונז פון אַן אַלטען חכם, וועלכער האָט פאַר לאַנגע, לאַנגע

טעג אומזיסט און אומנישט נאָכגעטראַכט איבער דער פראַגע: וואָס איז גאָט? איין שיינעם טאָג, שפּאַצירענדיג אַזוי ביים ברעג ים, האָט ער באַמערקט ווי מאַנכע קליינע קינדער זיינען געווען זייער פאַרטאָן, אויס־גראָבענדיג לעכער און גריבלעך אין דעם זאַמד און אַריינגיסענדיג דאָרטען וואַסער פון דעם ים. „וואָס טוט איר דאָרט?" האָט ער זיי געפרעגט. און זיי האָבען געענטפערט, „מיר ווילען אויסליידיגען דעם ים פון ס'גאַנצע וואַסער זיינס".[2]) אַה, איר קלייניקע נאַרישע קינ־דערלעך!" האָט ער אויסגערופען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען; אָבער פּלוצים איז זיין שמייכעל פאַרשוואונדען, און אַן ערענסטער געדאַנק האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף זיין געזיכט. „צי בין איך אַליין דען נישט אַזוי נאַריש, ווי אָט די קינדערלעך?" האָט ער צו זיך געזאָגט. „ווי קען איך מיט מיין קליינעם מח גאָר האָפען צו כאַפּען און פאַרנעמען די אונענדליכע טבע פון גאָט?".[3])

מיר האָבען באַמערקט אין אונזער לעצטער דיסקוסיע, אַז די שטאַרקסטע באַזונדערקייט פון אידענטום — דאָס וואָרט וואָס דריקט אויס אידישע ציוויליזאַציע, דעם תוך פון דעם אידנ'ס נשמה — זיין פּסיכע — איז געווען גאָט־זוכעניש. אַנדערע פעלקער האָבען אויך געהאַט געטער; אַפילו די פּרימיטיווע מענשען פון גאָר אַלטע צייטען, די סאַמע ווילדסטע, פון וועלכע די וויסענשאַפט גיט אונז אַ שטיקעל באַריכט, אַפילו זיי האָבען שוין פאַרמאָגט זייערע געטער. דער אינ־סטינקט פאַר רעליגיע איז אַזוי אַלט ווי דער מענש גופא. אָבער די ביישטייערונג פון אידענטום איז זיין ספּעציפישער באַגריף פון גאָט און דער באַזונדערער איינדרוק, וואָס די גאָט־אידעע האָט געהאַט אויף דעם גאַנצען פאָלק ישראל, די קרעפטיגקייט, מיט וועלכער עס האָט געהאַלטען נישט אָפּצולאָזען, די גרעסטע און די קלענסטע צווישען זיי. „און איך וועל דיך פאַרקנס'ן צו מיר אויף אימער און אויף אייביג".[4]) אָט די ווערטער, מיט וועלכע אונזער נביא הושע מאַכט גאָט צו רעדען צו ישראל זאָגען בקיצור די נאָענטע און אינטימע פאַרוואַנדשאַפט צווישען דעם אידישען פאָלק און זייער גאָט.

יאָ, געוויס ווייס איך, אַז ס'איז געוואָרען אַ נישקשה'דיגע מאָדע צווישען געוויסע מיני מענשען היינט צו טאָג אָפּצולאַכען פון דעם באַ־גריף פון גאָט. מיט אַן אָנגעבלאָזענקייט פון סופּיריאָריטעט, וואָס מיט אַ קאַפּיטשקע שטודירען וויסענשאַפט העלפט זיי עס צו ווערען, קוקען אָט די מענשען אויף די אַנדערע, וועלכע האַלטען זיך נאָך אָן אין אַ גאָט־גלויבען, ווי אַלט מאָדיש. ערלויבט מיר אָבער צו דער־מאָנען אָט די יעניגע, אַז זיי אַליין זיינען באמת אַלט־מאָדיש, ווייל

זיי האַלטען זיך אָן אין אַ שולע פון וויסענשאַפט, וואָס זי אַליין איז שוין אַרויס פון דער מאָדע.

אויב איר האָט נאָר נאָכגעפאָלגט די לעצטע לערען פון דער וועלט׳ס גרעסטע וויסענשאַפטסלייט ווייסט איר זייער וואויל, אַז דער נייער גאַנג איז אין גאַנצען אַן אַנדערער. מיליקאַן, דזשינס און עדינג־טאָן זיינען בלויז עטליכע פון די אָנגעזעענע תלמידים פון דער נייער וויסענשאַפט, וואָס מאַכען שלום מיט גאָט. „מאָדערנע וויסענשאַפט פון אמת׳ן מין", האָט דר. ראָבערט א. מיליקאן דאָ נישט לאַנג צוריק זיך אויסגעדריקט: „איז לערנען זיך ווי צו גיין ענו׳דיג מיט גאָט".[5]) ער מאַכט צו שפּאָט די שטאָלצע און פּוסטע זיכערקייט פון דעם אַלטען חדר פון דער וויסענשאַפט, וואָס האָט פּרעטענדירט און געלערענט, אַז זי איז בייגעקומען אַלץ מיט אַן אַנדערען. „מיר לעבען נישט", זאָגט ער ווייטער, „אין אַ מעכאַניסטישען סיסטעם, נאָר אין אַ וועלט־אַל פון אָרדענונג און פּלאַן, וואָס גייט האַנט אין האַנט, אין פּער־פעקטען שטייגער, מיט די אַלע פּרטים פון מאַטעמאַטישען געזעץ, און ס׳איז אויך פון אַ גרויס ניצלעכען צוועק." און אָפּשליסענדיג זיין פּרעזידענטישע רעדע פאַר דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט צו אַנטוויק־לען וויסענשאַפט,[6]) שטעלט ער אַוועק פאַר אונז די רעטאָרישע פראַגע אויף אַזאַ מין אופן: „צי האָט דען נישט די מאָדערנע נאַטור־וויסענ־שאַפט אַרויסגעוואָרפען האַק־און־פּאַק פון איר שטוב אַרויס דעם ריינעם מעכאַניסטישען בליק פון דעם וועלט־אַל?"

סיר דזשיימס דזשינס, אַטאַקירענדיג דעם מעכאַניסטישען בליק אויף דער וועלט, זאָגט אונז: „דער אוניווערזום זעט אויס צו זיין פיל נעענטער צו אַ גרויסען געדאַנק, איידער צו אַ גרויסער מאַשין".[7]) סיר אַרטהור קיעט וואָרענט אונז און זאָגט אונז, אַז דער מענשליכער מח איז אַ צו־אָרימער אינסטרומענט, אַז ער זאָל קענען לייזען די ווייטסטע פּראָבלעמען בנוגע דעם באַדייט, אורשפּרונג און צוועק פון מענשליכען לעבען. „מיר מוזען אנערקענען די אַלע באַגרעניצונגען. דאָך, קען מען ווי עס איז באַגרייפען ווי פיין אַלע זאַכען זיינען איינגע־אָרדערט און ווי וואונדערליך עס זיינען די דערפינדונגען פון דער נאַטור. עס זעט זיך אָן, אַז ס׳איז דאָ אַ פּלאַן אומעטום. צי מיר זיינען פּראָסט און פשוט׳ע בשר ודמ׳ס, אָדער וויסענשאַפטסלייט, מוזען מיר זוכען און באַגערען אַ הערשער פון און איבער דעם וועלט־אַל, און געבען אים, וואָס פאַר אַ געשטאַלטונג מיר ווילען".[8])

עדינגטאָן איז נישט אַפילו בספק צו פּראָקלאַמירען די פאָלגענדע רייד: „גיב־אויף די אידעע אַז נאַטור־געזעץ וועט אפשר אריינשלינגען רעליגיע; עס קען אַפילו נישט באַהאַנדלען דעם פּלאַן פון כפל און

חשבונ'ען מיט איין האַנד!" [9] ער מאַכט חוזק פון געוויסע מאָדערנע אינטעלעקטועלען, וועלכע זעען אויס צו זיין זיכער מיט זייערע מיינונגען, און ער דערמאָנט זיי, אַז: „ס'איז אַ געוויסער סאָרט זיכערקייט, וואָס איז אין גאַנצען אַנדערש פון דער פּוסט־און־שטאָלצער זיכערקייט". [10] און דזשוליאַן ס. האַקסלי זאָגט עס אַרויס אין אַ מער־קאַנקרעטען אופן, ווען ער דריקט זיך אויס, אַז: „די וויסענשאַפט קען אפשר אומברייינגען געוויסע לערען פון טעאָלאָגיע, זי קען אָבער נישט אומברייינגען רעליגיע גופא... ווייל דער רעליגיעזער גייסט איז פונקט אַזוי אַן אייגענשאַפט פון דער מענשליכער נאַטור, ווי עס איז דער וויסענשאַפטליכער גייסט". [11]

נון, און אידענטום, ווידער, האָט שוין אין דעם פּרימאַרגען פון איר געשיכטע, אנערקענט אַט דעם גאָט, ווען די וויסענשאַפט שענקט היינט צו טאָג אַזוי פיל פאַרערונג. אידענטום איז געקומען צוערשט צו באַטאָנען אָט די אידייע פון גאָט, און צו מאַכען זי פאַר אַ צענטראַלען פונקט, — דעם ברען־פּונקט פון איר ציוויליזאַציע דורך אַלע דורות.

ווי אַזוי, פרעגט איר מיר, קען אַ מענש קומען צו אָט דעם גאָט־גלויבען? ווי אַזוי נאָך, און אויף וועלכען אופן, איז דאָס אידישע פאָלק געקומען צו דער גאָט־אידעע? איר וועט זיך דערמאָנען, אַז פּראָפּעסאָר איינשטיין האָט אונז געזאָגט, דאָס דער העכסטער און דערהויבענסטער וועג צו קומען צו דער גאָט־אידעע איז דער וועג פון וויסענשאַפטסמאַן, וואָס ער רופט אָן „קאָסמישע רעליגיע", עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז אַפילו אונזערע חז"ל פאָלגען נאָך אָט דעם געזעץ פון איינשטיין, און זיי לאָזען אברהם אבינו אַנטדעקען גאָט דורך די קאָסמישע דערפאַרונגען. אברהם, דערציילט די געשיכטע, [12] איז געווען אַריינגעטאָן און פאַרטיפט אין דער געוואַלדיגער גרויסקייט, און אָרדערליכקייט פון דעם אוניווערזום. שטודירענדיג די הימלען, האָט ער צוערשט געגלויבט, אַז די זון מוז עס זיין אָט יענע גרויסע קראַפט, וואָס רעגולירט און פירט עס אַלץ. אָבער, ס'איז צוגעפאַלען נאַכט, און אַרויפקוקענדיג ווידער צו די הימלען האָט ער געזעען, אַז די זון איז מער נישטאָ. נון, האָט ער דאַן געטראַכט, אפשר איז עס גאָר די לבנה, וואָס פאַרמאָגט אָט די פירענדיגע קראַפט. אָבער אויף צו מאָרגענס, האָט ער אויפסניי באַמערקט, אַז די לבנה איז פאַרשוואונדען און אַז די זון האָט ווידער פאַרנומען איר פּלאַץ. נאָכטראַכטענדיג אַזוי דעם קאָסמאָס איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז עס מוז ערגיץ וואו זיין אַ קראַפט, אַ הערשענדע קראַפט פיל העכער און איבער אַלע אַנדערע כוחות, וואָס דאָס מענשליכע אויג קען זען, אַ

קראַפט, וואָס הערשט און רעגולירט און פירט די גאַנצע אָרדענונג פון דעם אוניווערזום. ער איז אַזוינאַך, געקומען צו דער גאָט־אידעע, דורך דער קאָסמישער רעליגיע און גלויבען; נישט דורך מורא, נישט דורך אַנדערע דערפאַרונגען, וואָס איינשטיין באַטראַכט אַלס הינטערשטעליג צו דער דערפאַרונג פון דעם קאָסמיש־גלויביגען".

דערלויבט מיר אָבער זיין אָפענהאַרציג מיט אייך. איך צוויי־פעל, צי דאָס איז געווען דער וועג דורך וועלכען די אידען, אַלס אַ כלל, זיינען געקומען צו זייער גאָט־גלויבעניש. די אידען האָבען זיך קיינמאָל נישט ספּעציאַליזירט אויף דעם פעלד פון פילאָזאָפיע. בערנאַרד העללער, אַ גרויסער געלערטער זאָגט עס אַרויס בזה הלשון: „דאָס אידענטום איז געווען פּראַקטיש אין ציל און צוועק, אָבער נישט פילאָזאָפיש".[13] דער תנא, וואָס דערציילט אונז אין מדרש די מעשה מיט אברהמ׳ען איז שוין געווען אונטער דעם איינפלוס פון די גריכישע אַקאַדעמיעס פון פילאָזאָפיע.

די אידען פון אַמאָל האָבען לחלוטין נישט דיסקוטירט די עקזיס־טענץ פון גאָט — זיי האָבען עס באַטראַכט מיט פיל זיכערקייט. נעמט, צום ביישפּיל, די ביבל אונזערע, וועט איר זיך איבערצייגען, אַז אַ חוץ ווי אין איוב און קהלת, וועט איר געפינען זייער ווייניג פילאָזאָפישע אָדער ספּעקולאַטיווע דיסקוסיעס וועגען גאָט. און אַפילו אָט די צוויי דערמאָנטע ספרים פילאָזאָפירען אויך נישט וועגען גאָט — ווייל ער אַליין איז אַ זיכערע זאַך — נאָר דאָרט ווערט יאָ דיסקוטירט זיין פּאַר־וואַנדשאַפט און זיין באַציאונג צו דעם אוניווערזום. דער ספר איוב פילאָזאָפירט וועגען דער גערעכטיגקייט פון גאָט, אָבער נישט וועגען דער עקזיסטענץ פון גאָט. דער ספר איוב דעבאַטירט איבער דער פּראָבלעמע פון מענשליכע ליידען, עס איז אָבער דאָרט נישטאָ קיין שום צווייפעל וועגען דער מעכטיגקייט אָדער שעפּפערישקייט פון גאָט. דער ספר קהלת ווידער דריקט אויס דעם פּעסימיסטישען בליק אויפ׳ן לעבען, אָבער אויך דאָרט ווערט נישט אַרויסגעוויזען קיין שום צוויי־פעל, אָדער ספּעקולאַציע וועגען דעם עצם עקזיסטענץ פון גאָט. יאָ, ווי געזאָגט, דער איד האָט צוגעשטימט און געענטפערט אָמן צו דער עקזיסטענץ פון גאָט. ער האָט געפילט גאָט ביי אים אין האַרצען. ער האָט זיך נישט גענויטיגט צו פילאָזאָפירען איבער דער נויטיגקייט פון אַ גאָט, פּונקט ווי ער האָט זיך נישט גענויטיגט צו פילאָזאָפירען איבער דעם פאַקט, אַז ער האָט באַדאַרפט עסען. — ער האָט דעם הונגער געפילט. אַזוי האָט ער אויך געפילט זיין גייסטיגען הונגער און זיין גייסטיגען דורשט. דער בעל התהילים דריקט עס אמת׳דיג

אויס, ווען ער רעדט אין נאָמען פון דעם אידען, און זאָגט: „מיין נשמה דורשט נאָך גאָט!".[14]

אין דעם ליגט דעם אידנ'ס גרעסטעביישטייערונג אויף דעם געביט פון רעליגיע: פאַר'ן אידען איז גאָט געווען נישט דער רעזולטאַט פון רעזאָנירען, נאָר דער סאַמע תוך, דער עצם פון לעבען, וואָס ער האָט אינערליך געפילט, ווי ער האָט געפילט אַלע אַנדערע הצטרכות'ן פון לעבען.

געוויס איז אמת, אַז אויך מיר אידען האָבען פאַרמאָגט אונזערע פילאָזאָפען. פילון, סעדיהו גאון, בחיי איבן פקודא, יהודה הלוי, דער רמב"ם, דער ראב"ד, קרסקס, רלב"ג, משה מענדעלסאָן, זיינען ברי־ליאַנטענע באַלייכטונגען אין דער קעניגרייך פון פילאָזאָפיע. און ס'איז אויך אמת, אַז אָט די אַלע פילאָזאָפען האָבען רעזאָנירט וועגען גאָט און האָבען פילאָזאָפירט וועגען דער עקזיסטענץ פון גאָט. אָבער, זיי האָבען אויף דעם שטייגער פילאָזאָפירט, ווייל דאָס אידענטום אין יענער צייט זייערער איז געקומען אין דירעקטער באַרירונג מיט פרעמדע קולטורען. ס'איז אויפגעשטאַנען אַ נייע באַדערפעניש — וואָס דער איד האָט עס אין זיין אייגענער סביבה קיינמאָל נישט געפילט — אַ באַ־דערפעניש צו פאַרגלייכען און אויסצוגלייכען זיין גאָט־גלויבען מיט די לערען און דאָס רעזאָנירען פון אַנדערע אומות. אין די ביישטייע־רונגען פון דעם אידענ'ס פילאָזאָפען געפינט איר גאָר נישט קיין אָרי־גענעלעס, אָדער אַזעלכעס, וואָס זאָל זיין ספּעציפיש אידיש. אָפילו אין זייער רעזאָנירען און אַרגומענטירען האָבען זיי אויך נאָכגעפאָלגט די וועגען און סיסטעמען פון די אַראַבישע פילאָזאָפען.[15]

פילון, וועלכער איז באמת דער ערשטער פון די אידישע פילאָ־זאָפען, איז נאָכגעגאַנגען די וויכוחים פון אנאקזאגארוס און סאָקראַטעס, אַנטוויקלענדיג דעם אַרגומענט פון פּלאַן אין דעם אוניווערזום. דער רמב"ם, דער גרעסטער און באַקאַנטעסטער פון אונזערע פילאָזאָפען, האָט באַקומען זיין באַגייסטערונג פון פלאַטאן און אַריסטאָטעל, און ער האָט אַנטוויקעלט די טעאָריע, וואָס זיי האָבען פאַרגעשלאָגען וועגען „אַ שטענדיגע באַוועגונג פון יעדער מאַטעריע", און, איז דעריבער — „אַן אייביגער באַוועגער" אַלס אורשפּרינגליכע אורזאַך. משה מענדעל־סאָן האָט ווידער אין זיין פילאָזאָפיע נאָכגעפאָלגט די לערע פון דעקאַר־טעס, אַז גאָט שטאַמט אָפּ פון מענשליכען אינטעלעקט. ס'איז דער פאַר־שטאַנד, וואָס באַגרייפט די אידעע פון גאָט, דעריבער קומט מען צום שלוס, אַז אָט די אידעע מוז זיין אָביעקטיוו אמת. אויב די אידעע וועגען גאָט איז איינגעבאָרען אין מענשען, איז שוין ממילא געדרונגען, אַז גאָט מוז באַשטימט עקזיסטירען.

אַט די אַלע פֿילאָזאָפֿען האָבען פּרובירט צו רעזאָנירען וועגען דער עקזיסטענץ פֿון גאָט, זיי האָבען עס אָבער געטאָן נישט הויפּטזעכליך ווי אידען, נאָר ווייל אין זייער צייט, וואָס זיי האָבען געלעבט, האָט די וועלט זייערע, די אַרומיגע, פּרובירט אַרויסרופֿען אויף פּראָבע די פֿראַגע וועגען דער עקזיסטענץ פֿון גאָט. און אַט די אויבענדערמאָנטע אידישע פֿילאָזאָפֿען האָבען פּשוט נאָכגעפֿאָלגט די פֿוס־טריט פֿון די נישט־אידישע פֿילאָזאָפֿען. און ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז זייערע פֿילאָזאָפֿישע ביישטייערונגען האָבען קיינמאָל נישט געהאַט קיין רעאַלען אָדער וועלכען ס'איז דויערנדיגען איינפֿלוס אויף דעם אידישען פֿאָלק. דער רמב"ם איז געווען באַוואוסט און פֿאַרערט נישט אַזויפֿיל צוליב זיין „מורה נבוכים", ווי צוליב זיין משנה תורה, זיין ספר וועגען אידישען געזעץ. דער רלב"ג און קרסקס זיינען געווען נעמען באַוואוסטע בלויז צו יחידי סגולה, וועלכע האָבען אַריינגעדרונגען אין די הויכע אינטעלעקטועלע ספֿערען. אַפֿילו יהודה הלוי האָט נישט איבערגעלאָזען זיין חותם אויף די אידען מיט זיין כוזרי, נאָר מיט זיינע רעליגיעזע לידער, וואָס זיינען אַריינגענומען געוואָרען אין דעם סידור. דער איד האָט אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין געפֿיהלט, אַז מען קען נישט פֿילאָזאָפֿירען וועגען גאָט — נאָר דו מוזט אים פֿילען, דו מוזט אין זיך דורכלעבען זיין אנוועזענהייט.

און ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז גראַדע דער פֿילאָזאָף, וואָס האָט אָנגערירט די פּראָבלעמע פֿון גאָט אויף דעם אמת'ן אידישען שטייגער איז געווען דער פֿילאָזאָף, וואָס איז געוואָרען אַריינגעלעגט אין חרם פֿון די אַמסטערדאַמער רבנים אין דעם 17טען י. ה. — ברוך שפּינאָזע. שפּינאָזע הויבט אָן אין זיין פֿילאָזאָפֿיע נישט מיט פּרובירען באַווייזען די עקזיסטענץ פֿון גאָט, נאָר אין אויפֿנעמען אים "α priori". ער איז! און, וואָס איז ער? — דאָס איז געווען דער מעטאָד פֿון זיין צוגאַנג.

אַנדערע ווידער מאַכען גאָט דער Q. E. D. דער סך הכל פֿון זייער גאַנצען געדאַנקען־גאַנג; פֿאַר שפּינאָזע איז גאָט אַ הויפּט־אמת, אַ גרונדזאַץ, אַן אמת, וואָס רעדט פֿאַר זיך אַליין. אין דעם בראשית איז גאָט! — באַהויפּטעט ער דאָגמאַטיש.[16] שפּינאָזע האָט געפֿיהלט גאָט, ער האָט אים געקענט דורך אינטואיציע.

און איך בעט איך, לאַכט נישט פֿון דער בייגונג צום אמת דורך אינטואיציע! נישט קיין קלענערער וויסענשאַפֿטסמאַן ווי איינשטיין האָט אונז לעצטענס געזאָגט, אַז אינטואיציע און אינספּיראַציע זיינען אויך ענג פֿאַרבונדען מיט וויסענשאַפֿט. ער אַליין קען עדות זאָגען אין זיין גלויבען אין זיי בײדען. „צייטענווייז", זאָגט ער, „פֿיל איך

באַשטימט, אַז איך האָב רעכט, כאָטש איך קען נישט דערקלערען דעם שכל דערפון. ווען די ליקוי חמה אין דעם יאָר 1919 האָט באַשטימט מיין אינטואיציע, איז עס גאָר נישט געווען פאַר מיר אַזאַ געוואַלדי־גער סורפּריז."[17]) יאָ, אַזוי איז עס געווען די אידישע באַציאונג צו דער גאָט־אידעע: עס איז אַ גרונדזאַך, אַ זעלבסט־באַשטעטיגטער אמת. דער איד איז אינסטינקטיוו געקומען צו דעם שלוס פון דעם אַמעריקאַנער פילאָזאָף, וועלכער האָט באַמערקט, אַז „בשעת מיר פאַרשטייען כמעט ווי גאָרנישט וועגען דער טבע פון גאָט,[18]) מעגען מיר האָפען אויך אַזוי צו פאַרשטיין כמעט ווי גאָרנישט אין דער נאַטור אָהן גאָט. דער איד האָט געפילט די אנוועזענהייט פון גאָט אין דער וועלט ארום אים, גראַד אַזוי גוט ווי ער האָט געפילט די אַנוועזענהייט פון זיין נשמה אין אים אַליין". „געוויס", זאָגט איינער אַ תנא אין תלמוד, „גאָט פילט אָן דעם וועלט־אַל, פּונקט אַזוי גוט ווי די נשמה פון מענשען פילט אָן זיין גאַנצען גוף."[19])

און די וויסענשאַפט היינט צו טאָג קומט צו אָט דעם שלוס. און ווען דער באַרימטער וויסענשאַפטסמאַן האָקסלי זאָגט אונז, אַז דער רע־ליגיעזער גייסט איז גראַד אַזאַ וויכטיגער טייל פון דער מענשליכער נאַטור, ווי עס איז זיין וויסענשאַפטליכער גייסט, חזר'ט ער בלויז אי־בער, אָט דאָס, וואָס דער איד האָט שוין געפילט נאָך אין דעם סאַמע פּויִמאָרגען פון דער מענשליכער געשיכטע.

איך באַטאָן אָט דעם דאָזיגען פאַקט, ווייל אַזויפיל פון אונזער יוגענט, בפרט, האַלטען זיך נאָך אַלץ אָן אין דער פלאַכקייט פון זייער אַרגומענט, אַז אויב זייערע ביכער איבערצייגען זיי נישט אין אַ גאָט, איז דעריבער קיין גאָט נישטאָ. פּאַסט זיך דערפאַר דאָ איבערצוגעבען אַ שיין מעשה'לע, וואָס ווערט אונז דערציילט אין מדרש, אַז ווען משה און אהרן זיינען דערשינען פאַר פּרעה'ן צו בעטען אין גאָט'ס נאָמען, אַז ער זאָל באַפרייען דאָס פּאָלק ישראל, האָט פּרעה זיי געפרעגט: „ווער איז עס דער גאָט וועגען וועמען איר רעדט? איך האָב קיינמאָל זיין נאָמען נישט געהערט! איר בעסער וואַרט אויף אַ ווייל, איך וועל אַרויסשיקען מיינע געלערטע אַדורכצוקוקען אַלע ביכער אין מיין ביבליאָטעק, אפשר וועלען זיי געפינען דאָרט זיין נאָמען". נאָר, ווען די ביכער האָבען נישט געקענט באַווייזען קיין שום וויסען וועגען אים, האָט זיך פּרעה אָפּגעקערט פון אָט די צוויי גרוי־סע אידישע פירער, און האָט זיי געזאָגט: „ניין, ניין, מיינע ביכער ווייסען נישט פון אים, עס איז גאָר אין גאַנצען נישטאָ אַזאַ גאָט ווי דער אין וועמענס נאָמען איר רעדט צו מיר!"[20]) אין זעלבען גייסט און נוסח אָנטזאָגען זיך פילע מענשען היינט צו טאָג אָנצונעמען גאָט,

ווייל זיי געפינען אים נישט אין די ביכער וואָס זיי לייענען. ניין, מיינע טייערע, נישט דאָרט קענט איר געפינען גאָט; איר וועט אים אָבער יאָ געפינען, ווען איר וועט אים זוכען, אין די טיפע־טיפענישען פון אייער אייגען האַרץ!

די חז"ל זאָגען אונז, אין אַ מיסטישען אופן, אַז „דער הייליגער, געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען, האַלט אַ רעזערווירטען אָרט פאַר זיך, און דער נאָמען פון אָרט איז מסתרים — מיסטעריע!" [21]) אָך, וואָס פאַר אַ הייליגער אמת עס ווערט אַנטפּלעקט, אין אָט די פאַרבאָרגענע ווערטער! צו קענען גאָט, מוז מען פילען זיין אנוועזענהייט; מען מוז זיין פעהיג דורכצודרינגען די פאַרבאָרגענע, מיסטעריעזע קעניגריי־כען פון דער טיפסטער טיפעניש פון האַרצען און נשמה — אָט דאָרטען קען מען אים ערשט געפינען. גאָט, ווי ליבע, מוז מען פילען, מען מוז גאָט קענען דורכלעבען פערזענליך; ליבע קען מען נישט דער־פילען בלויז דורך שמועסען און אַרגומענטירען וועגען ליבע. גאָט בלייבט דעם מענשען פרעמד, אויב, צו באַנוצען די שטאַרקע ווער־טער פון האַוועלאָק עליס, זייט איר דער איינער פון יענע „היפּאַטראָ־פירטע וויסענשאַפטסלייט מיט אַטראָפירטע רעליגיעזע אינסטינק־טען". [22]) די ביבל דערמאָנט עס מיט טיפען איינדרוק בזה הלשון: „דער נאַר זאָגט ביי זיך אין האַרצען אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט" — [23]) אָך און ווי, וואָס זיין האַרץ פילט נישט די אנוועזענהייט פון גאָט, און דעריבער פאַרלייקענט ער אים אין גאַנצען.

ווען איך זע, ווי מענער און פרויען, וואָס לאַכען און שפּאָטען־אָפּ פון יענע, וואָס האַלטען טייער זייער גאָט־גלויבען, און באַמיען זיך מקריב צו זיין זייער גאַנצען לעבען צו זייער גאָט, דערמאָן איך זיך אין דער זייער שיינער מעשה, וואָס דער בעל שם טוב, דער גרינ־דער פון חסידיזם, האָט דערציילט זיינע חסידים, אין ענטפער צו יעניגע, וואָס האָבען אָנגערופען זיין לערע פאַלש. ער האָט אַזוי דערציילט: מ'האָט אַמאָל געפראַוועט אַ אידישע חתונה אין אַ הויז; די מוזיקאַנטען, די כלי־זמר, זיינען זיך געזעסען אין אַ ווינקעל און געשפּילט אויף זייערע אינסטרומענטען, די געסט האָבען זיך צוגע־טאַנצט צו זייער מוזיק און זיי זיינען געווען זייער פרייליך. בשעת אָט דאָס אַלצדינג האָט זיך גראָדע געמאַכט, אַז אַ טויבער איז פאַרביי די פענסטער פון יענע הויז, וואו די חתונה איז פאָרגעקומען; האָט ער אַריינגעקוקט דורך די פענסטער אינווייניג און געזען דעם עולם טאַנצען, שפּרינגען און וואַרפען מיט די הענט. „זע, קוק", האָט ער אויסגע־רופען אויפ'ן קול, „ווי זיי וואַרפען זיך דאָרט אַרום! נישט אַנדערש, עס איז אַ הויז פול מיט משוגעים!" געוויס, האָט ער זיי באַטראַכט

פאַר משוגעים, ווייל ער האָט נישט געקענט הערען די מוזיק, צו וועלכער זיי האָבען צוגעטאַנצט![24] אַזוי זיינען אויך יענע טויבע, וואָלט איך געזאָגט, אָט יענע, וואָס קענען נישט, צום באַדויערען, הערען די געטליכע מוזיק, וואָס פאַרשאַפט פיל פרייד און ברכה צו יענע, וועמענס אויערען עס זיינען יאָ צוגעפּאַסט צו הערען דאָס סאַמע געטליכע.

און עס איז אויך אמת, אַז נישט יעדער מענש קען גרייכען די גאָט־אידעע דורך אינטואיציע. מאַנכע מענשען קענען זיך זיין „נשמה־טויב", אַזוי צו זאָגען, אַזוי ווי יענער טויבער אויף די אויערען אין דער מעשה פון בעל שם טוב. נישט אַלע אידען פון גאָר־גאָר אַמאָל זיינען געווען גייסטיג צוגעפּאַסט צו פילען גאָט. אָבער, ווען פיל פון זיי, וואָס זיינען געווען גייסטיג באַגאַבט, האָבען יאָ געפילט און קלאָר געזען, האָבען עס די איבעריגע דערפאַר כאָטש אָנגענומען ווי אַ גלויבען. אַפילו וויסענשאַפטליכע אמת'ן זיינען נישט אַנטפּלעקט צו יעדען איינעם. צי קען דען יעדער איינער, וואָס נוצט עלעקטריציטעט דערקלערען די מיסטעריע פון דעם? צי קען דען יעדער איינער, וואָס עפענט אויף זיין ראַדיאָ־מאַשין דערקלערען דעם סוד, וואָס מאַכט אַראָפּצוברייננגען די מענשליכע שטים פון דער לופט גלייך צו אים אין הויז אַריין? נאָר וואָס דען? — די מערסטע פון אונז נעמען־אויף די דערקלערונגען פון אָט די פאַקטען אין דעם זין פון גלויבען, ווייל מיר גלויבען אַזוי! אָבער מיט דעם ענין גאָט, זיינען נאָך אַלץ דאָ, צום באַדויערען, זייער פיל מענשען, וועלכע זאָגען, אַז די עקזיסטענץ פון גאָט דאַרף ווערען אָפּגעלייקענט, טאַקע דערפאַר, וואָס זייערע מוחות קענען זיך נישט דערגרונטעווען צו די טיפקייטען און די הויכקייטען פון זיין עקזיסטענץ!

אָבער, בשעת די אידען, אַלס אַ גאַנץ פאָלק, האָבען אָנגענומען די גאָט־אידעע ווי אַ נאַטירליכער פאַקט אין לעבען, זיינען געווען אַזעלכע אין זייער מיטע, וואָס האָבען זיך דערהויבען צו די העכסטע הויכען אין דער אַנטפּלעקונג פון גאָט, יאָ, אַזעלכע, וואָס האָבען געפירט און אויפגעקלערט דאָס פאָלק וועגען די וויזיעס, וואָס זיי זיינען געווען חשוב און פריוויליגירט צו פאַרנעמען. אָט די דאָזיגע אויסדערוויילטע זיינען געווען „די שטאַנגען פון בליץ" — זיך צו באַנוצען מיט דער פראַזע פון אַ מאָדערנעם טעאָלאָגיקער,[25] וואָס האָבען זיך צוערשט אָנגעצונדען דורך גאָט'ס פייער. אָט די דאָזיגע געציילטע גייסטער זיינען עס געווען די סאַמע ערשטע שנעל געננוג אויפצוכאַפּען די מאַניפעסטאַציע פון דער געטליכער אַנוועזענהייט — דאָס וואָס די תלמידי חכמים רופען אָן: גילוי השכינה, און וואָס אַן אויסגעצייכענטער

געלערנטער האָט עס אַזוי שיין באַשריבען אַלס „די דערשיינונג פון גאָט אויף דעם הינטערגרונד פון דער נשמה, וואָס רעפלעקטירט אים ווי אין אַ שפּיגל“.[26]

אָט די באַגאַבטע גייסטער פון דעם פאָלק ישראל, אָט די „בליק־שטאַנגען“, וואָס האָבען אויפגעכאַפּט דעם פייער פון גאָט אין זיין גאַנצער גלאָריע און שיינקייט, זיינען עס די נביאים! אָט די נביאים, די גייסטיגע ריזען פון דעם בית ישראל, זיינען עס געווען די פאַראַנטוואָרטליכע פאַר די נאָבעלסטע מאַניפעסטאַציעס פון גאָט איבער גאָר דער וועלט. מיר מוזען אָבער אויך אין זינען האָבען, אַז אָט די נביאים זיינען אַרויסגעקומען פון דעם סאַמע קערן, פון דעם בלוט און פלייש פון אידישען פאָלק; זיי זיינען עס געווען דער פּראָדוקט פון דעם גייסט פון אידענטום. און וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען וועגען ברוך שפּינאָזע, קען מען זייער גרינג זאָגען וועגען דעם גאַנצען אידישען פאָלק — זיי זיינען אַלע און יעדער געווען „גאָט־באַרוישט“; זיי האָבען אין זיך פאַרמאָגט, וואָס איך וואָלט אָנגערופען אַ „פאָלקס־אינטואיציע“ פון גאָט.

ווען די אידען זיינען אַריבער דעם ים סוף, זאָגען אונז די חכמים, זיינען זיי אַלע געוואָרען גאָט־באַוואוסטזיניג; אַפילו דער עניו'דיגסטער צווישען זיי איז געווען אָנגעפילט מיט דעם געפיל פון גאָט'ס באַענטקייט צו אים, אַזוי אַז יעדער איינצעלנער, שקלאַף און קינד, האָט אויסגעשריען: „דער איז מיין גאָט און איך וועל אים אָנטאָן כבוד“.[27] דעריבער האָט דאָס אידענטום געקענט אַרויסגעבען אָט די גייסטיגע ריזען, וואָס האָבען געקענט זען גאָט מיט אַ קלאָרער וויזיע און הערען זיין שטים מיט אַ פיינערען געהער.

אַ געוויסער קריסט־טעאָלאָג האָט אָנערקענט אָט דעם אמת, ווען ער האָט זיך אויסגעשפּראָכען אויף אַזאַ אופן: „אין דעם הינטערגרונד פון די נביאים און די בעלי התהילים פון דעם אַלטען טעסטאַמענט איז געשטאַנען די באַגייסטערטע אידישע נאַציע“.[28] און עס איז אויך אין אָט דעם דאָזיגען גייסט, דאָס יהודה הלוי רעדט וועגען די אידען, וואָס זיינען ספּעציפיש באַגאַבט מיט דער מתנה פון נביאות, מחמת דאָס פאָלק אַלס אַ גאַנצעס איז געווען גאָט־באַוואוסטזיניג, און באַרוישט מיט דעם „ענין אלהים“ — מיט דער גאָט־אידעע.[29] אברהם גייגער, ווידער, דערמאָנט אונז, אַז „די גריכען זיינען נישט אַלע געווען דורך און דורך קינסטלער; נישט יעדער איינער פון זיי איז געווען אַ פידיאַס אָדער אַ פּרעקזיטעלעס, און דאָך האָט געקענט בלויז איין גריכישע נאַציאָן אַרויסגעבען אַזעלכע אויסגעצייכענטע קינסטלער. דאָס זעלביגע איז געווען דער פאַל מיט ישראל!“[30]

אַט דאָס איז געווען די העכסטע מתנה פון אידישען פאָלק צו דער וועלט — עס האָט געגעבען דער מענשהייט דורך אירע נביאים, די קלאָרסטע אַנטפּלעקונג און די העכסטע באַגריפען פון גאָט!

ביז איצט האָבען מיר אַרומגערעדט בלויז די שייכות און פאַר־וואַנדשאַפט פון דער גאָט־אידעע צום אידענטום; מיר מוזען אָבער נאָך אָנווייזען, הגם אין דעם קירצסטען שטייגער, אייניגע פון די אויס־געצייכענטסטע פאַזען און שטריכען פון אַט דער גאָט־אידעע, ווי זי איז געוואָרען פּראָקלאַמירט דורך אידענטום.

דער גאָט פון אידענטום איז אחד! אַט די איינהייט פון גאָט איז נישט געווען אַ פראַגע פון צאָל; זיין איין־און־איינציגקייט איז אויך זיין זונדערבאַרקייט. ער איז אחד — און זונדערבאַר אין זיין עסענץ! פילאָזאָפיע קען זיך פאַרטראַכטען אין אַן ערשטער אורזאַך; אָבער דער גאָט פון אידענטום איז אָהן אַן ערך מער ווי דאָס. די וויסענ־שאַפט קען זיך אפשר דערטראַכטען צו אַ קאָסמישען גאָט; אידענטום ווייסט פון דעם אויך. גאָט איז דער רבונו של עולם, דער הערשער פון דעם וועלט־אַל. אָבער פאַר אונז אידען איז ער מער ווי דאָס — און אין דעם ליגט דער סוד פון זיין אויסגעצייכענטקייט און זונדער־באַרקייט. ער איז דער תוך, דער עצם, און דער עסענץ פון דער גאַנ־צער מאָראַליטעט און גערעכטיגקייט; ער איז דער העכסטער אידעאַל פון מאָראַלישער אויפפירונג.

די אידען האָבען זיך דערנענטערט צו גאָט — און אין דעם זין האָבען זיי זיך אַרויסגעוויזען העכער פון איינשטיינ'ס געדאַנק — נישט נאָר דורך אַ קאָסמישען געדאַנק, נאָר דורך די נאָבעלסטע און טיפסטע געפילען אין זיי אַליין. עס איז געווען פיל מער און נענטער דער פילאָזאָפישער צוגאַנג פון דעם פילאָזאָף קעניגסבורג, עמאַנועל קאַנט, מיט זיין „קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו". דער געוויסען אין דעם מענ־שען, וואָס פירט אים צו דאָס גוטע. דער מקור פון אַט דעם געוויסען — אין גאָט! דער פילאָזאָף קאַנט, קענט איר זיך דערמאָנען, האָט גע־רעדט איבער די צוויי זאַכען, וואָס האָבען אים אָנגעפילט מיט איבי־גער פאַרוואונדערונג: „דער אויסגעשטערענטער הימעל איבער מיר, און דאָס זיטען־געזעץ אין מיר!"[31] אַזוי האָט אויך דאָס אידענטום געזאָגט בנשימה אחת, מיט איין אָטעם, ציטירענדיג דעם בעל התהילים, „„די הימלען דערקלערען דעם כבוד פון גאָט", און „די תורה פון גאָט איז פּערפעקט, זי איז מחיה נפשות!"[32]

גאָט איז געווען די אַבסאָלוטע איינהייט, און אַזוי נאָך אויך די אַבסאָלוטע פולקומענקייט. עס איז נישט געווען אין אים קיין שום דיסהאַרמאָנישער קלאַנג. ווי אחד, איז ער אויך געווען דער פּאַראַיי־

ניגער, וואָס ברייגנט אַריין האַרמאָניע פון דעם מיס־געקלאַנג, אַ קאָס־
מאָס — פון דעם תהו ובהו, פון דער כאַאָטישקייט, נישט נאָר אין דער
פיזישער וועלט, נאָר אויך אין דער קעניגרייך פון מענשליכען גייסט
און מענשליכער אויפפירונג. אָט דער דאָזיגער מאָראַלישער עסענץ
האָט עס געבוירען דעם עטישען מאָנאטעאיזם, וואָס איז דער זונדער־
באַרער אויסגעצייכענטער קלאַנג פון דער אידישער גאָט־אידעע! און
אין אָט דעם זין האָט עס באַרעכטיגט פראָפעסאָר מור צו פראָקלאַמירען,
אַז אין קיין אַנדער באַגריף וועגען גאָט „איז דער מאָראַלישער כאַ־
ראַקטער אַזוי שטאַרק הויפט־הערשענדיג!”.[33]) אין דער אידישער לערע
ווערט גאָט אָנגערופען הקודש, „דער הייליגער”,[34])), כדי שטאַרק צו
באַטאָנען אָט די מאָראַלישע קוואַליטעטען פון זיין עסענץ. און דאָס
אידישע פאָלק ווערט אָנגערופען גוי קדוש „אַ הייליג פאָלק”, מחמת
זייער לעבען האָט באַדאַרפט זיין in imitatio Dei, אַזעלכעס וואָס קען
ווערען גאָט־גלייך.[35]) גאָט איז אַזוינאָך דער תוך פון דער אידישער נשמה,
דער העכסטער אידעאַל פון דעם אידישען לעבענס־שטייגער. די ביב־
לישע פראַזע „ער איז געגאַנגען אין די וועגען פון גאָט”, ווערט אויס־
געטייטשט פון די חכמים ז”ל — זאָלסט גיין אין די וועגען פון גאָט;
גראַד ווי גאָט איז רחמנות’דיג און גנעדיג, אַזוי זאָלסטו אויך זיין; גראַד
ווי גאָט איז טריי און גערעכט, אַזוי זאָלסטו אויך זיין; און גראָד
ווי גאָט איז הייליג, אַזוי זאָלסטו אויך זיין!![36]).

קריסטליכע טעאָלאָגען, ווי וועבער, מעגען פאַרדרייען מיט דער
נאָז און אָפּשפּאָטען פון אונזער „פאַראידישען גאָט”.[37]) מיר נעמען
אויף דעם קאַמף. נישט מחמת מיר קוקען אויף גאָט, ווי דער גאָט
בלויז פון דעם אידען אַליין. דער תלמוד וואָרענט אַנטקעגען אַזאַ פאַר־
דאַכט פון אַזאַ מין באַציאונג און באַשטייט שטאַרק אויף דעם, אַז יע־
דע ברכה צו גאָט, ווי „דער האַר אונזער גאָט” מוז צו דעם אויך ווערען
צוגעלעגט „דער מלך העולם”,[38]) כדי צו באַטאָנען די אוניווערזיטאַ־
ליטעט פון דער גאָטהייט. און דאָך, הגם ער איז דער אוניווערזאַלער
גאָט, קוקט דער איד אויף אים, ווי דער עסענץ, די פאַרקערפּערונג
פון אידישען כאַראַקטער אויפ’ן העכסטען בעסטען שטייגער, אין שענ־
סטען, נאָבעלסטען אויסדרוק — דער פירער און די אינספּיראַציע פון
אַלע זיינע מעשים אין לעבען! יאָ, אין דעם זין, האָט וועבער רעכט,
ווען ער רעדט וועגען „פאַראידישען גאָט”. דער מדרש פרעגט, אין
אַ שטאַרקע באַמערקונג איבער דאָס וואָרט „שמע”, די היסטאָרישע
דעקלאַראַציע פון אידישען גלויבען, „פאַרוואָס”, פרעגט דער מדרש
זאָגען מיר ’שמע ישראל ד’ אלהינו, ד’ אחד’? ליגט דאָ נישט אַ ווי־
דערשפּרוך אין די ווערטער פון אַ גאָט, וואָס איז אונזערער און אויך

אחד, איינער?" און אויף דעם ענטפערט טאַקע דער זעלבער מדרש אויסגעצייכענט שיין: „ער איז איינער; דער איינציגער גאָט אין דעם וועלט־אַל! ער איז אָבער אויך אונזער גאָט, אין דעם זין וואָס אַ באַ־זונדערע ספּעציעלע פאַרוואַנדשאַפט איז באַשאַפען געוואָרען צווישען ישראל און גאָט אויפצונעמען אים ווי דעם פאָלקס אידעאַל אין דעם ענין פון דער געטליכקייט!"[39])

מחמת דער אויסגעצייכענטער טאָן פון דער אידישער גאָט־אידעע איז געווען איר עטישער מאָנאָטעאיזם, האָט זיך טאַקע דעריבער דער איד נישט פאַראינטערעסירט מיט טעאָלאָגישע ספּעקולאַציעס, מכח דעם ענין: וואָס איז גאָט; און דאָס האָט ער קלאָר איינגעזען, אַז זיין מח וואָלט קיינמאָל נישט געקענט דערגרונטעווען; ער האָט זיך בלויז פאַראינטערעסירט מיט דעם וואָס גאָט וויל און פאַרלאַנגט! „וואָלט איך נאָר באַזעסען אָט דעם וויסען פון גאָט, וואָלט איך אַליין געווען אַ גאָט" איז געווען דער ענטפער פון אַ גרויסען חכם, לויט ווי אַלבאָ האָט באַריכטעט, צו אַ פראַגע: וואָס איז גאָט?[40]) און דער רמב"ם ווידער רופט אויס: „ווען איך וואָלט געווען בכח צו באַשרייבן גאָט, וואָלט ער נישט געווען גאָט!".[41]) אויך משה רבינו, ווען איר זיך דערמאָנען, ווערט געשילדערט אין חומש ווי ער פרעגט גאָט צוויי זאַכען: „וויז מיר, איך בעט דיך, דיין גלאָריע." און גאָט ענטפערט אים: „דער מענש קען מיך נישט זען, און ער זאָל בלייבען לעבען!"[42]) עס איז נישט צוגענגליך פאַר'ן מענשליכען אויג צו קענען אַריינ־דרינגען אין עצם גאָט.

„דער מענש קען מיך נישט זען און בלייבן לעבען!". פאַר'ן אידען איז גאָט געווען אומדורכדרינגבאַר. דאָס האָט אָבער נישט גע־מיינט, ווי מאַנכע נישט־אידישע טעאָלאָגיקער גלויבען און באַהויפּ־טען, אַז גאָט איז געווען ווייט אַוועק פון דעם אידען, אַ זס'איז געווען אַן זאמבאַגרעניצטער שטח, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם אידען פון זיין גאָט. דער איד האָט געקענט באַגרייפען גאָט'ס וואוינונג, די הימלען גופא, און דאָך פיהלען אַזוי נאָענט צו אים, אַז ווען ער האָט תפילה געטאָן צו אים איז עס געווען „ווי אַ מענש וועלכער רעדט אַריין אין דעם אויער פון זיין חבר".[43]) דאָס איז געווען די זונדערבאַרע באַצי־הונג, וואָס דער איד האָט געהאַט צו זיין גאָט, וואָס ער האָט תמיד געפילט זיין אַנוועזענהייט, אַזוי דאָס ער האָט געקענט זאָגען מיט דעם פּסאַלמיסט: „שויתי ד' לנגדי תמיד",[44]) איך האַלט תמיד גאָט פאַר מיינע אויגען, הגם דער איד האָט צו דער זעלביגער צייט אנערקענט און צוגעגעבען זיין אונמאַכט צו דערגרונטעווען דעם געטליכען תוך און עסענץ.

אַ גרויסער חכם פון דעם 13טען יאָרהונדערט באַמערקט: „אין אַלע ברכות, וואָס דער איד זאָגט, וואו ער פאַרהייליגט גאָט, הויבט ער אָן מיט די ווערטער: ׳ברוך אתה׳ — באַנוצענדיג די צווייטע פּערזאָן, אָבער ער פאַרענדיגט מיט דער פראַזע: ׳וועלכער האָט אונז געהייליגט מיט זיינע געבאָטן׳ — באַנוצענדיג דאָ שוין די דריטע פּערזאָן, כדי צו באַטאָנען אָט דעם אמת, אַז גאָט איז תמיד לעבען אונז און פאַר אונז, כדי מיר זאָלען שטענדיג קענען זיך ווענדען צו אים. אָבער סיידען מיר גלויבען באמונה שלימה, אַז צוליב אָט דער נאָענטקייט, קענען מיר אים אויפנעמען און דערגרונטעווען אים, זיינען מיר גלייך אָנגעזאָגט צו רעדען פון אים אין דער דריטער פּערזאָן, ווי אײנער וויט אַוועק פון אונז — ווייל ׳דער מענש קען מיך נישט זען און בלייבען לעבען׳.[45])

אָבער, איר דערמאָנט זיך אויך, אַז משה שטעלט אַ צווייטען פאַרלאַנג: „וויז מיר דיינע וועגען, אַזוי אַז איך זאָל דיך דערקענען״, און אָט דער וואונש ווערט אים דערפילט, ווען גאָט אַנטפּלעקט זיך צו אים אין זיינע מאָראַלישע אַטריבוטען.[46]) די מאָראַלישע פאָדערונגען פון גאָט — אָט דאָס בלויז ווייסען מיר, און אָט דאָס מוזען מיר אָפּהיטען. און דער איד האָט געקוקט אויף דער תורה, אין ברייטסטען זין די באַשאַפונג פון זיין גאָט־באַרוישטער נשמה, ווי די אַנטפּלעקונג פון יענעם ווילען פון גאָט וואָס איז פאַר אים געוואָרען זיין אורח חיים, זיין וועג פון לעבען.

עס איז דעריבער קיין שום וואונדער נישט, וואָס די דענקענדיגע וועלט ביי היינט צו טאָג הויבט אָן צו דערקענען די שיינקייט, די נאָבעלקייט און דעם גרויסען ווערטה פון אידענטום׳ס גאָט־אידעע. „די מערב־וועלט״, האָט לעצטענס פּראָפעסאָר אָרטאָן געשריבען, „באַדאַרף ערשט זייער נויטיג דעם אידען׳ס גלויבען אין אַ גאָט, מחמת, איך גלויב, עס איז דער איינציגער טעאיזם, וואָס איז נאָך מעגליך צו ווערען אָנגעהאַלטען פון דעם מערב־מענש — אַ פּראַקטישער טעאיזם, וואו גאָט איז בוכשטעבליך אַן אורח חיים, אַ וועג צום לעבען״.[47])

ווען יענער גאַלאַנטער יונגער אַמעריקאַנער, טשאַרלס לינדבערג, איז אַרויסגעשטיגען פון זיין לופט־שיף אויף דער סטאַנציע אין פּאַריז, איז דאָס ערשטע וואָרט, וואָס איז אַרויס פון זיין מויל געווען: „מיר״ — „מיר זיינען געפלויגען איבער׳ן ים!״ די לופט־שיף איז געוואָרען אויף אַזוי פיל אַ טייל פון זיין גאַנצען וועזען, אַז ע רהאָט געקענט מיט רעכט פון אָט דעם געגענשטאַנד און פון זיך רעדען: ווי מיר! אין זעלביגען זין קען דער איד תמיד רעדען פון גאָט און פון זיך אַליין, ווי

מיר! גאָט איז געוואָרען אַזאַ מין לעבעדיגער כח אין זיין וועזען און דער איד האָט פונקט אַזוי זיך באַהעפּט מיט דעם ווילען פון אָט דעם גאָט, אַז יעדער באַזונדער האָט באמת געקענט באַנוצען דאָס וואָרט „מיר"! די חכמים ז"ל דריקען אויס אָט די דאָזיגע איינהייט אין זונדערבאַרע שיינע ווערטער. ווען די אידען זיינען אַריבער דעם ים סוף, האָבען זיי פאַרגעטערט גאָט, ווי מיר האָבען שוין באַמערקט, מיט די ווערטער: „דער איז מיין גאָט, און איך וועל אים גלאָריפיצירען". „לייען נישט 'ואנוהו', זאָגען די חכמים, נאָר 'אַני והוא', — איך און ער — מיר!" [48])

יאָ, אָט דאָס איז די מעשה פון דעם גייסטיגען „מיר" פון אונזער געשיכטע — גאָט און דער איד, דער איד און גאָט! גאָט איז געוועזן די עצם נשמה, דאָס עצם לעבען פון דעם אידען, און דער איד ווידער, האָט דורך זיין לעבען פאַרגעשטעלט אין סאַמע העכסטער מאָס די גלאָריי, די שיינקייט, דעם עצם תוך פון אָט דעם גאָט!

פערטער קאַפּיטעל

די אנטוויקלונג פון דער גאָט־אידעע אין אידענטום

(המשך)

אין אונזער פריערדיגער דיסקוסיע פון דער גאָט־אידעע אין אידענטום, האָבען מיר זיך באַמיט צו ווייזען, אַז די אידען זיינען געקומען צו דער דערקענונג פון גאָט, ניט אַזויפיל דורך דעם פילאָזאָפישען דענקען, אָדער, דורך דער מעטאַפיזישער ספּעקולאַציע, נאָר גיכער דורך דעם אינסטינקט; דורך דעם, וואָס פסיכאָלאָגען וואָלטען עס אפשר אָנגערופען אינטואיציע, און די רעליגיעזע וואָלטען עס באַקליידט מיט דעם טערמין: די געטליכע מאַניפעסטאַציע, אָדער אַנטפּלעקונג.

מיר האָבען דאַן אָנגעצייכענט צווישען די זאַנדערבאַרע שטריכען פון אָט דער גאָט־אידעע פון דעם אידען, דעם הויפּט־שטריך, וואָס איז די עטישע אויסצייכענונג. גאָט האָט געמיינט פאַר'ן אידען, וואָס דער גרויסער ענגלישער פּאָעט און קריטיקער מעטיו אַרנאָלד האָט אָנגערופען אין זיין ווערק „ליטעראַטור און דאָגמע": „די גרויסע קראַפט, נישט מיר, וואָס צילט צו גערעכטיגקייט" :[1] אָט די דאָזיגע טרייבענדיגע קראַפט אין אונז און אין דער וועלט איז עס געווען דער תוך, דער עסענץ, פון אַלע הייליגקייטען און מאָראַלן, וואָס האָט געצילט צו יושר און גערעכטיגקייט. צו ציטירען פּראָפעסאָר מור נאָכאַמאָל, פון זיין בוך „אידענטום": „דער אידישער מאָנאָטעאיזם איז דערגרייכט געוואָרען דורך דעם גלויבען, דאָס דער ווילען פון גאָט פאַר גערעכטיגקייט איז דאָס סאַמע העכסטע אין דער געשיכטע פון דער וועלט; עס איז דער איין און איינציגער ווילען, וואָס רעגולירט אַלע דינג ביז'ן לעצטען ציל — גאָר די גאַנצע וועלט ווי זי באַדאַרף צו זיין!... אַזוי איז עס פון סאַמע ערשטען מקור, פון גאָר דעם ערשטען בראשית, אַז די גערעכטיגקייט זאָל זיך געפינען אין אַ וועלט, אַ מאָראַלישע, איידער אין אַ פיזישער אָדער מעטאַפיזישער!"[2]

און, צולעצט, האָבען מיר באַצייכענט אַז דער איד, זייענדיג פּראַקטיש בטבע, האָט זיך נישט געגריבעלט צופיל אין דער מיסטעריע פון דער גאָטהייט; און ער האָט געוואוסט, אַז גאָט איז ווייטאַריבער פון מענשליכען קענען און וויסען; נאָר אַנשטאָט דעם איז דער איד געווען מיט אַלע זיינע רמ״ח איברים פּאַראינטערעסירט צו וויסען וועגען דעם ווילען פון גאָט, וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרען אין דער תורה, דורך די לערען פון זיינע באַגייסטערטע גייסטיגע ריזען — וועגען יענעם ווילען פון גאָט, וואָס וואָלט אים געהאָלפען ווערען גלייך צו גאָט, הייליג אַפילו ווי גאָט אַליין איז הייליג.

געוויס איז עס אמת, אַז אידענטום האָט אָנגענומען, אָהן שום פּראָטעסט, דעם באַשלוס, ווי עס ווערט געלויטעט אין דער ביבלישער מעשה, וואָס מיר האָבען אויסגעטייטשט אין אונזער לעצטער דיסקוסיע, „ווייל דער מענש קען מיר נישט זען און בלייבען לעבען!”[3] עס איז אויך אמת, אַז דער אידישער גייסט, זייענדיג פּראַקטיש אין זיין ציל און צוועק, איז גראַדע געווען צופרידען מיט אַ גאָט, וועלכער האָט פונקציאָנירט אין דעם טעגליכען לעבען פון מענשען, נישט פּרוּבירענדיג צו געבען טעאָלאָגישע באַשרייבונגען צו יענעם גאָט. יעדענפאַלס, מוזען מיר פאַרשטיין, אַז די מענשליכע טבע איז שטאַרק נייגעריג מער און מער צו וויסען; און, אַז דער מענש, הגם ער ווייסט אויך, אַז זיין זוכען איז נוצלאָז, איז דאָך ביי זיך באַשלאָסען צו כאַפּען כאָטש אַ שטיקעל בליק אויף דעם געטליכען וועזען, וואָס שפּילט אַזאַ וויכטיגע ראָליע אין זיין לעבען. אַזוי נאָך קענען מיר פאַרשטיין די מעשה אין דער ביבעל, וואָס באַצווינגט משה׳ן צו בעטען ביי גאָט: „וויין מיר, בעט איך דיך, דיין גלאָריע!”.[4]

אין אָט דער זעלביגער מעשה, ווידער, וועט איר זיך דערמאָנען, ווי גאָט זאָגט צו משה׳ן: „און איך וועל אַוועקנעמען מיין האַנט, און דו וועסט זען מיין פּלייצע, אָבער מיין פּנים וועט נישט געזען ווערען.”.[5] אין דעם דאָזיגען מיסטעריעזען זאַץ, וואָס איז אָנגעפּילט מיט רמזים פון אַן איבערנאַטירליכער דערשיינונג אין געשטאַלט פון אַ מענשען, גלויב איך, איז אַריינגענומען אַ גרויסער פילאָזאָפישער אמת, וואָס מיר מוזען הויך אָפּשאַצען, אויב מיר ווילען פאַרשטיין די אַנטוויקלונג פון דעם גאָט־באַגריף אין אידענטום. בשעת מיר זיינען נישט ביכולת אויפצונעמען גאָט׳ס וועזען אין זיין גאַנצען גלאַנץ — ווייל — „מיין פּנים זאָל קיינער נישט זען” — כאַפּען מיר דאָך אויף אַ בליק דאָ און דאָרטען פון יענער געטליכקייט, הגם אָט די קורצע בליקען אַנטפּלעקען נישט גאָט׳ס אמת׳ע עסענץ, נאָר זיינען בלויז די פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען פון אונזער מח און האַרץ. מיר מוזען באַשאַפען אַ

אַ גייסטיגע בילד פון אים, מחמת מיר ווילען האָבען פון אים אַ בילד; מחמת מיר ווילען אים קענען און אָנקוקען אים. דער דיכטער, וועמענס הימן פון ליוב און כבוד מיר זינגען עד היום אין דער סינאַגאָגע (און שבת ביים טיש), דריקט עס אמת'דיג אויס ווען ער זינגט: „איך וועל דערקלערען דיין כבוד, הגם איך האָב דיך נישט געזען; איך וועל דיך באַשרייבען דורך בילדער, הגם איך האָב דיך נישט געקענט... זיי האָבען וועגען דיר דערציילט אין בילדער, אָבער נישט לויט דייך אמת'ן תוך; זיי האָבען דיך בלויז צוגעגליכען אין איינקלאַנג מיט דיינע ווערק."[9])

אַזוינאַך, קענען מיר דערקלערען די פאַרשיידענע באַשרייבונגען פון גאָט, וואָס מיר געפינען אין דער ביבעל, און אין אונזער גאַנצער היילינער ליטעראַטור. זיי זיינען בלויז אָפּשטראַלענדיגע בליקען פון גאָט, ווי זיי ווערען אָנטפלעקט דורך די באַגרעניצטע כוחות פון מענשליכען מח. בשעת מיר מוזען צוגעבען דעם אמת, אַז די אידישע לערער האָבען פראָטעסטירט און געוואָרענט אַנטקעגען אַנטראָפּאָמאָרפישע באַגריפען פון גאָט, עס הייסט, אַנטקעגען פאַרשטעלען זיך גאָט אין געשטאַלט פון אַ מענשען — מיר דאַרפען בלויז, בנוגע דעם, דערמאָנען די ווערטער פון דעם רמב"ם, אַז „ווער נאָר עס באַגרייפט גאָט ווי אַ קערפּערליכען וועזען איז אַ משומד"). האָבען זיך מענשען דאָך גענויטיגט אין באַשאַפען בילדער פון אים אין זייערע מוחות כדי צופרידענצושטעלען דאָס גאָרען און בענקעניש פון זייער האַרצען, וואָס בלייבט אַזוי מאַכטלאָז אים צו זען. און טאַקע דערפאַר, וואָס דער באַרימטער רבי אברהם בן דוד פון פּאָסקווייער האָט אנערקענט אָט די הינטערשטעליגקייט פון מענשליכען פאַרשטאַנד, טאַקע דערפאַר, האָט ער עס אַזוי שטרענג קריטיקירט דעם רמב"ם פאַר זיין אויבענדערמאָנטער מיינונג.[8]) ווייל אין דער אמת'ן געפינען מיר דאָך יאָ באַשרייבונגען און באַצייכענונגען פון גאָט אי ווי אַלס קריגער, און אי ווי אַלס פּאַסטוך, אַלס קעניג, און אַלס שופט, און ווי אַ פאָטער — דאָס זיינען אַלע מענשליכע באַגריפען. ווי אַזוי קענען מיר דערקלערען אַזעלכע שילדערונגען און באַשרייבונגען, וויסענדיג אַז גאָט באַלאַנגט נישט צו דער קעניגרייך פון ווערען געשילדערט און באַשריבען? די מענשען אָבער פון אַמאָל האָבען פשוט אַריינגעלייגט זייער אייגענעם אופן פון שילדערען אין דעם באַגריף פון גאָט דורך דעם אייגענעם פאַרלאַנג זייערען צו קומען נעענטער צו אים. די חז"ל באַטאָנען אין זייער באַהויפּטונג, אַז די תורה איז געניגט, ווען באַנוצענדיג זיך מיט באַשרייבונגען, צו העלפען דעם פראָסט און פשוט'ן מענשען, אַז אַלע ענליכע אויסדרוקען בנוגע גאָט זאָלען נישט

געקומען ווערען בוכשטעבליך; די שילדערונגען און באַשרייבונגען זיינען פשוט צוליב דער סיבה, וואָס עס פעלט דעם מענשען אויס שפּראַך, לשון.[9]) אָדער, ווי אַ געוויסער ראַבי דריקט זיך אויס: „כדי צו געבען דעם אויער די מעגליכקייט צו הערען דאָס וואָס קען הערען!".[10]) אַפילו ווען מיר זאָגען היינט, צום ביישפּיל, אַז גאָט איז אַל־וויסענד אָדער כולו־גוט, מוזען מיר רעאַליזירען, אַז מיר באַנוצען זיך מיט אַ טערמינאָלאָגיע, וואָס אין פילאָזאָפישער שטרענג־קייט איז עס נישט צוגענגליך צו גאָט. נאָר מיר באַנוצען זיך יאָ מיט אָט דער טערמינאָלאָגיע, ווייל, צוליב דער הינטערשטעליגקייט פון מענשליכען לשון, קענען מיר זיך בעסער נישט העלפען.

מיר מוזען אָט וואָס פאַרשטיין, אויב מיר ווילען שטודירען אַלע אַריינגענומענע פאַרשיידענע באַגריפען וועגען גאָט. ווען מענשען האָ־בען געפירט אַ פּאַסטאָראַלען לעבען, האָבען זיי נאַטירליך באַגריפען גאָט אַלס אַ פּאַסטוך. ווען זיי האָבען געפירט אַ מאָנאַרכישען לעבען, און דער פירער זייערער איז געווען ביי זיי אין די אויגען די פאַר־קערפּערונג פון אַלץ וואָס גרויס און מעכטיג, איז דאַן געווען נאַטירליך, אַז זיי זאָלען זיך פאָרשטעלען זייער גאָט אַלס קעניג. ווען זיי האָבען אָנגעהויבען צו אידעאַליזירען די ליבע און איבערגעבענקייט פון אַ פּאָטער, איז גאָט ביי זיי געווען געגליכען צו אַ פּאָטער; און ווען זיי האָבען אָפּגעשעצט די ראָליע פון אַ שופט אין דורכפירען גערעכ־טיגקייט, איז גאָט געווען באַטראַכט ביי זיי אַלס גרעסטער שופט. ווי פ. מאַקס מילער דריקט זיך אויס: „דער מענש האָט צוגעטראַכט און באַשאַפען מיטלען פונקט אַזוי פאַרשיידן ווי די נאַטור אַליין, כדי אויסצודריקען די אידעע פון גאָט ביי אים אין האַרצען.".[11])

איך באַטאָן בכיוון אָט דעם פונקט אין אונזער דיסקוסיע, צוליב פאַרשיידענע סיבות. מאַנכע מענשען באַהויפּטען אויף אַ קינדישען שטייגער, אַז מיר האָבען בלויז אַ באַשטימטען באַגריף וועגען גאָט, און סיידען דו נעמסט אָן אָט דעם באַגריף, מוזטו שוין אויפגעבען יעדע באַרעכטיגונג צו גלויבען אין גאָט. ווילען מיר דאָ דעריבער באַטאָנען, ווי געזאָגט, אַז עס איז לחלוטין נישטאָ קיין פיקסירטער באַ־גריף וועגען גאָט און אידענטום; באַגריפען וועגען אים זיינען גע־וואָקסען, און זיך אַנטוויקעלט און אַפילו זיך געענדערט פון דעם ערשטען פרימאָרגען פון אידישען לעבען ביז היינט צו טאָג!

אַזוי איז מיט דער מענשהייט בכלל און אַזוי איז מיט דעם יחיד בפרט. ווען איר פּרובירט רעדען צו אַ קינד פון גאָט, רעדט איר צו אים אַזוי, אַז איר באַנוצט זיך מיט אַ קינדערשען לשון, אין דער שפּראַך פון צויבער־מעשיות, אָדער, בעסער געזאָגט, אין דער שפּראַך,

וואָס זיין יונגער מוח׳ל קען אויפנעמען. ווען אָבער ער וואַקסט אויף, רעדט איר צו אים איבער דער זעלביגער טעמע אין גאָר אַן אַנדער לשון. אַזוי איז אויך מיט דער מענשהייט — און אַזוי אויך מיט׳ן אידישען פאָלק. אין דער קינדערשער מדרגה פון זייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, איז אפשר דער באַגריף וועגען גאָט געווען אַ קינדערשער. אָבער אָט די גאָר יונגע באַגריפען זיינען געוואַקסען און אויסגעוואָקסען מיט זייער נאַציאָנאַלען גייסט און דערפאַרונג. גאָט איז טאַקע דער זעלבער גאָט, אָבער אונזערע באַגריפען וועגען אים האָבען זיך געביטען, און געוואקסען מיט יעדער רייכער דערפאַרונג. מיר קענען זאָגען מיט׳ן זעלביגען דיכטער פון דער סינאַגאָג, ווי ער זאָגט אין זיין אַנעים זמירות, לויט ווי מיר האָבען אים אויבען דערמאָנט: „הגם מענשען האָבען זיך פאָרגעשטעלט דיך אין פאַרשיידענע געשטאַלטונגען, דו ביזט אָבער איינער אין אַלע ענליכקייטען.״.[12])

די תנאים באַהויפּטען, ווירקליך, אָט דעם אמת אין זייער אייגענאַרטיגען שטייגער. געבענדיג זייער פּירוש אויף די ווערטער פון דעם בעל־התהילים: „דער קול פון גאָט איז בכח, מעכטיג״,״ זאָגען זיי, אַז גאָט אַנטפּלעקט זיך נישט מיט זיין אייגענעם געוואַלטיגען כח, נאָר — לפי כוחו של כל אחד ואחד: „לויט דעם כח פון יעדען איינצעלנעם מענשען און לויט דעם מענשענ׳ס אינערליכער קראַפט.״.[13]) און, מיר קענען נאָך צוגעבען: לויט דער מדרגה פון אמת׳ער ציוויליזאַציע וואָס דער דור האָט דערוואָרבען.

אויב איר שטודירט די ביבעל מיט שכל, וועט איר קענען נאָכפאָלגען די פאַרשיידענע מדרגות פון אָט דעם וואוקס און אַנטוויקלונג. איר וועט דאָרט זען און דערקענען די גאָט־אידעע, לפי כוחו של כל אחד ואחד, עס הייסט: לויט דעם כח פון דעם קלענסטען און פון דעם גרעסטען, ווי ער האָט גאָט געזען. איר וועט באַמערקען, אַז צוערשט האָט מען גאָט באַגריפען, ווי בלויז איינער פון פילע אַנדערע געטער; דאַן אַביסעלע שפּעטער צו, וועט איר אים זען אַלס דעם גרעסטען פון אַלע געטער; דאַן, ווידער, בלויז דער גאָט פון ישראל, און צום סוף, וועט איר אים זען, ווי ער איז געוואָרען אויפגענומען ביי די נביאים און גייסטיגע ריזען — אַלס דער גאָט פון דער גאַנצער מענשהייט און פון גאַנצען אוניווערזום — דער גאָט, דער אייביגער, דער גאָט ,וואָס הערשט לעולם ועד איבער די גורלות פון דער גאַנצער מענשהייט. די ביבעל באַריכטעט אָט די אַלע פונקטען, ווייל די ביבעל שפּיגעלט אָפּ דאָס לעבען פון אונזער פאָלק, זייערע אידעען און אידעאָלאָגיעס אין לויף פון אַריבער טויזענט יאָר. פּרימיטיווע באַגריפען דערשייבען זייט ביי זייט מיט די פאָרטגע־

שריטענע פּראַפּעטישע באַגריפען. זוכענדיג די אמת'ע אידישע באַגרי־פען, מוזען מיר אויך וויסען ווי צו אונטערשיידען צווישען רייגעם גאָלד און פסולת. מיר מוזען פאָרשען נאָך די שענסטע און גאָבעלסטע באַגריפען, וואָס די אידען האָבען דערגרייכט אין די העכסטע מאָמענטען פון זייער עקזיסטענץ; מיר מוזען אויפזוכען די באַגריפען וועגען גאָט, לויט ווי זיי זיינען געלערענט געוואָרען פון די גאָט־באַוואוסט־זיניגע פירער און גייסטער, איידער פון די באַגריפען און באַשרייבונ־גען, וואָס מיר געפינען ביי דעם געוויינליכען מענשען פון זייער סביבה.

און איך באַטאָן אָט דעם פאַקט, ווייל איך וויל דאָ קלאָר מאַכען דעם פּראָגרעסיווען גייסט, וואָס באַצייכענט די אידישע לערע פון דער גאָט־אידעע. דאָס אידענטום גלויבט אין דער עוואָלוציע פון דעם מענשליכען געדאַנק. אידענטום לערענט, אַז מיט דער מדרגה'דיי־גער אַנטוויקלונג און פאַרפולקומענקייט פון דעם מענשליכען געדאַנק און מיט דער באַרייכערונג פון מענשליכען גייסט, וועט מען קענען אַלץ מער און מער פּראָגרעסירען און קענען אַריינקוקען און אויפנע־מען די גאָטהייט; און אַלץ מער און מער וועלען אונזערע קאָנצעפּ־ציעס וועגען גאָט ווערען אַנטוויקעלט און פאַרפיינערט.

אייניגע פון אייך וועלען זיך דערמאָנען דעם פאַקט, וואָס מיט עטליכע יאָר צוריק האָט אַ פּראָפעסאָר אין איינעם פון אונזערע קאָלעד־זשעס,[14]) העגרי עלמער באַרנעס, ממש איבערגעשראָקען אַ צוזאַמענ־קונפט פון וויסענשאַפטסלייט און חכמים מיט דער דערקלערונג, אַז וויסענשאַפט הייגט צו טאָג פאָדערט אַ נייע קאָנצעפּציע וועגען גאָט, און אַז אָט דער נייער בליק מוז ווערען פאָרמולירט אין דעם ליכט פון הייגט־צייטיגע נאַטור־וויסענשאַפטסלייט, ווייל דער היינטיגער באַ־גריף זעט אויס צו זיין אין צוזאַמענשטויס מיט די פילע טראַדיציאָ־נעל־טעאָלאָגישע און קאָסמאָלאָגישע אידעען. איך געדענק זייער קלאָר, וואָס פאַר אַ קאָך־און־געטומעל זיין באַהויפּטונג האָט געמאַכט אין די צייטונגס־קאָלומס, ווי אַ באַרימטער און אויסגעצייכענטער אויבער־בישאָף פון דער קירך האָט אָנגעקלאָגט און פאַרדאַמט, אין קרעפטיגען אויסדרוק פון שפּראַך, אַפילו בלויז די אידעע פון אַזאַ מין פאַרלאַנג. היינט, וואָס וואָלט שוין געווען, גלוסט זיך מיר פרעגען, דער ענט־פער פון טראַדיציאָנעלען, היסטאָרישען, אידענטום צו אַזאַ סאָרט אַרויסרוף? אידענטום, גלויב איך, וואָלט געזאָגט: „אויב איר קענט נאָר געבען דער וועלט אַ נייעם, אַ קלאָרען אַריינבליק אין דער גאָט־הייט, אויב איר האָט נאָר אַ נייע קאָנצעפּציע וואָס איר קענט אָנבאָטען און שענקען דער מענשהייט, דאָס מענשליכע האַרץ, וואָס דורשט אַזוי נאָך גאָט, אוודאי און אוודאי, און מהיכא תיתא, גיט עס אונז, און

די וועלט וועט אייך דאַנקבאַר זיין אויף אימער און אויף אייביג!" אָט אין דעם ליגט די שיינקייט פון אידענטום! אידענטום איז קיינמאָל נישט געווען, און איז עס נישט איצט, און וועט עס קיינמאָל נישט זיין, אויף קיין שום גראַד, דאָגעגען וועלכען עס איז נייעם באַגריף פון גאָט, וואָס דער מענשליכער מח איז אפשר ביכולת צו פאָרמולירען, אַזוי לאַנג, ווי אָט דער נייער באַגריף האָט אַלץ צו טאָן דורך און דורך מיט גאָט, און נישט מיט עפּעס, וואָס וועט דינען ווי אַ במקום פון גאָט. עס ווילט זיך גלויבען, אַז דעם מענשען׳ס קאָנצעפּציע פון גאָט מוז כסדר וואַקסען מיט דעם וואוקס פון מענשליכען מח און מיט דער באַרייכערונג פון מענשליכען האַרץ.

אין דער ביבעל געפינט זיך אַ שטאַרקע שטעל, וואָס, ווי איך גלויב, אַנטפּלעקט פאַר אונז אויף אַ זאַנדערבאַרען אופן די לערע פון אידענטום טאַקע וועגען אָט דער טעמע. ווען משה איז געשיקט געוואָרען אויף זיין היסטאָרישער מיסיע צו בריינגען זיין שליחות פון פריי־הייט צו זיינע פאַרשקלאַפטע ברידער אין מצרים, האָט משה געזאָגט צו גאָט: „ווען איך קומען צו די קינדער פון ישראל און איך וועל צו זיי זאָגען, אַז דער גאָט פון אייערע אָבות האָט מיך צו אייך געשיקט, און זיי וועלען צו מיר זאָגען — וואָס איז זיין נאָמען? וואָס זאָל איך צו זיי זאָגען?".[15] וואָס אייגענטליך קענען אַזעלכע ווערטער מיינען? צי האָבען דען די אידען אין מצרים נישט געוואוסט פון גאָט? צי שטייט דען נישט אין חומש בפירוש געשריבען, אַז זייער לעבען איז געווען אַזוי פאַרביטערט, אַז זיי האָבען גערופען מיט געוויין צו גאָט?[16] ווי־זשע איז עס מעגליך צו באַגרייפען, אַז, ווען משה וועט קומען צו זיי און רעדען צו זיי אין דעם נאָמען פון גאָט פון זייערע אָבות, דער גאָט צו וועמען זיי האָבען גערופען אין זייער אַנגסט און אין עת צרה, וועלען זיי דאַן גאַר פרעגען: „וואָס איז זיין נאָמען?" — ווי ער וואָלט געווען לחלוטין אַ פרעמדער צו זיי! און דער ענט־פער, וואָס גאָט גיט משה׳ן איז נאָך מער מאָדנע און אַביסעלע קשה. „איך בין וואָס איך בין! אַזוי זאָלסטו זאָגען צו די קינדער פון ישראל, אהיה האָט מיך געשיקט צו אייך!"[17]

איר האָט אָבער אין דעם דאָזיגען דיאַלאָג, אין אָט דעם לשון, עפּעס וואָס טראָגט אין זיך באַהאַלטען אַ פיל טיפערען געדאַנק, טאַקע דעם עיקר תוך פון דער אידישער באַציאונג צו דעם באַגריף פון גאָט. די ישראלים אין עגיפּטען האָבען טאַקע געקענט זייער גאָט, דעם גאָט פון זייערע אָבות. זיי האָבען אָבער געזוכט אַ נייערע קאָנצעפּציע פון יענעם גאָט זייערען. מה שמו, וואָס איז זיין נאָמען איצטער? אונטער וועלכען באַגריף שטעלט איר זיך אים פאַר היינט, ווען די דערפאַרונג

פון אונזער לעבען פאַדערט אַ פאָרגרעסערונג פון יענער קאָנצעפּציע, פאַר אַ באַרייכערונג פון אונזער וויזיע? און גאָט גיט דעם ריכטיגען ענטפער. די ענגלישע איבערזעצונג פון גאָט׳ס ענטפער — „איך בין וואָס איך בין" איז נישט די בוכשטעבליכע איבערזעצונג; עס איז, באמת, גאָר אַן איבערזעצונג, וואָס מען קען אָפּפרעגען, און דער באַדייט איז אַביסעל צווייפעלהאַפט. ווייל דער ענטפער „אהיה אשר אהיה", מיינט בוכשטעבליך „איך וועל זיין, וואָס איך וועל זיין". עס גיט נישט קיין באַשטימטען און פיקסירטען באַגריף. איך וועל זיין, מיינט עס, וואָס די צוקונפט וועט ענטדעקען וועגען מיר. „אַזוי זאָלסטו זאָגען צו די קינדער פון ישראל, „אהיה האָט מיך צו אייך געשיקט!" די וויכטיגע זאַך איז, אַז אהיה, „איך וועל זיין" — איך וועל אייביג זיין גאָט! און וואָס אַנבאַלאַנגט מיין נאָמען, דאָס וועט שוין די צוקונפט אַליין זאָגען — יאָ, איך וועל זיין וואָס נאָר דער מענשליכער מח און געדאַנק און זיין האַרץ וועלען קענען דערגרונטעווען צו מיין מיסטעריע.

דער אידישער גאָט־באַגריף איז נישט אַ סטאַטישער אָדער פיקסירטער. ווי די חז״ל טייטשען אויס די ווערטער: זה שמי לפי שעה, אהיה אשר אהיה — וואָס איז נוגע מיין נאָמען, און וואָס איז נוגע דעם מענשען׳ס קאָנצעפּציע וועגען מיר, איז — לפי שעה, איז אַלץ געוועגדט אין דער צייט.[18]), איז אַלץ געווענדט לויט דער מדרגה פון דער ציוויליזאַציע, וואָס מענשען וועלען דערגרייכען; אהיה אשר אהיה, — „איך וועל זיין וואָס נאָר איך וועל זיין" — עס ווענדט זיך אַלץ נישט אַזויפיל אין מיר, נאָר עס ווענדט זיך אין די גייסטיגע דערגרייכונגען צו וועלכע די מענשען וועלען אויפשטייגען.

און איצט, בעט איך אייך, באַטראַכט נישט אָט די אינטערפּרעטאַציע פון דעם ביבלישען דיאַלאָג ווי עפּעס אַן ענין, אויף וועלכען מ׳איז מדקדק אויף יעדער קליינינגקייט, אָדער אַ מין סאָרט אויסדרייען מיט׳ן גראָבען פינגער... איך האָב אייך בלויז איבערגעגעבען דאָס, וואָס איך גלויב צו זיין דער אמת׳ער באַדייט פון אָט די ביבלישע ווערטער. איר וועט אָנטרעפען דעם זעלביגען געדאַנק ווידער באַטאָנט אַביסעל ווייטער־צו אין דער ביבלישער מעשה. גאָט איז ווידער דערשינען פאַר משה׳ן און האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „איך בין יהוה, און איך בין דערשינען פאַר אברהמ׳ען, פאַר יצחק׳ן און פאַר יעקב׳ן באל שדי, ווי דער גאָט שדי. ושמי יהוה לא נודעתי להם, נאָר מיט מיין נאָמען יהוה האָב איך זיך נישט דערקענט צו זיי.".[19]) פרעגען מיר ווידער, וואָס מיינט עס אַלץ?

לויט די חז״ל[20]), שטעלען פאַר די פאַרשיידענע נעמען פון גאָט

פאַרשיידענע באַגריפען. אלהים, למשל, באַטאָנט דעם באַגריף פון גאָט, וועלכער טיילט־אויס גערעכטיגקייט; יהוה — דער גאָט, וועלכער ווייזט אַרויס מיטלייד און רחמנות; שדי — דער גאָט פון קראַפט און מאַכט. די ישראלים אין מצרים האָבען געקענט גאָט ווי דער אל שדי, דער גאָט, וועלכער רעגירט איבער דעם וועלט־אַל, דער פילאָזאָפישער אָדער קאָסמישער גאָט. אָבער שפּעטער־צו האָבען זיי דערגרייכט די מדרגה אין זייער גייסטיגער דערפאַרונג, ווען זיי האָבען אויפגעכאַפּט אַ נייעם בליק אויף גאָט, ווען זיי זיינען געווען פעאיג צו דענקען וועגן אים דורך אַ נייער קאָנצעפּציע — די קאָנצעפּציע פון יהוה, אָדער, דער גאָט וועלכער איז אין עסענץ פול מיט מיטלייד און רחמנות. די אידען האָבען נישט געקענט פאַרשטיין, הלמאי זיי זיינען כסדר פאַרשקלאַפט, און הלמאי דערלויבט עס דער גאָט פון זייערע עלטערען, אַז זייער לאַגע פון פאַרשקלאַפונג זאָל אָנהאַלטען. אַ גאָט, וועלכער איז אַן אל שדי — די קראַפט, וואָס פירט די הימלען און די ערד, נאָר וועלכער האָט נישט די איבערמאַכט אויף דעם מענשען'ס לעבען — איז נישט גענוג. אָט דער זעלביגער באַגריף פון גאָט, אַלס די העכסטע קראַפט, האָט געקענט כמעט רעכטפאַרטיגען די הערשער פון מצרים אין זייער פילאָזאָפיע, אַז מאַכט איז רעכט, טאַקע דערפאַר, וואָס זיי האָבען געהאַט די מאַכט, האָבען זיי זיך גערעכט־פאַרטיגט און פאַרשקלאַפט די שוואַכע. זיי האָבען איצט אָנגעהויבען צו וויסען און פאַרשטיין, אַז גאָט מוז זיין פיל מער ווי שדי — און צום ערשטען מאָל אין זייער נאַציאָנאַלער דערפאַרונג, איז גאָט צו זיי געוואָרען דערקענט אַלס יהוה, דער גאָט פון רחמנות, וועלכער האָט זיך אָנגענומען פאַר די שוואַכע אַנטקעגען די שטאַרקע, און ער איז מיט די געציילטע קעגען די פילע, מיט די פאַרשקלאַפטע קעגען די פירער און רעגירער, וואָס צווינגען אויף זיי אַרויף קייטען פון קנעכטשאַפט.

אַזעלכע אַנטפלעקונגען פון די טיפערע באַגריפען וועגען גאָט זיינען נישט געוואָרען בלויז אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן מענשען. רש"י, דער גרויסער בעל מפרש, ווייזט אונז אָן [21], אויף אַ זייער קלוגען שטייגער, אַז אונזער אָריגינאַל זאָגט: „לא נודעתי" (אין דעם פאַסיווען זין פון וואָרט — „איך בין נישט געווען באַקענט") און נישט „הודעתי" (אין דעם אַקטיווען זין — „איך האָב זיך נישט געמאַכט באַקאַנט"), כדי צו לערנען אונז אָט דעם גרויסען אמת, אַז אָט די נייע באַגריפען וועגען גאָט זיינען נישט געגעבען געוואָרען צו מענשען אויטאָמאַטיש. יאָ, מיר קענען נישט דערגרייכען נייע באַגריפען וועגען גאָט, ווען מיר ווילען בלויז אַרויסריידען: מיר ווילען נייע באַגריפען. ניין, מיר

מוזען זיין גייסטיג צוגעגרייט פאַר די נייע אַנטפּלעקונגען. „נודעתי,“ „איך ווער געמאַכט באַקאַנט“ — איך ווער אַנטפּלעקט דורך דער מענשליכער נשמה, דורך זיין האַרץ, און דורך דעם מענשליכען פאַר־שטאַנד!

אונזער תלמודישע ליטעראַטור גיט אונז אַ גרויסע צאָל פון אַזעלכע ביישפּילען, וואָס אילוסטרירען די היסטאָרישע אַנטוויקלונג און וואוקס פון דעם גאָט־באַגריף. כדי צו ציטירען אַפילו בלויז איין ביישפּיל, וועלען מיר אַ קוק טאָן, וואָס עס שטייט אין מסכת ברכות: „פון דעם ערשטען טאָג אָן, וואָס גאָט האָט באַשאַפען די וועלט, ביז צו די טעג פון אברהם אָבינו, האָט קיינער נישט אָנגערופען גאָט מיט דעם נאָמען — אַדון, האַר, אָדער קעניג, ביז עס איז געקומען אברהם, און ער האָט אים באמת אַזוי אָנגערופען מיט דעם נאָמען“:[22]) עס איז געוועזן אַ נייער באַגריף פון גאָטהייט, לויט אונזערע חכמים, וואָס עס האָט זיך אַנטפּלעקט דורך אברהמ'ען — גאָט אַלס דער אַדון, דער האַר און הערשער פון וועלט־אַל. און דער גרינדער פון חסידיזם, דער בעל שם טוב, איז אַ וואונדער־שיינע אינטערפּרעטאַציע, שטעלט די פראַגע פאַרוואָס מיר זאָגען אין דעם אַריינפיר צו שמונה עשרה: „דער גאָט פון אונזערע אָבות, דער גאָט פון אברהם, דער גאָט פון יצחק און דער גאָט פון יעקב!“ הלמאי דאַרף מען איבערחזרן דאָס וואָרט: גאָט? צי וואָלט נישט גענוג געווען צו זאָגען: „דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב?“ דער תירוץ אָבער, זאָגט ער, איז: — דאָס וואָרט גאָט ווערט איבערגע'חזר'ט, כדי צו באַאיינדרוקען אונז מיט דעם געדאַנק, אַז הגם ער איז דער גאָט פון אונזערע אָבות — דער זעלביגער גאָט דורך אַלע, אַלע דורות — האָט אברהם אונז באַ־איינדריקט, אַז מיר זאָלען פאַרשטיין גאָט, אַזוי, אַז ער איז באמת דער גאָט פון אברהם. יצחק האָט מקבל געווען פון זיין פאָטער אברהם אָט דעם באַגריף, אָבער ער האָט אויך צוגעגעבען זיין אייגענע וויזיע צו דעם, אַזוי, אַז גאָט איז אויך דער גאָט פון יצחק; און יעקב ווידער, וואָס האָט מקבל געווען די פריערדיגע צוויי באַגריפען פון זיינע אָבות, האָט אויך אַרויפגעלייגט זיין אייגענעם חותם אויף זיי, אַזוי, אַז גאָט איז אויך דער גאָט פון יעקב.[23]) מיט אַנדערע ווערטער, יעדער דור ודור, אויב ער איז נאָר גייסטיג געשטימט, קען אויך צוגעבען זיין אייגענע וויזיע, זיין אייגענעם נייעם בליק וועגען דער גלאָריע פון דער גאָטהייט.

אָט אין דעם ליגט די איינציגע גרויסקייט פון אידענטום. עס פאַרמאָגט אַ טיפען גלויבען אין דער אַנטוויקלונג פון מענשליכען פאַר־שטאַנד און מענשליכען האַרץ. אידענטום גלויבט אין דער שענסטער

פאַרגרעסערונג און אַנטפּלעקונג פון אונזער גייסטיגער וויזיע אין דער צוקונפט. נייך, מערער נאָך, אידענטום פאַרלאַנגט פון אונז צו זיין ערליך און אויפריכטיג אין אונזער קאָנצעפּציע פון גאָט. מיר געפינען אַ מאמר אין תּלמוד, וואָס מיר טאָרען נישט פאַרפעלען איבערצוגעבען אים אין אונזער איצטיגער דיסקוסיע. „משה רבינו האָט אָנגערופען גאָט ׳דער גרויסער און מעכטיגער און מורא׳דיגער׳ דאַן איז געקומען ירמיהו און געפרעגט: „ווען פרעמדע געצענדינער טאַנצען אין גאָט׳ס היכל; ווי־זשע איז זיין מאַכט און שרעק?" האָט ער גענומען און אַרויסגעוואָרפען דעם שם התואר, דעם אַדיעקטיוו, דעם צו־נאָמען ׳מורא׳דיגער׳ פון דער באַשרייבונג פון משה. דאַן איז געקומען דער נביא דניאל, און האָט געזאָגט: „די געצענדינערישע אַריינדרינגער האָבען אַרונטערגעבראַכט גאָט׳ס קינדער צו דער מדרגה פון קנעכטשאַפט; וואו־זשע איז גאָט׳ס מעכטיגקייט?" און ער האָט נישט אָנגערופען גאָט ׳מעכטיגער׳. דער תּלמוד גיט צו, אַז די פאַרשטייער פון די גרויסע סינאַגאָגען האָבען צוריק אַריינגעבראַכט אָט די אַדיעקטיוון, אָדער די באַגריפען פון גאָט, אַנווייזענדיג די הינטערשטעליגקייט אין דענקען פון ירמיהו און דניאל. די רבנים פרעגען, יעדענפאַלס, אויף אַן אויסגעצייכענטען שטייגער, „ווי אַזוי נאָך האָבען עס די נביאים געוואָגט צו זאָגען דעם היפך, דאָס פאַרקערטע, פון דעם וואָס משה האָט געזאָגט?" און רבי יצחק ענטפערט: „ווייל די נביאים האָבען געוואוסט, אַז גאָט אַמתי הוא, גאָט איז דער עסענץ פון אמת, האָבען זיי דעריבער נישט געקענט אים זאָגען ליגען!"[24]). יאָ, ס׳איז צום באַוואונדערען, וואָס פאַר אַ גלאָריפיצירטע וויזיע עס קומט צו אונז אַראָפּ פון אָט דער תּלמודישער מעשה! דאָס אידענטום פאָדערט אויפריכטיגקייט און אמת אין אַלע אונזערע לערען בנוגע גאָט.

יאָ, אויב וועלכער עס איז פּראָפעסאָר, אָדער גרויסער פאָרשער, דורך זיינע זוכענישען און פאָרשונגען אויף נייע געביטען, קען אונז געבען אַ נייעם באַגריף פון גאָט, וואָס זאָל אונז בריינגען אַ צוגעגעבענע גייסטיגע באַפרידיגונג צו די מענשליכע בענקענדיגע הערצער, וועט די וועלט אים געוויס געבען גאָר גרויסען קרעדיט! מיר האָבען אָבער מורא, אַז אַזעלכע נייע אַנטפּלעקונגען וועלען נישט קומען פון דעם וויסענשאַפטסמאַן, אָדער פון דעם פילאָזאָף, נאָר פון דעם גאָט־באַרוישטען מענשען — דער מענש פון געטליכער וויזיע.

טאָלסטאָי האָט עס קלאָר געזען, ווען ער האָט אונז געזאָגט אין זיין ברילליאַנטענע „עסיי איבער רעליגיע און מאָראַל," אַז, „נישט די פילאָזאָפיע און נישט די וויסענשאַפט קען פעסטשטעלען דעם מענשען׳ס פאַרוואַנדשאַפט צום וועלט־אַל... דעם מענשען׳ס פאַרוואַנד־

שאַפט צו דער וועלט ווערט דעפינירט נישט בלויז דורך זיין אינטע־לעקט, נאָר אויך דורך זיין פּילען, און דורך דער גאַנצער קאָמבינאַ־ציע, אחדות׳דיגער פאַרבינדונג פון זיינע גייסטיגע כוחות... די מעלות, וואָס מאַכען, אַז מאַנכע מענשען זיינען מער צוגעפּאַסט און ביכולת אויפצונעמען דעם שטייגענדיגען אמת זיינען נישט וועלכע ס׳איז ספּעציעלע, אַקטיווע מעלות פון זיין פאַרשטאַנד, נאָר, פאַרקערט, זיי זיינען פּאַסיווע מעלות פון מענשענ׳ס האַרץ, וואָס קומען זיך צוזאַמען גאָר זעלטען מיט אַ גרויסען און נייגעריג־פאָרשענדיגען אינטעלעקט; יאָ, זיי זיינען גיכער דאָס קענען זיך אָפּזאָגען פון פאַרלייקענען די אַלע זאָרגען פון דער וועלט, דער שטאַרקער באַוואוסטזיין פון אייגע־נער מאַטעריעלער אומווירדיגקייט, און די גרויסע אויפריכטיגקייט, ווי מיר זעען זיי אַלס שטאַרקע מוסטערען ביי די אַלע גרינדער פון רעליגיע.״.[25])

דאָס אידענטום פאַרמאָגט טיפען גלויבען אין דער צוקונפט. איר וועט זיך דערמאָנען די שיינע ווערטער פון דעם נביא, מיט וועלכע דער איד פאַרענדיגט זיין יעדען דאַוונען: „און גאָט וועט זיין מלך אי־בער גאָר דער ערד; אין יענעם טאָג, ביום ההוא, וועט גאָט זיין אחד און זיין נאָמען אחד.״.[26]) פרעגען אויף דעם די תלמידי חכמים: „און איצט, צי איז דען נישט אויך איצט אונזער גאָט — אחד? וואָס־זשע מיינען די ווערטער ׳אין יענעם טאָג, ערשט ביום ההוא, וועט גאָט זיין אחד און זיין נאָמען אחד׳?״ און זיי ענטפערען אויף דעם זייער שיין און ריכטיג אין מסכת פסחים: „איצטער איז גאָט טאַקע אחד, איי־נער, אָבער זיינע נעמען, ביי וועלכע מען רופט אים, זיינען פילע. יעדער איינער באַגרייפט אים, לויט זיין אייגענער וויזיע. אָבער, אין דער צוקונפט, אין דער וועלט וואָס דאַרף ערשט זיין — אין יענער גלאָררייכער צוקונפט, וואָס דאַרף ערשט קומען — דאַן וועט נישט נאָר גאָט זיין אחד; נאָר אויך זיין נאָמען וועט דאַן זיין אחד, איי־נער.״ [27]) די גאַנצע מענשהייט וועט האָבען דערגרייכט די העכסטע הויכען פון גייסטיגען אמת, אַלע, אַלע וועלען קענען אויפנעמען די וויזיע, וואָס איז ביי זיי געווען באַהאַלטען פאַר יחידי סגולה, פאַר די עטליכע גאָר אויסדערוויילטע, אַ וויזיע, אַ זעאונג, וואָס וועט מאַכען פון אונזער וועלט אַ קעניגרייך פון ברכות און פון פיל זעליגקייט.

דערווייל, אָבער, וואָס פאַר אַ נייער באַגריף וועגען גאָט עס קען אַנטפּלעקט ווערען, ווייסען מיר, און מיר טרויען אָן, אַז דאָס וועט בלויז זיין אַ נייער בליק פון יענעם גאָט, וועלכער איז דער גאָט פון אונזערע אָבות, און דער גאָט, ווי מיר האָפען, וועט אויך פאַרבלייבען דער גאָט פון אונזערע קינדער!

פינפטער קאַפּיטעל

איז דאָס אידענטום אין צוזאַמענ־שטויס מיט דער וויסענשאַפט?

מיר וועלן אָנגיין מיט אונזער אַנאַליז איבער אידענטום מיט דער ספּעציפישער פראַגע, וואָס זעט אויס צו באַאומרואיגען אַזויפיל פון אונזער פאָלק: „איז דאָס אידענטום אין צוזאַמענשטויס מיט דער וויסענשאַפט?" ווי אַזוי קענען מיר שלום מאַכען צווישען די לערעס פון אידענטום, אין באַצוג צו געוויסע פונדאַמענטאַלע אָנזיכטען אין אונזער וועלט אַרום אונז, מיט די דערקלערונגען פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט? מיר ווילען זיך פרעגען: ווי אַזוי קומט דאָס היסטאָרישע טראַדיציאָנעלע אידענטום אויף די נייע ענטדעקונגען און די סאַמע לעצטע אַנטפּלעקונגען, וואָס די וויסענשאַפטסליט שטעלען אונז צו? איך וויל צוגעבען, אַז מיר שטייען פּנים אל פּנים מיט אַ גאָר פּאַר־פּלאָנטערטען פּראָבלעם, און דאָך איז עס נישט אַזאַ זאַך, וואָס איז נישט דערלייזבאַר, אויב מיר קומען נאָר צו צו אים מיט געוויסער פאַרשטענדניש איבער די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען, וואָס ליגען ביי דעם סאַמע באַזיס פון דער אידישער לערע.

זייער, זייער פיל אידען האָבען ממש אָנגעוואָרען דעם גלויבען און אינטערעס אין אידענטום, פּשוט צוליב אָט דער אויסזעענדיגער אונפּעראייניבאַרקייט, פון נישט קענען שלום מאַכען צווישען אָט די ביידע: — אידענטום און וויסענשאַפט! ווען זיי הערען צום ערשטען מאָל די דאָזיגע נייע טעאָריעס, וואָס זעען אויס לכתחילה אַזוי וויט אַוועק פון האַרמאָנירען מיט דעם, וואָס זיי גלויבען צו זיין די לערע פון דער ביבעל, פילען זיי, אַז אויב, ווי עס זעט אויס צו זיי, די סאַמע ערשטע זייטעל פון וועלט־באַשאַפונג אין דער ביבעל האַלט נישט אויס אין זייערע אויגען לויט דער וויסענשאַפט, דאַן איז די גאַנצע אידישע לערע ,אַלט־מאָדיש, און ווערטלאָז מיט דער נייער קולטור און ציוויליזאַציע, וואָס מיר זיינען פּריווילעגירט צו געניסען. אָט דאָס איז אייגענטליך דער גייסטיגער צוזאַמענשטויס, וואָס אַזויפיל פון

אונזערע קאלעדזש־סטודענטען, בפרט, מאכען דורך — געוויינליך אויף דעם חשבון פון אידענטום.

ווי אזוי־זשע, פרעגט זיך, קענען מיר שלום מאכען צווישען אי־דענטום און די לערנונגען פון דער וויסענשאפט פון עוואלוציע — וועלט־אנטוויקלונג? די ביבעל, באמת׳דיג, דערציילט אונז, אז די וועלט איז באשאפען געווארען אין זעקס טעג צייט, בשעת די וויסענשאפט רעדט גאר, וועגען דעם אנהויב און געבורט פון דער וועלט, אין טערמינען פון פעריאדען, צייטען גאר אוממעגליך צו פארצייכענען. צי רעכענען מיר דען נישט די עקזיסטענץ פון דער וועלט עפעס אין אן ערך פון אריבער פינף טויזענט יאר, און די וויסענשאפט רעדט גאר אין טער־מינען פון הונדערטער מיליאנען יארען? ווי אזוי, פרעגט זיך נאכ־אמאל, קענען מיר שלום מאכען מיט אט די צוויי פארשיידענע בליקען איבער דער וועלט־באשאפונג? עס זיינען געוויס נישטא צוויי אמת׳ען מיט איינמאל, און אין דער זעלביגער צייט, איין אמת פאר דער וויסענשאפט, און אן אנדער אמת פאר דער רעליגיע. און געוויס קענען מיר נישט באשטעטיגען, אז אידענטום, וואס, ווי מיר האבען שוין באמערקט, לערענט אונז, אז דער עיקר צייכען פון גאט איז דער אמת [1]), איז, אין דער איצטיגער הינזיכט אבער גאר אנדערש — האט ער גאר מורא פאר דעם אמת!

און איצטער, לאמיר אויף א ווייל, אויפנעמען דעם גרינגען וועג פון מאנכע פון אונזערע אידען, וואס זאגען אונז, אז אט די מעשיות פון חומש דארפען נישט גענומען ווערען מיט טיפער ערנסט; זיי האלטען, אז אט די מעשיות זיינען פשוט׳ע פאלקס־מעשיות, וואס שפיגלען אפ די גלויבענס פון די מענשען פון יענע צייטען. ווי קענען מיר אבער דערקלערען די באציאונג פון גאר דער גרויסער מאסע אידען, וואס האבען גראדע באטראכט די ביבעל פאר געטליך־הייליג דורך אלע דור דורות, און דעריבער שוין במילא איז אלץ, וואס ווערט אין דער תורה געשריבען, אמת׳דיג, און קיין זאך אנדערש חוץ אמת? און דעריבער שוין אויך, ווען מיר וועלען באהויפטען דעם ענטפער, אז אט די מעשה וועגען יצירת העולם שפיגעלט אפ בלויז פאלקס־מעשיות, וועט נישט פארענטפערען דעם ענין.

ס׳איז אויך אמת, אז מאנכע פון אונזערע חז״ל גופא האבען קלאר פארשטאנען, אז די ביבעל האט נישט באצוועקט צו לערנען אונז א פרק אין געאלאגיע, אדער אין וועלכער ס׳איז אנדער וויסענשאפט. איר וועט זיך אפשר דערמאנען אין דעם ערשטען פסוק פון רש״י׳ס פירוש אויפ׳ן חומש, וואו ער ציטירט ר׳ יצחק׳ס באהויפטונג, אז דער חומש האט אייגענטליך באדארפט זיך אנהויבען מיט דעם צוועלפטען

קאַפּיטעל פון שמות, וואו עס ווערט אונז איבערגעגעבען די ערשטע מצוה פון ישראל, און ס'האָט זיך נישט באַדאַרפט אָנהויבען מיט דער געשיכטע פון וועלט־באַשאַפונג; נאָר, אַז גאָט האָט עס יאָ אַזוי געטאָן מיט דעם ספּעציפישען צוועק צו איבערצייגען, דעם אידען'ס רעכט צו ירש'ענען כנען, מחמת די גאַנצע וועלט איז גאָט'ס, און גאָט קען אַסיגנירען טיילען און חלקים פון דער וועלט צו וועמען נאָר ער וויל אַליין — דאָס איז שוין אָבער אַ ריינע נאַציאָנאַלע אינטערפּרעטאַציע צו אַ דערקלערונג, וואָס, ווי עס זעט אויס, האָט עס נישט קיין דירעקטע שייכות מיט דעם אידישען פאָלק אַלס אַזעלכעס!²)

מען קען אָבער פאָרט נישט אָפּלייקענען, אַז דאָס אידיש פאָלק, בכלל, האָט צו יעדער צייט געלייענט די זייטען פון וועלט־באַשאַפונג אין בראשית מיט דער פאַרשטענדניש און גלויבען, אַז זיי דערציילען אונז אַ מעשה פון יצירת העולם מיט אַלץ און אַן אַנדער, וואָס געפינט זיך אויף דער וועלט — פרעגען מיר דעריבער, נאָאַמאָל: ווי אַזוי האָט אַט דער אַלטער בליק האַרמאָנירט אַמאָל, און אויך איצט, מיט דעם נייעם בליק וואָס ביידע זעען אונז אויס צו זיין אין שטענדיגער שטרייטיגקייט, און קענען נישט לעבען אונטער איין דאַך?

און דאָ קום איך גלייך צום מקור פון גאַנצען פּראָבלעם. אויב, צום ביישפּיל, מען וואָלט געשטעלט די פראַגע: צי איז די ביבעל אין צוזאַמענשטויס מיט דער וויסענשאַפט, וואָלטען מיר געוועזען געצוואונגען, מיט אונזער גאַנצער אויפריכטיגקייט ענטפערען, יאָ. אויב אָבער, מען וואָלט אונז געפרעגט: איז די תורה אין צוזאַמענשטויס מיט דער וויסענשאַפט, קענען מיר, מיט דער זעלביגער אויפריכטיגקייט, און בלי ספק, ענטפערען: ניין! אַט די דאָזיגע באַהויפּטונג מיינע קען אַפילו קלינגען מאָדנע, און דאַך וועט דער ענטפער מיינער גרייכען דעם סאַמע מקור פון אונזער פּראָבלעם. יאָ, איך בין געוועזען זייער פּאָזיטיוו צו באַשטימען אַלס די טעמע פון אונזער דיסקוסיע: איז דאָס אידענטום — נישט די ביבעל, — נאָר אידענטום אין צוזאַמענשטויס מיט דער וויסענשאַפט? — און אידענטום, דאַרפט איר נישט פאַרגעסען, שליסט־איין דעם אידענ' סתורה!

האָט איר זיך אַמאָל געפרעגט די פראַגע: פאַרוואָס איז עס, וואָס אָרטאָדאָקסישע קריסטען, וועמען מיר באַצייכענען געוויינליך אַלס די פונדאַמענטאַליסטען, באַקעמפען שטענדיג דאָס פאַרשפּרייטען פון ווי־סען וועגען עוואָלוציע; און פאַרוואָס, די שטאַרקע אָרטאָדאָקסישע אידען ווייזען נישט אַרויס צו דער זעלביגער צייט קיין שום אָפּאָזיציע צו דעם ענין? ווי אַזוי קענען מיר דערקלערען אַזאַ מין אויסערגעוויינ־ליכען פאַקט? אין דעם יאָר 1925, האָבען די מענשען פון אַמעריקא

דורכגעלעבט די סענסאַציע פון סקאָופּ'ס משפט אין דעם שטאַט טע־נעסי, ווען די קירך איז אַרויס אַלס די באַשיצערין פון דער ביבעל אַנטקעגען דעם פשוט'ן און עניו'דיגען לערער, וואָס האָט באַשלאָסען צו דערציילען זיינע שילער די אַפּיקורסישע פאַקטען פון עוואלוציע. די קירך איבער'ן גאַנצען לאַנד פון אַמעריקא איז דאַן געגאַנגען אויף רעדלעך... — עס איז געווען, ווי, לאָמיר זאָגען, אַ „מלחמת ד'" — אַ הייליגער קריג... — די ביבעל האָט עס באַדאַרפט באַזיגען איר ביטע־רען שונא — די וויסענשאַפט! און דאָך די אידען אונזערע, אַפילו פון דעם אָרטאָדאָקסישען לאַגער, מיט אָרטאָדאָקסישע טענדענצען, האָבען זיך אויסגעלאַכט און קלוג צוגעשמייכעלט איבער דעם דאָזיגען ספּעק־טאַקעל פון מיטעל־אַלטערטום. ווי־זשע קענען מיר דערקלערען אָט דעם אונטערשייד אין דער דאָזיגער פסיכאָלאָגישער רעאַקציע?

כדי צו פאַרשטיין גענוי די דאָזיגע דערשיינונג און קענען אויך אָפּשאַצען גראַד אַזוי גוט די באַציאונג פון דעם אידען צו אָט דעם פּראָבלעם, דאַרפען מיר וויסען, וואָס האָט אייגענטליך דער איד גע־מיינט מיט'ן וואָרט תורה, און ווי אַזוי ער האָט געקוקט אויף דער ביבעל. איך האָב שוין אין פריערדיגע ערטער זיך באַמיט קלאָר צו מאַכען אָט די פאַקטען, מען קען זיי אָבער גאָר גרינג און גאַנץ אָפט איבער'חזר'ן. די תורה פאַר דעם אידען מיינט נישט נאָר די חמישה חומשי תורה פון משה רבינו. און ס'זיינען נישט בלויז די 24 ספרים, וואָס שטעלען צוזאַמען די ביבעל. די תורה פאַר דעם אידען מיינט גאָר די גאַנצע גרויסע ליטעראַטור, וואָס אידען פאַרמאָגען, גאָר די גאַנצע שאַפונג פון דעם נאַציאָנאַלען גייסט פון דעם אידישען פאָלק דורך אַלע יאָר טויזענטער וואָס זיי עקזיסטירען. ווען מען ווענדט זיך היינט צו טאָג צו אַ רבי'ן, און זיינע חשוב'ע פאַרערער בעטען אים: „רבי, זאָגט אונז עפּעס אַ שטיקעל תורה!" דערוואַרטען זיי געוויס נישט פון אים, אַז ער זאָל פאַר זיי ציטירען עטליכע פסוקים פון די חומשים, אָדער פון וועלכען עס איז אַנדער אָרט אין דער ביבעל. נאָר זיי דערוואַרטען צו הערען פון אים עפּעס אַ שיינעם מאמר, אָדער זיינס אַן אייגענעם אויסטייטש, אַ זאָגעכץ, אָדער עפּעס פון די גרויסע תלמידי חכמים פון פאָלק ישראל; עפּעס אַזוינס, וואָס עס וועט אויס־טייטשען דעם אידענ'ס נשמה אין צוזאַמענהאַנג מיט עפּעס אַ לעבע־דיגען פּראָבלעם, וואָס שטייט אים פנים אל פנים. פאַר דעם אידען, האָט די תורה שטענדיג געמיינט די לערנונגען אי פון דער ביבעל, אי פון תלמוד, אי פון מדרש, און אי די שאַפונגען פון די גאונים, און אויך די מייסטער־ווערק פון זיינע פילאָזאָפען און פּאָעטען, און אַלע שאַפונגען פון דעם אידישען אינטעלעקט און גאונים פון יעדען דור.

פאַר דעם אידען האָבען די אַלע שאַפונגען פון דעם צוזאַמענגענומע־נעם אידישען גייסט, וואָס איז געוואָרען אָנגענומען, ווי דער הערשענ־דיגער אויסדרוק פון זיין נאַציאָנאַלען גייסט — דאָס אַלץ איז — די תורה!

און דער איד, וואָס האָט געלערענט דעם חומש, האָט אים באַ־טראַכט אַלס אַ טייל פון אַט דער תורה; און לייענענדיג די ווערטער, האָט ער זיי קיינמאָל נישט געלערענט אין דעם בוכשטעבליכען זין, אָן און פאַר זיך אַליין, נאָר ער האָט זיי געלייענט, אָדער געלערענט, אין דעם ליכט פון גאָר דאָס גאַנצע פון זיין תורה, ווי די ווערטער ווערען אויסגעטייטשט פון די שעפער פון דער שפּעטערער ליטעראַ־טור, אָדער לויט יענע כללים פון אינטערפּרעטאַציע ווי זיי האָבען אויפגענומען. דער נישט־איד, בכלל, ווייסט כמעט גאָרנישט פון דעם אַנדערען טייל פון דעם אידענ׳ס תורה מחוץ דעם חומש, די ביבעל. עס איז אַ פאַקט, אַז פאַר דעם קריסט בפרט, האָט זיך דעם אידענ׳ס לעבען אָפּגעשטעלט, מיט גאָר דער גאַנצער וויכטיגקייט, ווען עס זיינען געשאַפען געוואָרען די קריסטליכע רעליגיעזע געזעצען. דעם אידענ׳ס ביבעל איז בלויז וויכטיג פאַר׳ן קריסט, ווייל פאַר אים איז עס — דער אַלטער טעסטאַמענט, אַ פאַרשפּיל צו דעם נייעם. זיין פונדאַמענ־טאַליסטישע באַציאונג צו די שריפטען פון אונזער ביבעל — זיין אַל־טער טעסטאַמענט — איז נישט דערפאַר, וואָס ער האָט אַ וועלכען ס׳איז באַזונדערען אינטערעס אין ריינער אידישער לערנונג, נאָר צוליב זיין פאַרלאַנג אויפצוהאַלטען די בוכשטעבליכקייט פון יענע קריסטאָלאָגישע אויסצוגען, וואָס, ווי ער גלויבט, ער האָט אַנטדעקט אויף די זייטען פון אונזער ביבעל.

דער איד האָט, אָבער, קיינמאָל נישט באַטראַכט די ביבעל, ווי די פולשטענדיגע תורה, די איינציגע שאַפונג פון זיין נאַציאָנאַלען גייסט. אַט דעם אמת, האָט די אידישע לערע, וואָס האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט, אַרויסגעזאָגט אין אַ לשון, וואָס מען קען נישט מיספאַרשטיין. די תורה איז באַשטאַנען פון צוויי טיילען — די תורה שבכתב, די געשריבענע תורה, אָדער די ביבעל, און די תורה שבעל פה, די תורה אַרויסגערעדט מיט׳ן מויל, די לערנונגען, וואָס זיינען געוואָרען איבערגעגעבען פון די אָנגעזעענע לערער פון יעדען דור, דערקלערענדי גאָדער אויסטייטשענדיג די לערנונגען פון דער געשרי־בענער תורה.

ביידע תורות צוזאַמען — נישט בלויז איינע פון זיי — האָבען עס צוזאַמענגעשטעלט די תורה פון דעם אידען! מיט דעם האָט עס דער אידישער גייסט אַרויסגעוויזען זיין אמת׳ע גרויסקייט. אַ פאָלק קען

נישט לעבען בלויז מיט אַ געשריבענער תורה, מיט אַ ספר חתום, אַ פאַרזיגעלטען בוך, וואָס מוז בעל כרחו, ווי דורך געוואָלט, פאַרבלייבען דער אויסדרוק בלויז פון איין געוויסער עפּאָכע. דאָס וואָלט זיך געענ־דיגט מיט אַן אָפּגעשטאָנענעם לעבען; דאָס אידענטום, אָבער, שטעלט פאַר, לויט זיין סאַמע טבע, אַ שטראָם פון מים חיים, לעבעדיגע וואַסער.

דער אידישער גייסט איז באמת געווען אַזוי ליבעראַל אין דעם סאַמע תוך, ער האָט געהאַט אַזויפיל גרויסען גלויבען אין דער מדרגה'־דיגער אַנטוויקלונג פון דעם מענשליכען געדאַנק און די כסדר'דיגע אַנטפּלעקונג פון דער אידישער נשמה, אַז ער האָט נישט געוואָלט זיך פאַרזיגלען אין אַ ספר חתום. דער אידישער גייסט האָט זייער טייער געהאַלטען די געשריבענע תורה, וואָס רעפּרעזענטירט די שאַפונגען פון די שענסטע טעג פון זיין נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ; און דאַך, זייט ביי זייט מיט דעם געשריבענעם דאָקומענט, האָט ער אַנטוויקעלט אַ טראַדיציע פון בעל פה, וואָס ער האָט אויך שטאַרק ליב געהאַט און טייער געהאַלטען, און וואָס האָט, אַגב, דורך יעדען דור ודור, אַריינ־געגעבען ניי לעבען און נייעם כח אין די ווערטער פון דער תורה שבכתב.

דער איד האָט, דעריבער, קיינמאָל זיך נישט דערלויבט אויפצו־נעמען דעם בוכשטעבליכען זין פון זיין געשריבענער תורה; פאַר אים האָבען די ווערטער געקענט האָבען אַן אמת'ן זין בלויז דאַן, ווען מ'האָט זיי געלייענט אין דעם ליכט פון דער תורה שבעל פה, מיט אַלע נייע אינטערפּרעטאַציעס, וואָס די טראַדיציע פון תורה שבעל פה האָט אַריינגעלייגט און אַריינגעטייטשט אין יענע ווערטער. „דער יעניגער, וואָס איבערזעצט אַ פסוק בוכשטעבליך, נאַרט אָפּ בלויז זיך אַליין." דאָס איז דער פּסק, וואָס די חכמים האָבען גע'משפט, ווי עס ווערט געזאָגט אין מסכת קידושין [3]).

פון דעם לעגאַלען שטאַנדפּונקט פון אונזער אידישער תורה האָבען מיר אַן אַנאַלאָגיע טאַקע אָט דאָ אין אונזער אייגענער אַמעריקע: מיר האָבען אַ קאָנסטיטוציע, אַ דאָקומענט פון בלויז עטליכע זייטען, וואָס יעדעס שול־קינד דאַרף זי קענען. אָט דער דאָקומענט איז די געשרי־בענע תורה פון דער אַמעריקאַנער קאָמענוועלטה, אַמעריקאַנער רעפּוב־ליק. אָבער, שטעלט זיך די פראַגע, רעפּרעזענטירען אָט די דאָזיגע זייטען פון דער קאָנסטיטוציע אַלץ מיט אַן אַנדער פון דעם אַמע־ריקאַנער קאָנסטיטוציאָנעלען געזעץ? די געזעץ־ביבליאָטעקען זיינען געפּאַקט מיט הונדערטער ביכער פול מיט באַשלוסען, געלייסטעט דורך די פעדעראַלע געזעץ־הייזער, אויסטייטשענדיג כמעט יעדען וואָרט פון אָט דער געשריבענער קאָנסטיטוציע, צופּאַסענדיג די ווער־

טער פון אַט דעם אומשטערבליכען דאָקומענט, די קאָנסטיטוציע, פון די גרינדער פון אונזער רעפובליק, צו נייע אומשטענדען און קאַנדי־ציעס פון אונזער לעבען. אויב, צום ביישפיל, איר זייט פאַראינטע־רעסירט צו וויסען די באַציאונג פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטו־ציע צו אַ געוויסען פראָבלעם, קענט איר נישט געפינען אַט די באַצי־אונג אין די נאַקעטע ווערטער פון די סאַמע אָריגינעלע אַרטיקלען און אַפּטיילונגען, נאָר איר מוזט זוכען און אויסגעפינען זייער אמת'ן זין אין די אָנגעזעענע און אנערקענטע אינטערפּרעטאַציעס פון יענע ווערטער, ווי זיי ווערען אונז איבערגעגעבען אין די שפּעטערע באַשלו־סען פון די „קאורטס", די געזעץ־הייזער. אַט די שפּעטערע באַשלו־סען, פון דער אָריגינעלער קאָנסטיטוציע, קען מען אָנרופען און באַ־צייכענען: די תורה שבעל פה, און צוזאַמען מיט דעם אָריגינעלען געשריבענעם דאקומענט, גיט עס אונז דאָס אַמעריקאַנער קאָנסטיטו־ציאָנעלע געזעץ.

די זעלביגע אַנאַלאָגיע באַציט זיך צו דעם אידענ'ס תורה, נישט בלויז אין דורכפירען די געזעצען אירע, נאָר אויך אין אירע היסטאָ־רישע און קאָסמאָלאָגישע לערנונגען גראַד אַזוי גוט. די חז"ל זיינען געווען אַזוי באַגייסטערט פון דעם ווערט פון אַט דער תורה שבעל פה, אז פאַר אַ זייער לאַנגער צייט האָבען זיי באַקעמפט יעדען פאַר־זוך, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אויפצושרייבען און פאַרצייכענען אַט די טראַדיציאָנעלע תורה שבעל פה. זיי האָבען געפילט די סכנה פון פאַרצייכענען די אַלע אינטערפּרעטאַציעס אין שריפט, מחמת דאַן וואָלט שוין דאָס אויפגעשריבענע אויך געוואָרען אַן אויפגעשריבענע תורה, פיקסירט און אומגעענדערט, אנשטאט צו זיין אַ בויגיגע טראַדיציע, וואָס ענדערט דעם קאָליר און פאַרב מיט יעדען נייעם אויסדרוק פון געדאַנק.

ערשט ווען דאָס אידיש לעבען איז אַריינגעפאַלען אין שרעק פון ווערען אַניהילירט און אין דער סכנה פון אונטערגיין, ערשט דאַן האָ־בען זיך די פירער פון פאָלק אונטערגעגעבען און האָבען דערלויבט דאָס רעדאַקטירען די תורה שבעל פה אין אירע טראַדיציעס פון יאָר־הונדערטער אין געשריבענער פאָרמע. אָבער, אַט די דאָזיגע תורה שבעל פה, אַפילו נאָך דעם, ווי זי איז שוין אויפגעשריבען געוואָרען, איז נאָך אַלץ פאַרבליבען אַ לעבעדיגע אויסטייטשענדיגע טראַדיציע, און נייע אינטערפּרעטאַציעס זיינען אַלץ מער און מער צוגעגעבען געוואָרען אַפילו צו די רייד און ווערטער, וואָס זיינען שוין געווען אויפ־געשריבען. אַט דער פּראָצעס פון כסדר איבער'חזר'ן זיך, און שטענ־דיג צוגעבען ניי לעבען, וואָס מיר רופען אַן תורה שבעל פה, האָט

קיינמאָל נישט געקענט ווערען אָפּגעשטעלט, ווייל דאָס אַליין פּלעגט אַריינגעבען לעבעדיגען אָטעם, אַ נשמת רוח חיים, אין די אויפגעשריבענע ווערטער.

אין דעם ליגט ספּעציעל די גרויסעביישטייערונג פון די פּירושים, און די בעלי מפרשים, וואָס האָבען באמת געראַטעוועט דאָס אידענטום. זיי זיינען עס געווען אָט די, וואָס האָבען אַנטוויקעלט, פּאָפּולאַריזירט און געהייליגט דעם פּראָצעס פון אינטערפּרעטיווער טראַדיציע. „די צדוקים", זאָגט פּראָפעסאָר לואיס גינצבערג, דער שאַרפסטער און דער טיפסטער תלמיד פון רבנישער ליטעראַטור היינט צו טאָג, „האָבען אונז געלערענט די אומבאַוועגליכקייט פון דער תורה; בשעת די פּרושים, אָבער, האָבען אויפגעהאַלטען די אומפאַרענדליכקייט, וואָס איז אייגענטליך נישט אין אויסגעגאָסענע שריפט־פּלאַטע, נאָר די אומ־מעגליכקייט פון אַוועקגיין פון דעם אייגענעם גאַנג... אָט דאָס איז געווען דער אמת׳ער באַגריף פון דער תורה, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט, אַז די תורה זאָל נישט בלייבען בלויז אַ הייליגער אַנטיק, אַ פאַרגע־טערטע מומיע, אַ טויטער באַלזאַמירטער קערפּער אָהן גייסט און אָהן לעבען."[4])

אָט די דאָזיגע פאַזע פון אונזער אידישער תורה איז געוואָרען אַזוי וויכטיג, און איז באַטראַכט געוואָרען פאַר אַזוי הייליג, אַז דער איד האָט אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז: „גאָט ברוך הוא האָט געשלאָסען אַ ברית עולם מיט׳ן פאָלק ישראל, בשביל דברים שבעל פה, בלויז צוליב אָט דער טראַדיציע פון תורה שבעל פה[5]), ווי עס ווערט געזאָגט אין מסכת גיטין. עס איז אייגענטליך געווען אָט דער אָנהאַלטענדיגער פּראָצעס פון כסדר׳דיגער אינטערפּרעטאַציע, וואָס האָט געראַטעוועט דעם אידענטום, ווייל דאָס אַליין נאָר האָט עס אָנגעהאַלטען אין שטענ־דיגען באַריר מיט די נייע אַנטפּלעקונגען פון דעם מענשליכען גייסט.

דער תלמיד פון אידישער געשיכטע איז וואויל באַקאַנט מיט דער וויכטיגער רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם אַכטען און ניינטען יאָרהונדערט, אונטער דעם נאָמען קאַראַאיזם. די קאַראַאימישע באַוועגונג איז געווען אַן אויסברוך, אַ רעוואָלוציע קעגען דער אידי־שער טראַדיציע פון תורה שבעל פה. די פירער פון אָט דער באַוועגונג האָבען געלערענט, אַז מ׳מוז זיך האַלטען שטאַרק געטריי בלויז צו דער תורה. און כאָטש, פאַר אַ שטיקעל צייט, האָט די באַוועגונג געוואונען אַ סך אָנהענגער צווישען די יעניגע, וואָס האָבען נישט געקענט כאַפּען דעם טיפען זין פון דעם, וואָס זיי האָבען געזאָלט פאַרוואַרפען, האָט די באַוועגונג פון קאַראַאיזם אין גיכען זיך אַליין איבערצייגט, אַז אָהן דער תורה שבעל פה קען אַ פאָלק נישט דויערען. מעגליך, אַז אויף דעם

דאָזיגען שטייגער קענען מיר פאַרשטיין די ווערטער פון די חז"ל, אַז: „דער וואָס זאָגט, אַז ער האַלט זיך בלויז ביי דער תורה, זיי וויסען, אַז ער האָט אַפילו נישט די תורה אין זיין באַזיץ,"[6]) ווי עס שטייט געשריבען אין מסכת יבמות. יאָ, געוויס אַזוי, אָט דער וואָס גלויבט, אַז ער קען נאָכפאָלגען בלויז אַ טייל פון אונזער גרויסער תורה, און אַז ער קען אויפנעמען נאָר די געשריבענע ווערטער אָהן זייערע לעבעדיגע אינטערפּרעטאַציעס — אָט דער מענש וועט תיכף אויסגעפינען, אַז ער האָט קיין תורה אין גאַנצען נישט.

יעדער איינער, וואָס איז באַקאַנט אַפילו מיט דאָס ווינציגסטע פון אידישען לעבען, ווייס אויך די וויכטיגע ראָליע, וואָס תורה שבעל פה האָט געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון די לעגאַלע אויסזיכטען אין אידישען לעבען. די ביבלישע ווערטער: „עין תחת עין, אַן אויג פאַר אַן אויג",[7]) אַלס ביישפּיל, זיינען קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען געוואָרען בוכשטעבליך אין דער אידישער יוריספּרודענץ. אָט די ווערטער זיינען גאָר פאַרשטאַנען געוואָרען, אין ליכט פון אינטערפּרעטאַציע, לויט דער טראַדיציע פון תורה שבעל פה, אַז דער באַשולדיגטער איז געווען מחויב צו באַצאָלען מיט געלט פאַר דעם ווערט פון דאָס געשעדיגטע אויג, אָדער וועלכע ס'איז אַנדער גליד,[8]) ווי עס ווערט אויסגעטייטשט אין מסכת בבא קמא. דער גענויער פּראָצעס איז אויך קענטיג נישט נאָר אין די לעגאַלע ענינים פון דעם אידישען לעבען, נאָר אויך אין זייערע קאָסמאָלאָגישע און היסטאָרישע לערנונגען גראַד אַזוי גוט. לויט דעם רבנ'ישען בליק איז: „לא נתנו דברי הימים אלא לדרוש," די היסטאָרישע פאַרצייכענונגען אין דער ביבעל זיינען אונז געגעבען געוואָרען נאָר צוליב זייער אויסטייטשליכען ווערט[9]). דאָס איז באמת אַ היסטאָרישער בליק, וואָס איז גאַנץ מאָדערן, ווען מיר דערמאָנען זיך די רייד פון אַ גרויסען מאָדערנעם פילאָזאָף איבער געשיכטע — פרעדריק דזש. ע. וואודרידזש — אין זיין בוך „דער צוועק פון געשיכטע." ער האָט דאָרטען אַזוי געזאָגט: „געשיכטע דינט אונז צוועקמעסיג און מיט אַ געוויסער אַבזיכט. געשיכטע לערענט אונז נישט נאָר די פאַרגאַנגענהייט, נאָר זי גיט אונז דערהאַלונג און אויפהאַלטונג. געשיכטע ווייזט אונז ווי אַזוי מיטלען ציען זיך און קומען צוזאַמען צו געוויסע צילען, און אַזוי נאָך אַנטדעקען מיר די מיטלען, כדי צו דערגרייכען די צילען, צו וועלכע מיר שטרעבען. פון דעם קענען מיר זען און לערנען, ווי אַזוי פּראָגרעס דאַרף ווערען דעפינירט און אַזוי נאָך אַנטדעקען דעם צוועק פון דער מענשהייט אין דער געשיכטע."[10]).

דער איד האָט אַנטוויקעלט דעם פּראָצעס פון פּירוש, פון אויס־

טייטשונג צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין שום שווערינקייט צו געפינען יעדען נייעם אמת פאַרהוילען אין די ווערטער פון זיין תורה שבכתב. מען קען עס באַהויפּטען מיט פולער רעכט: „הפך בה והפך בה דכלה בה, פאַרטיף זיך און פאַרטיף זיך ביז דו וועסט אין דער תורה אַלץ געפינען."[11]).

פּראָפעסאָר ה. א. וואָלפסאָן, פון האַרוואַרד אוניווערזיטעט, איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטען אין אידישער געשיכטע, האָט אין אַ בריליאַנטענער רעדע, ווי זי איז אָפּגעדרוקט אין זיין בוך „אידענטום אין באַצוג צו פילאָזאָפיע און געשיכטע", גאָר זייער שיין דעם דאָזיגען אמת אַזוי אַרויסגעזאָגט:

„עס געפינען זיך מענשען, וואָס גלויבען נאָך אַלץ, אַז אידענטום איז געגרינדעט נאָר בלויז אויף דעם אַלטען טעסטאַמענט, און זיי רעדען איבער די לערעס פון דעם אַלטען טעסטאַמענט אין בוכשטעבליכען זין, ווי זיי וואָלטען געווען די לערעס פון אידענטום נאָך פון אַמאָליגער שבטים־צייט... געוויס, האָט נישט אידענטום אַ נייעם טעסטאַמענט; אידענטום אנערקענט נאָר דעם אַלטען טעסטאַמענט. און דאָך באַשאַפט יעדער נייער דור אין אידענטום אַ גאָר נייעם טעסטאַמענט, אין דעם זין, וואָס ער טייטשט אויס דעם אַלטען טעסטאַמענט אין דעם גייסט פון מאָראַלישען און וויסענשאַפטליכען אַנבליק פון יעדער צייט.

„אידענטום איז געווען זייער ליבעראַל פון תמיד אָן, משנים קדמוניות. מיט דעם וואָרט ליבעראַל מיינען מיר נישט יעדע באַשטימטע דאָקטרין, וואָס מען קען איר סתם אָנרופען ליבעראַל, ווייל קיין שום דאָקטרין, קיין שום לערע איז זיך נישט אַ לערע גלאַט אין דער וועלט אַריין... דאָס וואָרט ליבעראַל באַציט זיך גיכער צו אַ געשריבענעם טעקסט. פון זיין סאַמע ראשית אָן, איז אידענטום געווען געבויט אויף צוויי פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען: קודם כל, די ביבעל, ווי דאָס באַגייסטערטע וואָרט פון גאָט; צווייטענס, די פרייהייט פון אינטערפּרעטאַציע פון דעם טעקסט פון דער ביבעל אין צוזאַמענהאַנג מיט די ענדערענדיגע קאָנדיציעס און אומשטענדען פון דער צייט און אין צוזאַמענהאַנג מיט די ענדערונגען פון די וויסענשאַפטליכע און עטישע בליקען פון דער וועלט."[12]).

עס וואָלט נאַטירליך געווען זייער אינטערעסאַנט, הגם דאָ איז נישט דאָס אָרט און נישט די צייט פאַר דעם, אָנצואווייזען די מעטאָדע דורך וועלכער אָט דער פּראָצעס פון אינטערפּרעטאַציע האָט געאַרבייט שאַפענדיג אַזוי גרינג און אַזוי נאַטירליך. דער פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ פון דעם גאַנצען פּראָצעס איז געווען, ווי עס ווערט געלויטעט אין

מסכת חגיגה: „דברי תורה פרין ורבין, די רייד פון דער תורה פאַרמערען זיך און פאַרטאָפּלען זיך".[13]) פריימוטיגע אינטערפרעטאַציעס זיינען צוגעפּאַסט דורך די חכמים, כדי אַרויסצונעמען פון דעם געשריבענעם טעקסט פון דער תורה גאָר נייע געזעצען, וואָס דאָס לעבען פאַרלאַנגט צו רעכטפאַרטיגען די נייע אָפּווייכונגען אין פּערזענליכע אָדער אין נאַציאָנאַלע דערפאַרונגען."[14]).

פסיכאָלאָגיש גערעדט, האָט דער איד גערעכטפאַרטיגט אָט דעם פּראָצעס פון אינטערפּרעטאַציע דורך דעם, וואָס ער האָט געגלויבט, אַז דער גאַנצער גרויסער אמת, און אַלע אמת'ן זיינען אַנטפּלעקט געוואָרען דורך גאָט נאָך אויף דעם באַרג סיני. און פּונקט ווי דער וויסענשאַפטליכער אמת פון דעם געזעץ פון גראַוויטאַציע, אָדער יענע געזעצען, וואָס שטיצען די מעכאַנאַציעס פון דער ראַדיאָ, אָדער דעם עראָפּלאַן, זיינען געווען אויף אונזער וועלט פון תמיד אָן, נאָר זיי זיינען אַנטדעקט געוואָרען און באַקאַנט געמאַכט געוואָרען ערשט דאַן, ווען געוויסע מענשליכע גייסטער האָבען זיי, די געזעצען, באַגריפען, אַזוי גייט עס אויך מיט אַלע אַנדערע אמת'ען — זיי זיינען געגעבען געוואָרען צו דער וועלט נאָך משׁשת ימי בראשית, נאָר זיי וואַרטען, אַז דעם מענשען'ס גייסט זאָל זיי באַגרייפען און אַנטדעקען. יעדע זאַך איז פּאָטענציעל און ליגט בכח אין דער תורה, דער מענש דאַרף נאָר די קראַפט און די פעאיגקייט צו זען עס און געפינען עס אויפ'ן ריכטיגען אָרט. אָט דאָס איז באמת דער פּרינציפּ מיט וועלכען דער איד האָט עס שלום געמאַכט צווישען דער וויסענשאַפט פון דער נייער צייט מיט די לערנונגען פון זיין תורה. אָט דאָס איז עס, וואָס חז"ל האָבען געמיינט ווען זיי זאָגען אונז, אַז „יעדער אמת, וואָס אַ נביא וועט ווען עס איז פּראָקלאַמירען אין וועלכען עס איז קומענדיגען דור, האָט ער שוין אָט דעם אמת באַקומען פון דעם באַרג סיני, ווי ער וואָלט געווען פערזענליך אַנוועזענד ביי דער אַנטפּלעקונג פון יענעם אמת", ווי עס שטייט געשריבען אין מדרש צו שמות:[15])

דער מדרש מאַכט דעם ענין נאָך קלאָרער, זאָגענדיג, אַז: דער אמת איז פון תמיד אָן דאָ געווען, נאָר 'עד עכשיו לא נתן לו רשות להתגלות', ביז איצט איז נישט דערלויבט געוואָרען, אַז ער זאָל אַנטפּלעקט ווערען",[16]) עס איז נאָך נישט אָנגעקומען דער שעת הכושר, אַז ער זאָל באַקאַנט ווערען. אָט דער פּרינציפּ איז באַנוצט געוואָרען פון די חכמים נישט נאָר בנוגע דעם אמת פון נביאות זאָגען, נאָר אפילו בנוגע די לערנונגען פון די חכמים פון יעדען קומענדיגען דור.[17]).

און ר' יוחנן גייט נאָך ווייטער אין דעם אַנאַליז פון אָט דעם פּרינציפּ, ווען ער זאָגט אונז אין אַ מיסטישען אויסדרוק, „אַז יעדער

קלאַנג פון אַט דער פולקומענער אַנטפּלעקונג פון דעם אמת, וואָס איז אַרונטערגעקומען פון באַרג סיני, איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען אין שבעים לשונות".[18]) דערמיט האָט ער אַנגעדייטעט דעם געדאַנק, אַז אַלע נייע אמת'ן, וואָס דאַרפען ערשט אַנטפּלעקט ווערען און דאַרפען געמאַכט ווערען באַקאַנט אין יעדען דור, דורך די געלערענטע און חכמים, נישט נאָר צווישען פאָלק ישראל, נאָר אויך צווישען יעדען פון די אַנדערע פעלקער פון דער וועלט, אַט די אַלע נייע אמת'ן זיינען שטיק־און־טייל, תוכו ורובו, פון דעם גרויסען אמת פון גאָט, און יעדען אמת קען מען געפינען פאַרהוילען אין די ווערטער פון דער תורה.

און אַזוי נאָך אויך, אויב איר ווילט וויסען וועגען דער באַציאונג פון אידענטום צו וועלכען עס איז אמת, אָדער פּראָבלעם, מוזט איר אַריינקוקען נישט נאָר אין אונזער געשריבענער תורה — די ביבעל — נאָר אויך אין אונזער תורה שבעל פּה, אַט די אומבאַגרעניצטע ליטעראַטור און טראַדיציע, וואָס אַנטהאַלט יעדען נייעם אמת און יעדען נייעם אידעאַל. איר קענט זיך דערמאָנען, אַז דער תלמוד וואָרענט אונז קעגען דער געפאַר פון אַננעמען די ספר תורה נאַקעט אָדער אָפּגעדעקט, ווי עס שטייט געשריבען אין די מסכתות „שבת" און „מגלה".[19]) איך גלויב, אַז די ווערטער מיינען, אַז דער וואָס נעמט אָן די תורה „נאַקעט", עס הייסט, נאַקעט און אָפּגעדעקט פון אַלע אינטערפּרעטאַציעס און אויסטייטשונגען — אין בוכשטעבליכען זין פון וואָרט — פאַראורזאַכט, אַז די תורה זאָל באַהאַלטען ווערען נאַקעט, פאַרלירענדיג יעדען אויסזען פון לעבען. און וואָס דער קאַראַאימער האָט געטאָן צום אידישען לעבען, דאָס זעלביגע וועט טאָן יענער מענש, וואָס לייענט די ווערטער פון דער תורה נאַקעט, אויסגעטאָן פון דעם מאַנטל און פון דער באַדעקונג, וואָס איז זייער נויטווענדיג פאַר'ן לעבען גופא.

און איצט, וויל איך אייך דאָ ווייטער זאָגען, אַז אין קיין שום אָרט אין דער ביבעל זיינען די אידישע חכמים נישט געווען אַזוי פריי מיט זייער פירוש און אינטערפּרעטאַציע, ווי זיי זיינען יאָ געווען מיט זייערע קאָמענטאַרען אין דעם באַזונדערען דערציילערישען טייל פון דער וועלט־באַשאַפונג. אויף אַט דעם פעלד, אָדער געביט, ווי פּראָפעסאָר מור דריקט זיך געניגענד אויס, „האָט נישט געהערשט קיין שום מאַכט־האָבענדיגע אָרטאָדאָקסיע".[20]) לאָמיר אייך געבען עטליכעביישפּילען. פון אַ פּסוק אין קוהלת (קאַפּיטעל ג. פּ. י"א) לערנען מיר, אַז: „ער האָט אַלצדינג באַשאַפען שיין אין זיין צייט", און אין בראשית (קאַפּ. א. פּ. ל"א) ווי עס שטייט געשריבען, „און גאָט האָט געזען אַלצדינג, וואָס ער האָט באַשאַפען, און זע, עס איז געוועזען זייער גוט".

האָט אַ גרויסער לערער צום סוף פון דריטען יאָרהונדערט אַנטדעקט, אַז אונזער וועלט איז נישט די סאַמע ערשטע, וואָס גאָט האָט באַשאַפען, נאָר, אַז „גאָט האָט באַשאַפען גאָר אַ סך וועלטען פריער נאָך פון אונזערער, און ער האָט זיי צעשטערט, ווידער באַשאַפען און ווידער צעשטערט, ביז ער האָט באַשאַפען אונזער וועלט, וואָס האָט אים ערשט דאַן צופרידענגעשטעלט."[21]). ר' אביי, דער מחבר פון אָט דער באַהויפּטונג, האָט געהאַט זיין רעפּוטאַציע אין קענען גוט גריכיש, און אין זיין דערמאָנטער באַהויפּטונג האָט ער, בלי ספק, פאַרקערפּערט אין דער אידישער תורה עפּעס פון דער גריכישער פילאָזאָפישער לערע, אַריינגעוועבט אין דער אידישער פראַזעאָלאָגיע, וואָרט־אויס־דרוק.

אין דער מסכת עבודה זרה, פרעגט אַ פראַגע נאָך אַן אַנדער לערער פון תלמוד אויף אַזאַ מין שטייגער: „מיט וואָס באַשעפטיגט זיך גאָט ביינאַכט?" און ער ענטפערט: „ער פליט רייטענדיג אויף די פליגעל פון איינעם פון זיינע געשווינדסטע כרובים און באַזוכט די אַכצען טויזענט וועלטען, וואָס באַלאַנגען צו אים".[22]) און דער תנא גיט דאָ אַ ביבלישען אויסצוג אַלס דעם באַזיס פאַר זיין פירוש, געבויט אויף תהילים, קאַפּ. ס"ח, פּ' י"ח[23]).

וואָס אַרי באַקומט דאָ איז אייגענטליך אַ נייעם געדאַנק, וואָס די בוכשטעבליכע ווערטער פון ספר בראשית לערנען אונז לחלוטין נישט, אַז אונזער וועלט איז בלויז אַ קרישעקל, אַ פינטעלע צווישען טויזענטער אַנדערע וועלטען, וואָס שטעלען צונויף דעם אוניווערזום — דאָ האָט איר ווידער, אָהן צווייפעל, דאָס אינקאָרפּאָרירטען עפּעס אַ נייע פילאָזאָפישע אַנדייטונג, וואָס איז געווען אָנגענומען אין יענער צייט.

אויף די ווערטער פון בראשית (קאַפּ. ב. פּ' ז.) „און דער מענש איז געוואָרען אַ לעבעדיגער נפש".[24]) לערענט אויף דעם ר' יהודה, אַז „דער מענש איז צוערשט באַשאַפען געוואָרען מיט אַ ווידעל ווי אַ חיה, נאָר שפּעטער־צו האָט גאָט אַרונטערגענומען אָט דעם ווידעל, פאַר דעם מענשען'ס כבוד וועגען, כדי נישט צו שטעלען אים צו שאַנד".[25]) דאָ האָט איר ווידער, אויב איר ווילט, אַן אָנווייז, אַן אָנזאָג פון דער וויסענשאַפטליכער טעאָריע, וואָס לערענט אונז, אַז צוערשט האָט דער מענש אויסגעקוקט ווי אַ מאַלפּע; און אָט די לערע איז אַריינגענומען געוואָרען, און איז געוואָרען אַ טייל פון אונזער תורה. אַ פיל מער געוואַגטער תנא זאָגט אונז אַפילו, אַז „ביז צום דור פון אנוש,[26]) האָבען די פנים'ער פון מענשען אויסגעזען ווי מאַלפּעס"[27]); דאָ האָט איר נאָכאַמאָל, בלי ספק, דאָס אויפנעמען פון אַ געוויסער לערע אין זייער צייט.

דער איבערפלעכליכער לייענער פון דעם ביבלישען טעקסט שטעלט זיך פאָר, אַז די ביבעל לערענט אונז, אַז אונזער וועלט איז פאַרענדיגט געוואָרען גלייך אין דער צייט ווען זי איז באַשאַפען געוואָרען. אָבער, אויף די ווערטער פון בראשית (קאַפּ. ב. פ׳ ג.) „ווייל אין אים האָט ער גערוט פון זיין גאַנצער אַרבייט, וואָס ער האָט באַשאַפענדיג געמאַכט, כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות",[28]) באַמערקט אויף דעם אַ גרויסער רבי מיט אַ זייער שאַרפען דורכדרינגענדיגען אויג, אַ זדער טעקסט זאָגט נישט: ועשה — וואָס ער האָט געמאַכט, — נאָר: לעשות — נאָך צו טאָן, כדי אונז צו לערנען: עדיין יש מלאכה אחרת, אַז „ס'איז נאָך דאָ גענוג אַרבייט צו טאָן".[29]) דאָס הייסט, אַז דער פּראָצעס פון יצירת העולם איז בלויז אין איר קינדישען צושטאַנד נאָך — אַן אמת, וואָס איז אַריינגענומען געוואָרען אין אונזער סידור: „גאָט, וואָס באַנייט מיט זיין חסד יעדען טאָג בסדר די אַרבייט פון זיין באַשאַפונג",[30]) און דאָס איז ווידער אַן אמת, וואָס ליגט ביים באַזיס פון אונזער גאַנצער מאָדערנער וויסענשאַפטליכער אויספאָרשונגס־אַרבייט.

אָט איז ווידער, למשל, אַ באַהויפּטונג, וואָס זעט אויס צו זיין מאָדערן און אַזוי להיפוך צו דעם אויגענשיינליך בוכשטעבליכען זין פון די ערשטע רייד אין בראשית: אבנימוס האַגאַרדי האָט געפרעגט די חכמים — „ווי אַזוי איז די ערד צוערשט באַשאַפען געוואָרען?" מיר וואָלטען זיך משער געווען, אַז די חכמים וואָלטען געהאַט שטאַרק דאַגעגען אַזאַ מין פראַגע, נעמענדיג אין אַנבאַטראַכט, אַז די ביבעל דערציילט שוין וועגען דעם־אַ פאַקט. דאָך זאָגען די חכמים צו אים, אַלס ענטפער, בזה הלשון: „קיין שום מענש איז נישט גענוג מומחה אין אָט די זאַכען. דאָך, גיי אַריבער און פרעג זיך נאָך ביי אבא יוסף דעם בויער." איז ער אַריבערגעגאַנגען צו אבא יוסף'ן, און דער ענטפער, וואָס יענער האָט אים געגעבען איז אָט וואָס: „גאָט האָט אַרויסגענומען אַביסעל שטויב פון הינטער זיין כסא הכבוד און האָט עס צעוואָרפען איבער די וואַסערען, און באַלד איז די ערד פאַרמירט געוואָרען!"[31]). כמעט אַן ענליכער ענטפער ווערט אויך געגעבען פון אַן אַנדער רבי'ן אין דעם תלמוד, בזה הלשון: „גאָט האָט אַרויפגעוואָרפען אַ שטיין איבער די וואַסערען און פון אָט דעם וואַרפענדיגען שטיין איז עס די ערד פאַרמירט געוואָרען."[32]). פרעגט זיך, צי קען מען נישט אַריינלייענען אין אָט די ענטפערס די מאָדערנסטע דערקלערונג, וואָס די וויסענשאַפט גיט אונז פאַר דער באַשאַפונג פון אונזער ערד? און דאָך האָבען אונזערע חכמים אַריינגעלייגט אָט דעם דאָזיגען געדאַנק נאָך אין די ווערטער פון דעם ביבלישען טעקסט.

קוקט זיך איין, ווי, למשל, נאָך אַן אַנדער תנא האָט אַרויסגעזאָגט זיין געוואָגטען אמת דורך זיין שטאַרקען פּירוש אויף די ווערטער, „ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד" [33], ווי געשריבען אין בראשית (קאַפּ. א. פּ' ה.). דער טעקסט זאָגט נישט: יהי ערב, עס זאָל זיין אָוונט, נאָר — „ויהי ערב," — „און ס'איז געוועזן אָוונט," דאָס גייט כדי אונז צו באַווייזען: „שהיה סדר זמנים קודם לכן," אַז די אָפּטיילונגען פון די טעג און די אָרדענונג פון די סעזאָנען האָט שוין געהאַט עקזיסטירט נאָך פון פריער אָן". [34]).

איך דערמאָן זיך לייענענדיג אַמאָל אַ זאָנדערבאַרע באַמערקונג אויף דעם טעקסט: „ויהי ערב ויהי בוקר, יום אחד, דער ערשטער טאָג." [35]) פרעגט זיך — פאַרוואָס רעדט די ביבעל, באַשרייבענדיג די אַלע אַנדערע טעג פון וועלט־באַשאַף, ווי „יום שני", „יום שלישי", „יום רביעי" און אַזוי ווייטער, און וועגען דעם ערשטען טאָג זאָגט נישט די ביבעל „יום ראשון", דער ערשטער טאָג, נאָר — יום אחד, „איין טאָג" ? פון דעם קענען מיר לערנען, אַז די וועלט איז געוועזן אין דעם פּראָצעס פון פאַרמירען זיך פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרען, און אַז די ביבעל הויבט אָן צו רעכענען די אַנטוויקלונג פון דער וועלט פון יום אחד, פון „אַ געוויסען טאָג" — אַ טאָג — אָבער נישט דער ערשטער טאָג פון איר עקזיסטענץ: [36]).

שמואל דוד לוצאַטא, קענען מיר זיך אויך ווענדען צו אַ פּיל שפּעטערען געלערענטען, באַמערקט, אַז דער טעקסט אין דער ביבעל דערמאָנט נישט די באַשאַפונג פון הימעל און ערד אין דעם ערשטען טאָג, פון וואָס מיר האָבען דאָס פולע רעכט צו מאַכען אַ באַשלוס, אַז די הימלען און די ערד זיינען באַשאַפען געוואָרען גאָר פּיל פריער פון דעם ערשטען טאָג וואָס איז דערמאָנט אין דער ביבעל: [37]). דער בעל מחבר פון תפארת ישראל, דער פּאָפּולערער בעל מפמרש צו משנה, באַמערקט, אַז די ביבעל זאָגט: „זאָלען די וואַסערען פון אונטער'ן הימעל זיך איינזאַמלען אין איין אָרט, און זאָל זיך די יבשה באַוויזען". [38]) נישט בלויז וואַסער, נאָר די וואַסערען; נישט נאָר יבשה, לאַנד, נאָר — די יבשה, וואָס ווייזט אונז, אַז עס גייט אויף די וואַסערען און דער יבשה וואָס האָבען שוין עקזיסטירט אין די פריערדיגע וועלטען, וואָס זיינען שוין צעשטערט געוואָרען [39]).

איך בעט אייך, אַז איר זאָלט מיך נישט מיספאַרשטיין. איך וויל דאָ נישט בשום אופן באַהויפּטען, אַז אָט די אַלע אַמאָליגע חכמים האָבען פאָראויסגעזאָגט די מאָדערנע וויסענשאַפטליכע אַנטדעקונגען. זיי זיינען געווען, הויפּטזעכליך, נישט קיין וויסענשאַפטסלייט, נאָר מאָראַל־פּריידיגער און עטיקער. וואָס איך וויל אָבער דאָ יאָ באַטאָנען

איז, דעם געדאַנק, אַז די דאָזיגע בעלי מפרשים, די אויסטייטשער פון דער אידישער טראַדיציע האָבען נישט געפונען קיין שום שוועריג־קייט צו אינקאָרפּאָרירען יעדען נייי־אָנגענומענעם אמת אין דעם גייסטיגען שפּאַכלער פון דער תורה.

פון די עטליכע ביישפּילען, וואָס איך האָב ציטירט, קענט איר זען ווי גרינג און ווי פשוט עס איז געווען דער פּראָצעס צו געפינען יעדע נייע לערע פאַרהוילען און באַהאַלטען צווישען יענע הייליגע ווערטער פון דער תורה שבכתב. און די תורה שבעל פה האָט זיך אַזויפיל שטאַרק באַמיט אויפצודעקען נייע אמת׳ן אין די ווערטער פון דער ביבעל, אַז דער רמב״ם האָט נישט גע׳ספק׳ט אויף איין מינוט אַרויסצוזאָגען, אַז בשעת ער האָט זיך קעגענגעשטעלט די אַריסטאָ־טעל׳שע פילאָזאָפיע, וואָס האָט געלערענט די אייביגקייט פון מאַטעריע — אויף דעם לאָגישען און פילאָזאָפישען גרונט — איז ווען דער רמב״ם וואָלט נאָר געווען איבערצייגט אין דעם אמת פון יענער טעאָריע, וואָלט ער געוויס נישט געהאַט קיין שום שוועריגקייט צו קענען שלום מאַכען צווישען יענער פילאָזאָפישער לערע מיט די לערעס פון אונזער תורה; ער וואָלט זיכער דאַן געקענט אַנטדעקען יענעם אמת, אויך, באַהאַלטען ערגעץ אין די ווערטער פון דעם געשריבענעם טעקסט אין אונזער ביבעל.[40]

ר׳ ישמעאל האָט געזאָגט: „די תורה רעדט אין דער שפּראַך און לשון פון דעם מענשען.״ און ר׳ עקיבא, פאַרקערט, זאָגט אונז: „די תורה רעדט נישט צו אונז אין דעם לשון פון דעם מענשען.״[41] און דאָס זיינען ביידע בליקען אויף דער זאַך אין דער ווירקליכקייט דער גרויסער אמת. די תורה רעדט צום אידען אין דעם לשון פון דעם מענשען — אין דעם לשון, וואָס מענשען פון די סאַמע ערשטע דורות זאָן האָבען געקענט משיג זיין און באַגרייפען מיט׳ן שכל. די תורה האָט געוואָלט דערמוטיגען דעם מענשליכען גייסט צו אַנטדעקען פאַר זיך נייע אמת׳ן, און צו קענען דורכדרינגען טיפער און טיפער דורך די מיסטעריעס פון לעבען. זי האָט געוואָלט, אַז מענשען זאָלען גרויס הנאה האָבען פון די אונטערנעמונגען פון מענשליכען גייסט און זיין פאַרשטאַנד. די ביבעל האָט אָבער אויך, ווי דער צווייטער תנא האָט געלויטעט, „נישט גערעדט אין דעם לשון פון דעם מענשען״, נאָר אין אַ מיסטישער שפּראַך, אין וועלכער, ווי דער איד האָט געגלויבט, דאָרט קען מען געפינען באַהאַלטענע רמזים, אָנמערקונגען[42], די אַנדייטונגען פון אַלע אמת׳ן, וואָס מען וועט קענען אַנטדעקען אין אַלע קומענדיגע יאָרען אין דער צוקונפט.

אָט אין דעם ליגט די גרויסקייט און די גלאָריע פון אידענטום. עס

האָט שטענדיג ליב אויפגענומען די פרייע אינטערפּרעטאַציעס פון אונזער געשריבענער תורה, אַ פּראָצעס, וואָס האָט גורם געווען, אַז זי זאָל ווערען אַ לעבעדיגע תורה, אין איינקלאַנג און אין צוזאַמענ־באַהעפטונג מיט דאָס לעבען גופא. „אין דער פאַרגאַנגענהייט," זאָגט פּראָפעסאָר האָקסלי אין זיין בוך „וויסענשאַפט און רעליגיע," „איז רעליגיע געוויינליך געווען לאַנגזאַם און נישט־וויליג געצוואונגען צו־צוגעבען נייע וויסענשאַפטליכע אידעען."[43]). דאָס קען אָבער נישט געזאָגט ווערען וועגען אידענטום. בשעת ס'איז אמת, אַז די מאַכט־האָבענדיגע לערער זיינען נישט געווען הויפּטזעכליך פאַראינטערעסירט אין וויסענשאַפטליכע אַנטדעקונגען, האָבען זיי זיך אָבער קיינמאָל נישט קעגענגעשטעלט קעגען זיי, און זיי זיינען קיינמאָל נישט געווען גע־צוואונגען צוצוגעבען זייערע רעזולטאַטען. „אויב רעליגיע וועט נאָר אָננעמען," זאָגט ווייטער האָקסלי, „די לעבעדיגסטע פון אַלע וויסענ־שאַפטליכע אידעען פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, די פעאיגקייט פון לעבען, אַריינגעמענדיג דאָס מענשליכע לעבען און די אינסטיטוציעס, פאַר פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, וועט שוין דאַן דער צוזאַמענשטויס צווישען וויסענשאַפט און רעליגיע זיין פאַראיבער, און ביידע וועלען זיך קענען געבען הענט — שלום."[44]).

אָט דעם פאַרלאַנג האָט שוין אידענטום נאָכגעגעבען עד בלי די, און צוליב דער זעלביגער אורזאַך האָט ישראל'ס תורה שטענדיג געקענט גיין האַנט אין האַנט מיט דער וויסענשאַפט. „העלפענדיג אַז דעם מענשען'ס גרויסע עקספּערימענטען זאָלען מאַכען פאָרשריט — פאַרזיכערענדיג, אַז דער מענש זאָל האָבען לעבען, און באַזיצען לעבען בשפע'דיג."[45]).

און, שטעלען מיר נאָכאַמאָל אַוועק די פראַגע: „איז דאָס אידענ־טום אין צוזאַמענשטויס מיט דער וויסענשאַפט?" מוזען מיר ענט־פערען: אָה, ניין! בשום אופן: ניין! און באַנוצענדיג אַן אויסדרוק פון רמב"ם, נעמט אידענטום גערן אויף יעדען אמת, ווער נאָר עס קומט מיט'ן אמת אַרויס, און דער אמת ווערט פּראָקלאַמירט:[46]). אַלע אמת'ן — אין דער וויסענשאַפט, אין דער עטיק, אין דער מאָראַל, אין דער פילאָזאָפיע — און יעדער אמת איז בלויז אַ נייער אַריינבליק אין דער אַנטפּלעקונג פון דעם געטליכען אמת, וואָס איז צוערשט אַרונטערגעקומען צו דעם מענשען פון די הויכקייטען פון דעם באַרג סיני.

אונזער אידענטום איז אַ בוים פון לעבען, וואָס וואַקסט, און צעוואַקסט זיך, און אַנטוויקעלט זיך מיט'ן לעבען גופא, צוליב דער ברכה פאַר דער גאַנצער מענשהייט!

זעקסטער קאַפּיטעל

דאָס אָרט וואָס ריטואַל און צערע־מאָניע פאַרנעמען אין אידענטום

די טעמע, וואָס מיר נעמען־אויף איצטער פאַר אונזער דיסקו־סיע, הגם זי גייט ווייט אַוועק אין איר עצם וויכטיגקייט, איז אָבער איינע פון די שווערסטע טעמעס צו באַהאַנדלען אין דעם אַנאַליז, וואָס מיר מאַכען איבער אידענטום. זי איז אַן ענין, וואָס איז זייער ווייטאַל פאַר דאָס לעבען גופא פון אידענטום — אַן ענין, וואָס האָט באַדאַרפט, דעריבער, ווערען בעסער פאַרשטאַנען און העכער אָפּגע־שאַצט; אָבער די טעמע ווערט, צום טיפען באַדויערען, צו־אָפט מיס־פאַרשטאַנען און סתם איגנאָרירט.

אין אַ געוויסען זין, נויטיגט זיך די איצטיגע טעמע היינט צו טאָג אין אַ פיל שטאַרקערער באַטאָנונג איידער ווי אַפילו די טעמע פון גאָט־אידעע, וואָס מיר האָבען באַהאַנדעלט אין אַן אַנדער קאַפּיטעל. מחמת די גאָט־אידעע איז אוניווערסאַל. מענשען פון אַלע נאַציאָנאַ־ליטעטען און פון אַלע רעליגיעס באַטאָנען דעם גלויבען אין גאָט. אונזער אידישע גאָט־אידעע קען זיך טאַקע זיין זאָנדערבאַר און אונ־טערשיידענד אין געוויסע אַנזיכטען, אָבער דער ענין גאָט־אידעע גופא איז אַן ענין, וואָס כאַפּט אַרום די גאַנצע ברייטע וועלט, אַן ענין אין וועלכען די סאַמע גאַנצע וועלט האָט אַ לעבעדיגען אינטערעס.

די פראַגע אָבער וועגען ריטואַל און צערעמאָניע אין אידענטום איז באַשטימט אַ טיפּיש־אידישע פראַגע. ווען ס'איז אמת, אַז אויך אַנדערע רעליגיעס און פעלקער פאַרמאָגען זייערע געוויסע צערעמאָ־ניעס, און בשעת עס איז אויך אמת, אַז געוויסע פאַזען פון זייער ווערט און איינפלוס ווערען אַנגעווענדט צו אַלע גלייך, דאָך, קען מען זאָגען, אַז אין ערגעץ נישט שפּילען זיי, די צערעמאָניעס, אַזאַ מין וויכטיגע ראָליע, ווי אין אונזער אידענטום. אָט אין דעם ליגט די גאַנצע וואָ־גיגקייט פון אונזער פּראָבלעם. און ס'איז אויך מעגליך, אַז אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס אַנדערע פעלקער צווישען וועלכע מיר לעבען,

זיינען נישט אַזוי לעבעדיג אין דעם פאַראינטערעסירט. פאַרלירען מיר שוין אויך דעריבער אונזער אינטערעס אין אָט דער פאַזע פון אידישען לעבען.

נו, איך וויל דאָ זאָגען, אַז ביז מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, זיינען צערעמאָניעס, ריטואַלען, מנהגים, און אַנדערע אַזעלכע מיני אידישע אָפּהיטונגען פון מצוות און געבאָטען, לחלוטין גאָרנישט באַטראַכט געוואָרען ביי אונז אידען ווי אַ פּראָבלעם. יעדער איד האָט ביי זיך טיף אין האַרצען געוואוסט, אַז ער דאַרף זיי אָפּהיטען. אָט דאָס איז געווען די נאָרמע, דער רעגעל פון אידישען לעבען. אויב, למשל, אַ איד האָט געוואָגט צו רויכערען אום שבת, אָדער ברעכען די געזעצען פון כשרות, האָט ער באַלד דערפילט סאָציאַל אויסגעשלאָסען פון דער קהילה. יאָ, ער האָט געמוזט אָנהאַלטען מיט דעם לעבען, וואָס ס׳איז אָנגענומען, דאָס נאָרמאַלע לעבען פון זיין גאַנצער קהילה. עס איז נישט נאָר געווען די רעליגיעזע פירונג פון אַלע זיינע שכנים, וואָס האָט געשפּילט די גרויסע ראָליע, נאָר די סאָציאַלע פירונג און געוואוינהייט. קיינער האָט נישט אַפילו געדאַכט צו זיין אין ספק אָדער שטעלען וועלכע ס׳איז פראַגע בנוגע אָט דער באַשטימטער פאַזע פון אידישען לעבען.

היינט צו טאָג, אָבער, איז דאָס אַלץ לחלוטין געענדערט. די ווענט פון דער אידישער געטאָ זיינען צוזאַמענגעפאַלען. מיר ווערען כסדר אַריינגעוואָרפען אין דער כמעט זעלביגער געזעלשאַפט פון אונזערע נישט־אידישע שכנים. מיר קוקען זיך תמיד צו צו זייער לעבען מיט אונזערע אייגענע אויגען, מיר ווערען ממש אַריינגעוואָרפען אין זייער לעבען, און פאַמיליעכדיג, בהדרגה׳וויז, נעמען מיר אויך אויף דעם וועג און שטייגער פון זייער לעבען. אָט דאָס־אַ, פיל מער פון וועלכער ס׳איז אַנדער זאַך, האָט געווירקט צו צעשטערען דעם אַלטען אידישען סדר פון לעבען. דאָס אידישע לעבען ווערט נישט מער געמאָסטען און באַצייכענט לויט זיינע צערעמאָניעלע אָפּהיטונגען, נאָר, צום גרויס באַדויערן, זיי ווערען גאָר באַטראַכט פון זייער פיל ביי אונז ווי אַן אַבנאָרמאַלער וועג פון לעבען.

אויך דער חותם, דער אָפּדרוק פון דעם נייעם אינטעלעקטואַליזם האָט געהאַט זיין שטאַרקע ווירקונג. זאַכען ווערען נישט מער אָנגענומען סתם גלאַט אַזוי, בלויז דערפאַר, וואָס זיי עקזיסטירען. מענשען האָבען ליב צו שטעלען פראַגען, און זיי פרעגען טאַקע, צום ביישפּיל: הלמאַי מוזען אָט די ריטואַלען און געזעצען ווערען אָפּגעהיט? וואָס פאַר אַ ווערט האָבען זיי פאַר אונז אין אַלגעמיין? און נאָך אַזעלכע מיני קלאָץ־קשיות...

דער אויפשטייג פון דער באַוועגונג פון רעפאָרם־אידענטום, מיט זיין שטאַרקען פאַרדאַמען — ספּעציעל אין די ערשטע יאָרען פון זיין אַנטוויקלונג — דאָס צערעמאָניעלע וועזען פון אידישען לעבען, האָט אויך געהאַט אַ ווירקונג אין אַפּשוואַכען דעם אָנהאַלט פון צערע־מאָניעלע געזעצען אין אידישען לעבען. אידען אַמאָל האָבען קיינ־מאָל נישט געגלויבט, אַז ס'איז מעגליך אַ אידיש לעבען אָהן צערעמאָ־ניעלע פירונגען. און דאַ זיינען געקומען די רעפאָרמירטע אידען און האָבען אָפּגעלייקענט דאָס גאַנצע גילטיגקייט און קרעפטיגקייט פון אידישער צערעמאָניע, און דאָך האָבען זיי זיך געהאַלטען פאַר גוטע און געטרייע אידען, אַט די אַלע איינפלוסען האָבען געהאַט זייער חלק אין דעם פּראָצעס פון פאַנאַנדערברעכען דאָס גאַנצע פריערדיגע, וואָס האָט פאַרנומען אַזאַ חשוב'ן אָרט אין דער צערעמאָניעלער פאַזע פון אידישען לעבען.

עס איז, דעריבער, פאַר אונז זייער וויכטיג, אַז מיר זאָלען זיך שטעלען די פראַגע: וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעמט אייגענטליך, צערעמאָניאַליזם אין אידענטום? שפּילט עס טאַקע באמת אַ וויכטיגע ראָליע? קען מען עס אויסשליסען אָהן קיין שום פאַרלוסט מצד דעם אידישען פאָלק און אין באַצוג צו דעם אידישען אידעאַלען לעבען? וואָס אייגענטליך פאָדערט אַט די פאַזע פון אידיש לעבען היינט צו טאָג פון דעם אידען בכלל?

צוקומענדיג נעענטער צו אונזער ענין, איז נויטיג קלאָר צו מאַכען גלייך פון אָנהויב אָן, אַז דער איד פון דעם אַלטען טיפּ — דער פרומער איד פון דעם אַלטען חדר — האָט באמת אָנגענומען אָט די אַלע התחייבות'ן און רעגולאַציעס, אין באַצוג צו זיינע ריטועלע און צערעמאָניעלע פליכטען, ווי אַ טייל פון דער געטליכער אַנט־פלעקונג, גראָד אַזוי אמת'דיג און גראַד אַזוי וויכטיג פאַר זיין וואויל־זיין ווי עס איז געוועזן, למשל, צו אים אַנטפּלעקט דער מאָראַלישער געזעץ. און, ווי פּראָפעסאָר מור ווייזט עס אָן אין זיין בוך אידענ־טום", זאָגט ער עס דאָרט אַזוי אַרויס: „דאָס איז די לאָגישע באַצי־אונג פון אַן אַנטפּלעקטער רעליגיע. די אַלע מצוות, דאָס צערע־מאָניע־געזעץ, אין ברייטסטען זין פון וואָרט, איז אַ פעסט־געזעצטע באַשטעטיגונג. דער איינצעלנער מענש קען זיך נישט קעגענשטעלען קעגען די פאַרשרייבונגען, אָדער די פאַרבאָטונגען . . . און די מאָדערנע אונטערשיידונגען פון פליכטען צו גאָט, ווי רעליגיעזע פליכטען, און יענע פליכטען בין אדם לחבירו, אָדער די פליכטען אין אונזער פער־זענליכער אויפפירונג, ווי מאָראַלע פליכטען, אָט די אַלע אונטערשיי־דונגען און פאַנאַנדערטיילונגען, זיינען, פון דעם שטאַנדפּונקט פון

דער אָנטפּלעקטער רעליגיע, גאָר פאַלשע פאַנאַנדערטיילונגען פון אַן אונצעטיילטבאַרער איין־גאַנצע." [1] און דעריבער, ווייל איך עס זאָגען, איז עס פאַר יענעם אידען גאָר נישט געווען קיין פּראָבלעם. דער זעלביגער באַפעל, וואָס האָט אים פאַרבאָטען נישט צו גנב'נען, האָט אים אויך געבאָטען אָפּצוהיטען דעם שבת מיט אַלע דעטאַלען, אָדער אָוועקהאַלטען זיך פון עסענוואַרג, וואָס איז דערקלערט געוואָרען פאַר נישט כשר פון רעליגיעזען זין.

עס זיינען דאָך אָבער פאַראַן פיל אידען היינט צו טאָג, וואָס אונטער דעם איינפלוס פון דעם וויסענשאַפטליכען צוגאַנג צו ביבלי־שער שטודיום, וואַרפען זיי אום אין גאַנצען, אָדער באַמיען זיך צו געבען אַ נייעם אויסטייטש, אָט דעם צוגאַנג צו דער אָנטפּלעקונג פון צערע־מאָניעס אין אידישען לעבען. אָט די נייע אידען היינט צו טאָג באַ־ציען זיך צו אָט די אַלע צערעמאָניעס בלויז ווי אַ טייל פון פּראָצעס פון אידישען וואַקסען און אַנטוויקלונג, און זיי גלויבען, אַז זייער פיל פון די צערעמאָניעס האָט דאָס אידיש פאָלק אויפגענומען, ווי אַ טייל פון זייערע גייסטיגע דערפאַרונגען אין פאַרלויף פון די פילע יאָר־הונדערטער, און אַז זיי רעפּרעזענטירען בלויז געוויסע פאָלקס־שטיי־גערען פון אידישען צוזאַמענלעבען אין גרופּען. אָט די מענשען ווילען אָבער וויסען, וואָס איז אייגענטליך די אמת'ע פאָדערונג פון אָט דעם צערעמאָניאַליזם טאָקע היינט צו טאָג. צי קענען זיי זיך אָפּזאָגען פון זיי, און דאָך אויפהאַלטען ביי זיך די האָפענונג, אַז דאָס לעבען פון אידישען פאָלק אַלס אַ כלל וועט לעבען אייביג לאַנג? אָט פאַר דעם קלאַס מענשען בפרט ווילען מיר עס אַדרעסירען די איצטיגע דיסקוסיע.

עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מינים און סאָרטען צערעמאָניעס, וואָס ווערען אָנגעוויזען, אַז דער איד זאָל זיי אָפּהיטען. דאָס אָנציג־דען די שבת־ליכט דורך דער אידישער בעל־הבית'טע, דער פאַרבאָט קעגען געוויסע עסענוואַרגען, און דאָס איינאָרדענען אין די אידישע היימען צוויי־ערליי שפּייז־געפעס, מילכיגע און פליישיגע, נעמענדיג אָט די דריי פאַרפליכטונגען אויבערפלעכליך, קענען זיי בשום אופן נישט אויפגעקלערט ווערען אויף'ן זעלבען וועג און שטייגער, צי דורך זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, אָדער אין זייער ניצליכער פונקציע.

מיר קענען דאָ נישט פאַנאַנדערנעמען און אַנאַליזירען יעדע צערעמאָניע אָדער ריטועל, אַן און פאַר זיך, גאָר באַזונדער; מיר קענען זיי בלויז גרופּירען און דיסקוטירען און אַרומרעדען זיי אונטער געוויסע קלאַסיפיקאַציעס. די אורזאַך, וואָס איז אַסיגנירט פאַר דער באַשאַפונג און אויפהאַלטונג פון איינער איז זייער מעגליך אַז זי זאָל נישט זיין צוגענגליך צו אַנדערע אין אונזער דיסקוסיע. דאָך, קענען

מיר אָנגעמען געוויסע הערשענדע פּרינציפּען, וואָס זאָלען אפשר קענען העלפען צו דערקלערען די נויט־באַדערפטיגקייט פאַר כמעט אַלע איבעריגע. עס זיינען פאַראַן געוויסע אויסגעצייכענטע כאַראַקטע־ריסטיקס אין די אידישע צערעמאָניעס, וואָס זיינען אַל־וועלטליך אָנערקענט, און וואָס דערקלערען, נישט נאָר פאַרוואָס זיי זיינען אַריינ־געקומען אין אַלע רעליגיעס, נאָר אויך פאַרוואָס זיי האָבען, נאָך פון גאָר פאַרצייטענס אָן, אויך געשפּילט אַ זייער וויכטיגע ראָליע אין דעם סאָציאַלען לעבען פון אַלע גרופּעס מענשען. די געזעצען און איינפירונגען פון סאָציאַלער עטיקעט, וואָס שפּילען אַזאַ וויכטיגע ראָ־ליע אין אונזער טאָג־טעגליכען לעבען זיינען באמת יענע געזעצען פון אַ סאָציאַלער צערעמאָניאַליטעט. צי עס איז די איינפירונג פון זאָגען שלום מיט אַ האַנד־דרוק, אָדער דאָס אַראָפּנעמען די הוט, אָדער דאָס פאַרנייגען זיך, — צי זיינען נישט אָט די אַלע צערעמאָניאַליטעטען, וואָס מיר האָבען אָנגענומען מיט פיל זיכערקייט, כדי אויסצודריקען געוויסע עמאָציעס אונזערע, אָדער געפילען וואָס מיר ווילען אויס־דריקען צום צווייטען? מענשען זיינען פון תמיד אָן געוואָרען צוגע־צויגען צו אָט די דאָזיגע פאַרשיידענע פאָרמען פון צערעמאָניאַליטעט. ווען איר זאָלט נאָכפאָרשען דעם אורשפּרונג און דעם פּראָגרעס פון די פאַרשיידענע „פּראָטערנאַלע אָרדענס” — וועלטליכע אָדער אידישע — וועט איר זיך איבערצייגען, אַז דאָס וואָס איז שטאַרק געפעלען און האָט צוגעצויגען מענשען זיך צו האַלטען אַזוי נאָענט און טוליען זיך צוזאַמען, איז נישט געווען בלויז דאָס מאַטעריעלע געווינס, וואָס די אָרגאַניזאַציעס האָבען געגעבען, נאָר די מיסטעריעזע און זאָנדערבאַרע ריטועלען און צערעמאָניעס, וואָס די אַלע אינסטיטוציעס האָבען אַנטוויקעלט.

שטודירענדיג אַלע פאָרמען פון צערעמאָניאַליטעט, מוזען מיר, דאַן זיין אינטעליגענט גענוג און ליבעראַל גענוג נישט נאָר צו עקזאַ־מענירען די אויסערליכע פאָרמע פון דער צערעמאָניעלער אויפפירונג, אָדער אַקט; נאָר, מיר מוזען אויך אָפּשאַצען, וואָס אייגענטליך מיינט אָט די דורכפירונג פון דער באַשטימטער צערעמאָניע, און וואָס באַ־צוועקט זי, אָדער וואָס פאַר אַ זין האָט זי פאַר דעם, וואָס פירט זי דורך. די פאַהן פון וועלכען ס'איז לאַנד, למשל, ווען אַנאַליזירט פון פריעודיגען שטאַנדפּונקט בלויז, איז זי, נאָכאַלעמען נאָר אַ שטיקעל פלאַג־טוך, פאַהן־געוואַנדט, פאַסעקעס פון פאַרשיידענע קאָלירען צו־זאַמענגענייט. אָבער, פאַר יענעם מענשען, וואָס שטייט מיט פאַרגע־טערונג פאַר יענער פאַהן איז עס נישט בלויז אַ שטיק פלאַג־טוך, נאָר די אידעאַליזאַציע פון שיינע און דערהאָבענע סענטימענטען, וואָס

ער דערקענט אין דער פּאָהן; און אַזוי אויך, אין אידענטום, ווען מיר שטודירען די פאַרשיידענע צערעמאָניעס און ריטועלען, וואָס פאָדערען פון די נאָכפאָלגער דורכצופירען, מוזען מיר זיך באַמיען אויסצוזוכען און צו געפינען דעם טיפערען זין, וואָס זיי האַלטען אין זיך, בנוגע דעם לעבען פון דעם אידען.

צערעמאָניעס מוזען דעריבער, קודם כל, ווערען באַטראַכט אַלס אַזעלכע, וואָס סימבאָליזירען די פּאָעזיע, די העכסטע שיינקייט, פון דעם גאַנצען געזעלשאַפטליכען לעבען אַלס אַ כלל. מיר ווילען אפשר זיין אומפעאיג צו אַנאַליזירען זיי אין דעם לאָגישען זין, אָבער דאָס לעבען איז נישט תמיד געבויט אויף קאַלטער לאָגיק אַליין.

אין דער ליטעראַטור דאַרפען מיר האָבען פּראָזע, כדי צו נערען אונזערע מוחות מיט וויסען, מיר נויטיגען זיך אָבער אויך אין פּאָעזיע, כדי צו נערען אונזער האַרץ מיט געפיל און אונזערע נשמות מיט עמאָציע. „ריטועל," זאָגט פראַנסיס טהאָמפּסאָן, „איז פּאָעזיע וואָס אָפּעלירט צום אויג." דער איד האָט פון תמיד אָן געפילט דעם פּאָעטישען ציטער פון זיין ציוויליזאַציע, וואָס הייסט אידענטום, דורך זיינע ריטועלען און צערעמאָניאַליטעטען. אין אונזער תהילים, קאַפּ. קי"ט, פּ' נ"ד, ווערט געזאָגט: „דיינע געזעצען זיינען געוועזן פאַר מיר געזאַנגען אין דעם הויז פון מיין פאַרפרעמדקייט." [2] צערעמאָניע, דורכגעפירט נישט סתם אַזוי אויף אַ פאַרנאַכלעסיגטען שטייגער, וואָס זיינען שטענדיג אַנטמוטיגט געוואָרען אין דער אידישער לערע, נאָר צערעמאָניעס דורכגעפירט אויף אַ פּאָעטישען שטייגער, וואָס ס'איז געוועזן דער אויסדרוק פון אידישען לעבען אין דעם עבר — אָט נאָר אַזעלכע צערעמאָניעס האָבען באמת געשאַפען עקסטאַזישע פרייד און גייסטיגע ברכה, ברייגנענדיג אַ נייעם און הייליגערען זין אין אידענ'ס לעבען. אָט דער סאָרט אָפּהיטונג פון צערעמאָניעס האָט דעם אידען געגעבען דעם העכסטען גראַד באַגייסטערונג.

מען מוז באמת אַליין זיין אַ פּאָעט, אַ דיכטער, כדי צו קענען צופרידענשטעלענדיג באַשרייבען דעם אינערליכען ציטער, וואָס דער איד האָט באַקומען דורך אָפּהיטען אָט די אַלע אומצאָליגע צערעמאָניעס און ריטואַלען. די ערשטע פירער פון דער רעפאָרם־באַוועגונג, וואָס האָבען אָפּעלירט און געאַרבייט מעשים אָפּצושאַפען פיל פון אָט די צערעמאָניעלע געבאָטען און אָפּהיטונגען אין דעם אידישען לעבען אויפ'ן גרונד וואָס מיר לעבען אין אַ יאָרהונדערט פון פרייען געדאַנק, און אַז קאַלטע לאָגיק אַליין קען נישט גערעכטפאַרטיגען, אַז אידען זאָלען אָנהאַלטען אויף ווייטער אָט די צערעמאָניעס, — אָט די רעפאָרם־באַוועגונג האָט פאַרפעלט אויפצוכאַפּען דעם פּאָעטישען ווערט, וואָס איז

געווען אזוי נויטווענדיג פאַר אַן אידיש נאָרמאַלען לעבען. היינריך היינע׳ס רעאַגירען אויף זייערע אַלע באַמיאונגען, האָט אַרויסגעוויזען אַ פּיל שאַרפערען אינערליכען אַריינבליק, ווי עס האָבען פאַרמאָגט יענע טעאָלאָגיקער; אין זיין בוך „קאָנפעסיאָ דזשודייאיקאַ״ האָט דער גרויסער דיכטער היינע אַזוי זיך אויסגעדריקט: „מאַנכע דאָקטוירים שאַרלאַטאַנען האָבען זיך באַמיט אויסצוהיילען דעם קערפּער פון אידענטום פון זיין סכנה׳דיגער הויט־קראַנקייט דורך בלוט־לאָזען, און דורך זייערע פאַרגרייזטע און דין־פעדעמדיגע לאָגיק־באַנדאַזשען האָבען זיי פאַראורזאַכט, אַז ישראל האָט אָפּגעבלוטיגט ביז צום טויט.״[3]).

אָבער, עס איז נישט נאָר דער פּאָעטישער ווערט פון אונזער צערעמאָניאַליטעט, אויף וועלכער מיר דאַרפען זיך אָפּשטעלען און שטאַרק באַטאָנען. דאָס צערעמאָניעלע איז געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער פאַרהייליגונג פון אידישען לעבען. „קדושים תהיו,״ ווערט געזאָגט אין ספר ויקרא, „הייליג זאָלט איר זיין“,[4]) אָט דאָס איז אייגענטליך וואָס אונזערע צערעמאָניעס האָבען געהאָלפען דעם אידען צו דערגרייכען. זיי האָבען דערמוטיגט אין דעם אידען, און אַנטוויקעלט אין אים, דאָס געפיל פון זעלבסט־דיסציפּלין; זיי האָבען אים געהאָלפען, אַז ער זאָל קענען קאָנטראָלירען זיינע פאַרלאַנגען און אימפּולסען. זיי האָבען געהאָלפען ברייינגען אים, וואָס דער באַרימטער קלאַסישער ענגלישער דיכטער קאָלרידזש רופט אָן: „דעם ענד־ציל פון רעליגיע — די אויסבעסערונג פון אונזער טבע און מענשליכע אייגענשאַפטען.״ דאָס אָפּהיטען די צערעמאָניעס איז געווען אַ פּראָצעס פון אויספיינערען און אַרויסברייינגען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פון דעם אידען׳ס אינערליכע אייגענשאַפטען.

זייער פיל פון די כללים און רעגולאַציעס אין אונזערע געזעצען פון פשוט׳ער אכילה, עסען, געפינען זייער אורשפּרונג אין אָט דעם פּרינציפּ. געוויסע שפּייזען ווערען פון דעם אידען באַטראַכט ווי „טרף״, אומרייך, אומפּאַסיג צו עסען. דער פאַרבאָט האָט אפשר לכתחילה געהאַט עפּעס צו טאָן מיט די קלימאַטישע אומשטענדען, כדי צו באַשיצען דעם געזונד־צושטאַנד אין דעם לעבען פון גאַנצען פאָלק. דאָס אַליין איז אָבער נישט געווען דער גאַנצער צוועק און ציל. אויב יאָ, וואָלטען מיר געקענט זאָגען: אָבער, היינט צו טאָג, אַז מיר האָבען שוין די פאַרבעסערטע מעטאָדען פון האַלטען עסענס־וואַרג פאַרפרוירען, קענען מיר שוין דעריבער באַזייטיגען די אַלע צערעמאָניעלע געזעצען און אַלטע כללים פון אַמאָל. אָבער, נייך, דאָס איז נישט אין גאַנצען וויכטיג. דער הויפּט וויכטיגער פאַקט, וואָס

מיר דאַרפֿען יאָ אין זינען האָבען איז, אַז דער אידישער געוויסען פֿון גאַנצען כלל האָט אָנגענומען ד אַלע פֿאַרבאָטונגען, כדי צו פֿאַרפיינערן דעם פּראָצעס און אָנגאַנג און אַנטוויקלונג פֿון דעם אידישען כאַראַקטער.

מ׳האָט דערקלערט, אַז די און די עסענוואַרגען זיינען „טרף״, אומריין, און דער איד איז ממש געווען פֿאַרפליכטעט אָפּצוהאַלטען זיך פֿון אַלץ וואָס איז אומריין. עס איז געווען אַ לעקציע, אַ לערע אין דעם ענין הייליגקייט. דאָס קאַפּיטעל אין דער ביבעל, וואו מיר טרעפֿען זיך אָן מיט דער דערקלערונג פֿון די געזעצען פֿון פֿאַרבאָטענע עסענוואַרגען[5], ווערט פֿאַרענדיגט מיט די וויכטיג־אויסגעצייכענטע ווערטער: „איר זאָלט זיך מאַכען הייליג, הייליג זאָלט איר זיין, ווייל איך אייער גאָט בין הייליג״, ווי עס שטייט געשריבען אין ספר ויקרא:[6]).

אין דער גאַנצער לערע איז עפּעס געלעגען פֿון סאַמע העכסטען ווערט — אַ לערע מיט אַ באַשטימטען ציל, וואָס האָט שטענדיג געצויגען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם אידען, אַז אין לעבען איז דאָ אַזאַ מין זאַך ווי אַ מחיצה, אַ גייסטיגע אָפּטייל־וואַנט — המבדיל בין קודש לחול — אַן אונטערשייד צווישען דאָס וואָס איז הייליג און אומהייליג, ריין און אומריין, דערלויבט און פֿאַרבאָטען. עס איז געווען אָט דער אידעאַל פֿון הייליגקייט, אַזוי שאַרף און שטרענג אַרויסגעבראַכט דורך דער לערע פֿון די געזעצען איבער עסען, וואָס האָט אָוועקגעשטעלט דעם אידען, דורך די אַלע פֿינסטערע יאָרהונדערטער, אַלס אַ מוסטער פֿון אַ הייליגען לעבען, און וואָס ס׳האָט אים געהאַלטען פֿריי פֿון די אַלע אומריינליכקייטען, און פֿון די אַלע צעלאָזענקייטען, פֿון דעם גאַנצען מאָראַלען שמוץ, וואָס האָט דורכגעדרונגען, און באַשמוצט דאָס לעבען פֿון מיטעלאַלטער.

אַפילו אַזאַ פֿאַרטיידיגער פֿון דעם רעפֿאָרם־אידענטום, ווי דער פֿאַרשטאָרבענער קאופֿמאַן קאָהלער גיט־צו, רעדענדיג וועגען די אידישע געזעצען איבער דיעטע: „מען קען נישט אָפּלייקענען, אַז אָט די אַלע געזעצען האָבען באמת דיסציפּלינירט דעם אידען פֿון מיטעלאַלטער, אַזוי, אַז דורך די יאָרהונדערטער פֿון ווילדער צעלאָזענקייט האָט דער איד פּראַקטיצירט ניכטערקייט און איינגעהאַלטענקייט; ווי דער רמב״ם זאָגט:[7]) זיי האָבען געדינט אַלס מוסטער אין זעלבסט־קאָנטראָל, אין קענען איינצוימען תאווה׳דיגע פֿאַרלאַנגען, און קענען זיך האַלטען ריין אין דער נשמה אַזוי גוט ווי אין דעם קערפּער״[8]).

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז ווען די רבנים זוכען אַן אורזאַך כדי אויסצוטייטשען דעם גרונד־געדאַנק פֿון די מערסטע פֿון אונזערע צערעמאָניאַליטעטען, באַטאָנען זיי אָט דעם דאָזיגען

געדאַנק. אויסטייטשענדיג, למשל, דאָס וואָרט צרופה, אין דעם פסוק אין תהילים: „דאָס וואָרט פון גאָט איז געלייטערט", [9] האָט אויף דעם רבי געלערענט, אַז „די מצוות פון דער תורה זיינען אונז געגעבען כדי לצרף, צו דיסציפּלינירען, צו פאַרפיינערען און לייטערען דעם מענ־שען דורך אָפּהיטען זיי." און ער זאָגט ווייטער: „וואָס מאַכט עס אייגענטליך אויס גאָט, צי די חיה ווערט געקוילעט אויף אַזאַ שטייגער אָדער אויף אַן אַנדער אופן? דאַרפט איר אָבער וויסען, אַז די דאָזיגע געזעצען זיינען געגעבען געוואָרען בלויז מיט דער כוונה, כדי צו דיס־ציפּלינירען געוויסע וועגען, דורך וועלכע עס זאָלען געלייטערט ווערען די יעניגע, וואָס האַלטען זיך אָן אין די מצוות און געבאָטען". [10])

די חז"ל גייען נאָך אַפילו ווייטער, און זיי קומען צום שלוס, אַז אַלע זאַכען, וואָס זיינען פאַרבאָטען, זיינען נישט אינערליך שלעכט. ס'איז גאַנץ מעגליך, אַז זיי זיינען גוט פאַר'ן אויג אָדער פאַר'ן גומען; עס איז אָבער דער שטאַרקער ווילען פון דעם אידישען פאָלק — דאָס פאָלק אַלס אַ כלל — אַז מיר זאָלען זיך אָפּהאַלטען פון געוויסע זאַכען, און קענען זיך אַליין באַגרעניצען צו אַ געוויסער מאָס. עס איז פאַראַן אַן אויסגעצייכענטער מאמר פון אַ גרויסען תנא, באַציענדיג זיך צו אָט דעם זין און געדאַנק, וואו ער לויטעט, אַז: „דער אידעאַלער איד זאָגט נישט: 'איך וויל נישט עסען קיין חזיר־פלייש'; איך וויל עס, איך פאַרלאַנג עס, נאָר איך מוז ממש איינצוימען מיין וואונש, ווייל אַזוי איז עס דער ווילען פון גאָט — מחמת מיין פאָלק האָט עס אָנגע־נומען אַלס אָסור, ווי אַ געזעץ פון דיסציפּלין." [11]).

אַזוי אויך איז געוועזען אָט די לערע פון היילינקייט און קדושה פון לעבען, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרען צו דעם אידען דורך דעם ריטועל פון זיין דאַווענען, אָדער בענשען. זאָגען ברכות פאַר'ן עסען און נאָכ'ן עסען, די ברכות אין דער פרי און ביינאַכט, האָבען כסדר אָן אָן אויפהער באַאיינפלוסט זיין גייסט און נשמה מיט דעם אידעאַל פון היילינקייט — אַז ער איז גאָט'ס אַ קינד, דער הייליגער גאָט, וואָס פאַרלאַנגט פון אים אַ הייליג לעבען.

צערעמאָניעס און ריטועלען זיינען דערמוטיגט געוואָרען אין אידישען לעבען נישט בלויז צוליב אָט דער פּאָעטישער שיינקייט און צוליב דעם איינפלוס פון הייליגען זיך אַליין, נאָר אויך צוליב זייער בילדונג'ס ווערט. גייסטיגע פירער און אויטאָריטעטען זאָגען אונז, אַז די בייעסטע און ווירקזאַמסטע מעטאָדען אין בילדונג זיינען די, וואָס פאַרלאָזען זיך נישט מער אויפ'ן מענשענ'ס מוח בלויז דורך אָנגעזאַ־מעלטע פאַקטען, נאָר אויף דעם אויג פון מענשען, וואָס נעמט־אויף, און די הענט זיינע וואָס פירען־דורך, די געווינשטע רעזולטאַטען.

דאָס איז אייגענטליך דער באַזיס פון דעם פּלאַן און מעטאָדע אין בילדונג, וואָס מיר האָבען אַדאַפּטירט אין אונזער אייגענער צענטער־אַקאַדעמיע, און וואָס איז היינט צו טאָג די פירונג פון אַלע פּראָגרע־סיווע שולען.[12]). עס איז אַן אַלטער אמת, נאָר ער איז ערשט אַריין אין מאָדע בלויז נישט לאַנג צוריק. דאָס אויג איז פלינקער און מער ווירקענדיג אין זיינע פונקציעס, ווי עס איז דער אויער. און אפשר איז דאָס טאַקע דער זין און געדאַנק, וואָס מיר באַקומען פון די ביב־לישע ווערטער, וואָס באַשרייבען, וואָס ס'איז פאַרגעקומען אויף דעם באַרג סיני: „וכל העם רואים את הקולות, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען די דונערען, און ווען דאָס פאָלק האָט עס געזען האָט עס געציטערט",[13]), ווי עס ווערט דערמאָנט אין ספר שמות. מיר וואָלטען געקענט דערוואַרטען, אַז דער אָריגינאַל אין דער ביבעל וואָלט זיך אויסגעדריקט אַביסעלע אַנדערש, און וואָלט געלויטעט, אַז „דאָס גאַנצע פאָלק האָט געהערט די קולות"; אָבער ניין, אַנשטאַט דעם ווערט געזאָגט, אַז זיי האָבען געזען די קולות. מחמת, עס זיינען באמת געווען נישט נאָר די ווערטער, וואָס האָבען דערגרייכט זייערע אויערען, עס איז ממש געווען די גאַנצע סצענע, וואָס זיי האָבען געזען דורכגע־פירט, וואָס האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין זייער זכרון, אַז אויך די ווערטער האָבען ביי זיי געקראָגען אַ לעבעדיגען זין.

פון דעם שטאַנדפּונקט פון בילדונג און דערציאונג, האָבען, אַט די ריטועלס, אַ דויערנדען געווינס, ווען זיי זיינען געווענדט צו אונזער אויג און ווערען אַ טייל פון אונזער טאָג־טעגליכען לעבען. און די חז"ל, וואָס האָבען אַנטוויקעלט אָט די צערעמאָניאַליטעט צו אַזאַ הויכער מדרגה, זיינען געוויס געווען עקספּערטען אויף דעם פעלד פון פּעדאַגאָגיע, מיט דער שאַרפסטער אָפּשאַצונג איבער זייער פּעדאַגאָגישען ווערט. נאָפּאַלעאָן האָט עס אַמאָל באַמערקט, אַז „רעליגיע איז זכרון." יאָ, געוויס, די אַלע צערעמאָניעס האָבען געהאָלפען דעם אידישען זכרון צו האַלטען זיך לעבעדיג און אויף דער וואַך צו אַלע פאַקטען און אידעאַלען, וואָס האָבען געשאַפען אידיש לעבען, און אַזוי־נאָך אויפגעהאַלטען שטאַרק און קרעפטיג דאָס געפיל פאַר געטריי־שאַפט און איבערגעבענקייט צום לעבען פון גאַנצען כלל ישראל.

איך דאַרפט זיך בלויז דערמאָנען אין דעם בילד, וואָס ישראל זאַנגוויל מאָלט פון דעם אידישען משומד, וואָס האָט געמיינט, אַז ער האָט זיך לחלוטין שוין אָפּגעריסען פון זיין פאָלק; דאָך איז ער, אין אַ פּסח'דיגער סדר־נאַכט, געוואָרען אַזוי איבערוועלטיגט פון זיינע דעראינערונגען פון דעם סדר, וואָס ער האָט דורכגעלעבט אין זיינע קינדער־יאָרען, אַז ער האָט געכאַפּט העגט און פיס און איז הענדום־

פּענדום אוועקגעלאָפען צוריק אַהיים־צו, גיך־גיך, מיט געוואַלדיגער נייגעריגקייט נאָכאַמאָל אַריינזאַפּען אין זיך די אַלע ברכות פון זיין פאָלק'ס פאַרוואַנדשאַפט.[14]).

אָט די אַלע צערעמאָניעס האָבען אָנגעהאַלטען פריש און לעבעדיג אין דעם אידענ'ס גייסט די אַלע פאַקטען פון זיין היסטאָרישער געשיכטע. אין די פּסח־צערעמאָניעס און ריטועלס, האָט דער איד נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די אַלע דערפאַרונגען פון זיין פאָלק אין מצרים. אין די צערעמאָניעס פון דעם יום־טוב סוכות האָט דער איד דורכגעפילט די אַלע שוועריגקייטען פון זיין פאָלק דורך אַלע זייגע וואַנדער־יאָהרען אין דעם מדבר. די חנוכה־ליכט האָבען דעם איד געמאַכט צו פילען, אַז ער איז געשטאַנען זייט ביי זייט צוזאַמען מיט די אַמאָליגע העלדישע מאַקאַבייער און מיט זיי געקעמפּט פאַר דעם פאָלק ישראל'ס באַפרייאונג, און פאַר זיין ווייטערער אויפהאַלטונג.

נישט נאָר זיינען די צערעמאָניעס געווען געצילט צו לערנונגען פון די היסטאָרישע פעסט־געשטעלטע פאַקטען; זיי זיינען געווען די פּראָיעקטען, די פּלענער, וואָס האָבען געלערענט די לערע פון פליכט און התחיבות — די התחיבות, וואָס מיר אַלע זיינען אונטער דער אויטאָריטעט פון אונזער פאָלק'ס געזעצען, אַז מיר זיינען געבונדען צו אַ געזעץ־בוך פון אַ געוויסער פּראָצעדורע, וואָס איז אָנגענומען פון דעם געוויסען פון די אידען אַלס אַ כלל. דאָס קינד וואָס האָט באַמערקט ווי די מוטער האָט איינגעאָרדענט די באַזונדערע כלים, פליישיגע און מילכיגע, פאַר די באַזונדערע מאָלצייטען, האָט, דורך דעם דאָזיגען פלאַן פון באַזונדערער אויפפירען זיך, געלערענט אַ לעקציע, אַז זיין פאָלק פאַרמאָגט עפּעס אַ באַזונדערען וועג פון לעבען, אַז ער, אַלס איינער פון פאָלק, מוז אויך העלפען אויפהאַלטען אָט די באַזונדערקייט, כדי צו פאַרזיכערען, אַז זיין פאָלק זאָל קענען ווייטער עקזיסטירען.

עס איז דאָ נאָך אַן אורזאַך, און די שטאַרקסטע, ווי עס לייגט זיך מיר אויפ'ן זין, און היסטאָריש אַזוי גוט ווי פּסיכאָלאָגיש די אמת'ע דערקלערונג פאַר דעם אָפּשטאַם און פאַר דעם עקשנות'דיגען איינהאַלט אין די מערסטע פון אונזערע צערעמאָניעס. אָבער, אָט די דערקלערונג וועלען מיר איבערלאָזען פאַר אַ באַזונדער קאַפּיטעל אין אונזער דיסקוסיע. עס איז דערווייל גענוגענד פאַר אונז צו אַנערקענען, אַז ריטועל און צערעמאָניאַליטעט זיינען לעבעדיגע פאַקטאָרען אין אידישען לעבען, אַז מיר האָבען זיי נאָך נישט אויסגעלעבט, אַז אידענטום וועט בלייבען רייכער, פולער, ווען מיר וועלען זיי

אויפהאַלטען און, אַז י. זאַנגוויל רעדט דעם אמת, ווען ער זאָגט אונז, אויף זיין אייגענעם, אָריגינעלען שטייגער:

„אונטער דער גאַנצער פאַרפלאָנטערטער נעץ פון צערעמאָניע און ריטועל, זעט דער גרעסערער און שענערער גייסט פון מענשען, וואָס האָט באמת געלעבט מיט זיי און זיי ליב געהאַט; אָט דער מענש זעט אין זיי די אָנצייכענונגען פון אַ גלויבען, וואָס איז גרויס אין זיין איינ־פאַכקייט, און דערהאַבען מיט דער עקשנות אויפצוהאַלטען זיי. דער גייסט האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ מלבוש פון לייב און פלייש, ווי ס'איז נויטיג פאַר'ן מענשליכען אויג צו קענען קוקען אויף דעם, און לעבען מיט דעם. און, אַפילו ווען, אַלס צוגאָב, האָט דער גייסט זיך איינגע־וויקעלט אין מלבוש'ער צודעק־אויף־צודעק, אַפילו דאַן, האָט זיך די מוזיק נישט אין גאַנצען אָפגעטאָן פון זיין שטים, און די ליבע איז נישט פאַרשוואונדען פון זיינע אויגען."[16]).

אין דעם איצטיגען מאָמענט וועט גענוג זיין פאַר אונז צו אנער־קענען, אַז טראָץ אַלע ענדערונגען, וואָס דער מאָדערנער לעבען האָט אונז אונטערגעטראָגען, מוזען מיר אַלץ כסדר שטרעבען אָנצוהאַלטען זיך מיט אַלע אונזערע כוחות אָן די דאָזיגע וועגען פון אידישען לעבען, און מיר זאָגען מיט דעם בעל התהילים: „וואונדערליך זיינען דיינע געבאָטען, דעריבער טוט זיי אָפהיטען מיין נשמה".

זיבעטער קאַפּיטעל

וואָס דאַרף זיין די באַציאונג פון דעם מאָדערנעם אידען צו ריטואַל און צערעמאָניע?

(המשך)

אין אונזער דיסקוסיע, אין דעם פריערדיגען קאַפּיטעל איבער אַט דער טעמע, האָבען מיר זיך באַמיט נאָכצופאָלגען די ראָליע, וואָס צערעמאָניאַליטעט שפּילט אין יעדער פירונג פון לעבען, אין סאָציאַלער אַזוי גוט ווי אין רעליגיעזער, און מיר האָבען אָנגעוויזען איר ווערט אין דעם לעבען פון אַ גרופּע מענשען. מיר האָבען אויך דיסקוטירט די פּאָעטישע באַגייסטערונג, וואָס ליגט באַהאַלטען אין אַלע שיינע צערעמאָניעס און ריטואַלען, און מיר האָבען געזען ווי אַזוי דאָס לעבען — דאָס אידיש לעבען בפרט — איז באַרייכערט געוואָרען דורך אויפהאַלטען זיי. מיר האָבען דאָרט אויך באַמערקט זייער גרויסען איינפלוס אין הייליגען דאָס אידיש לעבען, אין באַאיינפלוסען דעם אידען, דורך גייסטיגער דיסציפּלין, דעם אידעאַל פון הייליג האַלטען זיך. און צולעצט האָבען מיר אַקצענטירט דעם בילדונגס־ווערט און די פּעדאַגאָגישע אָפּשאַצונג פון אַט די צערעמאָניעס, ווי פּלאַנירטע אַקטיוויטעטען, וואָס האַלטען לעבעדיג אויף די צענטראַלע געשעעניש, און פּאַסירונגען פון אידישער געשיכטע, אַזוי גוט ווי די אידעאַלען פון אידישער התחיבות, געטריישאַפט און איבערגעבענקייט.

מיין וואונש איז איצטער צו ציען דעם המשך פון אונזער דיסקוסיע איבער אַט דער טעמע, און ניט בלויז באַווייזען אייך, וואָס איך גלויב איז נישט נאָר דער שטאַרקסטער אַרגומענט, פאַרוואָס מיר נויטיגען זיך אַזוי צו פּראַקטיצירען ריטואַלען און צערעמאָניעס אין אידישען לעבען, נאָר אויך צו געבען אייך די דערקלערונג, אין אַ פיל ברייטערען פאַרנעם, וועגען דעם אויפשטייג, די שנעלע פאַרשפּרייטונג און

אַנטוויקלונג פון זייער פיל פון אַט די צערעמאָניעלע אַפּהיטעכצען.

לויט מיין פאַרשטאַנד, זיינען זייער פיל פון אַט די צערעמאָניעס באַשאַפען געוואָרען און אָנגענומען געוואָרען פון דעם אידישען פאָלק ווי אַ מעכאַנישע שוץ־וואַנט כדי צו באַשיצען זיך פון ווערען אָפּגע־ווישט פון דער ערד אַלס אַ פאָלק, און כדי צו העלפען אויפהאַלטען און אָפּהיטען די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. זיי זיינען געווען געוויסע געזיכערטע מיטלען, כדי צו האַלטען אַלע אידען, וואָס זיינען מפוזר ומפורד, צעזייעט און צעשפּרייט איבער דער גאַרער וועלט, פאַראיי־ניגט ווי אַ נאַציאָנאַלע גאַנצקייט. עס ציט זיך ווייט צום סאַמע אור־שפּרונג פון דעם פאָלק'ס אינסטינקט פאַר זעלבסט־פּרעזערוואַציע.

אַ פאָלק, וואָס לעבט אויף זיין אייגען לאַנד, רעדט זיין אייגען לשון און לעבט אַ נאָרמאַלען נאַציאָנאַלען לעבען נויטיגט זיך נישט אין געקינצעלטע מיטלען כדי אויפצוהאַלטען דאָס נאַציאָנאַלע לעבען זיינס. באַטראַכט אָבער די נאַציאָנאַלע לאַגע פון דעם אידען. זיי זיינען פאַר טויזענטער יאָרען געווען פאַרשפּרייט אין ארבע פּינות העולם, איבער אַלע עקען וועלט, תמיד נישט זיכער וועגען אַ מקום מנוחה, קיינמאָל האָבען זיי נישט געוואוסט, וואוהין זייער וואַנדערענ־דיגער שטעקען וועט זיי מאָרגען פירען. אָהן אַן אייגען לאַנד, אָהן אַן אייגען נאַציאָנאַלען לשון, פאַר זייער טאָג־טעגליכען געברויך; וואָס־זשע האָט דאַן געקענט אויפהאַלטען אָט די אידען אונזערע, אין יעדען טייל וועלט, פאַראייניגט, און באַוואוסטזיניג וועגען זייער נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער גאַנצקייט? וואָס, אייגענטליך, האָט דאַן געקענט מאַ־כען דעם אידען צו פילען די פאַרוואַנדשאַפט צו אַ צווייטען אידען, וואָס איז אָפּגעטיילט פון אים אויף טויזענטער מייל, און רעדט אַן אַנדער לשון, און איז געקליידט אין אַן אַנדער מין בגד, און איז באַאיינפלוסט אין זיינע פירונגען און אָרט דענקען דורך פאַר־שיידענע אומשטענדען? יאָ, געוויס, בלויז אָט די צערעמאָניאַליטעטען, געשטאַרקט און געקרעפטיגט מיט רעליגיעזער אויסצייכענונג און אוי־טאָריזאַציע, זיינען עס געווען די באַנדען, וואָס האָבען צוזאַמענגעהאַל־טען דעם אידען און פאַרקניפּט זיי אַזוינאַך צוזאַמען אין איין נאַציאָ־נאַלער גאַנצקייט.

מיר האָבען אין דעם לעצטען אַרטיקעל דערמאָנט די וויכטיגע ראָליע, וואָס ריטואַלען און צערעמאָניעס האָבען געשפּילט אין די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. יאָ, באַשטימט, — זיי שאַפען שטענדיג אַ גייסטיגע פאַרוואַנדשאַפט צווישען אַ מאַסאָנישען מיטגליד, למשל, אַט דאָ ביי אונז אין לאַנד און די אַנדערע מיטגלידער אין יעדען אַנדערען טייל פון דער וועלט. מיט די אידען, די מיטגלידער פון אידישען פאָלק,

גייט עס נאָך פיל ווייטער. צערעמאָניאַליטעטען האָבען תמיד געהאָלפען אויפצוהאַלטען זיך לעבעדיג און צו פאַרמירען די גאַנצקייט פון דעם אידען איבער דער גאָרער וועלט. דער איד אין כינע, אין דרום אַפריקא, אין אויסטראַליע און אין אַמעריקא, אָנהאַלטענדיג דעם זעלבען לע־בענס־שטייגער, זאָגענדיג די זעלביגע תפילות אין זעלביגען לשון, אָפּהיטענדיג די זעלביגע ימים טובים אויפ׳ן זעלבגען שטייגער, אָפּ־היטענדיג די זעלביגע רעגעלען אין דער דיעטע, באַנוצענדיג די זעל־ביגע סימבאָלען צו באַצייכענען זיין אידישע היים — אָט די אַלע זאַכען, און זייער גלייכען, האָבען שטענדיג געמאַכט צו פילען, אַז דער איד, דער יחיד, איז געווען אַ חלק, אַ טייל פון אַ לעבעדיגען פאָלק, געבונ־דען מיט געטריישאַפט און איבערגעבענקייט צו אַלע אַנדערע אידען, וואו זיי זאָלען זיך נישט געפינען, איבער גאָר דער גאַנצער בריי־טער וועלט.

אָט די אויפהאַלטונג און אָפּהיטונג פון די צערעמאָניעס האָבען עס געהאַלטען לעבעדיג דעם „עספּריט דע קאָרפּס", דעם גייסט פון דעם קערפּער, וואָס איז אַזוי וויכטיג פאַר וועלכער עס איז גרופּע מענ־שען, אויב איר עקזיסטענץ מוז זיין געזיכערט. די צערעמאָניעס און ריטואַלען האָבען פאַרמירט און אויפגעהאַלטען די נאַציאָנאַלע שוץ־וואַנט פון דעם אידען, אָנהאַלטענדיג די נאַציאָנאַלע איינהייט דורך נאַציאָנאַלער טאַט און מעשה. אָט דאָס, וואָס אַ לאַנד טוט אויף פאַר דעם נאַציאָנאַלען לעבען פון וועלכען ס׳איז אַנדער פאָלק, דאָס האָבען די צערעמאָניעס און ריטואַלען אויפגעטאָן פאַר׳ן אידען. ניין, פיל מער, עס איז אַפילו געלונגען צו באַשאַפען פאַר דעם אידען די אילוזיע, אַז ער האָט תמיד געלעבט אין זיין אייגען לאַנד. זיי זיינען נישט נאָר געווען דער באַנד, וואָס האָט צוגעבונדען דעם אידען צו זיין פאָלק; נאָר, זיי האָבען אים אויך צוגעבונדען צו זיין לאַנד, ארץ־ישראל, כאָטש אָט דאָס לאַנד איז אין דעם פיזישען זין, נישט מער געווען זיינס. אַן אַנדער פאָלק, ווען אַרויסגעטריבען פון זיין לאַנד אַריבער ניינצען הונדערט יאָר צייט, וואָלט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסען יעדען סימן פון זיין אַמאָליגער פאַרבינדונג מיט יענעם לאַנד. ניין, ס׳איז דאָך נישט אַזוי מיט דעם אידען. די אידען האָבען, אָבער, דורך אָט די דאָזיגע צערעמאָניעס מיטגעטראָגען מיט זיך זייער לאַנד אין זייער נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין.

אָט אין דעם, אייגענטליך, ליגט דער גרויסער חילוק צווישען דעם זין און געדאַנק פון צערעמאָניע ביי דעם אידען און ביי דעם גוי, אָדער, נישט־אידען. פאַר אַנדערע פעלקער זיינען צערעמאָניעס בלויז שיין; פאַר אונז אידען, אָבער, זיינען צערעמאָניעס וויטאַל, אַזוי גוט

ווי שיין; ביי אַנדערע זיינען צערעמאָניעס אַ לוקסול, ביי אונז אָבער זיינען זיי שטאַרק נויטווענדיג פאַר אונזער סאַמע עקזיסטענץ. די חז״ל האָבען דעם אונטערשייד פאַרצייכענט אין אַ זייער שיינער באַמערקונג. דער פערטער געבאָט פון די עשרת הדברות ווערט געלויטעט עטוואָס אַנדערש אין צוויי ווערזיעס, וואָס די ביבעל גיט אונז אין צוויי פאַרשיידענע ערטער. אויף איין אָרט אין ספר שמות, ווערט געשריבען: „זכור את יום השבת לקדשו״,[1]) און אין אַ צווייטען אָרט, אין ספר דברים, ווערט געזאָגט: „שמור את יום השבת לקדשו״.[2]) זאָגט אויף דעם ר׳ יהודה, „גאָט האָט דעם ערשטען מאָל געזאָגט: „זכור״ (געדענק), און דאָס גייט צו די פעלקער בכלל פון גאָר דער גאַנצער וועלט; און דאָס צווייטע מאָל האָט גאָט געזאָגט „שמור״ (היט אָפּ), און דאָס גייט צו דעם אידען בפרט[3]), יאָ, צו געעדנקען בלויז און צו דערמאָנען זיך בלויז אין אַ צערעמאָניע איז גוט גענוג פאַר אַלע אַנדערע פעלקער; פאַר דעם אידען אָבער, אָ, נייך, איז דאָס אַליין נישט גענוג; פאַר דעם אידען איז: שמור, ער מוז זי אויפהאַלטען, און אָפּהיטען, און אויפהיטען, ווייל די צערעמאָניעס גופא, העלפען אויפהאַלטען און אָפּהיטען דעם אידען אין זיין אומנאַטירליכען, וואַנדערענדיגען, היימלאָזען לעבען דורך זיין נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

אָט דאָס דערקלערט אויך, לויט מיין מיינונג נאָך, פאַרוואָס דער איד איז פון תמיד אָן געווען אַזוי ליבעראַל אין דערלויבען און דערמוטיגען פאַרשיידענע מיינונגען וועגען די לערען אָדער גלויבענס; ער איז אָבער תמיד געווען אויף דער וואַך, אַז עס זאָל חלילה נישט זיין קיין שום איבערברוך אין דער פּראַקטיצירונג פון אָט די ריטואַלע אָפּהיטונגען. דער איד האָט זיך ממש נישט פאַראינטערעסירט, צי איינער האָט געגלויבט, אַז מיר האָבען פאַרמאָגט אמונות עיקרים, אָדער נישט; צי איינער האָט צוגעשטימט מיט אַ צווייטען, וואָס האָט געהאַלטען, אַז אידענטום האָט געהאַט דרייצען עיקרים, אָדער ער איז געווען מיט דער מיינונג פון אַ דריטען, וואָס האָט געזאָגט, אַז עס האָט בלויז דריי, אָדער איין קרעדאָ, איין עיקר, בלויז. דער איד, אָבער, איז תמיד געווען פאַר׳עקשנ׳ט, אַז מ׳זאָל נישט אָוועקגיין פון די מעשים גופא, די מצוות-עשה פון דעם אידען. ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, פילענדיג די נויטבאַדערפטיגקייט פון פּראַקטיצירען אָט די מעשים צוליב זיין עקזיסטענץ, אַז ער האָט אַפילו געקענט באַגרייפען גאָט׳ס ווערטער: „הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו״ —[4]). מיך וואָלט נישט געאַרט ווען זיי וואָלטען אַפילו מיך אַליין פאַרגעסען, אַבי זיי זאָלען האָבען מיין תורה אָפּגעהיט, ווי עס ווערט געזאָגט מדרש איכה.

צו פילאָזאָפירען און ספּעקולירען וועגען גאָט איז אַ לוקסוס;

דאָס אַליין וועט נאָך נישט אויפהאַלטען דאָס פאָלק ביים לעבען. את תורתי שמרו! אָנהאַלטענדיג זיך אין אַט די טאָג־טעגליכע ריטואַלע רעגולאַציעס און פּראַקטיצירונגען, אַזוי גוט ווי אין די מאָראַלע מצוות פון דער תורה — אַט דאָס איז די וויכטיגסטע פאַרפליכטונג פון אידען! דער איד איז אויפגעפאָדערט געוואָרען אָנצוהאַלטען זיך אין אַט די פּראַקטיצירונגען, אין אַט די וועגען פון זיין אַרט לעבען, ווי עס איז געוואָרען אָנגענומען דורך דעם געוויסען פון זיין פאָלק, מחמת אינ־סטינקטיוו האָט דער איד געפילט, אַז אין דער דאָזיגער איינינקייט און איינהייטליכקייט פון טאַט, פון מעשה, איז געלעגען דער גורל פון דער אויפהאַלטענדיגער איינינקייט און איינהייטליכקייט פון זיין גאַנצען פאָלק. דער איד האָט געהאַלטען, אַז אויב מען ברעכט אָפּ פון אַט דער נאָרמע פון נאַציאָנאַלען לעבען, צעררייסט מען שוין ממילא די באַנדען, וואָס האַלטען אונזער פאָלק ישראל צוזאַמען אין אַ נאַציאָנאַלע גאַנצקייט.

אפשר איז דאָס טאַקע דער ריכטיגער געדאַנק, וואָס די חז"ל האָבען באַהויפּטעט: מצוות בטלות לעתיד לבוא — די ריטועלע און צערעמאָניעלע מצוות וועלען בטל ווערען ווען משי חוועט קומען[5]; אין דעם וויטען עתיד וואָס דאַרף אַמאָל קומען, אין דער גלאָר־רייכער צוקונפט, וואָס איז אונז צוגעזאָגט געוואָרען, ווען ישראל וועט ווידער וואוינען אין זיין אייגען לאַנד, און וועט לעבען אַ נאַטיר־ליכען, פרייען און אידעאַלען לעבען, וועט דאָרטען שוין נישט זיין מער נויטיג אויפצוהאַלטען פיל פון אַט די פּראַקטיצירונגען, פיל פון אַט די געקינצעלטע נאַציאָנאַלע קנופען; ווען די אידען וועלען לעבען אַ נאָרמאַלען, נאַטירליכען, נאַציאָנאַלען לעבען, וועלען זיי דאַן קענען באַזייטיגען פיל פון אַט די מצוות, וואָס זייער איינציגער ציל און צוועק איז געווען אויפצוהאַלטען לעבעדיג די נאַציאָנאַליטעט פון דעם אידען, צוליב די אומנאַטירליכע קאָנדיציעס פון לעבען, וואָס ווערען אויף אים אַרויפגעצוואונגען מיט געוואַלט.

אויך האָבען אַט די דאָזיגע ריטואַלען און צערעמאָניעס נישט בלויז געהאָלפען אויפצוהאַלטען דעם באַנד פון אחדות פאַר דעם אידען, נאָר זיי האָבען אויך געשאַפען אַ שטאַרקע וואַנט אַרום אים, כדי אים צו באַשיצען פון נאַציאָנאַלער אַניהילאַציע דורך אַסימילירען זיך מיט די אַנדערע פעלקער. שטעלט זיך פאַר דאָס בילד פון אַ גרופּע אידען לעבענדיג אין אַ פרעמדער אומגעבונג. וואָס אייגענטליך האָט זיי אָפּגעהיט פון אויסמישען זיך מיט דער מערערער צאָל, מיט דער מאַ־יאָריטעט צו אַזאַ מין שטופּע, אַז זיי זאָלען גאָר גיך פאַרלירען זייער אייגענע אידענטיטעט אַלס אידען? יאָ, געוויס, אַט די צערעמאָניעס

גופא האָבען זיי אָפּגעהיט פון ווערען פאַרשלונגען פון די מורא'דיגע לעבענס־שטראָמען, וואָס האָבען זיי פאַרגאָסען. די צערעמאָניעס און די ריטואַלען האָבען נישט נאָר גערעטעוועט אונזער נאַציאָנאַלען איך פון צו ווערען פאַרשלונגען און אָפּגעוואַשען פון פּנים פון דער ערד, נאָר מערער נאָך, זיי האָבען תמיד באַשיצט און אויפגעהאַלטען אונזער נאַציאָנאַלען כאַראַקטער.

„דער גאַנצער סיסטעם פון דער הלכה," זאָגט אונז הערפאָרד, אַ גרויסער קריסטליכער געלערנטער, וואָס האָט געשריבען מיט גרויס פאַרשטענדניש וועגען אידענטום, „האָט געווירקט צווייפאַכיג, אי אַלס אַ באַנד, כדי צו האַלטען די אידישע געמיינדע צוזאַמען, און אויך אַלס אַן אויסערליכע פאַרטיידיגונגס־שוץ, אונטער וועלכען צודעק דער אידישער גייסט האָט געקענט אויפהאַלטען זיין קראַפט און וויטאַליטעט."[6]) דאָס דערקלערט שוין אויך, היסטאָריש און פּסיכאָלאָגיש, דעם וואוקס פון אַ גרויסער צאָל פון אונזערע צערעמאָניאַלע איבונגען און געוואוינהייטען. דער פּרינציפּ, וואָס האָט דאָ געשפּילט די ראָליע איז געווען: „עשה סיג לתורה"[7]), ווי אין פּרק שטייט, מאַך זיך אַ צאַם צו דער תורה. מחמת, אויב די וויטאַלע, און וויכטיגע כאַראַקטעריסטיקס פון אידענטום זיינען אין סכנה, מאַך דאַן אַ צאַם, שטעל אַוועק נייע שוץ־ווענט, מער און מער ריטואַלען און צערעמאָניאַלען, כדי צו באַשיצען און באַוואַכען זיי.

דערלויבט מיר צו ציטירען פאַר איך בלויז איין־איינציגען ביישפּיל — ניט גראַדע אַ צערעמאָניע, נאָר אַ רעגעל, אַן איינפירונג, וואָס האָט באַאיינפלוסט ריטועלער איבונג און געוואוינהייט אין דעם לעבען פון דעם אידען — די לערע פון מר שמואל: קול באשה ערוה, אַז „צוצוהערען זיך צו דער שטים פון אַ פרוי איז אַ שאַנד און פאַראומווירדונג," אָדער די לערע, דער פּסק פון ר' ששת, אַז: שער באשה ערוה — „אין דעם אָנבליק פון אַ פרוי'ס האָר באַגייט מען אַן עבירה."[8]). אָט די אַלע באַהויפּטונגען זיינען געוואָרען אָנגענומען ביי די מאַסען און פאַר אַ לאַנגער צייט האָבען זיי באַאיינפלוסט דעם צושטאַנד פון דער פרוי אין אידישען לעבען. וואָס האָט דאָ אייגענטליך באַוואויגען די חכמים אַרויסצוזאָגען אַזעלכע שטרענגע רייד? מר שמואל, בפרט, איז געווען שטאַרק באַהאַוועגט אין די וויסענשאַפטען פון זיין צייט. ער איז נישט נאָר געווען אַ מומחה אין אידישער יוריספּרודענץ, נאָר „ער איז גראַד אַזוי גוט אויך געווען באַקאַנט מיט די שטערען אין הימעל, ווי ער האָט זיך געפילט היימיש איבער די גאַסען פון דער שטאָט נהרדעא"[9]). ווי־זשע האָט געקענט אַ מענש פון אַזאַ וועלטליכער קולטור אַרויסזאָגען אַזאַ סענטימענטאַלע באַ־

הויפּטונג, וואָס זעט אויס צו טראָגען פּאַראַורטייל צו דעם סאָציאַלען צושטאַנד פון דער פרוי? און אויף וועלכען אופן קענען מיר דער־קלערען די גרייטקייט פון דעם אידישען פאָלק פון יענער צייט גאָר אויפצונעמען זיין לערע און מאַכען די לערע אייגענס, ווען מיר באַ־טראַכטען די וויכטיגע ראָליע, וואָס די פרוי האָט באמת געשפּילט אין אידישען לעבען נאָך פון די גאָר ערשטע טעג פון אונזערע אבות אַרונטער ביז צו די צייטען פון די תנאים?

מיר דאַרפען אָבער קריגען אַ בילד פון יענע צייטען, ווען די תנאים האָבען געלעבט. לייענט, צום ביישפּיל, דאָס גרויס ווערק „הייפּיישיאַ" פון קינגסלי, און קוקט זיך איין, וואָס פאַר אַ צעלאָזענעם לעבען די פרויען האָבען דאַן געלעבט און וואָס פאַר אַ פירערשאַפט זיי האָבען געפירט אין געוויסע צייטען פון גריכישען לעבען. אָט די דאָזיגע אוממאָראַלישע שטראָמען האָבען אויך אַריינגעפלאָסען אין דער מאָדע פון אידישען לעבען אין דער צייט פון די תנאים און חכמים. די לעצטע האָבען געוואָלט באַשיצען די אידישע אידעאַלען איבער סעקסועלער ריינליכקייט, און די אידישע באַגריפען איבער דעם אַלגע־מיינעם אידישען מאָראַלען לעבען. דעריבער האָבען זיי עס געמאַכט אָט די דערקלערונגען, אַלס שטרענגע מיטלען אָפּצושטעלען אַ סכנה, וואָס האָט געלויערט אין זייער אַרומיגען לעבען. עס איז נישט געווען נויטיג צו דערקלערען עס אַלס הייליגער געבאָט; עס איז געווען איבערגענוג בלויז אַרויסצוזאָגען די ווערטער. און זיי זיינען תיכף אָנגענומען געוואָרען פון דעם געוויסען פון גאַנצען פאָלק, מאָ־טיווירט פון דעם אינסטינקט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־אויפהאַלטונג.

פּסיכאָלאָגיש האָבען אַלע ריטואַלע מצוות און צערעמאָניאַלע אי־בונגען געהאַט בלויז איין ציל און צוועק און איין מאָטיווירטע קראַפט — כדי אויפצוהאַלטען די אידען ווי אַ לעבעדיג פאָלק, און ראַטעווען עס פון אונטערגאַנג, און כדי אויפצוהאַלטען דעם אידישען כאַראַק־טער און זיין שטייגער־לעבען, אָפּציהענדיג דאָס פאָלק פון דער סכנה פון אַסימילאַציע. צוליב אָט דער אורזאַך האָט דאָס רעפאָרם־אידענ־טום פּראָפּאַגאַנדירט דאָס אָפּשאַפען פון די מערסטע פון אונזערע רי־טואַלע און צערעמאָניאַלע איבונגען, דערקלערענדיג, אַז מיר דאַרפען זיי נישט לחלוטין, און אַז מיר ווילען גאָר נישט בשום אופן, אויפ־האַלטען אונזער נאַציאָנאַלע אידענטיטעט; דאָס רעפאָרם־אידענטום האָט גע'טענה'ט, אַז זיי זיינען גאָר בלויז אַ רעליגיעזע גרופּע, און אַז זיי אונטערשיידען זיך פון די אַרומיגע פעלקער בלויז אין געוויסע טעאָלאָגישע גלויבונגען.

דאָקטאָר קאהלער, איינער פון די טיפע פירער פון דער רעפאָר־

מאַטאַרישער באַוועגונג, האָט עפּענטליך באַהויפּטעט, אַז: „רעפאָרם־אידענטום קען זיך נישט דערלויבען צו דערמוטיגען, אַז דער איד זאָל זיך אָפּשיידען פון זיין אַרומיגער אומגעבונג, אויף וועלכען ס'איז שטייגער, חוץ דורך זיין אויפהאַלטען זיין רעליגיע".[10]) וואָס ער האָט געמיינט מיט די ווערטער: „אויפהאַלטען זיין רעליגיע" איז שווער צו פאַרשטייען אָהן די רעליגיעזע מצוות, וואָס דאָס אידיש פאָלק האָט אויפגענומען אַלס אַ גאַנצעס. אָבער, אַז דאָס אָפּשאַפען פון צערעמאָניעלע אָפּהיטונגען האָט יאָ געהאַט די ווירקונג אָפּצושוואַכען דאָס אידישע באַוואוסטזיין פון זייערע נאָכפאָלגער, דאָס, טוען די פירער פון רעפאָרם־אידענטום היינט, נאָך אַ גאַנצען יאָרהונדערט פון דער־פאַרונג, יאָ צוגעבען.

אַז די חכמים פון אַמאָל, וואָס האָבען עקשנות'דיג צוגעשטאַנען אָפּצוהיטען די ריטואַלען, זיינען געווען פיל קליגער אין זייער אור־טייל, קען מען זען פון דער איבערצייגונג, וואָס ווערט אונטער־שטיצט אַפילו פון די וויסענשאַפטסלייט. פּראָפעסאָר צאָהלשען, דיס־קוטירענדיג דעם גרויסען וואוקס פון געמישטע הייראַטען צווישען אידען, גיט עס אָן אַלס איין שטאַרקע אורזאַך, וואָס האָט גורם געווען דעם צוזאַמענברוך פון רעליגיעזער צערעמאָניאַליטעט אין אידישען לעבען:[11]) יאָ, געוויס, ריטואַל און צערעמאָניע זיינען פון תמיד אָן געווען די שוץ־וואַנט, וואָס האָט געהאַלטען דעם אידען פריי און באַשיצט אים פון יעדער סכנה, וואָס האָט געקענט דערטרינקען און פאַרשווענקען זיין אידענטיטעט.

עס איז דעריבער אין דעם ליכט פון אָט דעם אמת, וואָס מיר קענען אויך דערקלערען די וויכטיגקייט פון אויפהאַלטען העברעאיש ווי דעם לעבעדיגען לשון פון אונזער פאָלק, אין דעם טאָג־טעגליכען געברויך, אויב נאָר מעגליך, נאָר הויפּטזעכליך אַלס אַ מעדיאום, פאַרמיטלער פאַר דעם אויסדרוק פון אונזער נאַציאָנאַלער קולטור, און די שטים פון אונזערע הערצער, בשעת זיי רעדען זיך אויס, דורך די תפילות, אין דער סינאַגאָג. אָט די פראַגע פון אויפצוהאַלטען העב־רעאיש ווי די שפּראַך פון דער תפילה, בפרט, איז געווען אַ גאָר גרויסע „אישו", אָן אויסגאַנג פאַר דיסקוסיע, מיט די גרינדער פון רעפאָרם־אידענטום. אויך אין דעם פאַל, וועלענדיג אָפּשוואַכען יעדען נאַ־ציאָנאַלען קנופּ, האָבען זיי דערפילט בחוש דעם גרויסען כח פון העברעאיש אַלס אַאַז מין שטאַרקען באַנד. העברעאיש איז געווען אַ נאַציאָנאַלער אוצר. העברעאיש האָט אונז פאַרבונדען ווי אַ לעבעדיג פאָלק. אָבער זיי האָבען זיך אָנגעלייגט אויף אָפּצולייקענען דעם אי־דען'ס נאַציאָנאַליטעט: די העברעאישע שפּראַך מוז דעריבער, האָבען

זיי פֿאַרלאַנגט, אַרויסגעטריבען ווערען פֿון דער סינאַגאָג און פֿון דער אידישער היים.

אויף דער באַרימטער פֿראַנקפֿורט־קאָנפֿערענץ, וואו עס איז זיך צוזאַמענגעקומען דאָס רעפֿאָרם־אידענטום, האָט די־אַ פֿראַגע וועגען אויפֿהאַלטען דעם העברעאישען לשון, פֿאַרכאַפּט די גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די אנוועזענדע דעלעגאַטען. מען האָט סוף כל סוף באַשטימט אויפֿצוהאַלטען העברעאיש בלויז „כדי צו שאַנעווען די געפֿילען פֿון דעם אַלטען דור״; אָבער ביי דער אָפּשטימונג האָט זכריה פֿראַנקעל פֿאַרלאָזען די קאָנפֿערענץ אין אַ שטימונג פֿון שטאַרקען פּראָטעסט. ער אַליין, הגם ער איז געווען וויליג צוצושטימען צו געוויסע ענדערונגען אין דעם אידיש־ריטואַלען לעבען, וואָס וואָלט נישט געשטעלט אין סכנה די גאַנצקייט פֿון דער אידישער וועלט, האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט מיט זיין מיינונג, אַז דאָס אָפּשאַפֿען העברעאיש וואָלט אומבאַדינגט געווען אַ טויט־קלאַפּ פֿאַר׳ן אידישען לעבען. ער האָט דערקלערט, אַז אויפֿהאַלטען עס בלויז פֿאַר דרך־ארץ וועגען ביים עלטערען דור איז לחלוטין נישט גענוג. די אַלטע וועלען אויסשטאַרבען, האָט ער גע׳טענה׳ט, און דאַן וועט דער אַקט פֿון פֿאַרוואַרפֿען העבראיש בכלל ווערען נאָך מער פֿאַרשטאַרקט. ער האָט דורכאויס פֿאַרלאַנגט, אַז העברעאיש זאָל און מוז ווערען אויפֿגעהאַלטען צוליב איר גרויסען נאַציאָנאַלען ווערט.

אָט די דעבאַטע, וואָס האָט אייגענטליך געשפּאַלטען די פֿראַנקפֿורט־קאָנפֿערענץ, איז ביז גאָר וויכטיג פֿאַר אונזער איצטיגען אַנאַליז. פֿון דעם שטרענגען לעגאַלען אנזיכט, קען אַ איד דאַווענען אין וועלכער עס איז שפּראַך און לשון ער וויל נאָר. ווי פּראָפֿעסאָר גינצבערג, דער גרויס־אַנערקענטער אויטאָריטעט איבער אידישען געזעץ, באַמערקט זייער שיין: „די העברעאישע שפּראַך איז געוויס נישט קיין רעליגיעזער פֿאַקטאָר, און אַפֿילו לויט דעם שטרענגסטען שטאַנדפּונקט פֿון שולחן ערוך וואָלט זייער שווער געווען צו ברייינגען וועלכען עס איז באַווייז, וואָס זאָל פֿונדאַמענטאַל צוריקווייזען דעם געברויך פֿון וועלכען עס איז לשון אין דער אידישער תפֿילה״.[12]).

די דאָזיגע פֿראַגע איז אָבער אַוועקגעגאַנגען פֿיל טיפֿער ווי בלויז אַלס אַ רעליגיעזער געבאָט; די פֿראַגע האָט זיך פֿאַרטיפֿט ביז צו די וואָרצלען פֿון אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ אַלס אַ פֿאָלק. גייגער, בלויז איינער פֿון פֿראַנקעל׳ס געגנער, האָט געטראָפֿען אין פֿינטעל... מיט זיין באַמערקונג, אַז שפּראַך איז פֿון תמיד אָן געווען אַ נאַציאָנאַלער געווינס, און אין דעם זין איז גייגער געווען פֿאַר־עקשנ׳ט צו באַשטרייטען פֿראַנקלען און קעגענשטעלען זיך אים און

באַקעמפען דאָס געברויך פון העברעאיש אַלס אויסדרוק פון אידישען נאַציאָנאַליזם.[13]). פראַנקעל אָבער, פון דעם צווייטען צד, איז געווען פונקט אַזוי פאַר׳עקשנ׳ט. ער האָט, להיפוך, יאָ אַנערקענט, אַז העברעאיש איז פון תמיד אָן דער לשון פון דעם העברעאישען גייסט, און אַז עס מוז אויפגעהאַלטען ווערען, ווען נישט וועט עס העלפען אומברענגען די נאַציאָנאַלע נשמה.

אָט דאָס, וואָס זייער פיל מענשען פאַרשטייען נישט די תפילות אין דעם פאָלק׳ס שפּראַך, איז, נאַטירליך פיל צו באַדויערען, אָבער עס איז פאָרט נישט פון העכסטען עיקר. אַפילו אין די ווערטער, וואָס איר פאַרשטייט נישט גאָר גענוי און קלאָר, קענט איר דאָך אין זיי אַריינגעבען די בענקשאַפטען און לעכצונגען און די באַגייסטערונגען פון אייער אייגען האַרץ און נשמה. דער הויפט עיקר איז דער פאַקט, וואָס איר באַהעפט זיך מיט גאָט דורך דעם מעדיאום פון דער שפּראַך פון גאַנצען פאָלק ישראל, און אַז אַלע אידען פון גאָר דער וועלט זאָגען אַרויס די סאַמע זעלביגע תפילות, און אַלע אידען פאָלגען נאָך די זעלביגע ריטואַלען, און דו, דער יחיד, העלפסט־מיט אויף דעם אופן אויפצוהאַלטען דאָס אמת׳ע נאַציאָנאַלע לעבען פון דעם כלל ישראל.

אָט דאָס איז, אייגענטליך, דער אינערליכער כח, וואָס ליגט טיף באַהאַלטען אין די צערעמאָניאַליטעטען פון דעם אידען — זיי פאַרזיכערען די כסדר׳דיגע עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאָלק און זיי העלפען אויפצוהאַלטען די זאָנדערבאַרקייט פון זיין נאַציאָנאַלער נשמה.

די אידישע חכמים האָבען אָט דעם דאָזיגען געדאַנק אויסגעדריקט אויף זייער אייגענעם אָריגינעלען שטייגער. ווען יעקב אבינו האָט געמוזט אַנטלויפען פון זיין פאָטער׳ס הויז צוליב זיין ברודער עשיו׳ס צאָרען, און ווערען אַ וואַנדערער אין פרעמדע לענדער, האָט ער גענומען אויף זיך די שבועה, און ער האָט אַזוי געזאָגט, ווי עס שטייט אין ספר בראשית: „אויב גאָט וועט זיין מיט מיר, און וועט מיך אָפּהיטען אויף אָט דעם דאָזיגען וועג, וואו איך גיי, און ער וועט מיר געבען ברויט צום עסען, און אַ בגד אָנצוטאָן, אַזוי אַז איך וועל זיך אומקערען בשלום צו מיין פאָטער׳ס הויז, דאַן וועט אַדני זיין צו מיר מיין גאָט.״[14]). צו דעם גיבען־צו די חכמים אויף אַ זייער אויסגעצייכענטען שטייגער: לחם זו תורה, ובגד זו טלית — „דאָס ברויט פאַר וועלכען יעקב האָט געבעטען, דאָס מיינט מען די תורה, און דאָס קלייד, דעם בגד, דאָס איז דער טלית.״[15]). אויב יעקב׳ן וועט ווען באַגליקען צוריקצוקערען זיך צו זיין פאָטער׳ס הויז, בשלום, מיט זיין אידישער נשמה אומבאַשעדיגט, דאַן מוז ער האָבען צוויי זאַכען, כדי אים צו

באַשיצען און צו פאַרטיידיגען — איינס, דאָס ברויט, וואָס איז די תורה, אידישער וויסען און אידישער לערנען; און צווייטענס, דעם בגד פון דעם טלית — דאָס איז דער סימבאָל פון ריטואַל און צערעמאָניע מיט וועלכע ער דאַרף זיך אַרומנעמען, אַרומוויקלען און באַקליידען זיין אידישען איך. אַט דאָס, וואָס יעקב האָט פאָראויסגעזען מיט טויזענטער יאָרען צוריק, האָבען זיינע יורשים, וואָס זיינען פון אים אַרויסגעקומען, אנערקענט דורך אַלע זייערע וואַנדערענדיגע יאָרען איבער דער גאַנצער וועלט. עס איז פון תמיד אָן געווען מיט זיי דאָס ברויט פון דער תורה און דאָס קלייד פון צערעמאָניאַליטעט, וואָס האָט אויפגעהאַלטען דעם איד בשלום, פּערפעקט אין זיין אָנהאַלטען זיך מיט גאָר זיין טריישאַפט און איבערגעבענקייט צו זיין גאָר אַלטער טראַדיציע.

און אויב מען זאָל נאָר דאָס האַלטען אויפ'ן געדאַנק, קען שוין דער יחיד, דער איינצעלנער איד נישט זאָגען: „איך בין אַ איד, לכל הדעות. איך וועל סיי ווי נישט פאַרגעסן מיין אידישקייט. איך נויטיג זיך שוין נישט אין אַלע אָט די התחיבות'ן, כדי אויפצוהאַלטען דעם נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין לעבעדיג אין מיר!" זייער מעגליך, אַז מאַנכע אידען קענען זיך באַגיין אָהן געוויסע צערעמאָניעס און ריטואַלען. אָבער, אויב, למשל, יעדער איד וואָלט אַזוי געזאָגט, וואָס־זשע וואָלט אייגענטליך געוואָרען פון אונזער פאָלק'ס צוקונפט? אויב, ווי מיר האָבען אַרויסגעבראַכט, אַ פאָלק'ס לעבען גופא איז אָפּהענגיג אין אַזאַ מין דיסציפּלין, דאַן מוז יעדער איינער, על פּי שכל, האַלטען זיך אינ'ם זעלבען צוים; און אַפילו ווען געוויסע מענשען וועלען אפשר נישט צושטימען מיט אַ גאַר באַזונדער פּירונג, מוז אָבער אָט די פּירונג און רעגעל אָפּגעהיט ווערען לטובת אָט דער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין.

די חכמים פון אַמאָל באַטאָנען אָט דעם אמת אויף זייער אייגענעם אָריגינעלען שטייגער. די ביבעל אין דברים, פ' שופטים, רעדענדיג וועגען אידישע מלאכים, זאָגט: לא ירבה... „ער זאָל נישט פאַרמערען פאַר זיך די צאָל פערד... אויך זאָל ער נישט פאַרמערען פאַר זיך די צאָל ווייבער, כדי זיין האַרץ זאָל זיך נישט אָפּקערען; אויך זאָל ער נישט פאַרמערען פאַר זיך אַ סך זילבער און גאָלד".[16]) דאָך, שלמה המלך, ווען ער האָט געלערענט אָט די ווערטער האָט אַזוי געזאָגט: „פאַרוואָס האָט אייגענטליך גאָט פאַרבאָטען אָט דאָס אָפּגעבען זיך אַזויפיל מיט זיך? איז עס נישט צוליב דער סכנה 'כדי זיין האַרץ זאָל זיך נישט אָפּקערען'? איך וועל אָבער יאָ פאַרמערען די צאָל פון מיינע פערד, און מיין גאָלד און זילבער. און איך וועל

יאָ זיך נעמען אַ גאָר גרויסע צאָל ווייבער, און דאָך וועל איך גאָר באַווייזען, אַז מיין האַרץ וועט זיך בשום אופן נישט אָפּקערען פון מיין גאַנצער פאַרפליכטונג.״ גראָד דאַן, גייט־אָן ווייטער די מעשה אין מדרש, און דערציילט אונז, איז דער בוכשטאַב יוד, דער ערשטער אות פון וואָרט: ירבה, אַרויפגעפלויגען צום רבונו של עולם פאַר זיין כסא הכבוד און פאַר אים אַזוי גע׳טענה׳ט: „זע, אדרבה, שלמה וויל דאָך מיך אומברייינגען!״ אָבער גאָט האָט געענטפערט: „שלמה און אַ טויזענט פון זיין גלייכען וועלען ווערען אַראָפּגעווישט פון דעם פנים פון דער ערד, אָבער קיינער, קיינער נישט וועט וואַגען דיך — דעם יוד — צו פאַרניכטען!.״[17]

יאָ, דער בוכשטאַב: יוד, פון דעם וואָרט ירבה, איז אַרויפ־געפלויגען נאָך הילף צו גאָט! פרעגט זיך, פאַרוואָס עפּעס האָט די לעגענדע נישט אויסגעקליבען אַן אַנדער אות, אָדער אַן אַנדער וואָרט פאַר אָט דער פליענדיגער שליחות? פאַרוואָס האָט נישט, למשל, דאָס וואָרט: לא, דער עצם וואָרט, וואָס גיט שטאַרקען אויסדרוק צו דעם פאַרבאָט, וואָס שלמה האָט איבערטראָטען — פאַרוואָס איז נישט אָט דאָס דאָזיגע וואָרט אַרויפגעפלויגען און געבעטען פאַר גאָט? נאָר, דער תירוץ איז, וואָס דער בוכשטאַב: יוד, אין דעם שם הפועל פון וואָרט — ירבה, איז דער סימבאָל פון דעם עתיד, אין דעם זין וואָס דאַרף ערשט פאָרקומען; עס הייסט, דער עתיד, די צוקונפט פון דעם אידען האָט עס געבעטען פאַר גאָט פאַר זיין עצם עקזיסטענץ. אין אַנדערע ווערטער, אויב יעדער איד וועט דענקען און טראַכטען, ווי שלמה המלך האָט געטראַכט, דאַן וועט חלילה נישט זיין קיין צו־קונפט פאַר דעם אידען. די צוקונפט פון די אידען קען נאָר דאַן ווערען אויפגעהאַלטען, ווען יעדער איינער, אָהן אויסנאָם, וועט זיך אַוועקשטעלען אונטער זיין פאָלק׳ס קאָנטראָל און וועט מיטאַרבייטען פאַר דעם פאָלק׳ס אייביגען קיום.

איצט קום איך צו איינער פון די סאַמע שווערסטע פון די אַלע פאַזען און געשטאַלטונגען פון אונזער פּראָבלעם. איך ווייס, מאַנ־כע וועלען צו מיר זאָגען: „געוויס האָט איר רעכט. און מיר גיבען־צו די נויטווענדיגקייט פון די דאָזיגע צערעמאָניאַליטעטען און רי־טואַלען. עס וואָלט באַטירליך געווען זייער שיין, ווען יעדער איד וואָלט זיי געקענט אָפּהיטען. מיר קענען, פאָרט אָבער, נישט אָפּהיטען אַלע פון זיי. דאָס לעבען איז דאָך אַזוי לאַסטיג־שווער און שטעלט אונז אונטער כסדר׳דיגע מכשולים, געוואַלדיגע שטערונגען אין אונזער וועג. דאָס לעבען האָט איר שליטה איבער אונז, אָבער נישט מיר — איבער דעם לעבען. געוויס איז עס פיינפול אָפּצורייסען זיך פון

אידישע מצוות און פון אויפהאַלטען אידיש לעבען. מיר זיינען אָבער פּאַרט מאַכטלאָז אַנטקעגען דעם כוואַליגען־אריינפלוס, וואָס שווענקט אונז אַוועק פון דעם וועג אויף וועלכען מיר וואָלטען געגליכען צו גיין.״

האָב איך בדעה אויף דעם צו ענטפערען, אַז איך גיב עס טאַקע אַלצדינג צו. און איך שעץ־אָפּ אָהן אַן ערך דעם טיפען אמת פון אייערע רייד! אָבער, איך קען בלויז אָט וואָס אייך אין ענטפער געבען: אויב איר גיט נאָר לפּחות צו צו דער וויכטיגקייט פון אָט די אָפּהיטונגען פון די צערעמאָניעס און ריטואַלען, אויב נאָר איר טראָגט חרטה אין אייער האַרצען, וואָס איר קענט זיי נישט נאָכקומען, זייט איר נאָך נישט אין גאַנצען קיין פאַרלאָרענע, האַלטען מיר נאָך נישט שמאָל מיט אייך... און דאָס גאַנצע אידיש פאָלק קען זיך נאָך אויף אייך פאַרלאָזען, וואָס איר זייט טריי באַהעפט צום אידענטום. עס איז אַ גאַר געוואַלדיגער חילוק צווישען אַזאַ מין באַציאונג און די באַציאונג פון די יעניגע, וואָס דערקלערען בפני כל עם ועדה: „מיר ווילען נישט לחלוטין אָט די אָפּהיטונגען און מנהגים, מיר מוזען זיי באַזייטיגען פון אידישען לעבען.״ אויב איר רעדט נאָר אין דעם גייסט ווי איר האָט אַליין צוערשט גע׳טענה׳ט, דאַן איז דאָ גרויס האָפענונג, אַז איר וועט נאָך קענען לערנען אייערע קינדער צו פאַרשטיין ליב צו האָבען און דורכצופירען אָט די אַלע מצוות און געבאָטען. זייער מעגליך, אַז די קינדער׳ס מזל וועט זיין אַ מער גליקליכער ווי אייערער, און זיי וועלען יאָ קענען אַנהאַלטען זיך אין זיי. ס׳איז אויך מעגליך, אַז זיי וועלען זיין באַשענקט מיט אַ רייכען וויסען און פאַרשטאַנד פון זייער אויסגעצייכענטען אָרט, וואָס זיי פאַרנעמען אין אידענטום, און אָט דער רייכערער וויסען זייערער וועט זיי געבען גרעסערע כוחות צו קענען ברייגנען גרעסערע קרבנות פאַר די אַלע מצוות און געבאָטען.

אָבער אַפילו ווען אייך איז יאָ אַזוי שטאַרק שווער אַנצוהאַלטען זיך אָן דער צערעמאָניעלער געשטאַלטונג פון דעם אידישען לעבען, מוזט איר אָבער אויך געדענקען, אַז יעדע זאַך, וואָס איז באמת כדאי, פאָדערט זיך מקריב צו זיין פאַר דעם. און אויב איר שעצט באמת אָפּ די טיפע וויכטיגקייט פון אָט די צערעמאָניעס אין אייער לעבען אַלס איד, וועט איר שוין במילא זיין צוגעגרייט זיך מקריב צו זיין פאַר זיי. איר וועט פון אייער צד טאָן לויט אייערע גרעסטע כוחות אָפּצוהיטען זיי, ווי וויט מעגליך. אויך דאָ ליגט דער אונטערשייד צווישען דער באַציאונג פון דעם רעפאָרמער־אידען, אויפצוהאַלטען אַזוי ווינציג ווי נאָר מעגליך און די באַציאונג וואָס דאַרף און מוז ווערען אָנגענומען פון דעם מאָדערנעם אידען — זיך צו באַמיען, אום

יעדען פּרייז, אויפצוהאַלטען און אָפּצוהיטען אויף וויפיל נאָר ביכולת, וואָס מערער.

עס זיינען פאַראַן פיל אידען, וואָס, הגם זיי שעצען־אָפּ דעם ווערט פון אַט די צערעמאָניעס און ריטואַלען, איז, מחמת דעם, וואָס זיי זיינען געצוואונגען עובר צו זיין אויף מאַנכע פון זיי, און זיי פאַרלעצען, גלויבען זיי שוין אויך אַזוי נאַאיוו, אַז זיי מעגען שוין אויסשליסען אָדער פאַרלעצען אַלע איבעריגע פון זיי. דאָס איז זייער נישט ווירדיג פון דעם אידען, וואָס ווייסט ווי ריכטיג אָפּצושאַצען זייער באַדייט און זייערע פונקציעס אין דעם אידיש לעבען. מיין עצה דעריבער איז, האַלט זיך אָן מיט אַלע אייערע כוחות, וואָס איר קענט, אָן אַזויפיל פון אַט די געבאָטען און מנהגים ווי נאָר מעגליך, און איר וועט אויסגעפינען פאַר זיך אַליין אַז עס וועט באמת זיין פאַר אייך אַ קוואַל פון מחיה־נפשות'דיגע ברכות פאַר אייער פאָלק ישראל.

איך וויל אויך צוגעבען, אַז עס איז אַ נויטיגקייט צו רעווידירען און איבערצוקוקען מאַנכע פון די צערעמאָניאַלע רעגולאַציעס. עס איז אַ גרויסער חילוק ווען מען זאָגט, אַז צערעמאָניעס דאַרפען ווערען אַרויסגעוואָרפען, אָדער צו זאָגען, אַז מען דאַרף זיי בלויז רעווידירען און איבערקוקען. אויב, למשל, מען וואָלט באַדאַרפט אָוועקשטעלען געוויסע ווענט אָדער צוימען, דורך געוויסע דורות־צייטען, כדי צו באַשיצען געוויסע שיינע דופטיגע בלומען פון דעם אידענטום'ס גאָרטען, מוזען מיר אָבער צוגעבען, אַז, צום באַדויערען ,זיינען אַזעלכע מיני צוימען אַוועקגעשטעלט געוואָרען שוין צו־הויך, אַזוי, אַז זיי האָבען לחלוטין באַרויבט אונז פון אָנצוקוקען זיי און פון קענען פילען דעם זיסען אַראָמאַט פון אַט די בלומען.

דאָ אָבער טרעפען מיר זיך אָן מיט אַן אַנדער שוועריגקייט, וואָס אַלע אינטעליגענטע אידען וועלען גיך צוגעבען : ביי אונז אידען, אַזוי שנעל ווי ס'איז אויפגענומען געוואָרען די פּראַקטיצירונג פון אַ געוויסער צערעמאָניע אָדער ריטואַל, דורך דעם נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין פון דעם כלל ישראל, איז עס תיכף ומיד געוואָרען אַ טייל פון אונזער געזעץ. עס איז געוואָרען אַ טייל פון אונזער לעגאַלען געזעץ־בוך פון לעבען. און ווען עס ווערט איינמאַל אַ געזעץ, קען מען עס אַזוי גרינג שוין נישט ענדערען. עס קען בלויז ווערען מאָדיפיצירט, אָדער געענדערט, דורך דעם פּראָצעס פון לעגאַלער אינטערפּרעטאַציע, און אויך דאָס קען געטאָן ווערען נאָר פון יענע, וואָס זיינען באַפולמעכטיגט — דאָס הייסט, די לאַנג־אַנערקענטע רבנישע אויטאָריטעטען.

גאָר אַמאָל, איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיגער פּראָצעס אין דער

אַנטוויקלונג פון אידישען געזעץ: דער פּראָצעס האָט אָנגעהאַלטען האַרמאָניש מיט דעם גאַנג פון לעבען און געפירט כסדר׳דיגען חשבון מיט׳ן לעבען. דאָס אידישע געזעץ איז קיינמאָל נישט געווען סטאַטיש. איך האָב אַזאַ מין געפיל, אַז דאָס עצם וואָרט, וואָס די אידען האָבען געגעבען צו געזעץ — הלכה — קומט פון דעם מקור הלוך — צו גיין, און באַוועגען זיך. הלכה איז געווען די נאָרמע, די מאָס פון אידישען לעבען, וואָס איז געווען אין שטענדיגער באַוועגונג מיט דעם לעבען גופא. אַזעלכע רעוויזיעס און נייע אויסטייטשונגען פון געזעץ זיינען געווען זייער גרינג אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל די אידען, הגם אין גלות, האָבען דאָך אָנגעפירט אַ זעלבסטשטענדיגען נאַציאָנאַלען לעבען. זייער אַרט לעבען, ווי אַ גרופּע, צי עס איז געווען געצוואונגען פון דער געטאָ, אָדער דורך זייער אייגענעם ווילען, איז געווען אויפגעהאַלטען אויף אַ נאַטירליכען שטייגער. זייער לעבען איז באמת געווען צונויפגעשטעלט ווי אַן „אימפּעריאום אין אימפּעריא.״ היינט צו טאָג, אָבער, ווערט דאָס אידישע גרופּע־לעבען כסדר אָנגעשראָקען דורך די כוחות פון אַסימילאַציע, און די רבנישע אויטאָריטעטען זיינען צעטיילט און פאַרשיידען און האַלטען זיך אָפּ פון נאָכצולאָזען די צוימען.

איך דער הינזיכט איז ארץ ישראל באַשערט צו שפּילען אַ רעטונגס־ראָליע. די חז״ל האָבען געהאַט רעכט, ווען זיי האָבען געזאָגט, אַז „נישט נאָר איז דער איד אין גלות, נאָר אויך די שכינה איז אין גלות״ [18], ווי עס שטייט געשריבען אין מסכת מגילה. די וויכטיגקייט פון האָבען אַ ניי־געבוירען און אויפגעלעבט לאַנד — אונזער ארץ־ישראל — באַשטייט נישט בלויז אין דעם, וואָס מיר וועלען געבען אַ מקום מקלט, אַן אָנטרינונגס־אָרט פאַר דעם אידישען גוף, נאָר פאַר דער אידישער נשמה, גראַד אַזוי גוט. דאָס ניי לעבען דאָרט וועט צווינגען צו ברייגען צו נייע אינטערפּרעטאַציעס און רעוויזיעס; אַ נאַטירליך לעבען פון אַ פאָלק אויף זיין אייגענער ערד וועט דערלויבען די וויטערע אַנטוויקלונג, און אפשר אויך דאָס דורכזיפּען, פון יענע צערעמאָניאַליטעטען און ריטואַלען, — ווי די אידישע נשמה פאָדערט, — אָט די, וואָס זיינען בלויז די פאַרמערונג פון די יאָרהונדערטער.

איך גלויב, אַז ס׳איז גענוג געזאָגט געוואָרען, צו באַווייזען די ריטואַלע נויטווענדיגקייט פאַר די צערעמאָניעלע אויפהאַלטונגען אין דעם אידיש לעבען. מיר מעגען בלויז איבער׳חזר׳ן די ווערטער פון דער ביבעל, אין ספר דברים: „כי לא דבר רק הוא מכם, ווייל עס איז נישט קיין פוסטע זאַך פאַר אייך.״ [19] ניין, עס איז נישט קיין פוסטער ענין פאַר דעם אידען. אם דבר רק, אויב עס איז געוואָרען

אַ לײדיגע און פּוסטע זאַך אין אײער לעבען, אויב עס איז געוואָרען פאַר אײך אַ זינלאָזער ענין, גיבען צו די חכמים זײער שאַרף, מכּם הוא, „זאָלט איר־זשע װיסען, אַז די שולד איז אײער אײגענע, זי ליגט אין אײך און נישט אין דער עצם זאַך!"[20].

מיר מוזען דעריבער זאָגען אין דעם גײסט פון דעם בעל התהילים: „גיב מיר שכל און פאַרשטאַנדיגקײט, כּדי צו װיסען דײנע מצוות",[21] און װיסענדיג זײ, און קענענדיג אָפּשעצען זײער שײנקײט און זײער גרויס װערט, װעלען מיר קענען צוגעבען, אַז זײ זײנען פאַר אונז אַן עץ חיים, אַ בוים פון לעבען, װאָס גיט אידיש לעבען און קראַפט און כּח צו אַלע די, װאָס האַלטען זײ אויף און האַלטען זיך אָן אין זײ!

אַכטער קאַפּיטעל

דאָס אָרט וואָס עטיק פאַרנעמט אין אידענטום

קיין שום אַנאַליז פון דעם אידענטום, פון דער ציוויליזאַציע פון דעם אידישען פאָלק, פון זיין אידישען לעבען, ווי אַזוי די אידען האָבען געפירט זייער לעבען, און ווי אַזוי דאָס לעבען האָט זיך אַנטוויקעלט דורך די דור־דורות, וואָלט נישט ווערט געווען אונזער אויפמערקזאַמקייט ווען דער אַנאַליז וואָלט פאַרפעלט צו באַשפּרעכען די ראָליע, וואָס עטיק האָט געשפּילט אין פאָרמירען אָט די ציוויליזאַציע, וואָס הייסט אידענטום. אויב, ווי מיר האָבען זיך שוין באַמיט צו באַווייזען, די צערעמאָניעלע איינפירונגען און ריטואַל זיינען געווען לעבעדיג־וויכטיג פאַר דער אויפהאַלטונג און אונטערשטיצונג פון אידישען לעבען, זיינען די עטיקס פיל מער נאָך, ווייל עטיק רעפּרעזענטירט דאָס סאַמע האַרץ, דעם סאַמע עיקר פון דעם לעבען פון דעם אידען.

מען קען אידענטום סתם נישט באַגרייפען אָהן זיינע עטישע אידעאַלען — אָהן זיי איז בפירוש נישטאָ קיין אידיש לעבען. די קלוגע עצה, וואָס די חז״ל אין תלמוד גיבען אונז — „ווי איז צו אים, וואָס בויט אַ פאַרקען פאַר אַ גאָרטען, נאָר באַזיצט נישט דעם גאָרטען".[1] מיט וואָס זיי מיינען, אַז ווי איז צו דעם מענשען, וואָס איז עוסק בתורה, נאָר עס פעלט אים די מורא פאַר גאָט — קען מען אויך באַנוצען אַלס משל קעגען די, וואָס וואָלטען אָפּגעהיט די צערעמאָניעלע זייטען פון אידישען לעבען, נאָר וואָלטען פאַרנאַכלעסיגט דורכצופירען די עטישע פאַרלאַנגען. ווייל די צערעמאָניעס און אַלע מנהגים זיינען בלויז, ווי דער פאַרקאַן, די צוים, וואָס דאַרף היטען און באַשיצען דעם שיינעם גאָרטען פון דעם אידישען עטישען לעבען.

עס איז אמת, ווי פּראָפעסאָר מור האָט פאָרגעשלאָגען, „אַז דאָס צעשפּאַלטען דאָס אידישע געזעץ אין צערעמאָניעלע און מאָראַלע טיילען האָט נישט קיין פולמאַכט אין דער רעליגיע גופא, וואָס פאָדערט

פאַר איר רוים דאָס גאַנצע אידישע לעבען";[2]) אַז דאָס אידישע פאָלק האָט באַטראַכט די בײדע טײלען אַלס אַזעלכע, וואָס רעפּרעזענטירען דעם אַנטפּלעקטען ווילען פון גאָט.[3]) אַלענפאַלס, איז עס אָבער אויך אמת, אַז בשעת דער אידישער גײסט האָט בפירוש נישט באַטאָנט דעם אונטערשײד פון די בײדען: צערעמאָניע און עטיק, האָט ער אָבער אויך נישט פאַרפעלט צו אנערקענען, אַז עס עקזיסטירט יאָ אַ וויכטיג־לעבעדיגער אונטערשײד צווישען זײ.

די צערעמאָניעלע מצוות זײנען געוויינליך כאַראַקטעריזירט פון די חכמים, ווי פליכטען בין אָדם למקום, „וואָס דער מענש איז מחויב צו גאָט"; די עטישע מצוות און געבאָטען זײנען כאַראַקטעריזירט ווי פליכטען בין אָדם לחברו, „וואָס אײן מענש איז פאַרפליכטעט צום צווײטען מענשען." בײדע זײנען באמת נויטיג און וויכטיג, און דאָך, אויב מען זאָל זײ בײדען אָװעקלײגען אויף רעלאַטיווע שאָלען פון ווערטען, וועט מען צוקומען צו דעם הסכם כל, צו דער אײנשטימיג־קייט צווישען די אידישע לערער, אַז עטיק איז די יעניגע, וואָס וועט איבערוועגען. יום כפור וועט אפשר אָפּמעקען און פאַרגעבען אַלע זינד, וואָס ווערען באַגאַנגען קעגען גאָט, אָבער אָט דער יום הדין וועט נישט אָפּמעקען און פאַרגעבען די זינד פון מענש צו מענש, סײדען דער זינדיגער וועט קודם כל צורעכט מאַכען די עוולה, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגען זײן מיטמענש.[4])

עס ליגט אַ טיפער זין אין די ווערטער פון דעם תלמוד בנוגע אונזער תורה, אונזער אידענטום, אַז „דער ראשית און דער סוף פון דער תורה איז גמילת חסדים — דורכצופירען ליבשאַפט און גוטהאַר־ציגקײט."[5]) אידענטום איז נישט נאָר עטיש, נאָר עטיקס שטעלען צונויף דעם עסענץ, די טבע פון אידענטום — „דעם ראשית, דעם תוכן און דעם סוף".[6]) ווי דער באַרימטער פילאָזאָף הערמאַן קאָהען האָט עס אַזוי געראָטען אויסגעדריקט, „עטיקס איז דער לעבעדיגער פּרינציפּ, די סאַמע נשמה פון אידענטום".[7]) עס איז דערפאַר קײן וואונדער נישט, וואָס, ווען דער גרויסער געזעץ־געבער, רבי עקיבא, וויל אויסדריקען דעם באַגריפליכסטען געזעץ אין דער תורה, ציטירט ער[8]) דעם קלאַסישען פסוק, „ואהבת לרעך כמוך";[9]) און בן עזאי, אַ צווײטער געזעץ־געבער[10]), גײט נאָך ווײטער פון דעם און געפינט אַ פיל ברײטערען פּרינציפּ אין די ווערטער פון בראשית, „דאָס איז דאָס בוך פון די געבורטען פון אָדמ'ען אין דעם טאָג וואָס גאָט האָט באַשאַפען דעם מענשען, אין דער גלײכעניש פון גאָט האָט ער אים באַשאַפען".[11]) — די אנערקענונג פון דער געטליכקײט אין יעדען מענשליכען וועזען; און הלל, ווען ער האָט באַדאַרפט סומירן די גאַנצע תורה אין אײן

פסוק, האָט ער געזאָגט: „וואָס ס'איז דיר נישט ליב, טו עס אויך נישט צו אַנדערע".[12]) הגם זיי זיינען געווען געזעץ־געבער, פאַראינטערעסירט אין די פּלאַנטערייען פון די יורידישע זייטען פון אידישער לערע, האָבען זיי דאָך תמיד אָנגעוויזען אויף די עטישע פּרינציפּען, ווען זיי האָבען פאַרלאַנגט צו גיין צום תוך, צום האַרץ און דער נשמה פון אידישען לעבען, און אידענטום בכלל.

און ווען עטיק אָדער מאָראַליטעט איז דאָס סאַמע האַרץ פון אידענטום, איז עס, ווייל דער גאָט פונ'ם אידען איז אַ מאָראַלישער גאָט, אַ גאָט פון מאָראַליטעט. דער איד האָט נישט אַנטוויקעלט זיין עטיק, ווי אַ צווייג פון פילאָזאָפיע, אַ וויסענשאַפט פון אויפפירונג און כאַראַקטער־פאָרמירונג, אויף דעם שטייגער, למשל, ווי מיר האָבען אין זין, בשעת מיר רעדען איבער די עטיקס פון די גריכען.[13]) פאַר'ן אידען, איז עטיק געווען די צענטראַלע טעמע פון זיין גאָט־אידעע. עטיקס האָט נישט באַדאַרפט ווערען צוגעגעבען צו זיין רעליגיע, מחמת עטיק איז שוין געווען אַ וויכטיגער טייל פון דער גאָט־אידעע פון סאַמע אָנהויב אָן.

ס'איז אמת, אַז עס האָבען עקזיסטירט אויך אַנדערע גלויבענס פון מאָנאָטעאיזם, פון איין גאָט, אָבער, ווי פּראָפעסאָר מור באַמערקט: „אין קיינעם פון יענע גלויבענס, איז דער מאָראַלישער כאַראַקטער פון גאָט הערשענד".[14]) דער מאָראַלישער געזעץ איז דער סאַמע גלאַנץ פון דעם עסענץ פון דער גאָטהייט. דער נאָמען „איך בין" the tetragrammaton. דער נאָמען וואָס דריקט אויס גאָט'ס וועזען, ווייזט די אַטריבוטען, די אייגענשאַפטען פון ליבע און רחמנות, בשעת אלהים באַצייכענט דעם אַטריבוט פון גאָט'ס גערעכטיגקייט.[15]) אין מאָדערנער פראַזעאָלאָגיע, די קונסט פון אויסדריקען זיך, איז דער געדאַנק, ווי ער ווערט אויסגעדריקט ביי די חז"ל אויף אַזאַ מין שטייגער, אַז דער מאָראַלישער געזעץ עקזיסטירט נישט דורך דער קראַפט פון אַ געטליכען אַקט, אָדער דורך אַן אויטאָריטעטישען דעקרעט; נאָר ער פליסט נאַטירליך פון דעם עסענץ פון גאָט'ס וועזען, פון גאָט'ס אַבסאָלוטער און אומבאַגרענעצטער מאָראַלער נאַטור.[16]) אַזוי האָט מען דעריבער אָנגעזאָגט, „קדושים תהיו" איר זאָלט זיין הייליג, נישט ווייל גאָט וויל עס בלויז אָדער באַפעלט עס אַזוי, נאָר ווייל „איך, גאָט אייער גאָט בין הייליג".[17]) מ. לאַזאַרוס סומירט עס אין אַ זייער שיינעם עפּיגראַם: „מאָראַלישע געזעצען, זיינען געזעצען, נישט ווייל זיי זיינען אָנגעשריבען: נאָר זיי זיינען אָנגעשריבען ווייל זיי זיינען געזעצען".[18])

אידישע עטיק און דער אידישער באַגריף פון גאָט זיינען דערי־

כער צוזאַמען ענג פאַרבונדען און פאַרקניפּט. די „אימיטאַציע פון גאָט" איז, ווי מיר האָבען שוין באַמערקט,[19]) ביי די סאַמע ווארצלען פון אידישען עטישען לעבען. אין אַ גרויסאַרטיגען מאמר אין מדרש ווערט אונז געזאָגט, אַז ווען משה רבינו האָט געזאָגט צו די אידען: „איר זאָלט גיין נאָך גאָט אייער גאָט",[20]) האָבען די אידען נאַאיוו געענטפערט: „ווי איז עס גאָר מעגליך פאַר אַ שטערבליכען צו גיין אין זיינע וועגען; צי שטייט דען נישט געשריבען 'און דיינע פיס־טריט זיינען קיינעם נישט באַקאַנט געוואָרען?"[21]) און אויף דעם האָט משה זיי געענטפערט: „לא אמרתי לכם כך, איך האָט מיס־פאַרשטאַנען דעם ריכטיגען זין פון די דאָזיגע ווערטער. 'צו גיין אין זיינע וועגען' מיינט צו זוכען צו דערגרייכען זיין מאָראַלישען וועזען, מחמת 'אַלע וועגען פון גאָט זיינען רחמנות און אמת'".[22])

אַזוינאָך שפּראָצען־אַרויס דעם אידען'ס עטישע אידעאַלען פון זיין סאַמע באַגריף פון גאָט, און אַזוינאָך, לויט זיין גאָט, האָט דער איד מאָדעלירט און אויספאַרמירט זיין כאַראַקטער און לעבען. און ווען ער זאָל זיך נישט אויסלעבען אַ פולשטענדיגען עטישען לעבען, וואָלט עס ביים אידען געווען פאַררעכענט ווי בלויז אַן אַנדער פאָרמע ווי געצענ־דינסט, חס ושלום — און די אָפּלייקענונג פון גאָט גופא. ווערט דאָך אויף דעם בפירוש געזאָגט, אין מסכת כתובות, אַז: „דער וואָס שטייט אָפּ פון געבען צדקה און פון גערעכטיגקייט, איז ווי ער וואָלט געדינט צו די עבודות זרות".[23]) און, אין מסכת עבודה זרה, שטייט אויך גע־שריבען אויף דעם זעלביגען שטייגער, אַז: „דער וואָס גיט נישט אַ גמילת חסד, איז געגליכען צו איינעם, וואָס האָט נישט גאָט אין האַרצען".[24]) איך וויל דאָ אַרויסברייננגען בקיצור, אַז די פונדאַמענטאַ־לע לערע פון אידענטום לייענט זיך אויף דעם אופן: ווייל דער מאָראַ־לישער געזעץ איז הייליג, דעריבער מוזטו זיין מאָראַליש, און מחמת די הייליגקייט אַליין איז מאָראַליש, דעריבער מוזטו ווערען הייליג־גליך![25])

געוויסע קריסטליכע טעאָלאָגיקער שאַפען אַ געוויסען אונטער־שייד — מען קען זיך פאַרשטעלען לגנאי דעם אידענטום — צווישען גלויבען און מעשה, טאַט. קריסטענטום, זאָגען זיי אונז, באַטאָנט גלויבען ווי די מיטלען פאַר דעם מענשען'ס דערלייזונג; אידענטום, זאָגען זיי, פאַרמאָגט אָט דעם באַגייסטערטען פאַרלאַנג, און שטעלט זיך צופרידען בלויז מיט מעשים, מיט טאַטען. מוז איך זאָגען, אַז מיר זיינען צופרידען צוצוגעבען דעם אמת פון אָט דער באַשולדי־גונג און מיר זיינען זיך מודה אויף אָט דער אָנקלאַגע. און, הגם גלויבען ווערט נישט לחלוטין איגנאָרירט אין דער לערע פון אידענ־טום — און ס'וועט גענוג זיין זיך צו דערמאָנען אין דעם נביא חבקוק'ס

ווערטער: „אָבער דער צדיק וועט לעבען מיט זיין גלויבען”;[26] איז דאָך גלויבען געוויס אונטערטעניג צו מעשים. יאָ, מעשה, טאַט, אַליין, איז דאָס וואָס באַשטימט די דערלייזונג פון דעם מענשען. בלויז יענער מין גלויבען האָט עפּעס אַ ווערטה, ווען עס פירט צו מעשה, טאַט.

די עובדה פון דורכפירען גוטע מעשים איז קיינמאָל נישט פאַרשטופּט געוואָרען אין הינטערגרונד, ווי עס איז געווען מיט אַנדערע דורך דעם באַגריף פון גלויבען. דער תלמוד איז שטאַרק אין באַטאָנען די לערע, אַז די ערשטע פראַגע, וואָס עס ווערט געשטעלט דעם מענשען, ווען ער קומט פאַר דעם בית דין של מעלה, איז נישט — האָסטו געגלויבט אין גאָט, אָדער, צי האָסטו געדאַווענט, אָדער דורכגעפירט ריטועלע טאַטען, נאָר מען פרעגט אים: „האָסטו געהאַנדעלט ערליך, און אמת'דיג אין אַלע דיינע עסקים מיט דיין מיט־מענשען?”. אַזוי שטייט געשריבען אין מסכת שבת:[27]

כדי נאָך אַמאָל צו ציטירען די אויטאָריטעטע שאַפונגען פון פּראָפעסאָר מור, איז כדאי אַריינצוברייגען דאָ דאָס פאָלגענדע: „דער פאָראורטייל, וואָס פיל שרייבער איבער אידענטום האָבען קעגען דער עצם אידעע פון גוטע מעשים און זייער באַלוין, און פון גרויס פאַרדינסט, וואָס מען באַקומט, מחמת גאָט איז דאָ אין אָט די גוטע מעשים, — אָט דער פאָראורטייל קומט פון לוטער'ס אַ וויכוח, וואָס ער האָט געפירט מיט דער קאַטוילישער לערע, און עס ציט זיך נאָך פיל ווייטער צו סט. פּאול'ס באַשטרייטונג, אַז אין אידענטום איז נישטאָ קיין דערלייזונג, מחמת, ווי ער לויטעט, וועט 'דורך די מעשים פון געזעץ און מצוות קיין מענש נישט ווערען רעכטפאַרטיג אין גאָט'ס אנוועזענהייט'.”[28] יאָ, מיר שטאָלצירען מיט דעם פאַקט, וואָס סט. פּאול'ס איין־זייטיגע און געפערליכע אָפּשאַצונג איבער גלויבען איז קיינמאָל נישט געוואָרען אויפגענומען פון אידענטום.

קריסטענטום פרעגט: „וואָס מוז איך טאָן, כדי צו ווערען דערלייזט?” און ענטפערט: „גלויב אין אים, ווי דער גאָט, און דו וועסט דערלייזט ווערען”.[29] אָבער אידענטום פרעגט: „ווער קען אַרויפשטייגען אויף דעם באַרג פון גאָט?” און ענטפערט מיט די ווערטער פון בעל התהילים: „אָט דער, וואָס האָט גאָר ריינע הענט און פאַרמאָגט אַ לויטער האַרץ!”[30] אָט די דאָזיגע באַטאָנונג אויף מעשה, טאַט, איז בלויז אַ שלוס פון אַ פריערדיגער באַהויפּטונג וועגען די באַזונדערע אויסצייכענונגען פון אידענטום, וואָס מיר האָבען באַמערקט אין אַ פריערדיגען מאמר, אַז אידענטום איז נישט אַזויפיל באַזאָרגט וועגען אַ „יענער וועלט”, נאָר, לייגט מער געוויכט אויף דער דאָ'איגער וועלט

אין וועלכער מיר געפינען זיך, און אויף דעם איצטיגען לעבען, וואָס איז אונזערס.[31])

די געלערטע איבער רעליגיע, וועלכע זיינען פול מיט פאַראור־טייל מאַכען אויך אַ גרויסען וועזען פון אַן אַנדער כלומר׳שטיגער אינפיאַריטעט פון אידישער עטיק, וואָס איר הויפּט מאָטיוו איז — גע־רעכטיגקייט, יושר. אין חומש דברים שטייט געשריבען: „יושר, יושר, זאָלסטו נאָכגיין".[32]) דאָס איז דער פּסוק, וואָס ווערט תמיד איבער־געחזר׳ט אַלס דער יסוד פון אידישער עטיק. און די קריסטליכע וועלט זאָגט אונז, אַז קריסטענטום טוט דערגרייכען אַ העכערע מדרגה דורכדעם, וואָס זי באַטאָנט נישט אַזויפיל גערעכטיגקייט, נאָר ליבע. זיי באַשטייען אויף דעם, וואָס אידענטום לערענט „אַן אויג פאַר אַן אויג",[33]) וואָס מיינט ביי זיי: אַ קאַלטע, האַרטע גערעכטיגקייט. קריסטענטום אָבער לערענט, זאָגען זיי, אַז „אויב דיין שונא גיט דיר אַ פּאַטש אין דער רעכטער באַק, זאָלסטו אים אונטערשטעלען אויך די לינקע באַק".[34])

אָבער, אויך אין דעם פאַל, זיינען מיר גרייט צוצוגעבען דעם אמת פון אַ טייל פון אָט דער באַשולדיגונג. עס איז לחלוטין נישט אמת׳דיג, אַז ליבע ווערט נישט באַטאָנט אין אידישען לימוד. ליבע איז באמת איינער פון די באַצירענדיגע עדעלשטיינער, וואָס די קרוין פון אידענטום פאַרמאָגט. „דו זאָלסט ליב האָבען דיין חבר ווי זיך אַליין!", קענט איר זיך דערמאָנען, איז געוועזען אויסגעקליבען פון רבי עקיבא, ווי דער פּסוק אין דער תורה, וואָס שטייגט איבער אַלץ מיט אַן אַנדערען.[35]) עס איז, אַגב, אויך נישט אמת, ווי מיר האָבען שוין פריער באַמערקט, און ווי יעדער לערנער פון דעם תלמוד ווייסט, אַז אָט דער אָנזאָג: „עין תחת עין, אַן אויג פאַר אַן אויג" איז ווען געוואָרען אויפגענומען אָדער אויסגעפירט בוכשטעבליך, אָט ווי ער שטייט געשריבען.[36]) מיר פאָדערען אָבער, יאָ, און מיר גיבען גרייליך צו, אַז אידענטום לעגט דאָס גרעסטע געוויכט און שטאַרקסטע באַ־טאָנונג אויף דעם עלעמענט פון יושר און גערעכטיגקייט, ווי דער פונדאַמענטאַלער געזעץ אין לעבען.

ליבע איז טאַקע גרויס און נאָבעל, אויב עס איז געבויט אויף יושר, אָבער נישט, ווען עס פּטור׳ט אַוועק יושר און גערעכטיגקייט. „וואָס טוט גאָט פאַרלאַנגען פון דיר?" פרעגט דער נביא מיכה, און ער ענטפערט זייער קלוג: „צו טאָן גערעכטיגקייט און ליב צו האָבען רחמנות!".[37]) יושר מוז קומען צוערשט, און נאָכדעם ליבע און רחמנות! דאָס פאַרקערטע, דער היפוך וואָלט צעשמעטערט די מענש־ליכע געזעלשאַפט. די חכמים שטעלען זיך פאַר דעם רבונו של עולם ווי ער זיצט אויף דעם כסא המלכות פון יושר און גערעכטיגקייט,

און בלויז נאָכדעם, ווען ער איז פאַרטיג צו באַקוקען די וועלט דורך זיינע אויגען פון גערעכטיגקייט, גייט ער אַריבער אויף דעם אַנדערען שטול פון זיין קעניגרייך, זיין צווייטער זיך־אָרט פון ליבע און רחמנות:[38]

אחד העם, אין איינעם פון זיינע בריליאַנטענע עסייען, ווייזט אָן דעם פילאָזאָפישען אונטערשייד אין דער באַזונדערער באַטאָנונג אויף די דאָזיגע צוויי אייגענשאַפטען פון אידענטום:[39] ליבע און גערעכטיגקייט. ער ברייגנט דאָרט אַרויס דעם געדאַנק, אַז, למשל, אויב איך פראַקטיציר ליבע צו אַזאַ מין גראַד, דאָס ווען דו גיסט אַ פּאַטש אויף דער רעכטער באַק, שטעל איך דיר אויך אונטער די לינקע באַק, באַגיי איך אַן עוולה מיט דעם, וואָס איך גיב צו מוט צו אומגערעכטיגקייט — איך, ווי דו, בין שולדיג דורך דעם, וואָס אומגעריכטיגקייט ווערט פראַקטיצירט. דאָס איז געַנוי די באַשולדיגונג, וואָס ווערט געוואָרפען דער קריסטליכער רעליגיע אין פנים אַריין — עס הייסט, אַז זי האָט געלערענט אונטערוואָרפענקייט אין ליבע צו אַלע אומגערעכטיגקייטען, וואָס ווערען פראַקטיצירט אויף דער וועלט, מיט דעם צוזאָג געבענטשט צו ווערען אויף יענער וועלט אַלס באַלוין פאַר אָט דער אוניווערסאַל מיט איר לערע און מיט איר אויפפאָדערונג. די עטיק הערשט אומגערעכטיגקייט, פאַרלירט שוין ליבע במילא איר גיצליכע קוואַליטעט. אין חומש ויקרא ווערט געזאָגט: „דו זאָלסט אויסרעדען דיין ברודער".[40] געוויס, אידענטום פאָדערט, אַז אויב דיין ברודער'ס האַנדלונגען זיינען להיפוך צו די רעגולאַציעס פון רעכט און גערעכטיגקייט, דאַרפסטו אים אויסרעדען און אויסשטראָפען. די אידעאַלע געזעלשאַפט וועט קענען נאָר עקזיסטירען בתנאי, ווען די ווערטער פון דעם נביא עמוס וועלען ווערען דורכגעפירט, ווען: „גערעכטיגקייט וועט קוועלען ווי וואַסער, און יושר ווי אַ שטראָם אַ שטאַרקער".[41]

עס וואָלט געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט, ווען מיר וואָלטען געקענט שטודירען די פיל אַנדערע אויסגעצייכענטע כאַראַקטעריסטיקס פון די אידישע עטישע אידעאַלען. לאָמיר, לפחות, אָנרירען כאָטש איינע פון די מער פונדאַמענטאַלע.

אידישע עטיק איז געצילט צו באַשאַפען אין דעם אידישען פאָלק די באַוואוסטזיניגקייט פון אחריות צום גאַנצען כלל. דעריבער איז עס טאַקע אַזוי, וואָס דער איד שפּילט אַזאַ וויכטיגע ראָליע אין דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. דער ציל פון אידענטום איז נישט בלויז פערזענליכע דערלייזונג, נאָר די אויסדערלייזונג פון דער גאַנצער וועלט. און דאָך, כאָטש אידענטום איז סאָציאַל אין פילאָזאָפישען זין פון וואָרט, איז עס דאָך סוביעקטיוו

געזונט און פּראַקטיש געניגט. אידענטום האָט קיינמאָל נישט פאַר־לאַנגט אָדער דערוואַרטעט פון דעם יחיד, אַז ער זאָל פולשטענדיג אַליין זיך אויפגעבען אָדער אין גאַנצען זיך פאַרנאַכלעסיגען לטובה פון אַנדערע. צדקה געבען איז טאַקע אַ פליכט, אָבער אַפילו צדקה האָט זיך אירע באַגרענעצטקייטען. אַוועקצוגעבען אַלץ, וואָס איינער פאַרמאָגט און ווערען אַזוי נאָך אַן אביון, אַן אָרימאַן, איז שטרענג פאַרבאָטען,[42]) ווי עס ווערט דערמאָנט אין מסכת כתובות. ר' הלל שלאָגט דאָ אָן דעם אמת'ן אידעאַל, ווען ער זאָגט: „אם אין אני לי, מי לי, — אויב איך וועל זיך אַליין נישט אין זינען האָבען, ווער דען וועט עס טאָן, און דאָך, אויב איך וועל אין זינען האָבען בלויז זיך אַליין, וואָס פאַר אַ מין מענש וועל איך עס זיין?"[43])

מיר זיינען אויך שטאַרק צו באַהויפּטען, אַז אידישע עטיק איז אוניווערזאַל מיט איר לערע און מיט איר אויפפאָדערונג. די עטיק איז נישט באַגרענעצט אין איר אויפפאַסונג צו מיטגלידער פון איין גרופּע מענשען, אָדער פון איין קאָליר, אָדער פון איין גלויבען. „יושר, יושר, זאָלסטו נאָכגיין".[44]) שטייט געשריבען אין ספר דברים. פרעגען אויף דעם די חז"ל: „פאַרוואָס ווערט עפּעס דערמאָנט דאָס וואָרט יושר צוויי מאָל? — כדי אונז צו לערנען, אַז מיר מוזען פּראַקטיצירען יושר צו יעדער צייט, צי עס בריינגט אונז אַריין פאַרדינסט, אָדער מיר האָבען פאַרלוסט, און מיר מוזען ווירקען מיט יושר צו אַלע מענשען, צו דעם איד אָדער גוי, אויף דעם זעלביגען שטייגער!"[45]) אידישער עטיק שאַפט נישט קיין אונטערשייד צווישען איד און גוי. „גאָט ברוך הוא ווייזט קיין מענשען נישט צוריק. די טויערען זיינען אָפען פאַר אַלעמען גלייך, און ווער עס וויל נאָר, קען קומען און אַריינ־גיין פריי. ווייל אַזוי שטייט בפירוש געשריבען אין ספר ישעיה: 'עפענט אויף די טויערען, און זאָל דאָס גערעכטע פאָלק אַריינגיין'.[46]) מערקט זיך, דער נביא זאָגט נישט, אַז דער כהן, צי דער לוי, אָדער אַ ישראל קען אַריינגיין, נאָר, דאָס גערעכטע פאָלק זאָל אַריינגיין, מחמת די טויערען פון הימעל זיינען אָפען צו דעם גערעכטען, פון וועלכען פאָלק ער זאָל נישט זיין, צו דעם ווערטפולען מענשען פון דער גאַנצער מענשהייט".[47])

אַ געוויסער געצענדינער האָט אַמאָל געפרעגט ר' יהודה דעם פאַטריאַרך: „וועל איך האָבען אַ חלק לעולם הבא?" און דער תנא האָט אים אויף דעם געענטפערט: „יאָ." איז דער געצענדינער צו־געשטאַנען צו אים מיט אַ צווייטער פראַגע: „עס שטייט דאָך אָבער געשריבען: 'און עס וועט נישט זיין קיין איבערבלייב פון דעם הויז פון עשו'ן?'"[48]) „יאָ", איז געקומען אַ פלינקער ענטפער פון רבי

יהודה, „דאָס גייט בלויז אויף די יעניגע, וואָס באַגייען עשו'ס רשעות'־דיגע מעשים!"[49]

אידישע עטישע אידעאַלען זיינען אַזוי אוניווערסאַל אין דעם פאַרנעם, אַז זיי זיינען אַפילו כולל די שטומע באַשעפענישען, די חיות פון פעלד אויך. אידענטום האָט באַשאַפען אַ וואָרט, וואָס מען קען עס נישט אַפילו צופרידענשטעלענד איבערזעצען — „צער בעלי חיים, רחמנות פאַר דער לעבעדיגער באַשעפעניש"; אַט די עטיק האָט געמאַכט פון גאַנצען אידישען פאָלק אַ „געזעלשאַפט צו פאַרהיטען רשעות צו גאָט'ס שטומע באַשעפענישען". דעם אידען האָט מען באַפוילען צו שפייזען זיינע הויז־חיות, איידער ער אַליין זעצט זיך אַוועק צום טיש עסען.[50] אַפילו די ביימער אין פעלד זיינען ביים אידען באַטראַכט געוואָרען, אין זיינע לערעס, ווי לעבעדיגע זאַכען, און די אידישע עטיק האָט נישט פאַרנאַכלעסיגט דעם מענשען'ס התחיבות צו זיי. עס איז בפירוש אַ זינד און דאָס אידישע געזעץ האָט עס פאַרבאָטען — אַרונטערצושניידען ניצליכע ביימער, און די וואָס טראָגען פרוכט. אַפילו אין צייט פון מלחמה, ווען האַלץ איז אַזוי וויכטיג און נויט־באַדערפטיג פאַר בויען שוץ־ערטער, טאָרען דאָך נישט די מענשען, וואָס באַלאַגערען אַ שטאָט, צעשטערען אָדער שעדיגען די ביימער;[51] (ווי עס ווערט געשריבען אין דער תורה דברים, פ' שופטים). דאָס גאַנצע אידיש לעבען קומט הינטער די שיצענדיגע פליגעל פון עטי־שער לערע.

און דאָ קום איך ענדליך צום פאַקט, וואָס מוז ווערען פאַרצייכענט. אידישע עטיק איז נישט געלערענט געוואָרען סתם ווי אַבסטראַקטע, מאָראַלע זאַכען אין דער ביבעל אָדער אין תלמוד. די דאָזיגע עטישע פרינציפען זיינען די סאַמע יסודות פון גאַנצען אידישען לעבען; זיי דרינגען דורך די גאַנצע אידישע לערע און יעדען צווייג פון אידישען לימוד. אַפילו די שטרענג יורידישע אָפּטיילונגען פון אונזער הלכה דערקלערען, דורך ביישפיל, די דאָזיגע אידעאַלען דורך פאַרשיידענע און פיל־פאַכיגע וועגען.[52] אויך, די הלכה, ציטירענדיג פראָפעסאָר גינזבערג „איז אַן אמת'ער שפּיגעל וואָס שפּיגעלט אָפּ דעם אידען'ס שאַפונגען, ווי אַזוי ער האָט אויסגעפאָרמירט זיין לעבען און כאַראַקטער".[53] און מיר ווילען נאָך עפּעס פון אים ציטירען: „עס איז נישט געווען נויטיג צו אונטעררייכטען מאָראַל אויף אַ דירעקטען שטייגער. מ'האָט נישט פאַרלאַנגט פון דעם תלמיד, אַז ער זאָל מאַכען אַ פרום פנים, בשעת מען האָט באַאיינפלוסט זיין גייסט מיט מאָראַלישע לערעס. אין דעם גאַנץ געוויינליכען קורס פון לערנען, האָט אים דער תלמוד אָנגעוויזען עטישע באַטראַכטונגען פון פונדאַ־

מענטאַלער וויכטיגקייט, פאַרלייגענדיג פאַר אים, תוך כדי לימוד, באַ־שיינפערליך, אַ פאַרוויקעלטע יורידישע שאלה, וואָס פאַרלאַנגט גאָר פיינעם לאָגישען נאָכטראַכטען".[64] עטיק האָט דורכגעדרונגען זיין געזעץ, זיין פילאָזאָפיע, זיין טעאָלאָגיע, יאָ, געוויס, אַפילו זיין פאָלק־לאָר; יעדע זאַך אין זיין לעבען איז געווען דורכגעזאַפּט מיט עטישע אידעאַלען און עטישע פרינציפּען.

עס איז פון גרויסער באַדייטונג צו דערמאָנען, אַז ווען דער גרויסער ר' ישראל סאַלאַנטער האָט אַנגעהויבען גרינדען אַ באַוועגונג, מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, כדי צו ענדערען דעם סדר הלימוד אין דער ישיבה, אין דער אַלטער היים, אָפּגעבענדיג בעסער פיל צייט מיט לערנען מוסר, עטישע לימודים, האָבן אַנדערע רביים זיך קעגענ־געשטעלט אויף אַ צאָרענדיגען שטייגער. די הויפּט אורזאַך פאַר דער דאָזיגער אָפּאָזיציע, האָט מען ווייניג וואָס פאַרשטאַנען אָדער ריכטיג אָפּגעשאַצט. די געוויינליכע דערקלערונג, וואָס ווערט געגעבען איז, וואָס די דאָזיגע געגנער פון דער „מוסר־באַוועגונג" האָבען געפילט און האָבען געהאַלטען, אַז דעם תלמיד'ס גאַנצע צייט דאַרף ווערען אָפּגעגעבען צו דער הלכה, צו דער יורידישער זייט פון תלמודישע לימודים, און נישט אַזוי צו עטיק. אָט די געגנער האָבען געהאַלטען, אַז עטיק איז באמת אַ טייל פון דער אגדה'שער זייט פון רבנישען לערנען, און, אַז אָט די דאָזיגע אָפּטיילונג קען דער תלמיד, אָדער ישיבה בחור אַליין שוין אויפנעמען, אין די שפּעטערע שעה'ען נאָך די רעגולע שעה'ען פון דער ישיבה־צייט. זיי, די געגנער, האָבען געהאַלטען, אַז קיין זאַך טאָר נישט שטערען צו דער דערגרייכונג פון מייסטערשאַפט ווי ווייט מעגליך מצד די וויכוחים און דיסקוסיעס אַרום דער הלכה, דעם יורידישען טייל פון לערנען.

אָבער דאָס אַליין איז נישט גענוגענד באמת צו דערקלערען די שטאַרקע אָפּאָזיציע, וואָס רבי סאַלאַנטער האָט דאָ באַדאַרפט באַ־קעמפען. עס איז גאָר געווען אַ פיל טיפערע, אַ פסיכאָלאָגישע אנטקע־געגנגעזעצטע באַדייטונג צו דעם אַנגענומענעם פּלאַן פון לערנען. עטיק, האָבען די רבנים געפילט, דאַרף נישט ווערען אַ לערע אַן און פאַר זיך אַליין; עטיק, האָבען זיי געהאַלטען, מוז פאַרבלייבען דער עצם תוך, די זאַך, וואָס איז כולל גאָר די אַלע שטודיומס — לעגאַ־לע, יוריסטישע, פילאָזאָפישע, טעאָלאָגישע, ריטועלע, היסטאָרישע אָדער מאָראַלישע. עטיק, האָבען זיי שטייף געהאַלטען, קען נישט ווערען אָפּגעטיילט — אַ זאַך פאַר זיך אַליין — פון אידיש לעבען; עטיק מוז בלייבען, ווי עס איז געווען פון תמיד אָן, די יאָדרע, די וואָרצלען, דאָס סאַמע האַרץ פון גאַנצען אידישען געדאַנק.[65]

אַזוי אַך, איז יעדע פּאַזע פון אידישען לעבען געפּירט געוואָרען און אַרומגענומען געוואָרען פון אידישער עטיק. דער תלמוד פאַרמאָגט אַ זאָנדערבאַרע באַהויפּטונג, וואָס ווערט אָפּט מיספאַרשטאַנען, דורך וועלכער עס ווערט דעפינירט דאָס וואָרט צדיקים, די אמת'ע גערעכטע. אין מסכת סוטא ווערט געזאָגט: „זייער געלט איז זיי פיל טייערער אַפילו פון זייערע גופים".[56] נישט מחמת זיי זאָרגען זיך וועגען זייער געלט מער ווי וועגען זיך אַליין; נאָר די אמת'ע צדיקים נעמען זיך פיל מער די מי אין אַלע ענינים בנוגע זייערע פינאַנציעלע עסקים, איידער ווי זיי זאָרגען זיך וועגען זייערע קערפּערליכע באַדערפעני‌שען; ווי דער תלמוד גיט עס אויסגעצייכענט צו: „מחמת זיי וועלען זיך נישט צורירען מיט זייערע הענט צו דאָס, וואָס קען ווערען באַפלעקט דורך גנבה אָדער גזלה".[57]

דער איד האָט תמיד געקענט אַרויסזאָגען מיט די ווערטער פון בעל־התהילים: „איך וועל אַרומגיין פאַר גאָט אין די לענדער פון די לעבעדיגע",[58] נישט נאָר ביחידות, ביי זיך אין דער היים, אָדער נישט נאָר אין די היילינע אָפּטיילונגען פון דער סינאַגאָגע, נאָר „אין די לענדער פון די לעבעדיגע", וואָס די רביים פון תלמוד איבערזעצן: זה מקום שוקים, דאָס מיינט די מאַרק־פּלעצער,[59] יאָ, אומעטום און צו אַלע צייטען און מיט אַלע מענשען, איז ער אַרומגעגאַנגען פאַר גאָט, און אין די וועגען פון גאָט, וואָס די אידישע עטיק טייטשט אויס, אַז עס מיינט: אין די וועגען פון רחמנות און אמת![60]

ניינטער קאַפּיטעל

די לערע פון גיהנום און גן עדן אין אידענטום

פון אַלע טעמעס, וואָס מיר האָבען ביז איצט דיסקוטירט אין אונזער סעריע מאמרים, איז די שווערסטע אפשר אָט די, וועלכע מיר נעמען היינט אויף. זי איז באמת זייער שווער צו באַהאַנדלען, מחמת אויף איר רוט און באַוועגט זיך דער גלויבען פון אַזויפיל פעלקער. דער גאַנצער באַגריף פון רעליגיע איז פאַר זייער פיל מענשען, צום באַדויערען, פאַרוועבט און פאַרקניפּט מיט זייער אַלגעמיינעם באַגריף וועגען גיהנום און גן עדן.

בשעת איך באַמי זיך מיט אייך צו שטודירען די דאָזיגע באַגריפען אין אידענטום, קומט מיר אויפ׳ן זין דאָס אויסגעצייכענטע מעשה׳לע, וואָס ווערט דערציילט אין דעם תלמוד וועגען די פיר חכמים — די ערהאַבענסטע געלערענטע, וואָס האָבען געלעבט אין אָנהויב פון צווייטען י. ה. — וועלכע זיינען אַריינגעטראָטען אין פּרד״ס (פּאַראַדיז), אין דעם גן עדן. בלויז איינער פון די פיר, רבי עקיבא, איז אַרויס צוריק אַ גאַנצער און אַן אומבאַשעדיגטער. בשעת פאַר די איבעריגע דריי, האָט די אונטערנעמונג געבראַכט זייער פיל אומגליק. שמעון בן זומא, למשל, האָט אַ קוק געטאָן און איז צערודערט געוואָרען, אַראָפּ פון זין; בן עזאי האָט אויך אַ קוק געטאָן, און איז גלייך געשטאָרבען; אלישע בן אבויה (אחר) האָט אונטערגעהאַקט די פלאַנצען פון דעם פּרד״ס, און איז געוואָרען אַן אַפּיקורס; דער איינציגער עקיבא — נכנס בשלום ויצא בשלום — ער איז אַריין אין דעם פּרד״ס בשלום און איז פון דאָרט אַרויס בשלום. אַזוי ווערט דערציילט אין תוספת חגיגה[1]).

אין אונזערע באַרייזונגען אַרום די אידישע לערעס, וואָס באַהאַנדלען אָט די דאָזיגע טעמעס, לאָמיר בעטען, אַז אונזער דיסקוסיע זאָל נישט גורם זיין חלילה צו ברענגען אונז קיין גייסטיגען אומקום, אָדער פאַרווירונג פון זין און קיין שום נייגונג אַרונטערצוהאַקען די

פלאַנצונגען פון אונזער אידיש לעבען... לאָמיר בעטען, דאָס מיר זאָלען ליבערשט, אויך, ווי רבי עקיבא, אַרויס גאַנץ און אומבאַשעדיגט, מיט אונזער גלויבען אין גאָט פיל מער געשטאַרקט, און מיט גרויסער באַוואונדערונג פאַר'ן אידענטום דערהעכערט.

איך האָב פריער באַהויפּטעט, אַז די טעמע פון אונזער היינטיגער דיסקוסיע איז — די לערע פון גיהנום און גן עדן אין אידענטום. און דאָ וואָלטען מיר געקענט אָפּ'פּטר'ן דעם גאַנצען פּראָבלעם ממש מיט איין וואָרט, אַז: עס גיט גאָר נישט לחלוטין אַזאַ מין זאַך ווי אַ לערע וועגען גיהנום און גן עדן אין אידענטום! און דאָ האָבען מיר בפירוש איינעם פון די פונדאַמענטאַלסטע חילוקים, אונטערשיידונגען, צווישען דער אידישער לערע און די לערען פון דעם נייעם טעסטאַמענט, אָדער אַנדערע רעליגיעזע שאַפונגען פון דעם קריסטענטום. מיט דעם לעצטען, זיינען געוויסע לערעס וועגען גיהנום און גן עדן געוואָרען באַפעסטיגט אין דער פאָרם פון אַ דאָקטרין, אין אַ שטאַרקען דאָגמאַטישען גלויבען, וואָס דערלויבט נישט אַראָפּצוגיין פון דעם וועג און שטייגער און זיין פאַרשידענאַרטיג; אין אונזער אידענטום, אָבער, זיינען די אַלע לערעס איבער אָט דער טעמע באַטראַכט געוואָרען פשוט ווי אַ פרייער אויסדרוק פון וועלכען עס איז יחיד, אינדיווידד, דערלויבענדיג אַ ברייטע פאַרשידענאַרטיגקייט אין אַרויסזאָגען אַ מיינונג און געבען אינטערפּרעטאַציע.[2])

די איינציגע לערע, אין באַצוג צו דעם שפּעטערען לעבען אויף יענער וועלט, וואָס האָט יאָ עפּעס אַן אויסזען פון אַ דאָקטרין, פון אַ דאָגמאַטישער לערע אין אידענטום, איז די לערע אין שייכות מיט תחית המתים. איר וועט זיך דערמאָנען, אַז דער רמב"ם האָט אַריינגענומען אָט דעם גלויבען פון תחית המתים אין זיינע שלשה עשר עיקרים, די דרייצען אויסגערעכענטע קרעדאָס. אָבער וואָס אָט דער תחית המתים אייגענטליך מיינט, איז געוואָרען פאַרשיידענאַרטיג אויסגעטייטשט; פון תחית המתים אין באַצוג צום יחיד, ביז נאַציאָנאַלען תחית המתים בנוגע דעם אידישען פאָלק. איך דאַרף דאָ אויך נישט דערמאָנען וועגען דער גרויסער אָפּאָזיציע, וואָס דעם רמב"ם'ס דרייצען עיקרים האָבען אַרויסגערופען מצד אַנדערע לערער פון די רבנים און פילאָזאָפען.

אין דער משנה, וואו עס ווערט אויסגעדריקט די פאַרזיכערונג, אַז: „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, אַלע אידען האָבען אַ חלק אין דער עולם הבא" ווערט אַן אויסנאַם געמאַכט, עס הייסט, אַ חוץ די וואָס לייקענען, אַז תחית המתים איז מן התורה — אַז די לערע איבער תחית המתים, פון אויפשטיין צוריק לעבעדיג אויף יענער וועלט, האָט

איר מקור אין דער ביבעל.[3]) אָבער אויך דאָ, ווערט גאַנץ קלאָר, אַז אָט די ווערטער אין דער ביבעל זיינען נישט געמיינט, אַז מען זאָל זיי אויסטייטשען בוכשטעבליך, ווי זיי שטייען געשריבען, ווייל, אין זעל־בען מאמר אין דער משנה ווערט געלויטעט נאָך אַן אויסנאַם פון רבי עקיבא, וואו ער זאָגט, אַז: „אויך יענער מענש, וואָס דערלויבט זיך לייענען די אַפּאָקריפישע ליטעראַטור", דאָס הייסט, אַז אויך יענער וועט נישט האָבען קיין חלק לעולם הבא.

אַז דער דאָזיגער אויסנאַם פון רבי עקיבא איז נישט גענומען געוואָרען צו־ערנסט, קען מען גרינג אַרויסזען פון דעם פאַקט, וואָס דער תלמוד גופא ציטירט גאָר בן סירא'ן, וואָס איז בכבודו ובעצמו געווען איינער פון די אַפּאָקריפישע בעל מחברים.[4]) אָבער, אויך דאָ, ווי פּראָפּעסאָר מור שלאָגט־פאָר אויף אַ זייער קלוגען שטייגער, און זאָגט: „איר קענט זען באַשיינפּערליך אויף וועלכען אופן די איב־טערפּרעטאַציע און אויסטייטשונגען פון דער אַגדה איז געוואָרען אַ געזעץ־בוך."[5]) און, וואָס איר קענט באמת אַרויסנעמען פון דער שטעלע אין משנה איז, ווי עס זעט מיר אויס, אַז עס האָט געמוזט אַגיין אַן אַלגעמיינער וויכוח אין יענע טעג: צי יאָ צי ניין די ביבעל טוט אַנטפּלעקען די אידעע פון רעזורעקציע, תחית המתים — און די חכמים, ווייזט אויס, האָבען געוואָלט אַריינלערנען אָט די אינטערפּרעטאַציע וועגען תחית המתים אַנטקעגען די יעניגע, וואָס האָבען באַשטרייט און זיך קעגענגעשטעלט אַנצונעמען אָט די לערע.

אָבער בנוגע גיהנום און גן עדן גופא איז בפירוש נישטאָ קיין אָנגענומענע באַשטימטע לערע אָדער דאָקטרין ביי אונז אידען. איר קענט געפינען גאָר פאַרשידענאַרטיגע מיינונגען אויסגעדריקט, פון די שענסטע ביז די לעכערליכסטע; אונזער ליטעראַטור האָט זיי אַלע פאַרצייכענט! אָבער, נאָכאַמאָל דאָזועלביגע, אָט די אַלע מיינונגען פון די תלמידי חכמים אונזערע, זיינען בשום אופן נישט דאָגמאַטיש, ווי עס זיינען, למשל, געווען זייערע באַשטימטע געזעצען. אונזער ליטעראַטור האָלט אויף געוויס אַלע פאַרשיידענע מיינונגען, עס מאַכט נישט ווי אַזוי זיי קענען זיך אַמאָל אויך צוזאַמענשטויסען, אָדער זאָגען פונקט דאָס פאַרקערטע. דער באַרימטער שרייבער איזראַעל אייברעהעמס זאָגט עס זייער שיין אַרויס אויף דעם אופן: „ווי דער בורבאָן, אַזוי פאַרגעסט נישט דער איד קיין שום זאַך, אָבער גראַדע נישט ווי דער בורבאָן לערענט יאָ דער איד עפּעס תמיד".[6])

דער אמת'ער אידישער באַגריף וועגען אַזאַ אָדער אַן אַנדער טעאָלאָגישען ענין איז נישט צו געפינען אין מאַכען אַן האַרמאָנישען פאַרזוך אין באַשטרייטענדיגע רעפּרעזענטאַציעס, נאָר, ווי פּראָפּעסאָר

מור האָט זיך אַזוי פיין אויסגעדריקט, אַז דער אמת'ער אידישער באַגריף איז פון תמיד אָן „דער רעזולטאַט פון אַן אויסדערוויילטען פּראָצעס".[7] מיר דאַרפען נאָר אַנטדעקען, וואָס פאַר אַ מיני מיינונגען דער אידישער גייסט האָט באמת אויפגענומען ערנסט און אויפ־ריכטיג, וואָס פאַר אַן ענין ער האָט אָנגענומען אַלס אַ לעבעדיגען עלעמענט פאַר זיין נשמה, און וואָס פאַר אַ זאַך, הגם אויך אַמאָל אונטערשטיצט און פאַרטיידיגט, דער אידישער גייסט האָט דאָך פון דעם זיך אָפּגעזאָגט פון צו מאַכען עס אַלס אַ חלק, אַ טייל פון דער אַלגעמיינער אידישער גרויסער גייסטיגער ירושה.

באַזונדערס דאָ קענען מיר באַמערקען אַן אויסגעצייכענטען ביי־שפּיל פון די צוויי פאַקטען, וואָס איך האָב זיך באַמיט צו אַנטוויקלען אין משך פון די פריערדיגע קאַפּיטלען פון אַט דער סעריע. קודם כל, אַז אונזער אידענטום רעפּרעזענטירט אַ באַשטימטען גאַנג פון אַנטוויקלונג, אַ פּראָצעס פון עוואָלוציע אין אַלע זיינע לערעס; און, צווייטענס, אַז אין גאַנג פון דער דאָזיגער אַנטוויקלונג, האָט דער אי־דישער גייסט זיך נישט אָפּגעשטעלט אַריינצוזאַפּען אין זיך די גע־דאַנקען און די לערעס פון אַנדערע פעלקער און קולטורען, בתנאי, מיט דעם באַדינג, אַז די אַלע אַנדערע לערעס זיינען נישט געווען אין גאַנצען להיפּוך צום אייגענעם גייסט, און אויב נאָר זיי האָבען צופרי־דענגעשטעלט אַ צייטליכע נויטווענדיגקייט. און דאַך, ווען מיר זאָגען, אַז אידענטום האָט איבערגענומען געוויסע וועגען און געדאַנקען פון פרעמדע צוגענגליך צום אייגענעם גייסט, און צו דער זעלבער צייט עלימינירט, אָפּגעשאַפּען יענע לערעס, וואָס זיינען געווען אונזערע אייגענע און זיך געגענגעשטעלט אונזער אידישען לעבענס־שטראָם, מיינען מיר נישט דאָ צו באַצוועקען, אַז דער פּראָצעס איז געווען בלויז: „איבערגענומען", און פאַרטיג . . . אַ, ניין, דעם גייסט וואָס דאָס אידיש פאָלק האָט פאַרמאָגט אין זיך, אין קענען, מיט קריטישער טיפקייט און גרויסער מבינות, אָפּשיילען און אַרויסוואַרפען אַלץ, וואָס איז נישט פון גרויסען אמת'ן ווערט, אַט דער גייסט האָט זיך אויך קלאָר און שטאַרק אַרויסגעוויזען אין דעם אופן, ווי אַזוי, אונזער אידענטום האָט געקענט דערהויבען און טראַנספאָרמירען, צום העכערען ווערט, אַט דאָס, וואָס עס האָט יאָ איבערגענומען פון אַנדערע פעלקער. ווי דזשאָרדזש אַדאַם סמיט לויטעט אין זיין באַרימט בוך: דער אידישער גייסט אין דעם אַלטען טעסטאַמענט — „זיי זיינען נישט געווען בלויז געוויינליכע פאַרמיטלער אין דער גייסטליכער וועלט",[8] נאָר, ווי מיט דעם פאַל פון אונזערע נביאים, איז זייער פליכט געווען אַרויסצו־ברייגען דאָס שיינע פון דאָס מיאוס'ע, דאָס גאָלד פון דעם פסולת.

אין קיין שום אַנדער פאַל ווערט דאָס נישט אַרויסגעבראַכט קלאָרער ווי אין דעם פאַל, ווען מיר שטודירען די אַנטוויקלונג פון די לער־נונגען פון אידענטום בנוגע גיהנום און גן עדן. אמת איז, אַז מיר האָבען פיל איבערגענומען אויך פון אַנדערע, אָבער צו דעם, וואָס איז איבערגענומען געוואָרען איז צוגעגעבען געוואָרען אַ אידישער חותם, אַן אידישער אָפּדרוק, און אויך די רייכע פאַרביגקייט פון דער אידישער נשמה.

איך האָב דאָ אַ רגע צוריק געזאָגט, אַז עס גיט נישט קיין שום באַשטימטע לערע בנוגע דער טעמע, וואָס מיר נעמען דאָ אויף. דאָך, פעלט נישט נאָר ביי אונז לחלוטין אַזאַ מין באַשטימטע לערע, נאָר אַפילו אין די לערעס, וואָס זיינען יאָ אויסגעדריקט געוואָרען, פעלט דאָרטען אויך אַ געוויסע אויסגעהאַלטענקייט און צוזאַמענהאַנג. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש אמת בנוגע דער אידישער טעאָלאָגיע, בכלל, און בנוגע די טעאָלאָגישע לערנונגען, וואָס האָבען צו טאָן מיט דער איצטיגער טעמע, בפרט.

פּראָפעסאָר שעכטער זצ״ל, געדענק איך, האָט אַמאָל ציטירט אַ גרויסען שריפטשטעלער אין דעם באַצוג, אַז „די בעסטע און גע־רעכטסטע טעאָלאָגיע איז די, וואָס איז נישט אויסגעהאַלטען.״ און ער פאַרזיכערט אונז, אַז דאָס איז אַ מעלה, וואָס „די טעאָלאָגיע פון דער סינאַגאָג באַזיצט צום העכסטען גראַד״.[9]) און מיר מעגען ציטירען אַ צווייטען אויסגעצייכענטען געלערנטען, וועלכער לויטעט, אַז: „דער שענסטער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער רבנישער סיסטעם אין דער טעאָלאָגיע, איז, וואָס דאָרטען פעלט אין גאַנצען אַ סיסטעם״.[10]) יאָ, איר וועט דאָרטען געפינען אויסגעדריקט די מערסטע קעגענגע־זעצטע און היפּכא־מסתברא׳דיגע מיינונגען, אָנהויבענדיג פון דער סאַמע עלעמענטאַרישער קינדער־שפּיל פון דעם מענשען׳ס פאַרשטע־לונגס־קראַפט, ביז צו דער העכסטער און ערהאָבענסטער רעפלעקציע פון דעם אידישען גייסט. מיר קענען, באמת, פּאַקטיש איבערגעבען, אַז דער גאַנצער ענין פון גיהנום און גן עדן איז מער אַ שטודיום אויף דעם געביט פון פּסיכאָלאָגיע, איידער ווי טעאָלאָגיע, און מיר ווילען דאַרפען ציען אַ קלאָר־באַשטימטען אונטערשייד צווישען דאָס וואָס איז אין דער ווירקליכקייט בלויז פאָלקלאָר, די פאָלק־מעשה ביי דעם אידען, און דאָס, וואָס רעפּרעזענטירט דעם גאָר אמת׳ן אויס־דרוק פון דעם אידישען גייסט.

נו, מיר מוזען קודם כל דאָ באַמערקען, אַז דער העברעאישער אויסדרוק פאַר דעם לעבען נאָכ׳ן טויט, עולם הבא, „די וועלט וואָס דאַרף קומען״, און „לעתיד לבוא״, די צוקונפט, וואָס דאַרף קומען,

זיינעןביידע געגוי די זעלביגע טערמינען, וואָס ווערען געברויכט אין דער אידישער לערע, כדי צו באַצייכענען די צייט פון משיח, אָדער די אידעאַלע צייט פון וועלכער דער מענש וועט אַמאָל הנאה האָבען און געניסען דאָ אויף אונזער ערד.[11]) אָט דער אַ פאַקט האָט געפירט צו באַזונדערע מיספאַרשטייענישען און מיסבאַגריפען. זייער פיל לערעס, וואָס זיינען גאָר באמת געמיינט געוואָרען זיך צו באַציען צו יענער געבענטשטער צייט, וואָס ווי מיר אַלע האָפען, וועט אַמאָל נאָך באַקרוינען דעם מענשען'ס עקזיסטענץ אָט דאָ אויף אונזער ערד, זיינען גאָר געוואָרען מיספאַרשטאַנען, אַז זיי געהערען צו דער עולם הבא, עס מיינט, ערשט נאָכ'ן מענשען'ס טויט.

אין אַ פריערדיגען קאַפּיטעל האָב איך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אַ געוויסער אַרבייט, וואָס איז לעצטענס אָנגעשריבען געוואָרען פון אַ גאָר פיינעם געלערנטען פון רבנישען שאַפען, וואו ער פאַרגלייכט די פאַרשיידענע אידישע בליקען און מיינונגען איבער אוטאָפּיע (מ. איגער'ס: „די אידישע אוטאָפּיע".) ער דיסקוטירט דאָרטען אָט די זעלביגע טעמע און וואָרענט אונז און ווייזט אונז אָן, אַז יעדע באַמערקונג אין אונזער ליטעראַטור, באַנוצענדיג זיך מיט אָט די אויסדרוקען, מוז מען אויפנעמען און שטודירען גאַנץ באַזונדער; אַז דאָרט, וואו עס ווערט גערעדט אין גייסטיגע טערמינען, פון אַ צייט, ווען מען וועט זיך נישט דאַרפען זאָרגען וועגען עסען און טרינקען, אַזאַ מין באַהויפּטונג באַציט זיך צו דער וועלט פון דעם גייסט; אָבער, דאָרט וואו עס רעדט זיך, להיפוך, אין מאַטעריעלע טערמינען, איבער גרויסע פאַמיליעס און משפחות, איבער רייכקייט, און איבער אוניווערסאַלען גליק און שלום, — דאָס אַלץ באַציט זיך צו דער עולם הבא, וואָס מיינט אייגענטליך טאַקע דאָ אויף אונזער ערד, פאַר אונזער לעבען.[12])

נו, זעען מיר דעריבער, אַז אָט דער עצם פאַקט, וואָס די זעלביגע אויסדרוקען ווערען באַנוצט צו באַצייכענען אַזעלכע קעגענגעזעצטע אידעעס, זייער ווייט איינע פון דער אַנדערער, וועט שוין בעצם באַשאַפען אַ זייער אינטערעסאַנטען שטודיום פאַר דעם פּסיכאָלאָג. עס קען נישט זיין סתם אַ צופאַל; מסתמא, איז איינער פון אָט די באַגריפען געווען דער אָריגינעלער, און בלויז ערשט שפּעטער־צו האָט דער דאָזיגער באַגריף אַרויפגענומען אויף זיך אַ נייעם און צוגעגעבענעם אויסטייטש.

און אַזוי, אויך, איז עס ביז גאָר אינטערעסאַנט צו באַמערקען, גלייך אין אָנהויב ווען מיר נעמען אויף אונזער שטודיום, אַז די העברעאישע טערמינען, וואָס באַצייכענען גיהנום און גן עדן — זיינען טערמינען, וואָס באַצייכענען באמת געוויסע ערטער אָט דאָ אויף

אונזער ערד. איר קענט זיך גרינג דערמאָנען פון דער שיינער מעשה גלייך אין אָנהויב פון דער סדרה בראשית, אַז גן עדן איז דער גאָרטען, וואָס גאָט האָט פאַרפלאַנצט דאָ אויף אונזער ערד, און וואו ער האָט געגעבען דעם ערשטען מענשען אָדמ׳ען, די געלעגענהייט צו פאַרזוכען פון די אַלע גוטע זאַכען, וואָס די ערד האָט אים אונטערגעטראָגען.[13]) הייסט עס, אַז דער גן עדן איז באמת דאַן שוין דאָ געווען! ערשט פיל שפּעטער־צו, האָט דער אידישער געדאַנק אַריבערגעטראָגען, טראַנ־ספּערירט די אַלע ברכות פון גן עדן צו אַן אַנדער וועלט — צו די הימלען דאָרט אויבען. און גיהנום, אויך אַזוי, אָט דאָס וואָרט, וואָס האָט שפּעטער־צו צוגעקראָגען אַ צווייטען נאָמען: ׳די העל׳ איז דער נאָמען פון אַ טאָל, אין דרום זייט פון ירושלים, ׳גי־בן־הנום׳, דער טאָל פון בן־הנום, וואו, לויט די ביבלישע באַהויפּטונגען, האָבען די שלעכ־טע און בייזוויליגע מענשען אָפּגעגעבען זיך מיט אָפּשויליכע מעשים, וואו זיי האָבען מקריב געווען זייערע אייגענע קינדער צום גאָט מולך.[14]), ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין די ספרים: יהושע, מלכים ב׳ און ירמיהו. יאָ, אָט דער טאָל איז געווען דער פאַרשאָלטענער טאָל דאָ אויף אונזער ערד, און לויט דעם אידישען אויסטייטש אין די שפּעטערע יאָרען, איז דער וואָרט גיהנום געוואָרען אַ סימבאָל צוגע־פּאַסט צו דעם וואוינונגס־אָרט פאַר די רשעים נאָכ׳ן טויט.

שטודירענדיג אָט דעם פּראָבלעם פון דעם פּסיכאָלאָגישען צו־גאַנג, נעמט־אָן דער דאָזיגער פאַקט אַ גאָר נייע וויכטיגקייט. עס באַווייזט, אַז לכתחילה האָט דער איד נישט געהאַט קיין שום באַגריף וועגען גיהנום און גן עדן אַלס קאָנקרעטע פּלעצער פאַר שכר ועונש — אַז ער האָט באַדאַרפט גאָר אויסבאַרגען ווערטער־אויסדרוקען פאַר אַזעלכע באַצייכענונגען פון ערטער אויף אונזער ערד.

אָט די פאַקטען אַנטפּלעקען פאַר אונז אויפ׳ן קלאָרסטען שטייגער דעם אמת, וואָס מיר האָבען זיך באַמיט צו באַטאָנען ווידער און ווידער אַמאָל, וועגען דער אידישער נשמה, אָדער פּסיכע. עס איז געווען אַ נשמה־צושטאַנד הויפּטזעכליך פאַראינטערעסירט אין דעם לעבען אָט דאָ אויף דער וועלט, און נישט אין אַן אַנדער וועלט. די אידישע נשמה האָט ליב געהאַט דאָס לעבען אַזוי שטאַרק און אַזוי פיל, אַז זי האָט אַפילו פאַרמאָגט די געוואַגטקייט פאַראויסצוזאָגען אַ צייט, ווען גאָט וועט אָפּשאַפען דעם טויט אויף אימער און אייביג, ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין ספר ישעיהו, אַז: „גאָט וועט פאַרטיליגען דעם טויט אויף אייביג״.[15]) דער איד האָט שטענדיג פאַרמאָגט אָט די שטאַרקע בענקשאַפט נאָך אַן ענערגישען, פולען און שיינעם לעבען אָט דאָ אויף דער ערד — „איך וועל אַרומגיין פאַר גאָט אין די לענדער

פון די לעבעדיגע",[16]) ווי אין תהילים שטייט. דאָס אַליין האָט עס נאָך געמאַכט שווערער פאַר דעם אידענטום צו באַשיינען און באַלויכטען דעם טאָל פון דעם שאָטען פון טויט און צו דערהויבען עס צו אַ ספּעציעלער רעליגיעזער לערע.[17])

צוליב אָט דער ליידענשאַפט פאַר לעבען, און דעם טיעפען אינ־טערעס אין לעבען גופא, וואָס דער איד איז באַזעסען, האָט עס באַוואויגען אַ גרויס־אַנערקענטען קריסטליכען געלערנטען, דזשאָרדזש אַדאַם סמיטה מיט אַ גאָר פיינער פאַרשטענדעניש פאַר'ן אידען, זיך אויסצודריקען וועגען אידענ'ס „געירש'ענטע אָפּאָזיציע צו אַ לעבען נאָכ'ן טויט".[18])

די אידען זיינען באמת געווען אַזויפיל אַריינגעטאָן אין די פּראָב־לעמען פון לעבען און דעם מענשענ'ס גליק דאָ אויף דער ערד, אַז זיי האָבען אַנטמוטיגט אַלע מיני ספּעקולאַציעס איבער די מיסטעריעס בנוגע דעם לעבען פון יענער זייט גרוב. אַפילו אַזוי שפּעט ווי אין דער צייט פון בן סירא, טרעפען מיר זיך אָן מיט אַ וואָרנונג, ציטירט דורך דער הסכמה פון דעם תלמוד גופא: „דו זאָלסט זיך נישט נאָכ־פרעגען נאָך זאַכען, וואָס זיינען העכער פון דיין שכל, און נישט זוכען קיין זאַכען, וואָס זיינען פון דיר באַהאַלטען. טראַכט בעסער וועגען זאַכען, וואָס זיינען דיר דערלויבט; „אין לך עסק בנסתרות, דו האָסט גאָרנישט צו טאָן מיט'ן שטודיום פון מיסטעריע!"[19]). און אויך די משנה, קענט איר זיך דערמאָנען, באַטאָנט זייער שטאַרק אין דעם אויסדרוק, אַז „יעדער איינער, וואָס מישט זיך צופיל מיט די פאלגענ־דיגע פיר זאַכען, וואָלט שוין בעסער געווען פאַר אים, ווען ער וואָלט אין גאַנצען נישט געבאָרען געוואָרען. און די פיר זאַכען זיינען: מה למעלה, מה למטה, מה לפנים ומה לאחור, וואָס עס טוט זיך אויבען, אונטען, פאָרענט און הינטער אים".[20])

דער איד האָט טאַקע געוואוסט און געגלויבט אין באַלוינונגען, וואָס זיינען אים צוגעזאָגט געוואָרען פאַר די גוטע מעשים וואָס ער וועט טאָן; אָבער, וואָס זיינען אָט די באַלוינונגען געווען? זעט, אדרבה, ווי אין חומש דברים שטייט: „למען יאריכון ימיך על הארץ אשר ה' נותן לך, כדי דו זאָלסט מאַריך ימים זיין אויף דער ערד, וואָס גאָט דיין האַר טוט דיר געבען".[21]) גוטסקייט איז גורם גליק אין לעבען; טוגענד און גוטסקייט פאַרלענגערען דאָס לעבען אויף דער ערד, זיי זיינען גורם דאָס פאַרמערען און פאַרשפּרייטען גליק און פרידען פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט. אָט דאָס איז באמת געווען די געזונטע און נאַטירליכע פילאָזאָפישע אַנשויאונג פון דעם אידען אין דער גליק־ליכסטער צייט פון זיין ציוויליזאַציע. די נביאים האָבען געשטראָפט

און געזידעלט פאַר די זינד, וואָס מ׳איז באַגאַנגען, ווייל זינד צעשטערט און ברייננגט־אום דאָס מענשליכע לעבען, און, וואָס מער זינד, מער שטעלט עס אין גרויסער סכנה די עקזיסטענץ פון דעם נאַציאָנאַלען לעבען פון ישראל.

אמת, טאַקע, דער איד האָט תמיד גערעדט וועגען גאָט, וואָס וואוינט אין די הימלען, דאָס, אָבער, האָט נישט רעפּרעזענטירט קיין אויסגעאַרבייטע טעאָלאָגיע פון אַ הימלישען כסא הכבוד אין אַ חדר מיוחד, גאָט, זיצענדיג אויף זיין ערענהאַפטען שטול אין אַן אָפּגע־זונדערטען צימער — אַ באַגריף, וואָס איז אויפגענומען געוואָרען פון די שפּעטערע דורות. כדי צו ציטירען נאָכאַמאָל די געלערנטע ווער־טער פון פּראָפעסאָר שעכטער: „זייער באַגריף איז געווען אַ פּערזענ־ליכער גאָט, און אַ פּערזענליכער גאָט וועט תמיד ווערען צוגעשטעלט דורך דער מענשליכער פאַנטאַזיע און פאַרשטעלונגס־קראַפט, מיט עפּעס אַ מין לאָקאַלען וואוינונגס־אָרט. די ׳נישט־מיר׳יגע׳ וועלען תמיד דאַרפען פאַרזאָרגט ווערען ערגעץ אַנדערש וואו דערהויבענ־קייט און הויכקייט האָבען תמיד פאַרגעשלאָגען און וועלען תמיד ווייטער פאַרלייגען אין געדאַנק הויכקייט און דערהויבענקייט, און דערי־בער האָבען זיי נישט געקענט אויסדערווילען אַ מער צוגעפּאַסטען און מער גינסטיגען וואוינונגס־אָרט פאַר דער גאָטהייט, ווי די הימ־לען, אָדער די הימלען איבער די הימלען״.[22]) עס איז גיכער געווען אַ געוויסע פאָרמע פון אויסדרוק כדי נאָכצוקומען און צופרידענצו־שטעלען דער מענשליכער פאַנטאַזיע.

געוויס, אויך די אידען האָבען געגלויבט אין מלאכים, ווי די אַלע אַנדערע פעלקער אין די צייטען פון אַמאָל; די אידען האָבען גע־פילט, אַז גאָט מוז האָבען געוויסע מיטלען און פאַרמיטלער, שליחים, כדי זיי זאָלען פאַנאַנדערטראָגען פאַר אים געוויסע מיסיעס איבער דער גאַרער וועלט. אָבער, אויך אין דעם פאַל, האָט די אידישע מלאכים־לערע קיינמאָל נישט אויפגענומען די וויכטיגע ראָליע, וואָס זי האָט געשפּילט צווישען אַנדערע פעלקער און אַנדערע גלויבענס. דער איד האָט, לכתחילה, אַפילו נישט געהאַט וועלכע ס׳איז נעמען מיט וועלכע אַנצורופען די מלאכים. די נעמען פון מלאכים, לויט דעם תלמוד, עלו מבבל, האָבען די אידען מיטגעבראַכט מיט זיך ערשט פון בבל.[23]) יאָ, מלאכים האָבען געשפּילט אַ ראָליע אין דעם פאָלקלאָר פון אידישען פאָלק. דאָך מוז ווערען שטאַרק באַטאָנט, אַז קיינמאָל נישט — אַפילו נישט אין די שפּעטערע צייטען, ווען די לערעס איבער גיהנום און גן עדן האָבען אָנגענומען נייע פּראָפּאָר־ציעס — נייך, קיינמאָל נישט זיינען מלאכים דערהויבען געוואָרען צו

דער הויכער פּאָזיציע, וואָס זיי האָבען געהאַלטען, ווי ס'האָט אויסגע־
זען צווישען די אומות העולם. מאַנכע פון די רבנים האָבען דער־
קלערט, אַז יעדער פרומער איד פון ישראל איבערשטייגט די מלאכים
אין קראַפט און אין איינפלוס,[24] ווי עס שטייט דערמאָנט אין מסכת
סנהדרין. עס איז געוויס אויסערגעוויינליך אינטערעסאַנט, ווי דער
גרויסער געלערנטער דוד ניימאַרק האָט אָנגעוויזען, אַז אין דער
משנה, דער אויטאָריטעטער אויסדרוק פון די תנאים, האָט די ערשטע
גרופּע פון די גרויסע רבנים, אין גאַנצען אָפּגעשאָפט יעדע מין באַ־
ציאונג צו מלאכים.[25] הגם די מלאכים־מיטאָלאָגיע איז שפּעטער צו
געוואָרען וויט פאַרשפּרייט צווישען אידען, אָבער די רבנישע באַצי־
אונגען צו זיי, ווי פּראָפעסאָר מור שלאָגט פאָר „זעט אָפּט אויס צו
זיין גיכער אַ צייגניש פון רעדנערישען שאַרפזין איידער ווי אַ טיף־
ערנסטע מיינונג. ס'איז דאָרט ממש גאָרנישט געווען, וואָס זאָל
צוקומען נאָענט צו אַ דאָקטרין איבער מלאכים".[26]

ווען ס'איז אויך אמת, אַז אפילו די אידישע פילאָזאָפען פון דעם
מיטל־אַלטער האָבען נישט געצווייפעלט אין דער עקזיסטענץ פון
מלאכים, איז זאָנדערבאַר צו באַמערקען, אַז דער רמב"ם, נאָכגייענדיג
זיין ראַציאָנאַלען מעטאָד, האָט דערקלערט, אַז די מלאכים זיינען בלויז
דער פּראָדוקט פון דער מענשליכער פאָרשטעלונגס־קראַפט, פיגוראַ־
טיווע אויסדרוקען, וואָס מען דאַרף נישט נעמען בוכשטעבליך.[27]
לויט דער מיינונג פון געוויסע רבנים — זיינען מלאכים, די שליחים
פון גאָט, די נביאים, חכמים און זעער — די אמת'ע מלאכים, וואָס באַ־
דינען אים![28]

בנוגע גיהנום, האָט דער איד זיך באַנוצט מיט'ן וואָרט: שאול,
וואָס מיינט, די אונטער־וועלט; אָבער דאָס איז געווען פאַר'ן אידען
אַן אומבאַשטימטער נאָמען און טערמין, אַ מין „בילדליכער אויס־
דרוק, וואָס טראָגט דעם זעלביגען באַדייט ווי דאָס וואָרט קבר".[29]
עס איז געווען אַ מין פינצטערע הייל, אַן אוניווערסאַלע גרוב, ווי מען
שטעלט זיך פאָר, עס זעט אויס 'היידעס' אין דער פּאָעטישער שאַפונג
פון דעם גריכישען דיכטער האָמער. די באַוואוינער פון יענעם אָרט
שאול, זיינען טויטע, קרומע און הינקענדיגע שאָטענס. פון שאול קען
מען שוין קיינמאָל נישט אַרויס.[30] עס איז געווען דער בליעל — דאָס
לאַנד פון וואַנען מען קומט נישט קיינמאָל צוריק;[31] דומה, דאָס אָרט
פון אייביגער שטילקייט;[32] וואו מען שטייט שוין קיינמאָל נישט אויף
צו אַ נייעם לעבען.

צו אַט דער פינצטערער קעניגרייך מוזען אַלע ווען אַמאָל קומען,
גרויס און קליין, גוטע און שלעכטע. איר וועט זיך באַגעגענען מיט

איבער געגוג סקעפּטישע אויסדרוקען און שילדערונגען וועגען א לע־בען נאָכ'ן טויט. פּראָפעסאָר מור גלויבט, באמת, אַז אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט אַ גלויבען אין תחית המתים, אָדער ווערען צוריק לעבע־דיג נאָכ'ן טויט, אַזאַ מין, וועלכע עס איז האָפענונג האָט זיך נישט אַנטוויקעלט. קוהלת, שלמה המלך, זעט אויס אַוועקצושטעלען דעם מענשען אויף דער זעלביגער מדרגה מיט דער בהמה; דער סוף פון ביידע איז דער זעלביגער, וואָס עס פּאַסירט צו איינעם, פּאַסירט אויך צום אַנדערען; ווי דער איינער שטאַרבט, אַזוי שטאַרבט אויך דער צווייטער.[34] איוב האָט עס גאָר באַזונדערס שטאַרק באַטאָנט: אַ בוים, זאָגט ער, וואָס ווערט אונטערגעהאַקט קען נאָך אַמאָל אָנהויבען פון זיינע וואָרצלען צוריק צו בליען, אויב די ערד זיינס פּאַרמאָגט נאָר פייכטקייט; אָבער ווען אַ מענש שטאַרבט, לייגט ער זיך קיינמאָל ווידער נישט אויפצושטיין; ביז קיין הימלען וועלען מער נישט זיין, אַזוי לאַנג וועלען די מענשען נישט אויפכאַפּען זיך און נישט אויפ־שטיין פון זייער שלאָף".[35] עס זעט אויך נישט אויס, אַז עס זאָל ערגעץ וואו זיין אַן אַלגעמיינער גלויבען אין אַ באַלוינונג צוגעגרייט און אויסגעמאָסטען אין שאול, אין יענער אונטער־וועלט, פאַר די נישט־פּאַרדינטע ליידען און עינויים קשים פון די צדיקים און גערעכטע דאָ אויף דער וועלט.[36]

מיר זעען אויך, אַז ביז צו דעם חורבן פון ערשטען בית המקדש (586 פ. ק. ר.), האָט זיך נאָך נישט געהאַט אַנטוויקעלט וועלכער עס איז באַשטימטער אָדער אויסגעשפּראָכענער גלויבען אין אַן אַנדער וועלט נאָכ'ן טויט. דער רעפריין, וואָס איז אָפּגעקלונגען אין אַ אידיש האַרץ איז געווען: לא אמות כי אחיה, „איך וויל נישט שטאַר־בען, נאָר לעבען וויל איך".[37] ווי אין תהילים שטייט; איך וויל נישט טראַכטען וועגען טויט, זאָגט דער איד; איך וויל לעבען, און דער־ציילען גאָט'ס לויב־געזאַנגען און די וואונדער פון גאָט'ס שאַפונגען דאָ אויף דער ערד. דאָס געזונטע פון דעם אידענ'ס פילאָזאָפיע האָט נאָך אַלץ אָפּגעהילכט און ווידער אָפּגעהילכט, אַז: השמים שמים לד' והארץ נתן לבני אדם[38] — די הימלען געהערען צו גאָט, און די ערד האָט ער געגעבען צו דעם מענשען!"

פּראָפעסאָר מור באַמיט זיך צו דערקלערען, פאַרוואָס זיינען עס די אידען, וואָס זיינען געווען אַזעלכע ליידענשאַפטליכע גלויביגע אין גערעכטיגקייט, דאָך געווען אַזוי לאַנגזאַם אין אַנטוויקלען די ספערע פון באַלוינונג נאָכ'ן טויט, ווי עס זיינען געווען, למשל, די עגיפּטער, די פּערסיער און די גריכען לאַנג־לאַנג פאַר זיי. און ער זאָגט אונז זייער ריכטיג, אַז די רעליגיעזע אַנטוויקלונג אין אידענטום איז געווען

ביז צו די וואָרצלען (ראַדיקאַל) אין גאַנצען אַנדערש ווי ביי די אַנדערע פון די אומות העולם. ביי די אַנדערע רעליגיעס און קולטורען זיינען די גלחים געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די לערעס, וואָס האָבען זיך אַנטוויקעלט, און זיי האָבען נאַטירליך באַטאָנט דאָס, וואָס ס'האָט צו זיי צום שטאַרקסטען אַפּעלירט — אַ צווייטע וועלט נאָכ'ן טויט. אין אידענטום, ווידער, זיינען די נביאים, די שטאַאַטס־פירער פון אַ העכערען און בעסערען מין לעבען אָט דאָ אויף דער ערד, געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די אַנטוויקעלטע לערנונגען, און זיי, נאַטירליך, האָבען באַטאָנט דעריבער די וועלט אין וועלכער מיר לעבען. די נביאים פון ישראל האָבען הויפּטזעכליך גערעדט צום פאָלק, און זייערע לערעס זיינען געווען נאַציאָנאַל אין זייער ווענדונג, און פון אָט דער דאָזיגער וועלט אונזערער — און בשום אופן נישט פון אַן אַנדער מין ספערע פון עקזיסטענץ.[39]

און ווען מיר גייען אָן מיט אונזער שטודיום בנוגע דער אַנטוויקלונג פון אידישען לעבען, געפינען מיר דאָך אויס, אַז באַלד־באַלד האָט אָנגעשלאָגען אַ גאַר נייער טאָן. קודם כל דערשיינט די האָפענונג, און דער אינערליכער באַגער אויסגעדריקט אין דעם, וואָס דער קבר איז נישט דער סאַמע סוף פון אַלע סוף'ן, אַז דער שאול, די אונטערוועלט איז נישט דער פינאַלער פאַרהאַנג, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ איבער דעם מענשען'ס דראַמע פון לעבען. ביסלעכווייז געפינט אָט דער דאָזיגער געדאַנק די אונטערשטיצונג אין די ווערטער פון אונזער בעל־התהילים: „דו וועסט נישט איבערלאָזען מיין זעל צום שאול; דו וועסט נישט דערלאָזען, אַז דיין פרומער זאָל זען די גרוב";[40]) נאָר, „גאָט וועט אויסלייזען מיין זעל פון דער שטאַרקייט פון שאול, ווייל גאָט וועט מיך אויפנעמען".[41]) לערעס, וואָס זיינען לכתחילה געמיינט געוואָרען, אַז זיי געהערען צו דעם לעבען דאָ אויף אונזער אייגענער ערד, זיינען ביסלעכווייז מיט דער צייט טראַנספאָרמירט געוואָרען מיט דער באַציאונג צו אַ לעבען אויף יענער זייט קבר.

פלוצים, ווי מיט אַמאָל, איז פאָרגעקומען אַ נייע באַטאָנונג. גיהנום און גן עדן האָבען אָנגענומען נייע פּראָפּאָרציעס, און דער באַגריף פון אַ באַלוינונג נאָכ'ן טויט, האָט אויסגעזען, ווי עס האָט געפּאַנגען דעם מענשען'ס האַרץ. נייע לערעס האָבען זיך אָנגעהויבען צו אַנטוויקלען, און גאָר נייע באַגריפען האָבען אָנגעהויבען שטאַרק באַטאָנט פאָרמירען. און דאָך, קענען מיר נאָך אַלץ זען זייער קלאָר דעם כמעט שטענדיגען שטרייט צווישען אָט די צווי פאַרשיידענע קאָנצעפּציעס, די אַלטע און די געזונטע, וואָס האָט אָוועקגעשטעלט די גאַנצע באַטאָנונג אויף אונזער וועלט, און די נייע קאָנצעפּציע, וואָס

האָט אָנגעהויבען באַטאָנען די אַנדערע וועלט — די וועלט נאָכ'ן טויט.

זאָגענדיג, אַז עס האָט זיך אַנטוויקעלט אָט די נייע לערע, מוזען מיר נישט געפירט ווערען צום פונקט פון וועלען זיך פאָרשטעלען, אַז דאָס איז געווען אין גאַנצען אַ שפּאָגל נייער און מאָדנער באַגריף, וואָס האָט פּלוצים אויפגעלויכטעט אין דעם אידענ'ס מח. עס זיינען פאָר־געקומען פאָרשפּרייטע לערעס, וואָס זיינען געוואָרען אָפּט פאָרגעשלאָגען דאָ און דאָרטען — אַפילו אין די סאַמע ערשטע צייטען פון דעם אידענ'ס עקזיסטענץ — וואָס האָבען געלאָזט הערען די שטים פון אַ גלויבען אין אַ וויטערען לעבען נאָכ'ן טויט. אָבער אָט די אַלע לערעס האָבען נישט אויסגעזען ווי זיי וואָלטען האָבען פאַרכאַפּט דאָס טראַכטען פון גאָר די גרויסע מאַסען מענשען פון פאָלק; זיי האָבען נישט געקענט באַקומען דעם הויפּט וויכטיגען איינדרוק אין דער פילאָזאָפיע פון דעם אידען; זיי זיינען נישט געווען גענוג דער־פאָלגרייך צו פאַרטרייבען פון זיין געדאַנק די שטאַרקע באַטאָנונג פון אַ לעבען אָט דאָ אויף דער ערד. וואָס עס האָט באמת פּאַסירט איז געווען אַ פּלוצימדיגע ענדערונג פון אָנשטרענגונג, אַן ענדערונג אין דער באַטאָנונג אויף עולם הבא, איידער ווי אויף אונזער וועלט דאָ, עולם הזה!

וואָס־זשע האָט אייגענטליך פאַראורזאַכט אָט די ענדערונג בנוגע דעם נייעם שטאַנדפּונקט? וואָס אייגענטליך האָט פּאַסירט אין דעם וואַקסען פון מענשליכען געדאַנק, וואָס האָט אויפגענומען אַ נייע פאָרמע און האָט באַקומען אָט דעם נייעם באַגריף? „כדי צו דער־קלערען אָדער דעפינירען אַ רעגעל, אַ לערע אָדער אַ מנהג אין אי־דענטום", וואָרענט אונז איזראַעל אייבראַהאַמס, „איז זייער נויטיג זיך צו ווענדען צו די פראַגען פון צייט, אָרט און מענש".[42]) מיר מוזען, לכל הדעות, פאַרשטיין און באַגרייפען די היסטאָרישע כוחות פון יענער צייט, וואָס זיינען געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר אָט דער גרויסער ענדערונג אין דער גאַנצער וועלט־אַנשויאונג פון דעם אידען.

דאָס שטודירען פון אָט די היסטאָרישע פאַקטאָרען און די פּסי־כאָלאָגישע איינפלוסען, וועלען מיר אויפנעמען, בהמשך, אין דעם וויטערען קאַפּיטעל.

צענטער קאַפּיטעל

די לערע פון גיהנום און גן עדן אין אידענטום

(המשך)

מיר ווילען איצטער אָנגיין, אויף די קומענדיגע זייטען פון אונזער מאַמר און שטודיום, מיט דער לערע פון גיהנום און גן־עדן אין אידענטום. אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל ,ווערט איר זיך דערמאָנען, האָבען מיר פּרובירט נאָכפאָרשען די געשיכטע און אַנט־וויקלונג פון אָט דעם באַגריף, דורך די ערשטע שטופען פון אונזער פאָלק'ס געשיכטע. מיר האָבען באַמערקט אַז די אידען האָבען דאָן אַרויסגעוויזען אַ געזונטען צושטאַנד פון אַגנאָסטיציזם צום גאַנצען ענין; נישט זיי האָבען געוואוסט און נישט זיי האָבען געזאָרגט זיך צו וויסען וועגען דער צוקונפט, וואָס דאַרף קומען ערשט נאָך אונזער לעבען דאָ אויף דער ערד. דער הימעל האָט פאַר יענע מענשען גע־מיינט דאָס פאַנטאַסטישע וואוינונגס־אָרט פון גאָט; און גיהנום איז סתם געווען דער אומבאַשטימטער שאול, די אומבאַקאַנטע אונטער־וועלט, וועגען וואָס קיין באַשטימטע קאָנצעפּציע האָט זיך נאָך נישט געהאָט פאָרמירט און אַנטוויקעלט.

במילא שוין, האָט זיך נאָך נישט געהאַט אַנטוויקעלט קיין שום קלאָרע פאַרשטענדניש וועגען דער טעאָריע פון שכר ועונש אין אַ צוויי־טער קומענדיגער וועלט, דאַן פאַר דעם חורבן פון בית ראשון — אין דעם זעקסטען י. ה. פאַר אונזער צייט־רעכנונג — און דאָס איז, קען מען זאָגען, אין דער יוגענד־צייט פון אונזער פאָלק.

די ענדערונג אין דער דאָזיגער באַציאונג פון אַ פאָלק קען באמת פאַרגלייכען ווערען צו דעם לעבען פון אַן אינדיווידואום, אַ יחיד; ווען דער מענש איז יונג און שטאַרק, וויברירענדיג מיט לעבען, איז ער לחלוטין נישט פאַראינטערעסירט אין טויט; טויט, ווי עס זעט אויס, האָט נישט דאַן קיין שום שליטה איבער אים; ווען דער מענש

ווערט אָבער רייף און געבויגען פון פאַרשיידענע פּראַגמאַטישע-וואָרטליכ־קייטען און אַנטווישונגען, הויבט ער אָן דאָן צו פילאָזאָפירען איבער זיין לעבען און שטעלען פראַגעס איבער דעם ווערט פון לעבען; און, שפּעטער־צו, ווען עלטער־שוואַכקייט הויבט אָן צו ווייזען אירע ביטערע סימנים, ווערט ער אין גאַנצען פעסימיסטיש, און מאַכט אַ סך הכל פון דעם גאַנצען נישטיגען ווערט פון לעבען און הויבט אָן אויך טראַכטען פון אַ צווייטער, און אפשר, אַ בעסערער וועלט.

דאָס זעלביגע, קען מען זאָגען, האָט אויך פּאַסירט מיט די אידען בכלל. עפּעס, ווי פּלוצים האָבען זיי זיך געענדערט. מיר האָבען באַמערקט, ווי זיי האָבען אָנגעהויבען שטאַרק באַטאָנען די עולם הבא, די צווייטע קומענדיגע וועלט נאָכ'ן טויט, איידער די עולם הזה, די דאָאיגע וועלט, ווי זיי האָבען פריער געטאָן.

וואָס־זשע האָט אייגענטליך פאַראורזאַכט אָט די פּלוצימדיגע טראַנספאָרמאַציע אין דעם אידענ'ס שטייגער טראַכטען? און, ווי איך האָב עס שוין אַרויסגעבראַכט ביים סוף פון פריערדיגען קאַפּיטעל, אַז: סיידען מיר ווייסען די היסטאָרישע און פסיכאָלאָגישע איינפלוסען, קענען מיר נישט האָפען צו פאַרשטיין דעם וואוקס און די אַנטוויק־לונג פון דעם אידישען געדאַנק אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טעמע, וואָס מיר נעמען איצט אויף.

קודם כל, פאַרשטייען מיר, אַז די ענדערונגען זיינען פאָרגעקו־מען צוליב דעם, וואָס די צייטען האָבען זיך געביטען. מיר קענען זיך גרינג משער זיין, וואָס דער חורבן פון בית המקדש און דאָס נעמען ירושלים אין געפאַנגענשאַפט האָט געמיינט פאַר דעם אידען. פאַר אַ שטיקעל צייט האָט עס אויסגעזען, ווי דער סאַמע יסוד פון דעם פאָלק'ס לעבען איז צעשאָטען און צעבראָכען געוואָרען אויף שטיק־שטיקער. און אָפילו מיט אַ דור שפּעטער, ווען עס איז דעם אידען דערלויבט געוואָרען זיך אומצוקערען פון די פאַרטריבענע לענדער צוריק צו זיין אייגען לאַנד, און אָנפאַנגען איבערבויען צוריק אויפסניי די רואינען פון זיין לאַנד און דעם בית המקדש, אָפילו דאַן, קענען מיר זיך פאַרשטעלען, וואָס פאַר אַ ביטערע קאַמפען די דאָ־מאָלסדיגע געטרייע און איבערגעגעבענע חלוצים, אָדער פּיאָנערען, האָבען עס באַדאַרפט דורכמאַכען און איבערטראָגען!

וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון די הבטחות פון די נביאים? האָבען יענע אידען זיך געשטעלט די פראַגע. וואו זיינען די אַלע באַלויונגען, וואָס די אידען האָבען באַדאַרפט קריגען אָט דאָ אויף אונזער ערד? וואָס איז געוואָרען פון דער גרויסער גלאָריע וואָס

איז צוגעזאָגט געוואָרען צו די קינדער פון ישראל? די גאַנצע פּראָב־לעמע פון שכר ועונש, שטראָף און באַלוין האָט זיך איצט געבעטען אַ נייע לייזונג און האָט געפאָדערט אַ צופרידענשטעלענדיגען ענט־פער. די נייע געלעגענהייטען פון נאַציאָנאַלער גלאָריע האָט אויס־געזען אַזוי ווייט־ווייט, אַז עס האָט זיך געמוזט אַנטוויקלען אַ שפּאָגעל־נייע טעאָריע — אַ טעאָריע, אַז די גרעסערע גלאָריע וועט קומען אין דעם וויטען עתיד. מיט אַ ליידענשאַפטליכען דורשט פאַר יושר און גערעכטיגקייט, האָבען זיי געמוזט דאַן גלויבען, אַז ערגעץ וואו, ווען עס איז אין דער צוקונפט, וועט גערעכטיגקייט פאַרט פאַרקומען. די געצענדינער וועלען דאַן באַשטראָפט ווערען און די אידען וועלען גע־פינען גערעכטיגקייט, וואָס זיי האָבען כשר פאַרדינט. פון אָט דעם באַגריף פון נאַציאָנאַלער באַלוינונג, איז שוין געווען גאַנץ גרינג אַריבערצוגיין צו דער דאָקטרין פון דעם יחיד'ס שכר ועונש, וואָס ווערט פאַר אים אויסגעמאָסטען און צוגעגרייט, אויב נישט אין דער דאָזיגער וועלט, איז ערגעץ וואו אַנדערש — זיכער און געוויס אויף אַ יענער וועלט, וואָס דאַרף קומען נאָכ'ן טויט.

איך האָב גלייך פון סאַמע אָנהויב געזאָגט, אַז אָט דער פּראָבלעם איז מער פּסיכאָלאָגיש ווי טעאָלאָגיש. אין צייטען פון צער, און צאָרן, וויל דאָס מענשליכע האַרץ פילען, אַז גערעכטיג־קייט וועט דאָך, ווי־עס־איז, ווען־עס־איז און וואו־עס־איז זיגען און ברייגגען אונז באַלוינונג פאַר אַלע פאַלגען און צרות, וואָס מיר האָבען דורכגעטראָגען. און צער און צאָרען איז געווען ביז גאָר אַ גרויסע מאָס דער גורל פון יענע אַלע דורות. זיי האָבען געלעבט אונטער די שטרענגסטע פּאָליטישע און סאָציאַלע אונטערדריקונגען. און דעריבער איז דאָס דערמוטיגענדיגע וואָרט פול מיט צוזאָג געפאַלען אויף אַ גרייט־נייגעריגען אויער, און דאָס גוט און טייער וואָרט איז דאַן געקומען ווי אַ היילענדער באַלזאַם פאַר זייערע צעבראָכענע הערצער: „וועסט אויך נישט לאָזען דיין פרומען מענשען זען די אונטער־גרוב", האָט געבעטען דער בעל התהילים.[1]

אָט די טייערע האָפענונג איז אַרונטערגעקומען אַזוי נאַטירליך, אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט אָנגעפאַנגען זיך צו וואונדערען, ווי אַזוי עס איז אַמאָל פריער מעגליך געווען אין גאַנצען צו לעבען אָהן אָט דעם טייערען קוואַל פון באַקוועמער האָפענונג. עס האָט געמוזט דאַן עקזיסטירען גיהנום און גן עדן, אַפילו בלויז צוליב דער איינציגער אורזאַך, וואָס גערעכטיגקייט וועט זיך אָננעמען פאַר די אומבאַלוינטע גוטע מענשען און באַשטראָפען שטרענג די רשעים. אויף דעם מין שטייגער האָט דער איד אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז „גיהנום און גן־

עדן״ — באַנוצענדיג זיך מיט די ווערטער פון תלמוד — „גראַד ווי די תורה גופא, און דאָס פאָלק ישראל, און גאָט׳ס כסא הכבוד, און דער נאָמען פון משיח — אַלע האָבען געהאַט אַ פאָראויס־באַשטימטע עקזיסטענץ אין דער וועלט״.²) יאָ, אָט די אַלע זאַכען האָבען עקזיסטירט אַפילו איידער נאָך ווי אונזער אייגענע ערד איז באַשאַפען געוואָרען — ווייל דער אידישער גייסט האָט איצט נישט געקענט מער באַגרייפען אַ לעבען אָהן זיי.

אָבער, דאָס איז נאָך נישט געווען דער איין און איינציגער איינפלוס, וואָס האָט גורם געווען צו ברייגנען די גאַנצע ענדערונג אין דעם אידענ׳ס בליק אויפ׳ן לעבען. עס איז גיכער געווען אַ צונויפמיש פון עטליכע היסטאָרישע כוחות און איינפלוסען. אין גלות, צוםביישפיל, האָבען אידען געמוזט קומען אין ענגען קאָנטאַקט מיט די באַבילאָנער און פערסיע. מיר זעען אָפט נישט איין אויף וויפיל די אידען זיינען באמת געווען באַאיינפלוסט אין זייערע קאָסמאָלאָגישע און עסקאַטאָלאָגישע (די לערע וועגען זאַכען נאָכ׳ן טויט) באַגריפען פון די באַבילאָנער, וועלכע האָבען געהאַט אַ באַשטימטע, פיקסירטע לערע איבער דעם קאָסמישען סיסטעם, וואָס האָט אָנגעהאַלטען ביי זיי ביז די צייטען פון קאָפּערניקוס. און יענע האָבען עס גערעדט מיט אַזויפיל אויטאָריטעט איבער די זיבען ספערען פון די שטערען, די זיבען הימלען איינער איבער דעם אַנדערען, און, לויט אָט דער דאָזיגער סימעטריע פון זיבען, אויך די זיבען גיהנומס, איינער אונטער דעם אַנדערען. און אַזוי אויך ווערט איצט בכלל אָנערקענט, אַז די אידען זיינען געוואָרען דאָן שטאַרק באַאיינפלוסט פון זיי, זיך טרעפענדיג מיט די פערסיער און זייערע שווער־באַאַרבייטע און פאַרפלאָנטערטע לערעס וועגען יענער וועלט. אָט דער פּלוצים׳דיגער קאָנטאַקט, צוזאַמענטרעף, מיט אַנדערע לערעס און געדאַנקען און קולטורען איז עס געווען דער מעכטיגער פאַקטאָר אין העלפען פאָרמירען די עסקאַטאָלאָגישע מיינונגען און באַגריפען פון די אידען גופא וועגען גיהנום און גן עדן, שכר ועונש, א. אז. וו. נאָכ׳ן טויט.

מיר מוזען עס גרינדליך פאַרשטיין און פאַרזיכטיג באַטראַכטען, ווען נישט וועלען מיר שלעכט אויסטייטשען, וואָס אַזאַ פרעמדער איינפלוס קען פאַר אונז באַדייטען. מיר האָבען באַמערקט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַז דער איד, פונקט ווי אַ לעבעדיגער אָרגאַניזם, קען זיך נישט אין גאַנצען אויסשליסען פון פרעמדען איינפלוס. דעם אידענ׳ס נשמה האָט דורשטיג געטרונקען פון די קוואַלען פון פרעמדע אידעעס און נייע באַגריפען. מיר מוזען אָבער כסדר האָבען אין זין, און איבער׳חזר׳ן אַ פריערדיגע וואָרנונג, אַז ס׳איז נישט געווען

בעצם בלויז „דאָס אַריבערנעמען״ זאַכען פון אַנדערע; און, ווי פּראָפעסאָר מור דריקט זיך אַזוי שיין אויס, „דאָס אויסבאָרגען פון פרעמדע לערעס אויפ׳ן געביט פון רעליגיע, לפּחות אויף דעם פעלד פון אידעען, איז געוויינליך בטבע פון וועלען אויפנעמען און מאַכען פאַר אייגענס אָט דאָס, וואָס אַן אַנדערער באַזיצט, וואָס דער באָרגער נעמט עס אויף, מיט׳ן גאַנצען גוטען גלויבען, ווי ממש עס געהערט צו אים; געוויסע אידעען, ווען דער מענש ווערט נאָר מיט זיי באַקאַנט, זעען זיי אויס פאַר אים צו זיין נויטוועגדיגע איינשליסונגען אָדער קאָמפּלימענטאַרע זאַכען, ווי זיי וואָלטען לכתחילה געווען זיינע סאַמע אייגענע זאַכען״.[3] עס איז נישט געווען קיין איבעראיילטער אָדער גאָכגעדענקטער אַריבערנעמען פון עפּעס אַ זאַך, וואָס זיי האָבען באַטראַכט פאַר גאָר אין גאַנצען פרעמד פאַר זייער אייגענעם געדאַנק; עס האָט גיכער אויסגעזען, ווי זיי האָבען פּלוצימדיג אַנערקענט אין יענע פרעמדע לערעס עפּעס אַזוינס, נאָך וואָס זיי האָבען שטאַרק געגאַרט, עפּעס וואָס זיי האָבען דערפילט, ווי עס וואָלט געווען זייער סאַמע אייגענס.

און צולעצט איז פאָרגעקומען נאָך אַן איינפלוס, זייט ביי זייט מיט די אַנדערע, וואָס מיר האָבען פריער דערמאָנט, וואָס זייער וויכטיגקייט אין פאָרמירען די טראַנספאָרמאַציע פון אידישע באַגריפען איבער גיהנום און גן עדן קען נישט ווערען איבערשאַצט. איך רעכען, אַז אַלע מיינע לייענער זיינען געוויס באַקאַנט, אַפילו בלויז אויף אַ דורכלויפענדיגען שטייגער מיט דער ליטעראַטור פון דער ביבעל. מעגליך, אַז מאַנכע פון זיי זיינען אויך באַקאַנט מיט יענעם חלק ליטעראַטור, כמעט־ווי־הייליג, וואָס ווערט אָנגערופען אַפּאָקריפישע ליטעראַטור, ספרים חיצונים, וואָס איז נישט אַריינגענומען געוואָרען אין אונזער הייליגען תנ״ך. איך צווייפעל, אָבער, אויב עס זיינען דאָ פיל, וואָס האָבען געהערט פון אַן אַנדער טיפּ שריפטען — די אַפּאָקאַליפּטישע ליטעראַטור — וואָס האָט געשפילט, אַלענפאַלס, אַ זייער וויכטיגע ראָליע אין דער טראַנספאָרמירונג און איבערבויאונג פון דעם אידישען גייסט.

די אַפּאָקאַליפּטישע ליטעראַטור האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַזונדערען קלאַס מיסטישע שריפטען, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען אין די צוויי יאָרהונדערטער פאַר און אין דעם ערשטען און צווייטען י. ה. נאָך דער איצטיגער צייט־רעכענונג — אַ פעריאָדע פון אונזער אידישער געשיכטע באַצייכענט מיט צרות און ליידען. די שרייבער פון אָט די ווערק האָבען אָפט זיי פאַרבונדען מיט די אַלטע ביבלישע העלדען, און זיי האָבען איבערגעגעבען דערציילערישע ווי־

זיעס, וואָס האָבען געזאָלט מיט די העלדען פון די מעשיות פאַרקו־מען נאָכ'ן טויט. זיי האָבען געזאָלט פאַר ואנז אַנטפּלעקען „די באַ־האַלטענע פאַסירונגען פון דעם באחרית הימים" און די אַלע מיסטע־ריעס פון זאָכען און געשעענישען, וואָס וועלען פאַרקומען צום סוף פון אַלע דורות.[4]

לויט דער איבערצייגונג פון מערסטע געלערענטע, איז אַט די אַפּאָקאַליפּטישע ליטעראַטור געווען דער רעזולטאַט פון די „עסענצען",[5] יענע גרופּע פון אַסקעטיקער אין אידענטום, וואָס האָבען געהאַט זיך אָפּגעטיילט פון די אַלע לעבעדיגע אינטערעסען און האָבען זיך איבער־געגעבען בלויז צו קריסטליכער טבילה, געבעט און חרטה.

דאָס לעבען גופא האָט אָנגעוואָרפען פאַר זיי די גאַנצע שיינקייט און יעדען אַנדערען אינהאַלט, און אַזוי נאָך האָבען זיי בלויז געוואַרט אויף אַ ניי לעבען, ניט וואָס דאַרף קומען נאַטירליך מיט דער צייט, נאָר וואָס דאַרף קומען פון גאָט אַליין על פי נס אין דער גאָר ווייטער צוקונפט.

אַט די פאַרפאַסערס פון די דאָזיגע ווערק, אויפנעמענדיג די כאַראַקטערען פון אברהם, אָדער חנוך, אָדער אַנדערע ביבלישע הייליגע פּערזאָנען, האָבען דאָרט געהאַט דערציילט, ווי מען ווערט טראַנס־פּערירט אין גיהנום און גן עדן, און וואָ סזיי האָבען דאָרט געהאַט געזען. די פּרושים, די גרויסע קעגפערשאַפט פון רבנים, און דער דענקענדער עלעמענט פון פאָלק האָבען באַשטריטען און באַקעמפט די טענדענצען פון אַט די ביכער און שריפטען, און האָבען אָפּגע־זאָגט זיך פון צו געבען זיי אַן אָרט אין דעם הייליגען ספר, די ביבעל.[6]). איין אויסנאַם נאָר איז יאָ געמאַכט געוואָרען — און דאָס איז דער ספר דניאל, וואָס מ'האָט יאָ אַריינגענומען — און דאָס נאָר דערפאַר, מחמת עס האָט געהאָלפען דערנעענטערען דעם זיג פון די מאַקאַבייער, דער־קלערענדיג די מפלה פון אַנטיוכוס.[7]). די אַנדערע ספרים האָבען קיינ־מאָל דאָס מזל נישט געהאַט צו ווערען אַ חלק פון דעם אידענ'ס תנ"ך. און דאָך קען נישט ווערען אונטערגעשאַצט דער איינפלוס פון אַט די שאַפונגען אויף דעם מח און פאַרשטאַנד פון די מאַסען.

אין יענע טעג פון אַנגסט און אומגליק, זיינען די זעאונגען פון די דאָזיגע שרייבער געווען ווי אַן אָפּרישענדיגער זאַלב, וואָס האָט זיי באַרואיגט. דאָס בוך „חנוך" איז דער אידישער פּראָטאָטיפּ פון דאַנ־טע'ס „געטליכע קאָמעדיע". דער שרייבער שילדערט דאָרט זיינע אַרומרייזונגען אונטער דער פירערשאַפט און אויפזיכט פון די הויפּט־מלאכים דורך די הימלען און דורך די מורא'דיגע געגענדען פון אַן אונטער־וועלט. דער נאָמען גיהנום, וואָס, ווי מיר האָבען פריער געזען,

איז געווען דער נאָמען פון דעם פאַרשאָלטענעם טאָל אין דרום זייט פון ירושלים, דער פריערדיגער אָרט, וואו מען פלעגט דינען צום אָפּגאָט מולך, ווערט, דאָ, צום ערשטען מאָל באַצייכענט ווי דער פּלאַץ, וואו מען באַשטראָפט די רשעים, הגם דאָס וואָרט שאול איז מיט אָט דעם וואָרט נאָך נישט אידענטיפיצירט.[8] אויך, די אַנדערע ספרים דער־ציילען אונז פון ענליכע רייזעס און באַזוכונגען. איר טרעפט דאָ, צום ערשטען מאָל, אין דער באַשרייבונג, דעם באַגריף פון זיבען הימלען, איינער איבער דעם צווייטען, און — אין קעגענזאַץ — די זיבען צירקלען פון גיהנום, איינער אונטער דעם אַנדערען; דאָס איז אַ לערע, וואָס, ווי מיר האָבען געזען, איז שוין געווען גאַנץ פאַרעלטערט און פּאָפּולער אין דער עסקאַטאָלאָגיע, די לערע פון גיהנום און גן עדן, פון די באַבילאָנער.

אָט דער מין ליטעראַטור האָט פאַרמאָגט אַ וויט־גרייכענדיגען איינפלוס, ספּעציעל אויף קריסטענטום און אויף די פאַרפאַסער פון דעם נייעם טעסטאַמענט. געלערענטע שטימען איצט איין, אַז די רעליגיעזע באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט זשאַן דעם באַפּטיסט׳ס אויפרוף זיך צוצוגרייטען פאַר דער קעניגרייך פון גאָט, וואָס האָט געזאָלט שטיין גרייט און אַזוי נאָענט — אַ באַוועגונג, וואָס האָט דער־גרייכט דעם הויך־פונקט פון פּראָקלאַמירען אַ משיח דורך זיינע גליל׳אישע נאָכפאָלגער אין ירושלים — אָט די רעליגיעזע באַוועגונג האָט געצויגען איר יניקה, און האָט זיך קאָנצענטרירט, אין דער לערע פון עסקאַטאָלאָגיע, אַנטוויקעלט און פאַרמירט, דורך אָט די אַפּאָ־קאַליפּטישע ספרים.

אָבער, אין אידענטום, אויך, האָט מען געקענט שטאַרק פילען זייער איינפלוס. הגם די גרויסע מאַיאָריטעט פון די רבנישע פירער און מנהיגים האָבען געטאָן אַלץ וואָס נאָר בכח צו פאַרמיידען, אַז אָט די שריפטען זאָלען זיין ביכולת צו קאָרופּטירען דעם אידענ׳ס געזונטען און קרעפטיגען בליק אויפ׳ן לעבען; דאָך, זיינען פיל פון די רבנים אַליין געוואָרען אָנגעשטעקט דורך אָט די לערעס, און ביסלעכווייז געוואָרען אָנגעזאַפּט מיט די מיסטעריעס פון אַן עולם הבא.

די אָנגעזעענסטע פיגור אין אָט דער גרופּע איז געווען רבי יהושע בן לוי, וועלכער האָט ספּעציעל אויסגעשטודירט די דאָזיגע לערעס, און וועמענס וויזיע האָבען אָנגענומען אַן אַפּאָקאַליפּטישען כאַראַקטער. ער איז געוואָרען דער אידישער דאַנטע. ער שילדערט, ווי אַזוי ער ווערט געגומען פון אליהו אויף אַ רייזע דורך דעם גיהנום, און דורך אים באַקומען מיר אַזוינאָך אַ בליק אין יענעם אָרט, וואו די רשעים און סתם זינדיגע ווערען כלומרשט געמוטשעט און געפייניגט.[9]

מאַנכע זינדיגע מענשען הענגען אויף זייערע האָר; דאָס זיינען מענער און פרויען, וואָס האָבען געלאָזט זייערע האָר וואַקסען, כדי זיך צו באַצירען צוליב זינדיגען. אַנדערע הענגען אויף זייערע אויגען־דעקלעך; אָט די זינדיגע האָבען געלאָזט נאָכגיין זייערע אויגען נאָך יעדער תאוה. אַנדערע זיינען געהאנגען אויף זייערע נעזער; אָט די האָבן זיך פאַרפיומירט אויך צוליב זינדיגען. אַנדערע, ווידער, זיינען געהאנגען אויף זייערע הענט; אָט די האָבען גע׳גנב׳עט און גע׳גזל׳ט; און אַזוי כסדר מיט דעם מענשען׳ס גאַנצען גוף. צום ערשטען מאָל טרעפען מיר אָן, ווי אויך די רבנים פאַרמערען און פאַרגרעסערען די באַשרייבונגען פון די הימלען מיט אַלע פּרטים און דעטאַלען, שיל־דערנדיג די פאַרשיידענע הימלען, זיבען אין צאָל, פונקט ווי זיי זיינען געווען געשילדערט אין דער עסקאַטאָלאָגיע פון זייערע באַבילאָנישע שכנים.[10]

און דאָך — און דאָס איז זייער וויכטיג צו באַמערקען פון פסי־כאָלאָגישען שטאַנדפונקט — בשעת אָט די אויבענדערמאָנטע באַגריפען פון אַנדערוועלטקייט זיינען אויף אַזאַ שטייגער דורכגעשוועבט אי־בער דעם אידישען האָריזאָנט, איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען דער באַ־שטימטער קאַמף פון די יעניגע, וואָס האָבען זיך שטאַרק אָנגעהאַלטען אָן די אַלטע און נאַטירליכע מיינונגען אין אידענטום. די אַלטע האָבען אַזוי גיך און גרינג נישט אָפּגעלאָזט. בשעת די רבנים האָבען נישט געקענט אָפּשטעלען דעם אַלגעמיינעם פאַרלאַנג, וואָס איז פאַר־געקומען דורך דער אַריינמישונג פון די אויבענדערמאָנטע כוחות, צו קאָנצענטרירען זייערע געדאַנקען אויף דעם, וואָס קומט פאַר אין די הימלען אויבען און אין גיהנום אונטען, האָבען זיי אָבער פאָרט געמאַכט אַן ערענסטען און דערפאָלגרייכען פאַרזוך צו באַגרעניצען אַלע אַזעלכע מינים ספּעקולאַציעס.[11]

מיר קענען נאָכפאָלגען אָט דעם קאַמף כמעט כסדר דורך אַלע יאָרהונדערטער. עס האָט זיך אַנטוויקעלט אַ מיינונג, אַז „אונזער וועלט איז בלויז אַ פּרוזדור, אַ פאָרהויז, אַן אַריינפיר צו אַן אַנדער וועלט", אַז „אַ מענש מוז זיך צוגרייטען אין דעם פאָרהויז, אַזוי אַז ער זאָל קענען אַריינקומען אין זאַל אַריין וואו עס קומט פאָר דער אמת׳ער באַנקעט",[12] ווי עס שטייט געשריבען אין די פרקי אבות. אָבער, זייט ביי זייט, מיט אַזעלכע לערעס קען מען אויך געפינען אָהן אַ צאָל אויסדרוקען, וואָס באַטאָנען די שיינקייט און דעם ווערט פון דעם לעבען דאָ, איגנאָרירענדיג לחלוטין דאָס לעבען נאָכ׳ן טויט.

רבי שמעון בן אליעזר, צו געבען אייך בלויז איין שטאַרקען ביישפּיל, אַ תנא פון דעם פערטען דור, באַהויפּטעט, אַז די רשעים

ווערען באַשטראָפט און די צדיקים ווערען באַלוינט דאָ אויף אונזער וועלט, מחמת אין דער אַנדערער וועלט „גייט זיין אָטעם אַוועק, און ער קערט זיך צוריק אום צו שטויב"![13]) און ס'איז באמת מערקווירדיג צו באַמערקען, ווי פּראָפעסאָר גינצבערג ציט אונזער אויפמערקזאַמ־קייט, אַז דער זעלביגער תנא, וואָס באַשרייבט אונזער דאָאיגע וועלט ווי בלויז אַ פּאָרהויז צו דעם פּאַלאַץ אויף יענער וועלט, גיט אויך צו אין זעלביגען אָטעם, אַז „ס'איז פיל בעסער איין טאָג פול מיט תשובה און גוטע מעשים אויף דער וועלט, איידער דאָס גאַנצע לעבען פון אַן אַנדער וועלט, וואָס דאַרף ערשט קומען!"[14])

אָט דער אידעען־צוזאַמענשטויס האַלט אָן דורך פילע דורות, און להכעיס אַלע צרות און ליידען, וואָס דער איד מאַכט דורך און פאַרטראָגט, און וואָס האָט געהאָלפען צו קרוינען דעם באַגריף פון „אַן אַנדער וועלט", איז דאָך דער סאַמע אַלטער באַגריף פון אידענ־טום, וואָס איז באַשטאַנען אין באַטאָנען כסדר אַ לעבען אויף דער ערד דאָ, אָט דער אַלטער באַגריף האָט נישט געקענט אונטערגיין. אין דער קריסטליכער וועלט זיינען אָט די נייע באַגריפען איבער גיהנום און גן עדן געוואָרען אַל־וויכטיג און טריאומפירענד. „מיין קעניגרייך איז נישט פון דער דאָאיגער וועלט".[15]) דאָס איז געוואָרען דער איבער'חזר'ענדיגער רעפריין צו באַקערען די מענשליכע מוחות און הערצער צו דעם לעבען, וואָס דערוואַרט זיי נאָכ'ן טויט. אין אידענטום, אָבער, בשעת די לערעס איבער גיהנום און גן עדן האָבען זיך איצט געהאַט אויפגעהויבען פון זייער אָריגינעלען אָרט, וואו זיי האָבען געשפּילט אַן אומבאַדייטענדיגע ראָליע, האָבען אָט די לערעס קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ דערפאָלג, אַז מיר זאָלען אויפנעמען די גרויסע ראָליע אַלס אַ דאָגמע, ווי ביי די גוים; אויך זיינען זיי נישט געוואָרען אויפגענומען אַלס נאָרמאַטיוו פאַר דעם רעליגיעזען גלויבען. פּראָפעסאָר גינצבערג רעדט מיט פיל אויטאָריטעט ווען ער זאָגט: „געוויסע רבנים אונזערע האָבען יאָ געגלויבט אין אַ צווייטער וועלט און זיי רעדען אָפט וועגען שכר, וואָס דערוואַרט דעם צדיק און גע־רעכטען נאָכ'ן טויט. דאָך, די אַנטוויקלונג פון דעם רעליגיעזען אי־דישען געדאַנק ווייזט אַ באַזונדערע טענדענץ אַוועקצושטעלען דעם צענטער פון צוציהונגס־פּונקט פון רעליגיע נישט אין דעם געדאַנק פון אַ יענער וועלט, נאָר גיכער צו דערציען און צו באַפעסטיגען אים אין דעם ווירקליכען לעבען פון דעם מענשען דאָ אויף דער ערד. אין דעם־אַ זין, זיינען די בעלי סופרים און אונזערע חז"ל געווען די אמת'ע נאָכפאָלגער פון די נביאים".[16])

ריכטיג גערעדט, דער גאַנצער ענין פון גיהנום און גן עדן איז

פאַרבליבען ביי דעם אידען „אין דער קעניגרייך פון דער אגדה".[17]) דאָס שפּילצייג פון זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט, וואו פריהייט פון אינטער־פּרעטאַציע און באַאַרבייטונג איז געוואָרען דערלויבט און דערמו־טיגט. דער גאַנצער ענין איז געוואָרען אַ טייל פון דער פאָלקלאָר פון פאָלקס־פאַנטאַזיע, אַפּעלירענדיג און פאַנטאַסטיש, אָבער, ס'איז קיינמאָל נישט געווען פאַר זיי אַ דאָגמאַטישע דאָקטרין! דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען צו דיסקוטירען די געאָגראַפיע פון גיהנום — אָבער ס'איז נישט געווען קיין באַשטימטע מיינונג, וואו דער גיהנום באמת געפינט זיך. איין מיינונג איז געווען, אַז ער געפינט זיך איבער דער אויסשפּרייטונג פון הימעל, אַן אַנדער מיינונג — הינטער די פינצטע־רע בערג.[18]) זיי האָבען נישט געקענט אין גאַנצען אָפּטיילען אים פון „הנום", דאָס אָריגינעלע אָרט דרום זייט פון ירושלים, און אַזוי ווערט אונז דערציילט, אַז אין „הנום" איז דאָ אַ טויער, וואָס פירט צום גיהנום גופא.[19])

דער גיהנום איז געוואַלטיג גרויס. אונזער ערד איז בלויז איין זעכציגטל די גרויס פון גן עדן; דער גן עדן איז איין זעכציגטל די גרויס פון גיהנום. אַנדערע, ווידער, באַהויפּטען, אַז ער איז אַזוי גרויס, אַז מען קען אים גאָר נישט אויסמעסטען![20]) דער גיהנום פאַרמאָגט זיבען אָפּטיילונגען.[21]) און דאָרט איז אַזוי הייס, — ווי זעכציג מאָל די היץ פון וועלכען ס'איז פייער אויף אונזער ערד.[22]) מאַנכע האָבען אפילו געהאַט די השערה, אַז די הייסע וואַסערען פון די קוואַלען פון טבריה ווערען אָנגעהיצט בשעת זיי פליסען דורך די ווענט פון גיהנום.[23])

ס'איז זייער מאָדנע, גיהנום און גן עדן געפינען זיך אין שכנות באַהעפט איינער אין דעם אַנדערען. רבי יוחנן באַהויפּטעט, אַז עס איז עפּעס יאָ דאָ אַ מחיצה, צווישען זיי ביידען, אַזוי גרויס ווי די ברייט־קייט פון דער האַנט, אָדער די ברייטקייט פון פּיער אינטשעס, וואָס טיילט זיי פאַנאַנדער. אַנדערע ווידער זאָגען, אַז די מחיצה איז בלויז ווי פון צוויי פינגער.[24]) באַזונדערס, אין מיטעל־אַלטער — וואָס ווערט געוויינליך אָנגערופען די עפּאָכע פון גלויבען, אָדער גיכער, זיך צו באַנוצען מיט דעם טערמין פון אַ גרויסען געלערענטען, „די עפּאָכע פון לייכטגלויביגקייט"[25]) — אין דער צייט, ווען מען האָט געגלויבט אין אַלץ מיט אַן אַנדער, איז דאָך קיין שום זאַך נישט געווען צו־פאַנטאַס־טיש, וואָס זאָל קענען אַריינקריכען און געפינען אַן אָרט אין דעם כסדר וואַקסענדיגען פאָלקלאָר.

אין דעם פּאַראַדיז זיינען אויך געוועזען זיבען אָפּטיילונגען,[26]) פאַר די פאַרשיידענע טיפּען פרומע נשמות. און, ס'קומט אויס מאָדנע

צו זאָגען, אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פון זיבען סעקציעס פאַר די נשמות פון פרומע ווייבער. ווי מאָדנע שטאַרק און שיין אַזאַ מין פאָלקלאָר אַנטפּלעקט דעם אידישען כאַראַקטער און די אידישע אידעאַלען פון זיין לעבען! אין דעם מאַכמעדאַנישען באַגריף פון דעם הימעל, למשל, איז די שוואַרץ־אויגיגע מיידלעך, וואָס באַדינען די פרומע, שפּילען אַ גרויסע ראָליע אין דעם ליידענשאַפטליכען סיס־טעם פון מאַכמעדאַנישער עסקאַטאָלאָגיע; דער איד אָבער האָט מיט־געטראָגען זיין אידעאַל פון צניעות, פון סעקסועלער באַשיידענקייט, אַפילו אין די הימלען אַריין.

עס איז מאָדנע צו באַהויפּטען, אַז דער איד האָט נישט געקענט אין גאַנצען ווידערשטיין די מאַטעריעלע באַגריפען פון הימעל, וואָס איז דאַן געווען אין מאָדע צווישען זיינע אַרומיגע שכנים. דער אויס־געהונגערטער איד האָט אַמאָל געקענט דענקען פון נישט קיין בעסערע באַלוינונג פאַר זיין געטריישאַפט צו גאָט, איידער ווי, לפּחות, איין גוטען און צופרידענגעשטעלטען יום־טוב׳דיגען מאָלצייט; און, אַזוי־נאָך האָט זיך אַנטוויקעלט אַן אידעע, אַז אין גן עדן וועט מען צוגרייטען פאַר׳ן צדיק און גערעכטען אַ פּרעכטיגען באַנקעט, וואו דער גרויסער לויתן, דער פיש אין דער מיטהישער באַשרייבונג, וועט זיין דער הויפּט מאכל.[27] און מ׳האָט באַלד געפונען ביבלישע שטעלען, כדי צו באַשטעטיגען אָט די נייע האָפענונג.[28]

אויך אַזוי מיט וויין, וואָס איז אָפּגעהיט אין זיינע וויינטרויבען, דער יין המשומר, מששת ימי בראשית, זינט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, וועט זיין איינער פון די הויפּט געטראַנקען ביי אָט דעם הימלישען מאָלצייט.[29] און דאָך, איז עס זייער אינטערעסאַנט צו באַטראַכטען, אַפילו דאָ, די אָפּשפּיגלונג פון דעם אידישען סדר לעבען. וואָס האָט אייגענטליך באַדאַרפט פאַרקומען אויף אָט דעם באַנקעט, און פון וואָס עס האָט געזאָלט באַשטיין דער מאָמענט פון העכסטען גליק און פרייד? אָט וואָס. נאָך דעם בענטשען, איז דערציילט געוואָ־רען, וועט גאָט אַליין האַלטען אַ רעדע פאַר די נשמות פון די צדיקים, און וועט פאַר זיי אויסטייטשען די אַלע שיינקייטען און אַלע אמת׳ן פון דעם הייליגען געזעץ. און אַלע צוהערער וועלען דאַן מיט טיפער פרייד אויסרופען: „יהי שם ד׳ מבורך לעולם ועד ולנצח נצחים“,[30] מעג גאָט׳ס נאָמען זיין געבענטשט אויף אימער און אייביג. יאָ, גאָט וועט דאַן זיצען אין סאַמע צענטער, און יעדער פון די צדיקים וועט אָנווייזען אויף גאָט, ווי עס ווערט געזאָגט: „זע, דאָס איז אונזער גאָט, פאַר וועמען מיר האָבען געוואַרט, לאָמיר זיין לוסטיג און זיך פרייען מיט זיין הילף“, ווי עס ווערט געשריבען אין ספר ישעיהו.[31]

און אַפּילו ווען אַ גייסטיגער אויסזען האָט יאָ אַרומגעוויקעלט די דאָזיגע מאַטעריעלע באַגריפען פון יענער וועלט, האָבען דאָך זיך געהערט ווידער און ווידער אַמאָל דונערדיגע פּראָטעסטען אַנטקעגען אַזעלכע פרעמדע אידעען. רב, דער גרויסער באַבילאָנישער לערער אין דעם דריטען י. ה. האָט דאָן די אידען געוואָרענט: „עולם הבא איז נישט ווי עולם הזה. אויף יענער וועלט עסט מען נישט, און מען טרינקט נישט, מען געבוירט נישט קיין קינדער, מ'האַנדעלט נישט, און ס'איז דאָרט נישטאָ קיין קנאה, שנאה אָדער קאַמף; נאָר דער צדיק, דער גערעכטער, זיצט זיך מיט זיין קרוין אויפן קאָפּ, און האָט הנאה פון דער לויטערקייט פון דער שכינה."[32])

אויך דאָ איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, בשעת מיר האַלטען אין שטודירען די אידישע באַגריפען איבער גיהנום און גן עדן, ווי זיי האָבען זיך אַנטוויקעלט דורך די לאַנגע דורות, אַז אַפּילו ווען די אידען האָבען אויפגענומען באַאַרבייטע טיילען פון פרעמדע לע־רעס, האָבען דאָך אָט די געבאָרגטע טיילען פאַרמאָגט אַ אידישען פּרצוף, אַ אידישע געשטאַלטונג, מחמת זיי האָבען תמיד אויסגעזען אָפּצושפּיגלען דעם אידישען כאַראַקטער און זיין שטייגער לעבען.

איר ווערט זיך דערמאָנען, אַז דאַנטע'ס „געטליכע קאָמעדיע", וואָס שפּיגעלט אָפּ פּאַקטיש די דאָקטרין פון דער קירכע, שילדערט דאָרט די אַלע רשעים און די אומגלויביגע אויף אייביג פאַר'משפט, אַפּילו ווען זיי זיינען געווען פאַר'ן לעבען די פיינסטע מענשען־קינדער אויף אונזער ערד. אויך סאָקראַטעס איז צווישען די אייביג־פאַר'משפט'ע. דער דיכטער גופא באַקלאָגט זיך אויף „דעם טיפען און ביטערען צער, וואָס האָט אַנגעגריפען זיין האַרץ", בשעת ער האָט געזוי אייג־געזען אָט די שטרענגע דאָקטרין פון — „קיין דערלייזונג מחוץ דער קירך!" [33])

מיר האָבען געקענט מוחל זיין די אידען, ווען זיי האָבען רעזער־ווירט פאַר זיך דעם גן עדן, ווען מיר טוען נאָר אַ טראַכט פון די אַלע צרות, וואָס זיי האָבען דורכגעטראָגען פון די רשעות'דיגע הענט פון זייערע גרויזאַמע פאַרפאָלגער. דער שטרענגער רבי אליעזר בן הורקנוס, אַ נאָכפאָלגער פון דער שיטה פון בית שמאי, פאַר'משפט באמת די גרויזאַמע געצענדינערישע פעלקער צום גיהנום. אָבער קעגען אים שטייט דער ליבעראַלער נאָכפאָלגער פון דעם חדר פון בית הלל, רבי יהושע בן חנניה, וועלכער דערקלערט זיין אייגענעם שטאַנד־פּונקט — אַ שטאַנדפּונקט, וואָס איז אָנגענומען דורך דעם געוויסען פון כלל ישראל — אַז „דער גערעכטער צווישען אַלע פעלקער פון דער וועלט האָט אויך אַ חלק אין דעם גליק אויף יענער וועלט!" [34])

אַזוי אויך דאַנטע'ס באַשרייבונג, וואָס שפּיגעלט־אָפּ די דאָקטרין פון דער קירך, רעדט וועגען די אייביגע ליידען און יסורים פון די, וואָס זיינען פאַר'משפּט צו גיהנום. „איך דויער אייביג, גיט־אויף יעדע האָפענונג, איר, וואָס קומט צו מיר אַריין", [35]) איז דער אויפשריפט, וואָס דער דיכטער לייענט אַראָפּ פון די טויערען פון גיהנום. אויף תמיד און שטענדיג אין דער אייביגקייט מוזען די זינדיגע ליידען די יסורים פון דעם פאַר'משפּט'ן. אָבער דער אידישער גייסט, דער אידישער באַגריף, אַפילו בשעת זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט גייט אַריבער אַלע גרעניצען, וואָלט זיך נישט געקענט דערלויבען זיך פאַרצושטעלען, אַז די מענשליכע נשמה זאָל זיך געפינען אין אייביגען ליידען. אין דעם בילד, וואָס מיר האָבען אויבען געשילדערט, ווען די נשמות פון די גערעכטע, נאָכדעם ווען זיי האָבען אויסגעהערט אַ געשפרעך פון גאָט, רופען אויס: „יהי שם ד' מבורך לעולם ועד", דערציילען אונז די חז"ל, אַז די רשעים, וואָס זיינען פאַר'משפּט צו גיהנום, אויב נאָר זיי ענטפערען „אמן" צו דעם טריאומפירענדען פריידגעשריי פון די גערעכטע, די צדיקים, וועלען אַפילו אויך זיי באַלד ווערען אַריינגעלאָזען אין גן עדן. [36]) חוץ יענע, וואָס זיינען באַשולדיגט אין גאָר שוידערליכע פאַרברעכענס, און זיינען אַזוי שלעכט, אַז ס'איז פאַר זיי נישטאָ לחלוטין קיין שום האָפענונג אויסגעלייזט צו ווערען, בלויז די זיינען פאַרמשפּט צו גיהנום, גלייך מיט די, וואָס זיינען זייער גוט און גייען גיך אַריין אין גן עדן. פאַר די אַנדערע ווידער וועמענס מעלות און חסרונות זיינען גלייך, ווען זיי ווערען אָפּגעוואויגען אין דעם וואָג־שאָל, האָבען שוין די בית שמאי באַשאַפען אַ לייטערונגס־אָרט, וואו עס קומט פאָר אַ לייטערען־זיך אויף אַ צייט פון צוועלף חדשים; נאָך דער דאָזיגער באַשטימטער צייט, איז זיי דערלויבט אַריינצוגיין אין גן עדן. אָבער די ליבעראַלען פון בית הלל האָבען אַפילו פּרובירט באַשטרייטען אָט דעם לייטערונגס־אָרט פּלאַן אויך, און זיי זאָגען, אַז גאָט, וואָס איז אַ גרויסער בעל־הרחמים, וועט אַ קער טאָן די וואָג־שאָל אויף דער זייט פון רחמנות! [37]) און אַן אַנדער תנא, ווידער, טריי צו דעם אידישען גייסט פון רחמנות, גייט נאָך אַביסעל ווייטער און דערקלערט, אַז אַלע, אַלע אידען גייען אין גן עדן אַריין, מחמת גאָט נעמט תמיד אויף דעם בעל תשובה, און ס'איז פאַרשטענדליך, אַז יעדער איד האָט חרטה און טוט תשובה אײדער ער שטאַרבט. אַפילו ביי די טויערען פון גיהנום, קען נאָך אַ מענש מודה זיין זיך און אומקערען זיך צו גאָט, און גאָט נעמט אים גערן אויף מיט ליבענדיגער רחמנות. [38])

מיר מוזען עס נאָכאַמאָל איבער'חזר'ן, אַז, בשעת אָט די באַגרי־

פעז איבער גיהנום און גן עדן האבען זיך צעוואקסען אין שטענדיג־שטייגענדיגע פראפארציעס, און זיי האבען אויסגעזען, ווי זיי האבען געפאנגען דעם אידענ'ס הארץ און נשמה. האט דער איד דאך קיינמאל נישט דערלויבט, אז אט די באגריפען זאלען אנמאכען א חורבן צו זיין אידישען שטייגער לעבען, ווי זיי האבען געבראכט צעשטערונג צווישען די אנדערע אומות העולם און אין אנדערע גלויבענס. עס איז תמיד ביים אידען פארבליבען דער געזונטער אינסטינקט אויפצוהאלטען דעם צענטער פון צוציהונגס־קראפט פון זיינע אידעען, וועגען דעם לעבען, וואס ער דארף לעבען אט דא אויף דער ערד!

עס איז פון תמיד אן געווען צו יעדער צייט א שטארקער געגענ־ווירקענדיגער איינפלוס צווישען די רבנים פון תלמוד, און שפעטער־צו צווישען די פירער אין דער פילאזאפישער ליטעראטור, וואס האבען בראוו געקעמפט אויפצוהאלטען דעם אידישען גייסט פריי פון יעדען מיטעל־אלטערליכען קאליר, אבערגלויבען און פאנאטיזם. ר' סעדיה גאון, דער רמב"ם, אבן עזרא, זיינען געווען צווישען די יעניגע, וואס האבען געטאן, וואס נאר בכח, אויפצוהאלטען דעם אידישען גייסט ריין פון אט דער אנשטעקונג פון איבערטרייבונגען איבער די מיסטעריעס פון א יענער וועלט.

דער רמב"ם, למשל, האט פריימוטיג דערקלערט, אז די שדים און טייוואלים, וואס ווערען דערמאנט אין דעם תלמוד, זיינען בלויז פיגו־ראטיווע אויסדרוקען פאר פיזישע ליידען און צרות. ער באטראכט דאס גלויבען אין שדים און טייוואלים ענליך צו א גלויבען אין גע־צענדינעריי. „זייער פיל פרומע אידען אפילו", זאגט ער, „גלויבען טאקע, אז עס עקזיסטירען שדים און טייוואלים או זמכשפות", הגם האלטענדיג, אז זיי זיינען קיינמאל נישט געמאכט געווארען פאר זאכען כדי צו דינען צו זיי, טאקע צוליב דעם וואס די תורה האט עס פארבאטען. זיי פארפעלען, אבער, איינצוזען, אז דאס געזעץ זאגט זיי אן צו פאריאגען אט די אלע שדים און מכשפות פון מענשענ'ס אויג, ווייל זיי זיינען בלויז שקר וכזב, ווי דאס גאנצע געצענדינסט איז, מיט וואס די שדים און מכשפות זיינען אזוי אינערליך פאר־בונדען.[89]

אט דער מעכטיגער און כסדר'דיגער געגענווירקענדיגער איינ־פלוס האט געהאט די השפעה — וואס, הגם דער איד האט יא געהאט אויפגענומען די פאנטאסטישע פארשטעלונגען וועגען גיהנום און גן עדן, האט ער זיי דאך באטראכט, מיט אן אויסגעצויגענעם און טויט־ערענסטען קרומען פנים; ער האט אפילו געקענט אמאל גאנץ פיין א שמייכעל טאן, ווען ער האט זיך איבער זיי פארטראכט און אויסגע־

טייטשט זיי מיט געמיטליכען הומאָר. עס ווערט אונז איבערגעגעבען, למשל, אַז דער גיהנום וואַרט אויף דעם וואָס גיט זיך אָפּ מיט אומ־פּאַסענדע רייד,[40] דער וואָס לערנט אַן אומווירדיגען תלמיד,[41] און אויך — רחמנא לצלן! — איינער, וואָס הערט זיך צו צו דער עצה פון זיין ווייב![42] אַזוי אויך, ווערט אונז דערציילט, אַז עס עקזיסטירען דרייערליי קלאַסען מענשען, וואָס זיינען פאַרזיכערט, אַז זיי וועלען קיינמאָל נישט אָנקומען דעם גיהנום: „די, וואָס לעבען אין אָרימקייט, די וואָס ליידען פון מאָגען־קאַטאַר, און אויך די יעניגע, וואָס ווערען געדריקט מצד פון זייערע מלוים, די וואָס לייען זיי אויס געלט".[43] אַך, וואָס פאַר אַ געוואַלדיגער שיינער שטריך פון מענשליכער סימפּאַ־טיע עס ווערט דאָ פאַר אונז אַנטפּלעקט אין אָט דער איין־און־איינציגער לערע!

איבער אַלץ דערקענען מיר דעם זיג פון דעם אַלטען און געזונטען בליק איבער לעבען און טויט, אויפגעהאַלטען פון דעם אידען, וואָס האָט אָנגענומען דעם קדיש־זאָגען, איבער גאָר דער אידישער וועלט, אַלס דעם אידענ'ס אויסדרוק פון גלויבען אין די טרויעריגסטע מינוטען פון זיין לעבען — ווען ער טרויערט נאָך דעם טויט פון טאַטע־מאַמע. דער קדיש איז נישט, ווי מאַנכע דענקען, אַ תפילה נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם. עס ווערט באמת אין קדיש גאָרנישט דערמאָנט וועגען דעם טויטען אין די באַגייסטערטע פסוקים. וואָס־זשע דען איז דער באַדייט פון דעם קדיש? זיין שטאַרקע אויסצייכענונג, דער מיס־טישער תוך, וואָס האָט אַזוי פאַרכאַפּט דאָס האַרץ פון יעדען אידען — אָרטאָדאָקס, קאָנסערוואַטיוון, און רעפאָרמער באַגלייך?

נאָר אָט וואָס: אין יענעם מאָמענט פון טיפסטען צער, ווען איינער געזעגענט זיך מיט זיין געליבטער מאַמע אָדער פאָטער, חזר'ט ער איבער די ווערטער — „יתגדל ויתקדש שמיה רבה", זאָל גאָט'ס גרויסער נאָמען פאַרגרעסערט און פאַרהייליגטער ווערען! — און דורך אָט די ווערטער שווערט ער געטריישאַפט צו דעם גלויבען, וואָס איז געהאַלטען געוואָרען טייער ביי דעם, וואָס איז אַוועק פון דער וועלט; ער נעמט איבער, ווי ס'וואָלט אויסגעזען, פון דעם מענשען, וועמעס רייזע אויף אונזער וועלט איז געענדיגט, דעם הייליגען פאַקל פון אידישע אידעאַלען, און ער גיט זיין הייליג וואָרט אָנצוהאַלטען דעם פאַקל אין דער הויך, אַזוי, אַז עס זאָל באַלייכטען זיין וועג פון אידי־שער התחיבות דאָ אויף אונזער ערד, בעלמא די ברא כרעותיה, „אין דער וועלט, וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפען ווי אים איז געפעלען!"

דער קדיש איז דער סימבאָל פון דעם, וואָס די הייליגע אַרבייט

פון דעם פארשטארבענעם איז נאך נישט געענדיגט פאר גאט און פאר'ן מענשען, נאר די הייליגע ארבייט וועט אנגיין דורך די, וואס זיינען נאך אים געבליבען, כדי אנצוהאלטען דעם כבוד פון גאט און דעם גליק פון מענשען! דער הויפט מאטיוו פון קדיש זאגען איז נישט די יענע וועלט, נאר: וימליך מלכותיה בחייכון וביומיכון ובחיי דכל בית ישראל, „ער זאל באפעסטיגען זיין קעניגרייך דורך אייער לעבען און דורך אייערע טעג, און דורך דעם לעבען פון אַעל אידען פון בית ישראל.” יא, א פארהייליגונג אויפסנייע די אלע פליכטען פון לעבען — אט דאס איז דער טיפער באדייט פון דעם קדיש!

דער גאנצער ענין פון גיהנום און גן עדן איז נאטירליך פארבינדען מיט דעם שכר ועונש. איז עס דעריבער געווען אויך נאטירליך, אז דער מענש זאל פילען, אז גוטע מעשים פארדינען באלוין, און שלעכטע מעשים — באשטראף. צוערשט, קענט איר זיך דערמאנען, אז דער איד האט באמת דערווארטעט אט דעם מין באלוין אדער באשטראף טאקע אויף דער ערד; דער איד האט תמיד געפילט, אז זיין גוטסקייט וואס ער האט ארויסגעוויזען, וועט זיך אפצאלען מיט אייגענעם גליק, און מיט דעם גליק פון זיין משפחה און פון זיין גאנצען פאלק. שפעטער־צו, האט ער זיך אויסגעלערענט צו טראכטען וועגען דעם אנדערען מין באלוין, וואס קומט נאכ'ן טויט, אויף יענער וועלט. געוויס, קענען מיר פארשטיין אט דעם געפיל, וואס מערסטע מענשען זיינען באזעסען אמאל אזוי גוט ווי היינט צו טאג.

פראפעסאר מור זאגט אט וואס, ציטירענדיג אים נאכאמאל: „שכר ועונש, שטראף און באלוין זיינען די מאטיווען, אין וועלכע די מאסע פון דער מענשהייט איז מערסטענס אפהענגיג, און די גרויסע אידישע לערער, הגם זיי ווייסען זיכער, אז אט די מאטיווען זיינען נישט די סאמע העכסטע, צווייפלען זיי דאך נישט, אז מען דארף אויף זייער חשבון אפעלירען צו דער מערערער מאסע. זיי האבען געדענקט, אז ס'איז בעסער צו באוועגען א מענשען אויסצופאלגען דאס געזעץ פון גאט צוליב א פשוט'ערען מאטיוו, איידער ער זאל דאס געזעץ נישט אויספאלגען צוליב די העכערע מאטיווען; און ס'איז שוין אויסגעקומען אפט צו באאבאכטען, אז אויב דער מענש איז מסוגל אויסצופאלגען דאס געזעץ צוליב א פשוט'ערען מאטיוו, וועט עס אים שוין אויך פירען צו טאן עס צוליב א העכערען מאטיוו”.[44]) און דאך, הגם, די חז"ל אפעלירען יא צו די דאזיגע מאטיווען פון שכר ועונש, איז אבער שטארק ניכר א גאר שיינער שטריך אין דער אידישער לערע, א שטריך וואס ציט זיך דורך אלע דורות, וואס דריקט אויס דעם געדאנק, אז די עצם אידעע פון באלוין זאל ווערען פארטריבען פון מענשענ'ס

מח; נאַר, אַז דער באַלוין פון אַ מצווה אָדער אַ גוטער טאַט איז די טאַט גופא, גראַד אַזוי ווי דער עונש, די באַשטראָף פון אַן עבירה אָדער זינד איז דאָס באַוואוסטזיין פון דער שולד גופא.[45]) דער כלל איז, אַז דער מענש דאַרף טאָן גוטע מעשים פאַר דאָס גוטע גופא.

„זיי נישט ווי די קנעכט", איז די קלאַסישע, אַלטע גוטע עצה פון אַנטיגאַנאָס פון סוכא, „וואָס דינען דעם האַר צוליב קריגען אַ באַלוין; נאַר זאָלסט אים דינען אָהן דעם באַדינג צו באַקומען וועלכען ס'איז באַלוין".[46]) דאָס באַוואוסטזיין גופא פון טאָן אַ גוטע זאַך, אָט דאָס איז באמת דער העכסטער באַלוין! אויך דאָס העלפט שוין צו דער־קלערען, פאַרוואָס גיהנום און גן עדן, הגם אַנגענומען ווי פאַקטיש־עקזיסטירענדיגע זאַכען, האָבען קיינמאָל נישט געקענט איינוואָרצלען אין דעם אידענ'ס האַרצען און שפּילען די זעלביגע ראָליע, וואָס זיי האָבען פאַרנומען צווישען אַנדערע פעלקער. אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין האָט דער איד פון תמיד אָן געפילט, אַז גוטעס מוז געטאָן ווערען צוליב גוטעס; אַז ער מוז דינען גאָט צוליב ליבע צו אים און נישט מחמת ער האָט מורא פאַר דעם גיהנום אָדער צוליב'ן באַלוין אין גן עדן.

און דעריבער האָט עס טאַקע אויך — און מיט דעם געדאַנק וויל איך שליסען מיין איצטיגע אָפּהאַנדלונג — אַ גרויסער חכם פון דעם דריטען יאָרהונדערט, ר' שמעון בן לקיש, געקענט אָפען דערקלערען: „אין דעם לעתיד לבוא, אויף יענער וועלט, וועט נישט עקזיסטירען קיין גיהנום!".[47]) און איר מעגט שענקען אייער אויער, צו דער שיינער פאַזיע, וואָס, לויט דער מיינונג פון אָט דעם חכם, וועט פאַרקומען לעתיד לבוא: „גאָט וועט אַרויסנעמען די זון פון איר קרייז־וועג, און אין איר ליכט וועט דער צדיק ווערען געהיילט און דער רשע גע'משפט!".[48]) אין דער אידעאַלער צוקונפט וועט נישט זיין נויטיג אַ גיהנום! די ריינע ליכט פון דער זון, דער סימבאָל פון אמת'ער בילדונג און אויפקלערונג, פון קלאָרער און ליכטיגער פאַר־שטענדניש פון דער תורה, וועט באַלייכטען דעם מענשענ'ס האַרץ און נשמה מיט אַ ריכטיגער אָפּשאַצונג פון לעבען און טיפערען באַ־דייט. די קלאָרע ליכט פון אמת, וואָס וועט דאַן הערשען איבער גאַר דער וועלט, וועט דעם מענשען געבען זיין גייסטיגען כח — די היי־ליגענדיגע קראַפט פאַר דעם גערעכטען — זיין גרעסטער און שענסטער באַלוין; און די שטראַלענדיגע ליכט פון יענעם אמת וועט, אויך, שלאָגען און שמייסען דאָס געוויסען פון די רשעים און אַזוינאָך אים דינען ווי זיין שטרענגסטע און רשעות'דיגע שטראָף.

און דעריבער אויך, ווען דער איד וועט קומען צוריק צו זיך, און

אָנפאַנגען לעבען אַ נאַטירליכען ניט־פאַרפאָלגטען נאַציאָנאַלען לעבען; ווען ער וועט דאַן ווידער ווערט זיין די גרויסע ירושה, און וועט דאַן לעבען האַרמאָניש מיט די לערנונגען פון זיין אייגענער נשמה, וועט ער דאַן זיך ווידער ווענדען צו יענעם אַלטען באַגריף פון גיהנום און גן עדן, וואָס איז געווען זיין אייגענער באַגריף אין די טעג פון זיין יוגענד־צייט, ווען ער האָט געפילט באַשטימט ווי זיך צו מיען לטובת דעם גליק פון דער גאַנצער מענשהייט דאָ אויף דער ערד, וואָס גאָט האָט אונז געשענקט.

און וואָס איז נוגע „דאָרטען־איבער", איך מיין, די קעניגרייך אויף יענעם זייט קבר, וועט דער איד אויפנעמען נאָכאַמאָל די לערע פון רבי יוחנן, דעם גרויסען לערער פון ארץ ישראל אין דריטען י. ה.: „אַלע אונזערע נביאים זאָגען אונז בלויז פאָראויס, וואָס עס וועט געשען בימות המשיח, אָדער צייט ווען משיח וועט קומען, אין דעם אידעאַלען צוקונפטיגען לאַנד דאָ אויף דער ערד; אָבער בנוגע עולם הבא, די יענע וועלט נאָכ'ן טויט, — אָט די האָט נאָך קיין מענשען'ס אויג נישט געזען, און קיין אויער נישט פאַרנומען, — איין גאָט נאָר ווייסט, וואָס ער האָלט גרייט פאַר דעם, וואָס וואַרט פאַר אים!" [49])

עלפטער קאַפּיטעל

די משיח־אידעע אין אידענטום

פון די אַלע טעמעס, וואָס מיר האָבען ביז איצט באַהאַנדעלט, אַנטפּלעקט נישט קיין איינע פון זיי אַזוי קרעפטיג שטאַרק דעם גייסט פון דעם אידען — זיין פּסיכע, זיין אינערליכסטע נשמה — ווי אָט די טעמע, צו וועלכער מיר קומען איצט צו, און דאָס איז — די משיח־אידעע אין אידענטום. און קיין איינע פון דעם אידענ׳ס ביישטייערונ־גען האָט נישט באַאיינפלוסט זיין אייגענעם גאַנג אין לעבען בפרט אַזוי גוט ווי דעם גאַנג פון דער ציוויליזאַציע פון דער וועלט בכלל, ווי זיין האָפענונג אויף משיח.

דער אידישער באַגריף וועגען משיח איז כאַראַקטעריסטיש און זאָנדערבאַר אידישליך, אַן אויסגעשפּראָכענער פּראָדוקט פון דער אי־דישער נשמה. די היפּאָטעזע, די טעאָריע אָדער השערה, וואָס ס׳האָט זיך אַנטוויקעלט פון דעם „שווימענדען מיטהישען מאַטעריאַל" דורכ־שטראָמענדיג פאַרביי די מערסטע פעלקער פון אַמאָל, ווי ס׳איז פאַר־געשלאָגען געוואָרען פון די געלערענטע אויסטערלי און אַנדערע, איז איצט געוואָרען צוריקגעוויזען באַשטימט פון זייער פיל קאָמפּעטענטע פאָרשער.[1] אמת איז, אַז אַנדערע פעלקער פון אַמאָל האָבען אויך געהאַט זייער דערלייזער, זייערע משיחים; אָבער קיינער פון זיי האָט נישט פאַרמאָגט די באַזונדערע שטריכען און כאַראַקטעריסטיקס פון דעם אידישען משיח.

די אַלע אַנדערע פעלקער האָבען, קודם כל, געקוקט צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט פאַר זייער פרידליכער גליקליכער גלאָריע. ישראל, אָבער, דער שטאָלץ פון די טעג פון זיין יוגענד־צייט האָט געקוקט פאָראויס צו דער צוקונפט פאַר אַ שענערען, בעסערען און נאָבעלערען לעבען. אין אָט דעם קוקען פאָראויס — און נישט אויף צוריק — ליגט דער גאַנצער חילוק, און, וואו ס׳איז קענטיג דער הויפּט מקור פון דער אידישער משיח־האָפענונג. די טעג פון משיח רעפּרעזענטירען דעם העכסטען פּונקט פון אמת׳ער ציוויליזאַציע. פאַר

דעם אידען, איז משיח נאָך אַלץ נישט געקומען; די ציוויליזאַציע פון דער וועלט איז נאָך אַלץ אין אירע ערשטע קינדער־יאָרען; די מענש־הייט מוז געדולדיג, האָפענונגספול, הערואיש שטרעבען צו דערגרייכען די הויכקייטען פון יענעם גליקליכען לעבען ווי עס ווערט געשיל־דערט די צייט, ווען משיח וועט קומען.

עס איז דאָ נאָך אַן אויסגעצייכענטער שטריך וועגען דעם משיח־באַגריף, וואָס מאַכט אים אַנזעעוודיג מיט דער באַזונדערקייט וועגען די לערעס איבער משיח צווישען די אַלע אַנדערע פעלקער. ווען, דורך געוויסע עסקאַטאָלאָגישע שטריכען איז ער שטאַרק באַצייכענט אַלס דער גלויבען אין תחית המתים, איז אָבער די געשעעניש פון משיח ביי אידען הויפּטזעכליך אַ זאַך, וואָס וועט פּאַרקומען דאָ אויף דער ערד. די אידישע משיח־אידעע פאַרמאָגט נישט קיין זאַך, וואָס זאָל האָבען צו טאָן מיט „יענער־וועלטיגקייט". דער משיח איז נישט דער ברייננגער פון דעם יחיד'ס דערלייזונג אין אַ קעניגרייך, וואָס דאַרף פאַרקומען אין די הימלען, נאָר דער אָנזאָגער פון אַ נייעם טאָג — אַ גליקליך און גלאָררייך לעבען, פון וואָס אַלע מענשען פון דער וועלט וועלען געניסען טאָקע דאָ אויף אונזער ערד. דאָס האַלט אויס מיט דעם אידענ'ס גאַנצער רעליגיעזער אידעאָלאָגיע. פאַר דעם אידען איז, ווי דער געלערענטער ק. קאהלער האָט זיך אויסגעדריקט: „רע־ליגיע נישט געווען אינדיווידואַליסטיש אין דעם זין פון מאַכען די דערלייזונג פון דער נשמה אַלס איינציגער ציל און צוועק. דער הויפּט צוויק דאַרף זיין די דערלייזונג פון גאָר דער גאַנצער מענשהייט, דאָס גליק און וואוילזיין פון גאָט דעם גאַנצען געזעלשאַפטליכען לעבען פון דעם מענשען".[2])

און אויך דאָ, פונקט ווי אין דעם מאמר, וואָס מיר האָבען אויפ־גענומען אין דעם פריערדיגען קאַפּיטעל, מוזען מיר זיך באַמיען נאָכ־צופאָלגען דעם וואוקס און די אַנטוויקלונג פון אָט דער משיח האָפענונג און גלויבען. און אויך דאָ, ווי אין דער פריערדיגער טעמע, די לערע איבער גיהנום און גן עדן, מוזען מיר לערנען ווי אונטערצושיידען צווישען דאָס, וואָס איז געוואָרען באַפולמעכטיגט אין דער אידישער לערע, און דאָס אַנדערע, וואָס רעפּרעזענטירט בלויז דעם פאָלקלאָר, דעם פּראָדוקט פון אַ פאָלק'ס רייכע פאַנטישע פאַנטאַזיע.

אין איינעם פון זיינע בריליאַנטענע עסייען,[3]) ציטירט פּראָפעסאָר גינצבערג דעם גרויסען נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט ביי אַ געוויסער געלעגענהייט באַמערקט, אַז „פון דערהויבענקייט ביז לעכערליכקייט איז בלויז איין איינציגער טריט." דער אמת פון אָט דער באַהויפּ־טונג איז זייער שטאַרק אילוסטרירט אין דעם גורל, וואָס איז אויס־

געפאַלען דעם משיח־אידעאַל. אין אונזער איצטיגען מאמר, וועלען מיר זעען און באַטראַכטען היובע, גלאַררייכע וויזיעס פון משיח, די שענסטע שאַפונג פון אידישען גייסט; מיר וועלען זיך אָבער אויך באַגעגענען מיט אַנדערע פאָרמען, וואָס דערשיינען אָפט לעכערליך פאַר'ן אידישען געדאַנק — פאָרמען, וואָס זיינען באַשאַפען געוואָרען דורך דער שיין־צויבעריי פון דער אַפּאָקאַליפּטישער ליטעראַטור, און די פאַנטאַזיעס פון דער פאָפּולערער פאַרשטעלונגס־קראַפט. אין אַלע פאַלען וועלען מיר דאַרפען לערנען ווי צו אונטערשיידען זייער קלאָר צווישען ווייץ און פּלעווע, צווישען דאָס, וואָס איז געוואָרען אַ טייל פון נאָרמאַלען אידענטום, און דאָס וואָס שטעלט פאַר דעם אידענ'ס אָפטען פליען אויף די פליגעל פון זייער פאַנטאַזיע.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז אין דער גאַנצער ביבעל געפינען מיר נישט דאָס וואָרט משיח, אָדער המשיח — דער משיח — אין דעם טעכנישען זין פון וואָרט, ווי מ'האָט עס שפּעטער־צו פאַרשטאַנען, און ווי מיר פאַרשטייען עס היינט צו טאָג. עס הייסט, דאָס וואָרט משיח איז גראַדע יאָ דאָ אין דער ביבעל, אָבער, דאָרטען טראָגט עס דעם אָריגינעלען זין, באַדייטענדיג „דער געזאַלבטער". אַזוי ווערט דאָס וואָרט אויך באַנוצט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם וואָרט כהן — הכהן המשיח — דער כהן, וואָס איז געוואָרען געזאַלבט פאַר דער הייליגער דינסט צו גאָט.[4] עס ווערט אויך אָפט באַנוצט אין דעם קאָנסטרוקטיווען שטאַנד, צוגעזעצט צום נאָמען גאָט — משיח אדני, „דער געזאַלבטער פון גאָט", ספּעציעל ווען עס באַציט זיך צו די מלכים פון דעם אידישען פאָלק, וועלכע זיינען געוואָרען הייליג געזאַלבט פאַר זייער דערהויבענער פּאָזיציע.[5] שאול, דער ערשטער מלך, ווערט אַזוי באַצייכענט אַלס „דער געזאַלבטער פון גאָט".[6]

אָריגינאַל, באַציט זיך דאָס וואָרט משיח פּשוט צו דעם כהן אָדער צו דעם קעניג, דעם מלך, וואָס איז געוואָרען אָריינגעפירט צו זיין היובען פּאָסטען דורך דער צערעמאָניע פון ווערען געזאַלבט. בלויז אין דער שפּעטערער ליטעראַטור — פון דעם תרגום און רבנישער — געפינען מיר דאָס וואָרט המשיח אָדער, דאָס אַראַמייאישע: משיחא, באַציענדיג זיך צו דעם משיח, ווי מיר פאַרשטייען דעם טערמין היינט צו טאָג.

אין באַצוג צו דעם, וואָס מיר האָבען געלערענט אין אונזער פריערדיגען קאַפּיטעל וועגען דער אַפּאָקאַליפּטישער ליטעראַטור, איז באַזונדערס כדאי צו באַמערקען, אַז די ערשטע שאַפונג, וואָס דערמאָנט אָט דעם וואָרט משיח אין זיין טעכנישען זין איז דער אַפּאָקאַליפּטישער ספר פון חנוך.[7] אָט דער פאַקט טאָר נישט ווערען איגנאָרירט, מחמת

עס אַנטפּלעקט פאַר אונז אויפ'ן שטאַרקסטען שטייגער דעם אמת, אַז דער גאַנצער באַגריף פון משיח האָט דורכגעמאַכט אַן אינטערעסאַנטע אַנטוויקלונג אין דעם לעבען און אין טראַכטען פון דעם אידען. אין דער צייט, וואָס יעדער מלך האָט געמיינט פאַר דעם אידען „דער געזאַלבטער פון גאָט", איז, אָבער, דוד המלך, וועלכער האָט געוואונען דאָס האַרץ פון זיין גאַנץ אידיש פאָלק, געווען נאָך מער פון דאָס; ער איז געווען דער „געזאַלבטער פאַר עקסעלאַנץ". זיין מלוכה האָט רעפּרעזענטירט די פאַרפולקומונג פון יאַרהונדערטער מיט בויענדיגער און שטייגענדער עקזיסטענץ. דוד האָט געבראַכט גרויס זיג איבער אינערליכע און אויסערליכע כוחות. ער איז באמת געווען דער באַ־ליבטער הערשער פון זיין פאָלק. דעריבער האָט דאָס וואָרט „גע־זאַלבטער" אין זיין פאַל אויפגענומען אַן עקסטראַ באַדייט; ער איז געווען דער רעטער און דערלייזער פון זיין פאָלק, וואָס האָט געבראַכט גרויס גלאַנץ און גלאָריע צו זיין פאָלק'ס נאָמען און באַרימטקייט.

אין די שפּעטערע טעג, ווען די קעניגרייך פון דוד האָט געליטען פון די צורישטויסונגען פון אירע שונאים און איז געקומען צו אַ ני־דערלאַגע, ווען די הערשער און פירער פון פאָלק זיינען געוואָרען אומ־טריי צו די אידעאַלען פון זייער גאָט און דער תורה, ווען אָרימקייט און ליידען — צוליב די אינערליכע לאַנד־באַזיצער און אויסערליכע שונאים — זיינען פול געוואָרען איבער יעדער מאָס, האָט דאָס פאָלק אָנגע־הויבען בענקען נאָך אַן אַנדער דוד, וועלכער איז איצט געוואָרען אידעאַליזירט אין דעם נאַציאָנאַלען זכרון, ווי דער העכסטער אויסדרוק פון מענשליכער פּערפעקציע. זיי האָבען קעגענגעזעצט זייערע טעג פון צער און רשעות מיט דעם גלאָררייכען גליק, ווי זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט, עס זאָל האָבען געווען דער גורל פון זייערע אָבות אין דער הערלאַכער הערשאַפט פון מלך דוד. אוי, האָבען זיי געקרעכצט און געלעכצט נאָך אַ צווייטען דוד, אַן אמת'ן רעטער, וואָס וואָלט צוריק אויפגעשטעלט די נאַציאָנאַלע גרויסקייט פון דעם פאָלק ישראל! אָט דאָס איז געוואָרען די הערשענדע האָפענונג אין הארצען און אין געדאַנק פון יעדען אידען, וואָס האָט נאָר ליב געהאָט זיין פאָלק ישראל.[*]

דאָס איז דאַן געווען דער מקור פון דער משיח־האָפענונג. משיח האָט געזאָלט זיין דער רעטער און דערלייזער אין דעם פּאָליטישען, און נישט אין דעם טעאָלאָגישען אויסקוק. ער האָט באַדאַרפט צו זיין אַ צווייטער דוד כדי צו ברענגען אַ נייע און דויערענדיגע גלאָריע צום פאָלק ישראל. און איך וויל דאָ ציטירען די ווערטער פון אַ גרויסען לערער, איזראַעל פרידלענדער, אַז: „דער אָריגינעלער

משיח'יאנישער אידעאַל פון דעם אידען שטעלט אַרויס בולט די שטריכען פון אַ ריינער נאַציאָנאַלער באַגייסטערונג, און עס אָטעמט־אַרויס דעם באַקרעפטיגטען אָטעם פון זייער היימישער ערד".[9]

אונטער פאַרשיידענע אומשטענדען אין זייער נאַציאָנאַלען לעבען, האָבען די אידען געקוקט אויף פאַרשיידענע רעטער ווי אויף זייערע משיחים, וואָס האָבען געזאָלט אַריינברייננגען אָט די געבענטשטע צייט צו זייער פאָלק. פאַר דעם נביא ישעיהו, למשל, איז יחזקיהו געווען אָט דער מין דערלייזער.[10] דער אידעאַלער משיח אַדני, געזאַלבט פון גאָט אַליין; דער משיח, וואָס האָט געזאָלט איבערשטייגען אַפילו דוד'ן אין בריינגען זיין פאָלק צו דער העכסטער מדרגה פון נאַציאָנאַלער גרויסקייט. די נביאים חגי און זכריה האָבען געזען דעם משיח אין זרובבל, אין דער צייט, ווען מ'האָט זיך צוריקגעקערט פון בבל.[11] אַפילו אַ ניט־איד, כורש פון פרס, וועלכער האָט געהאָלפען די אידען זיך אומצוקערען צו זייער לאַנד, אַפילו אים האָט דער נביא באַטראַכט אַלס משיח, דער גאָט־געזאַלבטער.[12] מיר ווייסען אויך, אַז דער מלחמה־האַלטער און גרויסער קריגער בר כוכבא, וועלכער האָט אין צווייטען יאָרהונדערט געפירט דעם אויפשטאַנד אַנטקעגען רוים, איז אָנגענומען געוואָרען פון רבי עקיבא אַלס דער משיח.[13]

פונדאַמענטאַל און אָריגינאַל, האָט דער משיח דאַן געזאָלט זיין דער פּאָליטישער און סאָציאַלער באַפרייער פון זיין פאָלק און זיין לאַנד פון אַלע זייערע שונאים, און ער האָט געזאָלט זיי בריינגען ברכה און פרייד, אַזוי אַז יעדער מענש זאָל זיך קענען זיצען תחת גפנו ותחת תאנתו, אונטער זיין אייגענעם פייגענבוים און זיין ווייַנשטאָק און פאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבען.

דאָך, וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו זאָגען, אַז דאָס איז געווען דער איינציגער שטריך פון דער אידישער משיח־אידעע. דאָס איז בלויז איין זייט פון דער מטבע, אָדער פון דעם אַלגעמיינעם בילד. עס איז נאָך דאָ אַ צווייטע זייט, אויף וועלכער מיר דערזעען אַ צווייטן אָנבליק — שיין און מאַיעסטעטיש אין דער גראַנדיעזקייט און אין דעם שוואונג פון דער גאַנצער וויזיע. איין זייט קענען מיר אָנרופען די נאַציאָנאַלע, די פּאָליטישע; די צווייטע זייט — די אוניווערסאַלע און רעליגיעזע. די ערשטע האָט גערעדט אין טערמינען פון ישראל'ס גליק, די צווייטע — אין טערמינען פון גאָר דער גאַנצער מענשהייט. איינע איז באמת פאַרקניפּט און פאַרבונדען מיט דער צווייטער אין טיפער קרובה'שאַפט.ביידע האָבען זיך געמוזט אַנטוויקלען גלייכצייטיג, מחמת, אויף אַן אַנדערשדיגען אופן וואָלט עס געווען פאַלש צום אידישען כאַראַקטער, וועלכער האָט געקענט טראַכטען פון אייגענעם

גליק נאָר דעמאָלט, ווען גליק איז אויך דער גורל פון דער גרויסער וועלט.

ישראל, לויט אַט דעם צווייפאַכיגען בילד פון דעם משיח־באַגריף, האָט געזאָלט זיין אונטער דער השפעה פון אַ גוטען און קלוגען מלך, וועלכער האָט געזאָלט ברייננען צו זיין פאָלק שלום, הצלחה, גליק און פרייהייט פון אונטערדריקונג. אָבער, ער באַדאַרף נאָך פיל מער דערגרייכען — גאַר די אַלע פעלקער פון דער ערד האָבען באַדאַרפט ווערען באַאיינפלוסט פון זיין קלוגשאַפט און גערעכטיגקייט. זיי וואָלטען זיך באַדאַרפט ווענדען צו ציון פאַר זייער פירענדיגער ליכט און באַגייסטערונג; שלום און פרידען וואָלט געקעניגט איבער אַלץ; אַלע וואָלטען געווען גרייט צו דינען גאָט אחד, אַלס אויסדרוק פון ציונ׳ס גייסטיגער קעניגרייך; די אַלע פעלקער פון דער וועלט וואָלטען דאַן אַפילו געקומען אויף באַזוך איינמאָל אַ יאָר — אין יום טוב סוכות — צו געבען באַוויז אַז: מציון תצא תורה.[14]) פון ציון וועט אַרויסקומען געזעץ און לערע. עס ווערט נישט פאַרשטאַנען, אַז די אַנדערע פעלקער דאַרפען זיין אונטערוואָרפען פאָליטיש אָדער פיזיש צו דעם אידען; איר געפינט נישט אַפילו קיין רמז, קיין אָנדייט, פון אַזאַ מין פאַרשלאַג אין דער אַלטער ליטעראַטור. דעם אידענ׳ס זיג דאַרף זיין בלויז אַ גייסטיגער — זיין מלוכה דאַרף זיין די איינציגע אין דער קעניגרייך פון דעם גייסט.

עס איז דאָ אַ קלאַסישער שטעל אין דער ביבעל, אין ספר ישעיהו, ווי אויך אין ספר מיכה, וואָס אַנטפלעקט פאַר אונז אָט די ביידע עלעמענטען אין זייער קלאָרסטער ליכט:

„והיה באחרית הימים, און עס וועט פאַרקומען אין סוף פון די טעג,
און ס׳וועט שטיין פעסט דער באַרג פון גאָט׳ס הויז,
ווי דער אויבן־אָן פון די בערג,
און דערהויבן איבער אַלע הויכען פון די בערג;
און אַלע פעלקער וועלען צו אים שטראָמען.
און זייער פיל אומות וועלען גיין און זאָגען:
׳קומט, לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון אַדני,
און צו דעם הויז פון גאָט פון יעקב;
און ער וועט אונז לערנען זיינע וועגען,
און מיר וועלען נאָכגיין אין זיינע שטעגען׳.
מחמת פון ציון וועט אַרויסקומען די תורה,
און דאָס וואָרט פון גאָט — פון ירושלים.
און ער וועט משפט׳ן צווישען פיל פעלקער

און ער וועט אַנטשיידען איבער פיל אומות;
און זיי וועלען שמידען די שווערדען אויף אַקער־אייזענס,
און די שפּיזען זייערע — אויף צווייגמעסערס;
אַ פאָלק וועט נישט הויבען זיין שווערד קעגען אַ פאָלק,
מען וועט נישט לערנען מער ווי צו האַלטן מלחמה".[15] אידיש: א. א.

די נביאים האָבען צו אַזאַ מין הויכען גראד געפריידיגט אָט די דאָזיגע באַגייסטערטע וויזיע, אַז עס וועט נישט זיין איבערטריבען צו זאָגען, אַז אָט די נבואה, אַזוי גוט ווי דער נאַציאָנאַלער בליק איבער משיח, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין דעם באַוואוסטזיין פון אונזער פאָלק, איז עס געווען די שאַפונג פון דעם פּראָפעטישען גייסט פון ישראל!

דער משיח האָט עס אויף דעם שטייגער אָנגענומען אַ צווייפאַכיגען אָנבליק — ער איז נישט געווען בלויז דער אידעאַלער מלך פון די אידען, נאָר אויך די סימבאָלישע פיגור פון אַ ניי־געבאָרענער מענשהייט. ברעכענדיג די שמאָלע ראַם פון אַ ריין־פּאָליטישער אַמביציע, נעמט עס אויך אויף די משיח־אידעע, ווי זי איז אַנטוויקעלט און געפריידיגט פון די נביאים, די גרויסע דימענסיעס פון אַ חלום פון גאָר דער גאַנצער מענשהייט, וואָס גרייכט דעם קלימאַקס אין אַזעלכע אייבערמעכטיגטע באַשרייבונגען פון אַ גלאָררייכער צייט, ווי מיר האָבען נאָר וואָס געלייענט אין דעם אויסצוג פון די נביאים. און אַזוינאָך, פון אַן איינפאַכען טערמין אָדער טיטעל, וואָס איז געבראַכט געוואָרען ביי וועלכען עס איז מלך פון ישראל, וואַקסט דאָס וואָרט אויס צו אַזאַ הויכען באַדייט, אַז עס כאַפּט אַרום די העכסטע האָפענונגען פון דעם פאָלק.

עס דאַרף גרינג זיין פאַרצושטעלען זיך, וואָס אָט די האָפענונג, וואָס האָט זיך שוין געהאַט טיף איינגעוואָרצעלט אין דעם אידען׳ס האַרצען, האָט געמיינט פאַר אים. דורך דעם אוניווערסאַלען אנבליק און וויזיע, איז די משיח־אידעע פאַר אים געוואָרען די מאָטיווירענדיגע קראַפט פון דער גאַנצער ציוויליזאַציע, זיין ווערסיע פון אַן אָפּטימיסטישע; עס האָט אים געשענקט אַ פילאָזאָפיע פון אָפּטימיזם, ווי אַ לייזונג פון דעם פּראָבלעם פון דער מענשליכער אַנטוויקלונג און זיין אייביגען גורל. דורך דער נאַציאָנאַלער פאַזע, איז די משיח־אידעע געוואָרען פאַר אים אַ קוואַל פון פרישער קראַפט, וואָס האָט אים געהאָלפען פאַרטראָגען אַלע זיינע ליידען און ביטערע צרות; דורך דעם איז ער תמיד געוואָרען גלייך אויפגעהאַלטען פון אַ פּערפעקטען צוטרויען און פון אַ דערהויבענער האָפענונג אויף אַ נייעם און בעסערען

טאָג, וואָס האָט באַדאַרפט אָנקומען אין דעם לעבען פון זיין פאָלק. אַפילו אין די פינצטערסטע טעג פון אונטערדריקונג, האָט עס אים געראַטעוועט פון גייסטיגען טויט; אין יעדער אָנגעשטרענגטער סי־טואַציע האָט ער געהאַט פאַרפעסטיגט זיין האָפענונג אין דער אומצע־שטערבאַרקייט און אייביגער עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאָלק. דאָס האָט אַפילו אויפגעטאָן פאַר אים פיל מער, ווי די האָפענונג אויף תחית המתים. מחמת, „תחית המתים", באַנוצענדיג זיך מיט די ווער־טער פון אַ בריליאַנטענעם שרייבער, „האָט באַגריפען די אומשטערב־ליכקייט פון די בני ישראל; בשעת די משיח־האָפענונג האָט באַגריפען די אומשטערבליכקייט פון ישראל".[16])

און מחמת דאָס אַלץ האָט אַזויפיל געמיינט פאַר'ן אידען, איז עס דעריבער אַזוי שיין און טריי גענערט און דערצויגען געוואָרען פון די חכמים, און די אידעע פון משיח איז אויך אַריינגענומען געוואָרען אין דעם סידור ספר התפילות, געבענדיג אַזוינאָך די מעגליכקייט, אַז עס זאָל טיף זיך איינוואָרצלען אין דער אידישער נשמה, איינ־פלאַנצענדיג אין אים די האָפענונג פון אַ פולקומענקייט פון ישראל, און אויך פון דער גאַנצער מענשהייט. אָט די האָפענונג און דער חלום זיינען פאַר אים געוואָרען זיין איינציגע באַלוינונג אין אַ וועלט, וואָס איז פאַר אים תמיד געווען אַ טאָל פון טרערען!

צוערשט האָט דאָס פאָלק געפילט, אַז די פאַרווירקליכונג פון אָט דער האָפענונג — די דערשיינונג פון מלך דוד'ס אידעאַלער נאָכ־פאָלגער — איז געווען גאָר נאָענט, און אַז די אידען וועלען נאָך זוכה זיין צו זען די גרויסע געשעעניש פון ביאת המשיח מיט זייערע איי־גענע אויגען, און פאַר זייער אייגענעם לעבען. אָבער נאָך דער ביטע־רער אַנטוישונג, וואָס זיי האָבען דורכגעמאַכט אין צייט פון מלך זרובבל (אָהן צווייפעל צוליב דאָס אַריינמישען זיך פון פרס), האָט דאָס פאָלק גענומען אויסקוקען אַ ווייטערע צוקונפט אויף משיח'ס קומען, און ביסליכווייז האָבען זיי אַלע גענומען אָפצולייגען די פאַסירונג אויף שפּעטער, ביז עס וועט אַמאָל אַ נס געשען. די פאַנטאַזיע פון אַלגע־מיינעם פאָלק האָט זיך איצט אָנגעהויבען פאַנאַנדערשפּילען מיט דער גאַנצער אידעע פון משיח, און אָפּשטעלען זיך מיט גרויס צערטליכ־קייט אויף משיח'ס אָראָפקומען, ווי גאָט'ס אַ העלד אַנטקעגען די מחנות געצענדינער פון די אומות העולם.[17]) פאַר אַ שטיקעל צייט, נאָך דער רעסטאַוראַציע פון לאַנד און פאָלק, האָט טיפע שטילקייט גע־הערשט אין גאַנץ יהודה, און דורך דער צייט פון כמעט צוויי הונ־דערט יאָר האָט מען גאָרנישט נישט געהערט וועגען דער האָפענונג

פון משיח אין דער אידישער ליטעראַטור, אויסער אין געוויסע נשמה־אויסגוסען פון מאַנכע דיכטער־פסאַלמיסטען.[18]

אָבער גאָר גיך זיינען ווידער טעג פון צער און צאָרן באַפאַלען דאָס פאָלק ישראל. און גראָד אין אָט דער דאָזיגער צייט פון חושך האָט דער חלום פון אַ משיח אָנגענומען זיך מיט פרישער קראַפט, און אַפילו בלויז פאַר אָט דער איינציגער האָפענונג איז שוין כדאי געווען דער באַלויבענדיגער אידעאַל אויפצוהאַלטען דעם גייסט שטאַלק און הויך, ווען אַלץ אַרום האָט זיך אָנגעלייגט אויף זיי זיי צו צעברעכען און צו פאַרניכטען.

אין דעם פריערדיגען קאַפּיטעל האָבען מיר דיסקוטירט דעם אויפשטייג פון דער אַפּאָקאַליפּטישער ליטעראַטור און איר איינפלוס אויף דעם אידישען גייסט. מיר האָבען דאָרט געהאָט באַמערקט, אַז איר הויפּט שטריך איז געווען דער פאַרזוך צו אַנטפּלעקען „די מיס־טעריעזע זאַכען, וואָס ליגען אויף יענער זייט פון דער געוויינליכער אָרדענונג פון מענשליכען וויסען".[19] און אַזוי ווי אָט די ליטעראַטור האָט טראַנספאָרמירט די אַלע באַגריפען פון גיהנום און גן עדן, אַזוי אויך האָט זי פאַראורזאַכט אַן ענדערונג אין דער גאַנצער קאָנצעפּציע פון דעם משיח. מיר האָבען געזעהן, ווי די חכמים האָבען געקעמפט געגען דער אויסשפּרייטונג פון אָט דעם נייעם און כסדר־וואַקסענדיגען איינפלוס; אָבער, להכעיס אַלע זייערע באַמיאונגען, זיינען דאָך פיל פון די לעהרעס פון די שרייבער פון דער אַפּאָקאַליפּטישער ליטעראַ־טור דורכגעזופּט געוואָרען און אָפּגעשטעלט זיך אין דעם באַוואוסטזיין פון דעם אידען. צוליב אָט די פרעמדע איינפלוסען, האָט דער איד אָנגעהויבען צו באַטראַכטען דעם משיח מער און מער ווי אַן איבערנאַ־טירליכען וועזען. משיח'ס וואוינונגס־אָרט איז איצט געוואָרען גאָר אויבען אין די הימלען; און דער איד האָט אָנגעהויבען וואַרטען, אַז גאָט זאָל אים אַרונטערשיקען אויף דער ערד, צו דער באַשטימטער שעה, כדי צו פאַרטיליגען די שונאים פון די אידען. יאָ, פיל פון אָט די לעגענדאַרישע כאַראַקטעריסטיקס פון משיח, ציען זייער יניקה פון אָט דער פרעמדער ליטעראַטור. אַפילו תחית המתים, וואָס איז אויך אָנגענומען געוואָרען פון אַ גרויסער צאָל רבנים, ווי אַ וויכטיגער שטריך פון דער משיח'ישער צייט, איז אָריגינעל געווען אַ טייל פון דער אַפּאָקאַליפּטישער סכעמע פון אָט יענעם טאָג אין דער ווייטער צו־קונפט.[20]

אָט די פרעמדע אַפּאָקאַליפּטישע ליטעראַטור איז געווען לחלוטין אַנדערש ווי יענע פון אונזערע נביאים; אין אַ געוויסען זין, ווי ס'איז שוין באַמערקט געוואָרען, האָט זייער ליטעראַטור רעפּרעזענטירט „אַ

וואולגאריזאציע פון פראפעטישקייט".[21]) מחמת די נביאים האבען באַ־טאָנט די מענשליכע און נאַטירליכע עלעמענטען פון משיח; בשעת די אפּאָקאַליפּטיקער האבען געלעגט דעם טראָפּ אויף דאָס געטליכע, די עלעמענטען פול מיט ניסים און וואונדער וועגען דעם משיח. לויט אונזערע נביאים, האָט משיח געזאָלט אַראָפּקומען דורך אַ לאַנגזאַמען דאָך זיכערען פּראָצעס פון מענשליכער עוואָלוציע און אַנטוויקלונג, דורך דער הילף פון גלויבען אין דעם רחמנות פון גאָט. לויט די אַפּאָקאַליפּטיקער, האָט משיח'ס אָנקומען באַדאַרפט זיין קאַטאַסטראָ־פאַל — דער "טאָג פון גאָט" האָט באַדאַרפט דערשיינען פּלוצים מיט אַמאָל, נישט צוגעגרייטערהייט. די באַטאָנונג פון די נביאים איז באַשטאַנען אויף דער צייט הויפּטזעכליך — דער פירער האָט געזאָלט זיין בלויז אַן אינצידענט, אַ צופאַל פון יענער עפּאָכע אידער איר הויפּט באַוועגער; און איצט איז די באַטאָנונג אַוועקגעשטעלט גע־וואָרען אויף דעם הערשער, דעם משיח, וועלכער האָט געזאָלט אַריינ־קומען אין דער צייט וואָס מ'האָט געבעטען. מיט דעם ערשטען איז די באַטאָנונג געפאַלען אויף די שטריכען, וואָס האָבען באַדאַרפט כאַ־ראַקטעריזירען דאָס באַנייטע פאָלק און די דערלייזטע מענטשהייט; מיט דעם צווייטען אָבער איז די באַטאָנונג געפאַלען אויף די שטריכען וואָס האָבען באַדאַרפט כאַראַקטעריזירען בלויז דעם דערלייזער אָדער דעם משיח גופא.

דאָך, איז עס ערשט געווען אין די פינצטערסטע צייטען פון דעם אידענ'ס געשיכטע, ווען רוים האָט צעשטערט זיין טייערסטען פאַרמעגען, אַז דער איד האָט געפונען פאַר נויטיג זיך אָנצוכאַפּען אין דער האָפענונג פון משיח מער ווי ווען אַמאָל. אין אָט דעם צוזאַמענשטויס מיט די „הענט פון עשו", האָט די משיח־אידעע אָנ־גענומען אַ נייעם מאָמענטום, אַ גאָר נייעם שוואונג. אַ גרויסער מאָכמעדאַנישער טעאָלאָגיקער האָט כאַראַקטעריזירט די משיח־האָפע־נונג ווי „געבאָרען דורך דעם צאָרען פון שיקזאַל'ס שווערע פּירונגען".[22]) דער טרויעריגער איצט מאַכט עס נויטיג פאַר דעם מענשען צו זוכען באַקוועמליכקייט און באַלויגונג אין אַן אידעאַליזירטען בילד פון אַ גליקליכער צוקונפט.

אויך די תנאים האָבען געמוזט האָבען אַזאַ מיר געדאַנק אין זין ווען זיי זאָגען אונז, אַז „אין דעם טאָג ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, איז משיח געבאָרען געוואָרען!" [23]) אין יענעם טאָג פון טאָטאַלער פינצטערניש, ווען יעדע האָפענונג זעט אויס פאַרלאָרען, איז די משיח־אידעע אויפסניי געבאָרען געוואָרען אין דעם אידענ'ס האַרץ, כדי צו געבען אים נייע כוחות און פרישען קוראַזש און מוט

אָנצוגייך מיט דעם „קריג פון גאָט". יאָ, געוויס, וואָס מער פינצטער דער הינטערגרונד פוןווירקליכען לעבען איז געוואָרען, אַלץ מער זיינען געוואָרען קלאָרער און שענער די קאָלירען מיט וועלכע די צוקונפט האָט זיך געוויזען פון דער ווייטענס.

און דאָך, טראָץ דעם ברייטען אויסשפרייט פון די אַפּאָקאַליפּטישע לערעס, זיינען געווען פיל פון די אונזערע, וואָס האָבען זיך נאָך אַלץ אָנגעהאַלטען אין דער אַלטער אָריגינעלער קאָנצעפּציע פון דעם משיח. זיי האָבען אים נאָך אַלץ באַטראַכט, ווי דער שטערבליכער קעניג און זיי האָבען אַלץ אים נאָך באַטראַכט, ווי דער שטערבליכער קעניג און פּאָליטישער רעטער, וואָס האָט געזאָלט ברייגען אַ נייעם זיג צו די געשלאָגענע מחנות פון ישראל. אַזוינאָך, זע איך דעם זין און באַדייט פון רבי יוחנן בן זכאי׳ס פאַרלאַנג פון זיינע תלמידים, בשעת ער איז געלעגען אויף זיין טויטען־בעט, „צוצוגרייטען אַ קעניגליכען שטול פאַר חזקיהו, דעם זון פון דוד, וועלכער דאַרף אַראָפּקומען און פאַר אונז דערשיינען".[24]) אַז אָט דער־אָ האָט הויפּטזעכליך געזאָלט זיין אַ פּאָליטישער פירער, צו ווען זייער פיל מענשען, אַרונטער ביז דעם צווייטען יאָרהונדערט, האָבען אַרויפגעקוקט אַלס דער משיח, קען מען זען פון דעם פאַקט, ווי שוין באַמערקט, וואָס רבי עקיבא האָט אנערקענט בר כוכבא׳ן, דעם קריגס־פירער, ווי דער משיח. און, האָט אין זין, אַז בר כוכבא ווערט נישט אַפילו רעפּרעזענטירט ווי אַן אָפּשטאַם פון דוד׳ן; דאָך וויל רבי עקיבא פאַרקוקען אָט די וויכטיגע פאַרזיכערונג און זאָגט וועגען אים: „זעט, ער איז דער מלך המשיח!"[25]) און, צי האָט ער טאַקע נישט באמת געקעמפט פאַר דער רעסטאַווראַציע פון ארץ ישראל און פאַר דעם קעניגרייך פון דעם אידן, — אַן אויפגאַבע און שליחות, וואָס ווערט רעזערווירט בלויז פאַר דעם משיח?[26])

נאָר ווען די צייטען אין דעם אידענ׳ס געשיכטע זיינען געוואָרען פינצטער און פינצטערער, און דעם אידענ׳ס צרות האָבען זיך פאַר־גרעסערט, האָבען זיי אָנגעהויבען איינזען מער און מער, אַז דער טאָג פון דערלייזונג, אויף וואָס זיי האָבען געהאָפט איז נאָך זייער־זייער ווייט, אַז משיח וועט נאָך נישט קומען אין זייער אייגענער צייט. דעריבער קומט אויס, אַז פון אָט דער פּעריאָדע אָן, ספּעציעל, הויבט־אָן דער משיח־באַגריף אָננעמען, נייע, מאָדנע און באַפּוצטע פאָרמען — צייטענווייז לחלוטין אַנדערש, און אַנטקעגענגעזעצט צום אָריגי־נעלען, געזונטען, שיינעם און אידעאַלען בילד, וואָס מיר האָבען זיך באַמיט פאַר אייך צו שילדערען.

און וואָס אייגענטליך אָט די נייע פאָרמען און אנבליקען זיינען געווען, און ווי אַזויגאָך, טראָץ אָט דער טראַנספאָרמאַציע, עס האָבען די ערשטע נאַטירליכע זוימען פון דער משיח־אידעע זיך באַהעפט מיט דער נשמה פון דעם אידען, און זיינען פאַרבליבען טריאומפירענד, — דאָס וועלען מיר רעזערווירען פאַר אונזער שטודיום אין דעם קומענדיגען קאַפיטעל.

צוועלפטער קאפיטעל

די משיח־אידעע אין אידענטום

(המשך)

אין אונזער פריערדיגען שטודיום איבער דעם משיח־גלויבען אין אידענטום, האבען מיר זיך באמיט אייך צו ווייזען, ווי דער דאזיגער באגריף איז אויסגעוואקסען פון אן איינפאכער האפענונג אויף א פאלי־טישען דערלייזער, וועלכער האט באדארפט אומקערען דעם אידען צו זיין אמאליגער גלאריע, און, דורך אט דער דערלייזונג, ברייגען די אומות העולם צו דער מדרגה פון קענען אפשאצען די אמת'ע לערעס פון גאט, צו דער אידעע פון א וואונדערליכען רעטער, וועל־כער וועט נקמה נעמען פון אלע שונאים פון ישראל, און, אויף א וואונדערליכען קאטאסטראפאלען שטייגער צוזאמענעמען אלע אידען מארבע פינות העולם צוריק נאך ציון.

מיר האבען אויך באמערקט, ווי די ביטערע צייטען, פול מיט צער און צארען, וואס זיינען באפאלען דעם אידען, באזונדערס נאך דעם אומגליקליכען אויפשטאנד פון בר כוכבא, האבען פאראורזאכט, אז דער איד זאל זיך שטארקער אנהאלטען מיט גרויס באגייסטערונג אין דער האפענונג פון משיח, הגם די כסדר'דיגע אנטוישונגען האבען אים געמאכט איינצוזען, אז דאס קומען פון משיח וועט רעאליזירט ווערען נישט פאר זיין לעבען, נאר אין דער ווייט־ווייטער צוקונפט. דער פאקט איז, אז מאנכע מענשען, זיינען צייטענווייז געווארען אין גאנצען פעסימיסטיש געזאנען. ווען רבי עקיבא האט אנגענומען בר כוכבא'ן ווי דעם משיח, קענט איר זיך דערמאנען, אז איינער פון זיינע צייט־תנאים, רבי יוחנן בן תרתא, האט אים אפילו געטאדעלט, און צו אים אזוי געזאגט: „זעסט, גראז וועט פריער אנוואקסען אויף דיין באק איידער דער מלך משיח וועט זיך באווייזען".[1] אבער דאס פאלק בכלל האט דאך נישט אויפגעגעבען די האפענונג; „אף על פי שיתמהמה, אחכה לו שיבוא, אפילו ווען ער וועט זיך פארזאמען, וועל איך דאך פאר אים ווארטען", אט דאס איז געווען דאס באשטימטע געפיל פון יעדען אידען.

צייטענווייז, איז געווען ווידער פאַרקערט, דאָס פאָלק איז שוין געוואָרען צו־אָפּטימיסטיש, צו האָפענונגספול; אַזוי פול מיט האָפּע־נונג, אַז זיי האָבען שוין, באמת, רעזיגנירט אין די הענט פון זייער גורל, פאַרמאָגענדיג אַזאַ מין געוואַלדיגען געדולד, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט דאָס אומנאַטירליכע. איר קענט זיך דערמאָנען אין זאַנגוויל'ס טשיקאַווע אינטערפּרעטאַציע איבער אָט דער כאַראַקטע־ריסטיק: „אָט די־אָ פרומע געדולדיגקייט — אָט דאָס דאָזיגע אָרונ־טערוואַרפען דעם יאָך פון זיך און עס אַרויפלעגען אויף די אַקסלען פון נס און משיח — צי איז עס דען געווען מער ווי דער צודעק פון אומ־באַוואוסטזיניגער אימפּאָטענץ און מאַכטלאָזיגקייט?".[2] יאָ, עס איז אין דעם ליכט פון אָט דעם פאַקט, וואָס מיר קענען דערקלערען די געוואָגטע באַהויפּטונג פון רבי הלל, פון דעם פּערטען י. ה., דער מחבר פון דעם אידישען לוח: אין משיח לישראל, „ישראל דאַרף נישט וואַרטען אויף דעם אָנקומען פון אַ משיח, זינט ישעיהו'ס נבואה וועגען אים איז שוין דערפילט געוואָרען אין דעם מלך יחזקיהו".[3]

זייער פיל דערקלערונגען זיינען אָנגעגעבען געוואָרען פון די בעלי מפרשים אין זייער באַמיאונג דורכצודרינגען דעם טיפען זין פון אָט די ווערטער. רש"י, למשל, פאַרשטייט, אַז הלל מיינט, דאָס גאָט אַליין, און נישט משיח וועט ברייגנען די צוגעזאָגטע דערלייזונג; מיט אַנדערע ווערטער, האָט רש"י בלויז געלייקענט אין אַ פּערזענ־ליכען משיח, אָבער נישט אין דעם אָנקומען פון דער משיח־צייט:[4] אָבער די אַנדערע תנאים ווייזען אָן הלל'ן זיין טעות אויפ'ן זעלביגען אָרט, אָנצייגענדיג דעם פאַקט, וואָס די אַנדערע נביאים, וועלכע האָבען געלעבט נאָך דעם מלך יחזקיהו האָבען אויך נביאות געזאָגט, אַז משיח דאַרף קומען. מיר פּערזענליך זעט עס דאָך אויס, אַז די אמת'ע דערקלערונג ליגט אין דעם פאַקט, וואָס הלל האָט געוואָלט איינ־שטילען און פאַרקלענערען אַביסעל אָט די איבערטריבענע האָפּע־נונג, כדי דאָס פאָלק זאָל זיך גיכער פאַרלאָזען אויף זיך אַליין און אויף זייער אייגענער ווילענס־קראַפט צו לעבען אַ נאַטירליכען לעבען, איידער פאַרלאָזען זיך אויף אַ דערלייזער על פּי נס; ער האָט געוואָלט זיי מאַכען פילען, אַז גאָט וועט זיי בלויז דאַן העלפען, אויב זיי וועלען נאָר אַראָפּוואַרפען פון זיך דאָס געפיל פון אימפּאָטענץ און מאַכט־לאָזיגקייט.[5]

עס איז, דאָך, אַ גרויסע פראַגע, צי הלל'ס ווערטער האָבען געהאַט אַ וועלכע עס איז ווירקונג. אַנדערע רבנים האָבען געלערענט פונקט דאָס פאַרקערטע, און מיט זייערע רייד האָבען זיי אונטערשטיצט דעם גלויבען אין דעם משיח'ס גיכער דערשיינונג. וואָס פינצטערער דאָס

לעבען איז געווען, אַלץ ליכטיגער איז געוואָרען די האָפענונג אין די וואונדערליכער אויפטואונגען פון דעם משיח. „וואַרט פאַר אים", האָט געזאָגט רבי יוחנן. „ווען דו וועסט באַמערקען, ווי די דורות פון ישראל ווערען קלענער און קלענער, און עס באַפאַלען זיי פיל צרות, איז אַ סימן, אַז ער קומט."[6]) מיט אַנדערע ווערטער, וואָס פינצטערער דאָס לעבען, אַלץ מער איז די האָפענונג פאַרשטאַרקט געוואָרען.

רבי יהודה, וועלכער האָט געלעבט באַלד נאָך דעם אויפשטאַנד פון בר כוכבא, און בייגעוואוינט די בייזע רשעות פון האַדריאַן, האָט זיך באַמיט אַנצוהאַלטען דעם פאָלק'ס האָפענונג דורך די שרעקליכסטע באַשרייבונגען פון די גרעסטע צרות און ליידען, וואָס אידען דאַרפען פאַרטראָגען און אויסדולדען איידער משיח קען אַראָפּקומען. די געוויינליכע באַגריפען פון אָט די פאַר־משיח'ישע ליידען זיינען געוואָרען אַזוי שרעקליך, אַז עס ווערט אונז געזאָגט אויף'ן זעלביגען שטעל אין תלמוד, דאָס מאַנכע פון די רבנים האָבען אפילו געבעטען, אַז משיח זאָל נישט קומען פאַר זייער לעבען:[7])

עס איז, באמת, באַלד דערשינען אַ גאַנצע לערע וועגען אָט די חבלי המשיח, די ווייטאָגען פון דעם משיח'ס אַראָפּקומען, וואָס די צייט דאַרף געבוירען.[8]) די קריסטליכע טעאָלאָגיע האָט זיך באַנוצט מיט אָט די לערעס, טראַנספאָרמירענדיג זיי צו זייער אייגענער דאָקטרין, אַז דער משיח, וואָס דאַרף דערשיינען, מוז אַדורכמאַכען פיל פיין און ליידען. דאָך, דערמאָנט אונז פּראָפעסאָר מור גאַנץ ריכטיג, אַז אָט די ליידען, פון וואָס עס ווערט גערעדט אין דער אידישער ליטע־ראַטור, גייט נישט אויף דעם משיח גופא, נאָר אויף די מענשען, וואָס וואַרטען אויף אים; זיי זיינען געווען „די ווייטאָגען פון מוטער ציון, וואָס „גייט־צו־קינד" און דאַרף געבוירען דעם משיח — אָהן שום מליצה גערעדט, דאָס אידיש פאָלק."[9]) איז ווען מיר קוקען זיך צו, וואָס ישראל לידט היינט צו טאָג, זיינען מיר גענייגט צו גלויבען, אַז מיר זיינען לעבעדיגע עדות פון די חבלי המשיח, די ווייטאָגען, וואָס מוזען ברענגען דאָס געבורט פון אַ משיח, אַ דערלייזער פון אונזער דער־שלאָגען און דערדריקט פאָלק!

בשעת מיר גייען אָן מיט אונזערע אינטערפּרעטאַציעס פון חז"ל און זייערע דיסקוסיעס איבער אונזער ענין, ווערען מיר איבערראַשט פון זייער נישט־געשטעלטקייט און אומבאַשטענדיגקייט. עס איז אמת, אַז די דאָזיגע האָפענונג אויף אַ משיח געפינט אַ מער אַנגעזעענעם און אויספירליכען אויסדרוק אין דעם תלמוד און אין מדרש ווי וועל־כער אַנדער גלויבען אָדער דאגמאַ, אָבער די באַגריפען, וואָס ווערען באַהאַנדעלט און אַרויסגעזאָגט וועגען משיח אונטערשיידען זיך זייער

פיל צווישען די אינדיווידועלע רבנים. נאָכאַלעמען, ווי מיר האָבען פריער באַמערקט, געפינען מיר זיך דאָ „אין דער קעניגרייך פון דער אגדתא" — און די אַרויסגעזאָגטע זאַכען האָבען נישט קיין אויטאָרי־טעטע קראַפט פון דער הלכה אָדער פון דער יורידישער פאַזע פון דער אידישער לערע. דער חילוק צווישען אָט די ספערען, איז געווען זייער שיין אַרויסגעזאָגט אין דער קלוגער כאַראַקטעריזאַציע, אַז: „די הלכה, קומט אַרויס פון מח; די אגדתא — פון האַרצען; די ערשטע איז פּראָזע, די צווייטע איז פּאָעזיע".[10]) אין באַצוג צו דעם איצטיגען עניין געפינען מיר זיך אין דער קעניגרייך פון האַרצען, אין דער ספערע פון פּאָעזיע; דעריבער איז שוין קיין שום וואונדער נישט, וואָס מיר באַגעגענען זיך דאָ פּנים אל פּנים מיט אַזויפיל פאַר־שיידענאַרטיגע מיינונגען און באַשרייבונגען. „זיי כוואַליען זיך און ענדערען זיך",[11]) זאָגט אונז פּראָפעסאָר שעכטער, „מיט די גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונגען און פאַרשיידענאַרטיגע איינפלוסען דורך וועלכע זיי זיינען געוואָרען פאַרגעשלאָגען." אָבער, גיט ער אויסגעצ־ייכענט צו, „עס זיינען אויך דאָ פיקסירטע עלעמענטען אין זיי, וואָס מען קען זיי טרעפען אין דער רבנישער ליטעראַטור פון כמעט יעדען דור און יעדער צייט."

איינער פון די פיקסירטע עלעמענטען איז דער גלויבען אין אַ פּערזענליכען משיח, אַ גזע, אַ צווייג פון הויז פון דוד, וועלכער דאַרף דערשיינען און אַריינפירען ישראל, דאָס אידיש פאָלק, צוריק אין זיין לאַנד אַריין, און, דורך אַ מאָראַלישער ווידערגעבורט, געווי־נען אויף זיין זייט די אַלע אומות העולם, אַז זיי זאָלען גלויבען אין גאָט אחד. „מיר וועלען גיין מיט דיר, מחמת מיר האָבען געהערט, אַז גאָט איז מיט דיר".[12]) ווי עס שטייט אין ספר זכריהו, — דאָס וועט זיין דער רעפריין פון דעם כאָר, וואָס וועט רעפּרעזענטירען אַלע פעלקער פון דער וועלט. אָבער, אָט דער משיח וועט זיין אַ מענש, און ניט קיין געטליכער וועזען; אַלע זיינען אַטריביוטען וועלען זיין די פון אַ מענשליכען וועזען, הגם פון העכסטען מעגליכסטען טיפּ פון פאָל־קומענהייט. אָט די דאָזיגע גאַנצע משיח'ישע קאָנצעפּציע האָט שטענ־דיג אין זיך געטראָגען אַ באַשטימטען ערדישען בליק. און קיין שום איבערמענשליכע אייגענשאַפט וועט מען ניט טרעפען אין דעם־אָ־משיח. ער וועט זיין דער אידעאַלער מענש, און דער אידעאַלער פירער, און דאָס אַלץ.

רבי קיבא איז געטאַדעלט געוואָרען פון רבי יוסי פון גליל, פאַר „אומווירדיגען די געטליכע אנוועזענהייט", לערנענדיג, אַז משיח פאַר־נעמט אַ שטול נעבען גאָט.[13]) אויב נסים דאַרפען געשען, וועט זיי שוין

גאָט אַליין דורכפירען. דעם משיח׳ס אָנקומען וועט נישט משנה זיין דעם גאַנג פון דער נאַטור. די איינציגע ענדערונג וועט זיין, וואָס די וועלט וועט אַנערקענען די איינציגקייט און גערעכטיגקייט פון גאָט, און וואָס עס וועט הערשען שלום און פרידען צווישען אַלע מענשען איבער גאָר דער וועלט. ישראל וועט פריי זיין פון אַלע אונטערטעניגקייטען — דאָס איז די הויפט כאַראַקטעריזאַציע פון יענער צייט. „עס גיט נישט קיין חילוק״, זאָגט דער תלמוד, „צווישען דער איצטיגער צייט און די טעג פון משיח, חוץ שעבוד מלכיות, די באַפרייאונג פון דעם יאָך פון אַנדערע הערשער״,[41] די רעסטאַוראַציע, דער אויפבוי פון ישראל׳ס אומאָפהענגיגקייט!

דער רמב״ם גיט אונז אַ קלאָר און ראַציאָנאַל בילד פון דעם רבנישען בליק איבער דער משיח־צייט. „שטעלט זיך נישט פאָר״, וואָרענט ער אונז, „אַז אין די טעג פון משיח וועט דער גאַנג פון דער נאַטור זיך ענדערען אויף וועלכען עס איז שטייגער, אָדער עס וועט פאָרקומען אַ וועלכע עס איז נייע באַשאַפונג״[61]. לויט אים, וועט אין יענער צייט נישט זיין אַזאַ מין זאַך ווי אומשטערבליכקייט, הגם דער שפּאַן פון לעבען וועט זיין פיל לענגער, ווי היינט צו טאָג. די סאַמע גרעסטע ברכה, וואָס ס׳וועט דאַן צוקומען דעם מענשען איז, וואָס ער וועט נישט געשראָקען ווערען און צעשטערט ווערען פון מלחמה, און אַזוינאָך וועט ער קענען זיך איבערגעבען מער צו לערנען און שטודירן און אָפּהיטען גאָט׳ס געזעץ.[16]

עס זיינען דאָ זייער פיל און פאַרשיידענע אָנבליקען, וואָס די משיח־אידעע האָט אָנגענומען דורך די אַלע דור־דורות פון איר אַנטוויקלונג; דאָס וואָלט געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט צו דיסקוטירען, ווען מיר וואָלטען געקענט אָפּגעבען דעם ענין די געהעריגע צייט אַריינצוגיין בפּרוטרוט, אין דעטאַלען, ווי עס פאַרלאַנגט זיך. עס שפּילט, למשל, אַ גרויסע ראָליע אליהו הנביא, וועלכער דאַרף דינען אַלס דער אָנזאָגער פון משיח. דער נביא מיכה איז געווען דער ערשטער צו אַנטוויקלען אָט דעם געדאַנק — אַז אליהו וועט צוערשט דערשיינען מודיע צו זיין דאָס אָנקומען פון דעם גרויסען טאָג פון גאָט[1]. זייער פיל לעגענדע ווערען דערציילט וועגען דער ראָליע, וואָס אים איז באַשערט צו שפּילען. עס איז אויך פאַראַן אַ געוויסע טעאָריע, וואָס גייט אַרום ספּעציעל אין דער שפּעטערער ליטעראַטור, וועגען אַן אַנדער משיח, וואָס וועט דערשיינען, איידער דער אמת׳ער משיח וועט אַראָפּקומען — דער משיח בן יוסף, פון דעם שבט אפרים. ער וועט אַריין אין מלחמה, און בלויז דאַן ערשט ווען ער וועט דורכפאַלען, וועט דערשיינען משיח, דער זון פון דוד. דער תלמוד דער־

מאַנט בלויז צוויי מאָל,[18] אין מסכת סוכה, אָבער, עס ווערט וועגען אים אויך אָפט גערעדט אין דעם תרגום און אין דער ליטעראַטור פון דעם מדרש. די נביאים איז ער לחלוטין אומבאַקאַנט. געלערענטע זאָגען, אַז אָט דער צווייטער משיח ציט זיין יניקה פון דער צייט, ווען בר כוכבא איז דורכגעפאַלען אין זיין העלדישען אויפשטאַנד. טאַקע דערפאַר, וואָס בר כוכבא איז געווען דער איינציגער גרויסער קריגער, דער פיזישער פירער, און נישט אידענטיפיצירט אויף קיין שום שטייגער מיט גייסטיגער פירערשאַפט, האָט זיך צוליב דעם אַנטוויקעלט דער געדאַנק, אַז צוערשט מוז קומען דער משיח אין דער ראָליע פון אַ קריגער, און גלייך נאָך אים דער משיח, וואָס וועט זיין דער גייסטיגער דערלייזער. בר כוכבא'ס דורכפאַל איז אַזוינאָך פאַררעכענט געוואָרען אַלס געשעעניש, וואָס וועט ראַטעווען די „מאָראַל", די זיטליכקייט, פון פאָלק, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען אַזוי בראַוו און מוטיג. דער ערשטער משיח, דער קריגער, מוז כאַפּען אַ מפּלה, און דורכפאַלען אין קריג, און ערשט דאַן וועט אַראָפּקומען דער ריכטיגער משיח.[19] דער רמב"ם שווייגט אין גאַנצען איבער דעם, אַזוי אויך אַלבאָ אין זיין ווערק „עיקרים" און יהודה הלוי אין זיין כוזרי. דער רמב"ם, וועלכער רירט אָן אַלע אַזעלכע מיני שפּעטערדיגע נייגונגען און טעאָריעס, גיט אונז אָט די קלוגע עצה:

„מאַנכע פון אונזערע חכמים גלויבען, אַז אליהו וועט קומען פאַר משיח; אָבער וועגען אָט די אַלע און ענליכע זאַכען, ווייסט נאָך קיין מענש נישט באַשטימט ווי אַזוי זיי וועלען פאַרקומען; אין די נביאים ווערען זיי נישט דערקלערט, און אונזערע חז"ל האַלטען נישט אָן קיין שום טראַדיציע וועגען זיי; די חז"ל נעמען בלויז אויף און אַדאָפּטירען דאָס, וואָס זיי גלויבען צו זיין דער זין און באַדייט פון די ביבלישע שטעלען, וואָס האָבען צו טאָן מיט דעם ענין. דעריבער איז פאַראַן אַזעלכע חילוקי דעות. וואָס עס זאָל נישט זיין, די אָרדענונג און די פּרטים פון אָט די פאַסירונגען פאָרמירען נישט קיין שום וויכטיגען טייל פון אונזער תורה".[20]

די דאָקטרין פון תחית המתים מוז אויך ווערען באַטראַכט אַלס אַ טייל פון דער משיח'ישער סכעמע, אין אַ גרויסער מאָס, ווי מיר האָבען שוין באַמערקט, צוליב דעם איינפלוס פון דער אַפּאָקאַליפּטישער ליטעראַטור. אַפילו דאָ גיט נישט קיין שום פּאָזיטיווע באַהויפּטונג מכח דער צייט ווען אָט דער נס וועט פאַסירען, צי אין דעם סאַמע אָנהויב, אָדער ביים סאַמע סוף, פון דער משיח'ישער צייט. דאָך, אַפילו אין אָט דער מיסטישער לערע, איז אינטערעסאַנט צו מערקען ווי שטאַרק עס איז געווען דער נאַציאָנאַלער סענטימענט, דער פראַ־

דוקט פון די אָריגינעלע זוימען פון וואַנען די גאַנצע משיח־אידעע האָט געצויגען איר אמת׳ע יניקה. די אָנגענומענע מיינונג פון תחיית המתים איז, אַז דער נס וועט פּאַרקומען נאָר אין ארץ־ישראל — די מענשען, וואָס ליגען באַגראָבען מחוץ פון ארץ ישראל, דאָס הייליגע לאַנד, וועלען מוזען זיך קייקלען דורך די אונטערערדישע וועגען ביז זיי וועלען צוקומען צו ארץ ישראל.[21]). אָך, ווי פאַרפּלאָנטערט און דאָך ווי שאַרף־קלאָר עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אָט דער נאַציאָנאַלער עלעמענט פון דער משיח־אידעע!

עס זיינען נאָך פאַראַן פיל אַנדערע פאַנטאַסטישע מעשיות מיט וועלכע די משיח־אידעע איז געווען פאַרבונדען, ספּעציעל מיט דעם אויפשטייג פון דער מיסטישער ליטעראַטור אין די שפּעטערע יאָרען. איר האָט מסתמא געהערט פון דער גרויסער צאָל פאָלקס־געזאַנגען, מיט דעם רעפריין: „וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען?״ דאָס קען אונז, אין אַ געוויסער מאָס דערקלערען, אַז ווען מ׳האָט צו טאָן מיט אַן אומבאַוואוסטען ענין איז זייער גרינג צו מגזם זיין דעם גלאַנץ פון דער פאַנטאַסטישער זאַך, וואָס דאַרף דערשיינען. אין דער תלמודישער צייט טרעפען מיר שוין, ווי רבי גמליאל דער צווייטער, דער נאָכפאָלגער פון רבי יוחנן בן זכאי, אָוועקגעטראָגען פון זיין פאַר־שטעלונגס־קראַפט, טראַכטענדיג לאַנג איבער די איבערנאַטירליכע וואונדער פון דער נייער צייט ווען משיח וועט קומען, האָט געגלויבט, אַז: פרויען וועלען דאַן געבוירען קינדער טאָג־טעגליך און ביימער וועט לען אַרויסגעבען צייטיגע פרוכט יעדען טאָג:[22]) יאָ, עס איז נישט קיין שיעור און קיין גרעניץ צו אָט די פאַנטאַסטישע און שיינע בילדער פון דעם מענשענ׳ס פאַרשטעלונגס־קראַפט, וואָס דער אידישער מח האָט געקענט באַשאַפען — אַלס אַן עמאַציאָנעלע באַפרייאונג פון דער בענקעניש פאַר דעם משיח, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע לעבען פון דעם אידען.

די משיח־האָפענונג האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעזעצט אין דעם באַוואוסטזיין פון פאָלק, אַז פיל פון זיי האָבען דורכגעמאַכט דעם נסיון אויסצופּרובירען, דורך אַלערליי חשבונות און קונצען, ווי אַזוינאָך צו אַנטדעקען „דעם סוף״ — און אויסצוגעפינען ווען דער גרויסער טאָג וועט קומען. ווי דער מענש, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אַפילו אין אַ שטרוי, אַזוי האָבען אָט די אומגליקליכע מענשען, אין זייערע פינצטערע טעג פון ליידען און צרות, זיך אָנגעכאַפּט און אָנגע־האַלטען זיך שטאַרק אָן די פילע שליסלען, וואָס האָבען זיי פאַר־שפּראָכען פאַראויסצוזאָגען דעם טאָג פון דער גרויסער געשעעניש

ווען משיח וועט קומען. די חז״ל האָבן געטאָן אַלץ, וואָס ביכולת צו אַנטמוטיקן אָט די טענדענץ; זיי האָבן פאָראויס געוואוסט די סכנה, וואָס אָפטע אַנטוישונגען ברענגען. הלל׳ס בראָווע דעקלאַראַציע, וואָס מיר האָבן אויבן דיסקוטירט, אַז „ישראל דאַרף נישט דערוואַרטן אַ משיח״, האָט אפשר אויך געהאָלפן אַנטמוטיקן אָט די אומגליקליכע איבונג פון באַמיען זיך צו אַנטדעקן דעם דאַטום ווען משיח וועט קומען.[23] איין תנא איז געגאַנגען אַזוי ווייט בנוגע אָט דער באַציאונג, אַז ער האָט זיך אויסגעדריקט אויף אַזאַ מין שטייגער: „עס זאָל די קללה פון דעם הימעל פאַלן אויף יענע קעפּ, וואָס פּרובירן אויס׳חשבונ׳ען דעם טאָג ווען משיח וועט קומען, און אַזוינאָך באַשאַפן פּאָליטישע און סאָציאַלע אומרו צווישן דעם פאָלק״.[24]

די זעלביקע טענדענץ האָט זיך אויך אַזוי אויסגעלאָזט אין דער דערשיינונג פון די פיל פאַלשע אָדער זעלבסט־איינגערעדטע משיחים, אַ טעמע, וואָס וואָלט צוזאַמענגעשטעלט אַן אינטערעסאַנטן קאַפּיטעל פאַר זיך אַליין.

נישט פיל ווייניגער אינטערעסאַנט פון די פאַרשיידענע פאַזען פון אונזער טעמע איז אויך די מאָדערנע פאַזע פון דעם משיח באַגריף. דאָס רעפאָרם־אידענטום, אָנהאַלטענדיק זיך אין איר טענדענץ צוריקצואווייזן אַלע נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין אידענטום, האָט נאַטירליך אָפּגעשאַפט אויך די פאַזע פון דעם משיח־באַגריף, און אויפגעהאַלטן בלויז די אוניווערסאַלע עלעמענטן.[25] די איינציקע באַוועגונג אין אידישן מאָדערנעם לעבן, וואָס בלייבט טריי צו ביידע, אָריגינעל און פונדאַמענטאַל פּראָפעטישע אידעאַלן, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט די משיח־האָפענונג, איז דער ציוניזם. פיל פון דעם דערפאָלג וואָס די באַוועגונג האָט געהאַט אין קענען פאַנגען דאָס הארץ און דעם מח פון די מאַסען פון אונזער פאָלק איז צוליב אָט דער אינערליך־איינגעבוירענער ליידענשאַפט פאַר דעם משיח־אידעאַל.

דער ציוניזם האָט אַפּעלירט צו דעם מאָדערנעם אידן אַלס די אַלטע משיח־אידעע אין אַ נייער ראָם. ס׳איז דעריבער קיין שום וואונדער נישט, וואָס זייער פיל מענשען האָבן ווירקליך אָנגעהויבן צו קוקן אויף טעאָדאָר הערצל ווי דער משיח![26] נאָך דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט מאַקס נאָרדוי באמת געהאַלטן פאַר נויטיק צו אַדרעסירן אַן אַרטיקל צו דעם העברעאיש־לייענענדיקן עולם, וואו ער האָט אומגעוואָרפן אַלע פּרעטענציעס פון משיחיזם בנוגע זיך אַליין אָדער בנוגע זיין קאָלעגע הערצל.

דער ציוניזם רעפּרעזענטירט אויך דאָס אומקערען זיך צו די אָריגינעלע, נאַטירליכע און ראַציאָנאַלע דערפאַרונגען פון דער משיח־האָפענונג — דאָס אַרונטערוואַרפען אַלע אָנגעקליבענע, פאַנטאַסטישע און נסים־פולע עלעמענטען מיט וועלכע די לעצטע דורות האָבען אַרומ־געוויקעלט זייער חלום. עס איז במילא אינטערעסאַנט צו מערקען ווי נישט קיין קלענערע פּערזענליכקייט ווי ראַבי הירש קאַליעשר, דער באַוואוסטער ראַבי אין טהארן, דייטשלאַנד, און איינער פון די פּרימ־סטע אַזוי גוט ווי איינער פון די גרעסטע תלמידי חכמים פון זיין דור, האָט נאָך אין דעם יאָר 1836 דערקלערט זיין פּאָזיציע אין באַצוג צו משיח אין אַ בריוו, וואָס ער האָט צוגעשיקט צו אַנשל מאיר ראָט־שילד. ער האָט צו אים אַזוי געשריבען: „קיינער דאַרף זיך נישט פאָרשטעלען, אַז משיח וועט אַראָפּקומען גאָר פּלוצים, און, דורך נסים און גרויסע וואונדער, וועט ער פירען די אידען צו זייער אַמאָליגען ירושה־לאַנד. דער אָנהויב פון דער דערלייזונג וועט פאָרקומען אויף אַ גאַנץ נאַטירליכען וועג, ווען דאָס אידיש פאָלק וועט זיך וועלען אומ־קערען און באַזעצען זיך אין ארץ ישראל, און אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלען זיי וועלען גערן העלפען אין אָט דער אַרבייט. נאָך דעם, ווי זייער פיל אידען וועלען זיך האָבען שוין באַזעצט אין ארץ ישראל — ערשט דאַן וועט גאָט זיי ווייזען אַלע גרויסע וואונדער. צוערשט וועט דערשיינען אַ מענש באַגאַבט מיט גרויסע נאַטירליכע פעאיגקייטען, וועלכער וועט צופירען צו דעם, אויף אַ נאַטירליכען וועג, אַז די אידען זאָלען זיך באַזעצען אין ארץ ישראל. און ערשט דאַן וועט גאָט אַרונטערשיקען זיין נביא און זיין געזאַלבטען מלך".[27])

אפשר איז אָט דאָס טאַקע דער אָנהויב מקור פון דער אליהו־אידעע, ווי מיר האָבען אויבען דערמאָנט, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם אידענ׳ס פאַנטאַזיע — דער באַגריף, אַז איידער ער קען דערשיינען, דאַרף זיין אָנקומען פריער אָנגעזאָגט ווערען און צוגעגרייט ווערען פון אַ פאַרלויפער. דער איד גופא האָט געזאָלט שפּילען די ראָליע פון אליהו, איידער משיח׳ס דערשיינונג קען ווערען פאַרזיכערט. יענער שטאַרקער קאַפּיטעל אין ספר ויקרא, באַקאַנט אַלס די תוכחה, וואו מיר טרעפען אויסגערעכענט אַלע קללות מיט וועלכע גאָט האָט געשראָקען צו באַוואַרפען דאָס פאָלק וואָס וועט אָפּווייכען פון אים, ענדיגט זיך מיט די פאַרזיכערטע ווערטער: „וזכרתי אני את בריתי יעקב!".[28]) און איך וועל געדענקען מיין בונד מיט יעקב. די חז"ל זייַנען געוואָרען מיסטיפיצירט פון אָט־דעם צוזאָג. אויב די קללות וועלען חלילה פאָרקומען, וואָס־זשע פאַר אַ ווערט קען עס זיין אין דעם, וואָס גאָט וועט געדענקען זיין פאָלק? די חכמים האָבען אָבער באַמערקט

דעם פאַקט, אַז דאָס וואָרט יעקוב, אין אָט דער פראַזע, איז אויסגע־לייגט מלא — מיט אַן עקסטראַ אות, וואָוו — להיפוך דעם שטייגער ווי עס איז געוויינליך אויסגעלייגט. „פינף מאָל" זאָגען זיי ווייטער „איז דאָס וואָרט יעקוב אויסגעלייגט אין דער ביבעל מיט אַן עקסטראַ וואָוו. און פינף מאָל, ס'איז זייער מאָדנע, איז דאָס וואָרט: אליה (דער נביא אליהו) אויסגעלייגט חסר, דאָס הייסט, וואו דער זעל־ביגער בוכשטאַב וואָוו ווערט אַרויסגעלאָזט!".[29]

אַך, וואָס פאַר אַ פאַרטיפונג די חכמים אַנטפּלעקען דאָ, און וואָס פאַר אַ גרויסאַרטיגען און נייעם באַדייט זיי לייגען עס אַריין אין אָט דער דאָזיגער פראַזע! און זיי זאָגען אַזוינאַך: „טראָץ די אַלע קללות פון דער תוכחה, וואָס קען אייך אפשר איבערראשען, דאַרפט איר דאָך נישט ווערען ביי זיך געפאַלען. איך וועל יאָ געדענקען דיר, אויב דו, יעקוב, — יעדער איד — וועט זיין יעקוב מלא, אויב איר וועט אין זיך לפחות פאַרגרעסערען אַ טייל פון דעם עסענץ פון אליהו! דאַן באמת, וועט אייער משיח, אייער דערלייזער, דערשיינען!" דער איד גופא, שפּילענדיג די ראָליע פון אליהו, איז דער פאַרלויפער פון דעם משיח — אָט דאָס איז די פונדאַמענטאַלע באַזע פון דער גאַנ־צער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע!

דער ציוניזם קען אַזוינאַך באַטראַכט ווערען ווי דאָס מאָדערנע קלייד פון דער אַלטער משיח'ישער האָפענונג, וואָס האָט צוגעגעבען דעם אידען לעבען, דורך די אַלע פאַרגאַנגענע דורות, און וואָס גיט אים נאָך היינט צו טאָג אַ פרישען אימפּעט און אַ נייעם ווילען צו לעבען פאַר אַ בעסערער צייט וואָס מוז געוויס קומען. דער ציוניזם האָט אויך די צוויפאַכיגע פונקציע ווי אַזוי זי איז געוואָרען געפריידיגט פון די נביאים. ער צילט צו געבען צוריק דעם אידען זיין נאַציאָ־נאַלען לעבען אין זיין היים־לאַנד, ארץ ישראל; און ער צילט אויך דורך אַ ניי־געבוירענעם אידען, ישראל, צו העלפען ברייגגען דעם ווידערגעבורט פון דער גאַנצער מענשהייט.

די משיח־אידעע האָט אויף דעם אופן, ווי מיר האָבען געזען, געראַטעוועט דעם אידען פון אומקום. זי האָט מאָטיווירט און באַרעכ־טיגט זיין עקזיסטענץ, זיינע קאַמפן, זיינע קרבנות! זי האָט אים געגעבען די צוטרויליכע פאַרזיכערטקייט, וואָס אַלע זיינע קאַמפען אוןליידען זיינען ווערט, צוליב די ברכות און דעם גליק וואָס דאָס פאָלק ישראל וועט באַקומען, ווי אים איז באַשערט, אין דעם גלאָררייכען טאָג וואָס דאַרף אָנקומען". דאָס איז נאָך אַלץ די הויפּט מאָטיווי־רענדע קראַפט און דאָס האַרץ פון אידענטום! עס באַגייסטערט אויך

דעם אידען צו אַרבייטען, שטרעבען און קעמפען פאַר דער פאַרבעסע־רונג פון יעדער פראָגרעסיווער באַוועגונג אין דער מענשליכער גע־זעלשאַפט. די וויזיע פון די נביאים, וואָס זאָגט פאָראויס דעם טאָג ווען פרידען וועט פאַרנעמען דעם אָרט פון קריג, ווען יעדער מענש וועט זיך קענען זעצען אונטער זיין ווייַנשטאָק און פייגענבוים און וועט פאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבען, ווען גערעכטיגקייט וועט פליסען ווי אַ טייך, און יושר ווי אַ וואַסער־פאַל, — דאָס אַלץ האָט זיך איינגעפלאַנצט אין דעם אידענ׳ס באַוואוסטזיין און האָט אים באַוועגט צו בעטען און צו בענקען, צו מיען זיך און זיך מקריב צו זיין פאַר דעם אָנקום פון יענער גלאָררייכער צייט פון ברכה פאַר דער גאַנצער מענשהייט. און פיל מער ווי דאָס, זיין האָפענונג אויף משיח, דירעקט און אומדירעקט, האָט באַאיינפלוסט אַלע פעלקער פון דער וועלט, און ס׳איז אויך פאַר זיי געוואָרען, פאַר אַלע אומות העולם דער מאָטיוו, די טרייבענדיגע קראַפט פון דער גאַנצער מענשליכער ציוויליזאַציע. מחמת די אוניווערסאַלע אַנשויאונגען פון דעם אידענ׳ס משיח אידעאַל זיינען געוועזן אויפגענומען און אדאפטירט פון די ליבעראַלע און ברייט־האַרציגע מענשען פון גרויסער וויזיע — פון אַלע גלויבענס און אַלע ראַסען, באַגייסטערענדיג אויך זיי צו וועלען פראָקלאַמירען דאָס אָנקו־מען פון אַ נייעם טאָג פון גליק און ברכה פאַר אַלע מענשען־קינדער פון דער וועלט.

עס איז אָט די משיח׳ישע וויזיע, די באַשאַפונג פון דער אידי־שער נשמה, וואָס באַאיינפלוסט אויך די דענקענדיגע מענער און פרויען פון אונזער מאָדערנער צייט. „ווייל", און דאָ וויל איך ווידער ציטירען די ווערטער פון דעם פאַרשטאָרבענעם איזראַעל פרידלענדער, „עס מאַכט נישט אויס ווי עקשנות׳דיג קאַלט די וויסענשאַפטליכע ספעקולאַ־ציעס זאָלען אונז דערמאָנען אין די בלינדע ברוטאַלע געזעצען פון דער נאַטור ; עס מאַכט נישט אויס ווי שטאַרק באַטאַנט דער מאָדערנער פילאָזאָפישער געדאַנק מעג באַשטרייטען אַ געוויסע וועלטליכע אַנ־שויאונג, וואָס איז באַזירט אויף דעם זוכען פון מענשליכען גליק, דאָך, אין דער טיפסטער טיפעניש פון אונזערע נשמות, האַלט אָן דער רעטענדיגער גלויבען אין אַ משיח אין דער צוקונפט, ווען די וועלט וועט מער נישט פול זיין מיט אומגערעכטיגקייט, און ווען די מענשהייט וועט געפירט ווערען פון די אידעאַלען פון יושר און גערעכ־טיגקייט". [80]

מיר קענען דעריבער זייער גרינג פאַרשטיין, וואָס דער זעליגער הערמאַן קאָהען, דער גרויסער פילאָזאָף פון אונזער אייגענער צייט

האָט געמיינט, ווען ער האָט געזאָגט: „אויב די אידישע רעליגיע וואָלט ניט אויפגעטאָן קיין שום אַנדער זאַך פאַר דער מענשהייט, ווי נאָר דאָס פּראָקלאַמירען די משיח־אידעע פון די נביאים פון אונזער ביבעל, וואָלט זי אַלץ געקענט מאָנען פאַר זיך דעם גרויסען נישט־אָפּשאַצענדיגען ווערט פון צו זיין דער סאָלידער פעלזען־פונדאַמענט פון דער ברייטער וועלט'ס עטישע קולטור!"[81].

דרייצענטער קאַפּיטעל

די שטעלונג פון אידענטום צו ארבעט

מיט איינינע יאָר צוריק איז דערשינען אַ בוך[1]) וואָס האָט גע־שילדערט מיט די גענויאַגסטע פאַרבען, וואָס די פאָרשטייער פון דעם אַרבייטער עלעמענט איבער גאָר דער וועלט האָבען געדענקט וועגען רעליגיע אין אַלגעמיין, און וועגען דער קירך, אַלס די פאָרשטייערין פון רעליגיע בפרט. וואָס פאַר אַ שוידערליכע באַשולדיגונג געגען דער קירך מיר האָבען פון דאָרט אַרויסגעלייענט! אַרבייטער־פירער פון יעדען לאַנד כמעט—אַמעריקע, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, רוסלאַנד, כינע, יאַפּאַן — דריקען אויס בשותפות — איינינע מער צאָרנדיג פון די אַנדערע — זייער וואָרנונג קעגען רעליגיע און זייער ביטער געפיל קעגען דער קירך. לויט זייער אַלעמענס אורטייל איז די קירך שטענ־דיג געווען און איז שוין אַזוי פאַרבליבען אַ „קלאַס־קירך", און דערי־בער איז אַרבייט געוואָרען אַ קירכענלאָזער קלאַס.

דזשיימס ה. מאָורער, דער פּרעזידענט פון דער „פּענסילווייניא פעדעריישאָן אָוו לייבאָר" פרעגט זייער זאַכליך: „האָט די קירך באַ־טראַגען אַרבייט?"[2]) דזשאָרדזש לענדסבורי, פון ענגלאַנד, שרייבט: „געוויינליכע אַרבייטער אין ענגלאַנד טראַכטען זייער ווייניג וועגען קירכען אָדער וועגען רעליגיע, מען קען נישט זאָגען, אַז זיי זיינען פיינדליך צו וועלכער עס איז פון די צוויי, נאָר גאַנץ פּשוט מחמת די קירכען עקזיסטירען נישט פאַר די גרויסע מאַסען פון אונזער פאָלק".[3])

ער קומט צום שלוס, אַז „די שטאַרקסטע אָפּאָזיציע קעגען די קירכען קומט פון די יעניגע, וואָס באַטראַכטען דאָס לעבען אַלס אַ גאַנצע; עס הייסט, פון די יעניגע, וואָס זיינען אומפעאיג אויפצונע־מען די לערע, אַז דאָס גייסטיגע לעבען איז איין אָפּטיילונג און דאָס געוויינליכע טאָג־טעגליכע לעבען פון שפּיל און אַרבייט איז אַן אַנ־דערע... די וועלכע קריטיקירען הויבען אָן מיט דער באַהויפּטונג, אַז רעליגיע איז עטוואָס, וואָס דאַרף אונז העלפען צו לעבען און נישט בלויז צוגרייטען אונז צום טויט."

און קאַגאַוואַ, דער פּאָפּולערער אַרבייטער־פירער פון יאַפּאַן, ציט אונטער דעם סך הכל, סומירט די באַציאונג פון די אַרבעטער־קלאַסען אין די פאָלגענדיגע שאַרפע, שטרענגע ווערטער: „אַרבייט באַטראַכט די קירך פאַר צו־יענער־וועלטיג. אַרבייט האַלט, אַז זי האָט נישט קיין שייכות מיט די אינטערעסען פון אַרבייט; אַז די קירך האָט פאַרלאָרען איר ציל אין אַט דער וועלט און זי קוקט בלויז אַרויף צום הימעל צו. אַרבייט הערט־אויף טראַכטען איבער רעליגיע און רעליגיע הערט־אויף טראַכטען איבער אַרבייט." [4])

טאָ לאָמיר זעען וואָס מיר קענען זאָגען וועגען דעם דאָזיגען ענין, וועגען אידענטום און וועגען דער שול אַלס אויסדרוק פון דעם אידישען גייסט. איך האָב דאָ ניט אין זינען דאָס אידענטום ווי פיל מענשען, צום באַדויערען, קוקען אויף דעם היינט צו טאָג. אויך טראַכט איך איצט ניט פון דער שול, ווי זי איז געוואָרען מאַכטלאָז און אונטערטעניג און זעהר פיל גנעדיג אין אונזער אייגענעם דור, און זי איז בלויז אַלס אַן אָפּקלאַנג פון די מער פּאָפּולערע און הערשענדע מיינונגען אַרום. איך דענק איצט פון דעם קלאַסישען אידענטום — דאָס אידענטום ווי עס ווערט אויסגעטייטשט אין אונזער תורה, אין אונזער תלמוד, אין אונזער דור־דורות'דיגער ליטעראַטור, און דאָס אידענטום וואָס האָט זיך לעבעדיג אָפּגעשפּיגעלט ווען די אידען האָבען מיט לייב און לעבען זיך איבער'געגעבען צו זייער העכסטער תורה. עס איז אמת, ווי אַ שאַרפער באַאָבאַכטער באַמערקט, אַז „אידען האָבען פון צייט צו צייט זיך טאַקע אַראָפּגעלאָזט צו דער נידעריגסטער שטופע פון דעם טרויעריגען סאָרט לעבען וואָס זיי האָבען געפירט, אָבער דאָס אידענטום איז פאַרבליבען אונבאַזיגבאַר שוועבענדיג הויך". [5]) וואָס האָט אָט דאָס דאָזיגע אונבאַזיגבאַרע הויך־שוועבענדיגע אידענטום צו זאָגען וועגען אַרבייט און דעם אַרבייטער? איז די אויבען־דערמאָנטע באַשולדיגונג אמת אויך וועגען אידענטום, אַז זי האָט פאַרנאַכלעסיגט און איז געווען גלייכגילטיג צום גורל פון דעם האָרעפּאַשניק און צו די פּראָבלעמען וואָס באַאומרואיגען אים?

די אייגענאַרטיגקייט פון אידענטום ליגט אין פאַקט וואָס זיין מאָראַל און אידעאַלען זיינען דורך און דורך דאָ־וועלטיג און נישט יענע־וועלטיג, וואָס זיין גאַנצער בליק אין באַצוג צו דער ראַלע פון מיסיע פון די לערען פון דער תורה קען ווערען אַרונטערגעצויגען אין די פאָלגענדע ווערטער: „וחי בהם, ולא שימות בהם". [6]) עס הייסט: ער זאָל לעבען דורך זיי און ניט שטאַרבען דורך זיי!

מיט אַ טיפען רעספּעקט האָט די אידישע מאָראַל און די הלכה, דאָס פירענדע געזעץ פון אידישען באַנעמען־זיך, געקוקט אויפ'ן

מענשליכען לעבען.[7] און דערפאַר האָט דאָס אידענטום נישט געקענט בלייבען גלייכגילטיג צו דעם פּראָצעס פון אַרבייט און צו דעם אַר־בייטער'ס לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך די גרויסע מאַיאָריטעט פון דער מענשהייט.

לאָמיר באַטראַכטען דאָס דאָזיגע לעבעדיגע אידענטום עטוואָס נעענטער און בפרוטרוט. לאָמיר אַ בלעטער טאָן די ערשטע זייטלעך פון דער ביבעל — דאָס אידישע העלדען־געדיכט פון דעם פּרימאָרגען פון דער מענשליכער געשיכטע. צווישען אַלע אַלטע פעלקער איז דאָס אויפהערען אַרבייטען דער טרוים פון זייער גן־עדן. דער קלאַסישער דיכטער אוויד פון דער גאָלדענער צייט זאָגט אַז: „די ערד וועט געבען איר פּרוכט אין גאַנצען אָהן דעם מענשען'ס מי".[8] אין דער אידישער פאָלקס־מעשה פון אָדמ'ען אין גן־עדן, פאַלט דער הויפּט טאָן אויפ'ן פּסוק, וואו „ער האָט אים אַריינגעלאָזט אין גן־עדן, אז ער זאָל אים באַאַרבייטען און אים אָפּהיטען".[9] עס רעדט זיך נישט דאָרט פון אויפהערען אַרבייטען, נאָר פאַרקערט „צו באַאַרבייטען". אָט דאָס איז דער באַגריף פון די שיינקייטען פון גן־עדן.

די תלמידי־חכמים באַאַרבייטען די דאָזיגע טעמע און גיבען צו אַ טיפערען מיין צו דער גאַנצער מעשה. ווען אָדם האָט דערהערט דעם אורטייל: „דו זאָלסט עסען דאָס גראָז פון פעלד", האָט ער אויס־געבראָכען אין אַ געוויין און געזאָגט: דאַרף איך עס מיט מיין אייזעל עסען פון איינער און דערזעלבער קאָריטע? דאָן קומט נאָך אַ פּסוק אים צו פאַרזיכערען: אין שוויס פון דיין געזיכט זאָלסטו עסען דיין ברויט. און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער מענש שטייט העכער פון דער חיה, אַז דער מענש וועט באַקומען זיין אמת'ע ווירדע דורך דער מאַכט פון אַרבייט.[10] נישט קיין קללה, נאָר אַ ברכה ליגט דאָ אין גאָט'ס באַפעל. עס איז אויך אמת, אַז אַרבייט איז היינט צו־טאָג ניט אַזוי גרינג ווי עס איז געווען אין גן־עדן. „עס קומט אָפּט אָן מיט מאַטערניש צו פאַרדינען דעם ביסען ברויט, ווי קינד־געבורט דער פּרוי". און מיר זאָלען ווידער ציטירען דעם תלמוד — און „פּונקט אַזוי שווער ווי שפּאַלטען דעם ים סוף, ווען גאָט האָט פאַנאַנדערגע־טיילט די וואַסערען", יעדענפאַלס, שטייט דער מענש פיל העכער פון דער חיה, ווייל זיין לעבען־מאַכען, שווער ווי עס זאָל ניט זיין, איז דאָך אַ באַלוינונג, וואָס דער מענש באַקומט איבערלייגטערהייט דורך זיין אייגענער אַרבייט.

אַרבייט, בכן, פאַרשטענערט, לויט דעם אידישען באַגריף, דעם מענשען'ס לעבען. לויט די אידישע גרויסע לערער, איז די פליכט צו אַרבייטען, אַ הייליגער באַפעל פון דער תורה. „מען האָט באַפוי־

לען דעם פאָלק ישראל זעקס טעג צו אַרבייטען, פונקט ווי מען האָט אים אָנגעזאָגט, אַז דעם זיבעטען טאָג זאָל ער רוען. ווייל, שטייט דען ניט געשריבען: „זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיין אַרבייט, און אויף דעם זיבעטען טאָג זאָלסטו רוען?".[11] צוליב דער אורזאַך, לויט אַ געוויסען לערער אין תלמוד, ווערט אַרבייט אין העברעאיש אָנגערופען עבודה — דאָס זעלבע וואָרט מיינט אין דער העברעאישער שפּראַך אויך „גאָטעס־דינסט" — ווייל אויך אַרבייט שטייט אַזוי הויך ווי גאָטעס־דינסט![12] איינער פון די שפּעטערע חכמים מאַכט די זעלטענע באַמערקונג, אַז אין גאָט'ס באַפעל „זעקס טעג זאָלסטו דינען און זאָלסט טאָן אַלע דיינע אַרבייטען", רעדט די תורה קודם כל פון עבודה און דאַן פון מלאכה, כדי אַרויסצובריינגען דעם זעלבען געדאַנק, אַז אין דעם פּראָצעס פון דורכפירען דיינע פאַרשיידענע אַרבייטען, טוסטו מיט דעם שוין דינען גאָט![13]

גאָט גופא, ווערט, לויט דער אַלטער ביבלישער מעשה, אויסגעמאָלען און געשילדערט ווי אַ גערטנער, ווי אַן אַרבייטער. איך ווייס, אַז עס געפינען זיך אָפּ שפּעטער און ציניקער, וועלכע נוצען עס אויס כדי אַרויסצורופען אַ שמייכעל מצד זייערע צוהערער: יאָ, דער גאָט פון די אידען איז באמת געווען אַן אַרבייטער; ער האָט פאַרפלאַנצט אַ גאָרטען, אַרונטערגעהאַקט ביימער; אַרומגעפּוצט די ברעגען פון די קוסטעס; געאַרבייט אין אַ וויין־גאָרטען! יאָ, עס גיט דעם אידען לויב און קרעדיט, וואָס די ביבעל שילדערט גאָט אויף דעם־אַ שטייגער. אָט דער פּאָעטישער פאַרגלייך איז צו דערהויבען דעם גאָט פון ישראל. עס שפּיגעלט אָפּ די געפילען און איבערצייגונגען פון די אידען. אַ פאָלק וואָס איז געווען ביכולת אין זיין פאָלקלאָר צו מאַכען זיין גאָט אַלס דעם פאַרפלאַנצער פון אַ גאָרטען איז געווען אַ לעבעדיג פאָלק, לעבעדיג צו די פיינקייטען און צו די נויטווענדיגקייטען פון אַרבייט אין לעבען.

אַרבייט איז פאַר דעם אידען אַ הייליגע מעלה, וואָס יעדער מענש מוז זי באַקומען. אַרבייט איז דער שאַפענדער ערדען־צייכען. דער מענש איז דער שותף, דער מיטאַרבייטער מיט גאָט אין דעם פּראָצעס פון באַשאַפען און דערוואַרבען.[14] „דער, וועלכער פּראָדוצירט צוליב דעם קיום העולם, צוליב אויפהאַלטען די וועלט, דער גיט ביישטייערונג צו אַ געטליכער אַרבייט".[15] עס איז ניט בלויז אַ צופאַל, וואָס משה, דער גרעסטער פון אַלע אידישע העלדען, האָט אויפגענומען דעם געטליכען רוף, בשעת ער האָט געפּיטערט די שאָף; עס איז ניט בלויז אַ צופאַל, וואָס דער ערשטער מלך פון ישראל איז גערופען געוואָרען בשעת ער האָט געאַקערט די ערד, און דער צווייטער, ווען ער

האָט אָפּגעהיט די רינד. עס באַווייזט די טיפסטע געפילען פון הויכער אָפּשאַצונג פון אַרבייט, וואָס האָט אַריינגעגעבען לעבען אין דער אידישער נשמה.

עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכען דעם דאָזיגען אַלטען אידישען באַגריף אויף אַרבייט, וואָס איז פאַרבליבען דאָס כאַראַקטע־ריסטישע פון דעם אידען אין פאַרלויף פון אַלע דורות, מיט די באַגרי־פען פון אַנדערע גרויסע פעלקער פון אַלטערטום. אַפילו די גריכען האָבען זיך ניט געקענט דערהויבען צו דעם באַגריף, אַז ערליכע און ניצליכע האַנט־אַרבייט איז אַ ריכטיגער וועג פון פרנסה. אַרבייט האָט ביי זיי געהאַט בלויז אַ שייכות מיט דעם שקלאַף און מיט דעם, וואָס האָט ניט געהאַט דעם הויכען ווערט צו באַלאַנגען צו די פריי־געבוירענע און נאָבעל־לייט. אַפילו אַריסטאָטעל האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז „אַרבייט פאַרטעמפּט דעם קאָפּ און דעם קערפּער און רויבט דעם מענשען פון זיין נאַטירליכען ווערט".[16] ער זאָגט אונז אויך, אַז „דער טיטול בירגער באַלאַנגט בלויז צו די וואָס דאַרפען ניט אַרבייטען, כדי צו קענען עקזיסטירען".[17]

אין קעגענזאַץ אָבער צו די דאָזיגע באַגריפען, איז די ביבעל און אויך דער תלמוד אָנגעפילט מיט די העכסטע סענטימענטען און לערען, וואָס דערהויבען און פאַרשענערען דעם אידעאַל פון אַרבייט. דער משורר פון תהילים דריקט אויס דעם נשמה־געפיל פון דעם אידען, זינגענדיג אויף דעם אופן: „ווען דו וועסט עסען פון דער מי פון דיינע הענט, וועסטו זיין גליקליך און עס וועט דיר וואויל זיין"; און צו דעם האָבען די חכמים צוגעגעבען: „יאָ, גליקליך וועסטו זיין אויף דער וועלט און גליקליך אויך אויף יענער וועלט!".[18] אויך די די אידעאַלע פרוי — די פרוי פון הויכמוטיגקייט, וועמעס לויב־געזאַנגען עס זינגט נאָך היינט צו טאָג דער פרומער איד יעדען פריי־טאָג צו נאַכטס — איז די, וועלכע „עסט ניט איר ניט־פאַרדינט ברויט".[19] ס'איז אַרבייט וואָס דערפרעהט דאָס האַרץ[20]; בלויז אַרבייט מאַכט דאָס שלאָפען זיס.[21] „אַרבייט שטייט הויך", זאָגט אַ רבי אין תלמוד, „ווייל אַרבייט ברייגט איר בעל הבית פיל כבוד".[22] אַ צווייטער רבי באַשליסט אויף אַן אַנדער אָרט אין תלמוד, אַז „קיין שום אַרבייט, ווי פּראָסט זי זאָל זיין, דערנידעריגט ניט דעם מענשען".[23] עס איז אין צייט פון תלמוד אָנגענומען געוואָרען שטאַרק די מיינונג, אַז „ווער עס פאַרנאַכלעסיגט צו לערנען זיין זון אַ מלאכה, דערציט אים צו ווערען אַ רויבער".[24]

דאָס אָפּעלירען פון דער ביבעל, „און דו זאָלסט זיך אויסקלייבען לעבען".[25] פאַרשטייט איינער פון די חכמים אַז דאָס מיינט: „די

זאָלסט זיך אויסקלייבען אַן אומנות, אַ מלאכה".[26]) „האָב ליב אַר־בייט",[27]) איז געווען די מאָטאָ פון שמעיה — הללס לערער. „שינד אָפּ אַ נבילה אין גאַס", לויטעט אַן אַנדער געוויינליך ווערטעל, „און זאָג נישט: איך בין אַ כהן אָדער איך בין אַ גדול, און עס פּאַסט ניט פאַר מיין כבוד".[28]) „אפילו גאָט אַליין האָט פאַרזיכערט יצחק'ן, דעם פּאַטריאַרך, — איך וועל דיך בענשען און פאַרמערען דיין זרע, האָט יצחק זיך גענומען צו אַרבייט און געפלאַנצט בוימער ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ברכה קען בלויז קומען דורך מיה און אַרבייט פון די אייגענע הענט".[29]) דער גאַנצער גייסט פון אידענטום אָטעמט מיט דעם אמת, וואָס איז עפּיגראַמאַטיש אויסגעדריקט אין דעם שלאָג־וואָרט, אַז מלאכה איז מלוכה, וואָס מיינט „אַרבייט איז אַ קעניגליכע זאַך!"[30])

און די דאָזיגע לערער האָבען ניט דערהויבען אַרבייט בלויז מיט וואָרט, נאָר אויך מיט טאַט. זיי האָבען פּראַקטיצירט די האַנטווערק אַזוי גוט ווי זיי האָבען זי געלויבט. רבי יוסף האָט געדרייט די ראָד פון אַ מיל; רבי ששת האָט געטראָגען קלעצער, ליבענדיג אַן אַרבייט, וואָס האָט אַרויסגעטריבען שווייס פון זיין פּנים.[31]) אַריבער הונדערט לערער, וועלכע ווערען דערמאָנט אין דעם תלמוד, זיינען געווען האַנט־ווערקער, און פילע פון זיי האָבען געטראָגען זייערע צונעמען לויט זייערע מלאכות. אין דער דאָזיגער רעפּובליק פון געלערענטע טרעפען מיר זיך אַן ניט נאָר מיט אַ דאָקטאָר,[32]) אַן אַסטראָנאָם[33]), אַן אַרכי־טעקט,[34]) אַ כירורג,[35]) אַ פעלדמעסטער,[36]) נאָר אויך אַ שוסטער, שניי־דער, בעקער, פּאַרפיומער, פישערמאַן, אַ קוגעל־קנעטער אַ האָלץ־שניצער, אַן אויוען־בויער, אַ פאַנטאָפעל־נייער, אַ שמיד, אַ טעפּער, אַ סטאָליאַר, און אַפילו אַ קברן.[37]) איינער פון די גרעסטע חכמים — רבי יהושע בן חנניה, איז געווען אַ שפּילקע־מאַכער אָדער בלעכער.[38])

עס איז נישט געווען בלויז אַ קאָמפּראָמיס אויף זייער צד, אַ נאָכ־געבונג צו די נויטווענדיגקייטען פון לעבען, זיי האָבען ניט באַטראַכט זייער אַרבייט ווי אַ בייזע נויטווענדיגקייט. פאַרקערט, עס איז געווען זייער עפענטליכע אנערקענונג פון דער שיינקייט, די נאָבעלקייט פון אַרבייט. ס'איז געווען זייער איבערצייגונג, אַז ווי געלערענט אַ מענש זאָל נישט זיין און ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, מוז ער אַרבייטען גלייך מיט אַלע אַנדערע מענשען. זיי האָבען געפילט, אַז זייער לערנען איז געוואָרען פאַרפיינערט אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער האַנטווערק.

און דאָס איז געווען אַזוי ניט נאָר אין די צייטען פון תלמוד, נאָר אויך אין מיטעלאַלטער, אַז די אידישע חכמים האָבען פאַרדינט זייער חיונה אַלס האַנטווערקער. ערשט אין דעם פערצענטען יאָרהונדערט זיינען די רבנים געוואָרען אָפּהענגיג אין זייער געמיינדע אַ לעבען

צו מאַכען.[39] דער רמב"ם, אַ שטאַרק פאַרנומענער מעדיקער, האָט זיך אויסגעשפּראָכען: איין איינציגע מטבע, וואָס אַ מענש פאַרדינט מיט זיינע אייגענע הענט, לאָמיר זאָגען, אַלס אַ וועבער, שניידער אָדער סטאָליאַר, איז ווערט מער ווי די גאַנצע הכנסה פון דעם ריש גלותא, וואָס ער באַקומט דורך מתנות פון אַנדערע".[40] ווען שפּינאָזע האָט זיך ענטזאָגט אַנצונעמען אַ פּראָפעסאָר־שטעלע און האָט ליבערשט געוואָלט זיין אַ פּאָלירער פון אויגען־גלעזער, האָט ער דאָס פאָרגע־זעצט די הויכגעשעצטע אידישע טראַדיציע.

עס איז אמת, אַז מיר געפינען יאָ אַמאָל, ווי אין די שריפטען פון בן סירא, אויסדרוקען, וואָס ווייזען זיך אַרויס צו זיין ניט סימפּאַטיש צו דער מלאכה פון אַ האַנטווערקער, אָדער פּראָסטען אַרבייטער. דער דאָזיגער איד פון דעם צווייטען יאָרהונדערט זאָגט אונז, אַז „דאָס געשפּרעך מיט חיות און דער בראָזג פון דעם האַמער און דער קאָוואָדלע זיינען ניט באַהילפיג צו געפינען חכמה".[41] אויך ער, פּונקט ווי אַריסטאָטעל, האָט געגלויבט, אַז פרייע, ליידיגע צייט מוז מען נויט־ווענדיג האָבען, כדי צו ערוואָרבען וויסען. בלויז „דער מענש, וואָס איז פריי פון וועלכער ס'איז באַשעפטיגונג, קען ווערען קלוג און געלערענט".[42] מיר מוזען אָבער אין זין האָבען, אַז מיר רעכענען זיך דאָ מיט דער מיינונג פון איינעם וואָס איז איינגעטונקט אין העלענישער קולטור און איז שטאַרק פון איר באַאיינפלוסט. ער איז דער „חכם און וועלט־מענש".[43] ער איז נישט דער איד, וואָס רעדט אַזעלכע רייד, נאָר אַן אָפּקלאַנג פון די אידעאַלען און לערען פון אַ פרעמדער קולטור, וואָס באַהערשט אים. און דאָך דעקט אַפילו בן סירא אַליין אויך זיין אמת'ן אידישען „איך", ווען ער גיט צו: „האָב ניט פיינט באַשטימטע לייסטונגען פון שווערער אַרבייט, ווייל ס'איז אויסגעטיילט פון גאָט אַליין".[44]

מיר מוזען אויך צוגעבען, אַז אַפילו אין תלמוד טרעפען מיר צעוואָרפענע מיינונגען דאָ און דאָרט, וואָס וואָלטען מאַכען אַן איינ־דרוק אויפ'ן אויבערפלעכליכען לעזער אַלס אַ דערנידעריגונג פון אַר־בייט. דאָך, ווען מען שטודירט דורך גענויער יענע מיינונגען, דעקט מען אויף דעם פאַקט, אַז זיי זיינען ניט געצילט קעגען אַרבייט דירעקט אַלס אַזעלכע, נאָר אַנטקעגען דעם וואָס אַרבייט זאָל זיין אַ במקום לערנען, זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון לערנען. איך דאַרף דאָ ניט דערציילען, וואָס פאַר אַ ראָליע דאָס לערנען האָט געשפּילט אין דעם לעבען פון דעם אידען. לערנען איז פאַר אים געווען דער גרעסטער חוב פון אַ מענשען, און אויך דער העכסטער אידעאַל. ער האָט קיינ־מאָל ניט אַרויסגעלאָזט פון זיין געדאַנק די עצה פון דער תורה: „דאָס

בוך פון געזעץ זאָל זיך ניט אָפּטאָן פון דיינע ליפּען, נאָר דו זאָלסט זועגען אים טראַכטען טאָג און נאַכט".[45]) אָבער די דאָזיגע מיינונג האָט צערודערט די מוחות פון זייער פיל חכמים. אויב אַ מענש מוז טראַכטען און לערנען די תורה, האָבען זיי צו זיך געזאָגט, טאָג און נאַכט, ווי אַזוי און ווען קען ער דאַן אַרבייטען? נאָר, כדי מיר זאָלען נישט נעמען די דאָזיגע ווערטער בוכשטעבליך, און אַזוי נאָך פאַר־נאַכלעסיגען אונזער טעגליכע אַרבייט, דערמאָנט אונז רבי ישמעאל, אַז די תורה זאָגט אונז אויך: „און דו זאָלסט אויך איינזאַמלען דיין קאָרן און אַריינבנעמען דיין ווייו און דיין בוימעל".[46]) אין אַנדערע ווערטער, ביידע באַפעלען מוזען גענומען ווערען צוזאַמען — לערנען און אַרבייטען, אַרבייט און לערנען. אָט דאָס איז ערשט דער אמת'ער אידעאַל פון אידענטום.

רבי ישמעאל זאָגט דאָך אַרויס די אָנגענומענע מיינונג פון כלל ישראל. דאָך, האָט ר' שמעון בן יוחאי צוריקגעוויזען די דאָזיגע מיינונג. עס זעט אויס, אַז די דאָזיגע אויסטייטשונג וואָלט געגעבען צו איינעם, וואָס וואָלט עס געגאַרט, אַ צו גרינגע אַנטשולדיגונג פאַר נישט לערנען. עס הייסט, אַז איינער, וואָס האָט ניט קיין צו שטאַרקען חשק צום לערנען, וואָלט שטענדיג זייער לייכט ריינגעוואַשען זיין געוויסען דורך דעם אויסרייד, אַז אַרבייט פאַרלאַנגט זיין גאַנצע אויפ־מערקזאַמקייט. און ר' שמעון האָט פאַרגעשלאָגען, אַז קיין זאַך זאָל נישט שטיין אין דעם מענשענ'ס וועג אָפּצוהאַלטען דאָס לערנען פון גאָט'ס וואָרט. מכח די טעגליכע הצטרכות'ן פון לעבען און פרנסה, פאַר דעם דאַרף מען זיך ניט זאָרגען! „ווען ישראל האַנדעלט לויט גאָט'ס פאַרלאַנג, וועט שוין זיין אַרבייט ווערען דורכגעפירט דורך אַנדערע".[47]) דער דאָזיגער אַסקעטישער בליק פון ר' שמעון איז אָבער בלויז שייך צו דעם, וואָס געהערט זיך אָן מיט זיין אייגענעם אַסקעטישען לעבען.[48]) די לעגענדע דערציילט אונז, אַז צוליב דער אונטערדריקונג פון די רוימער האָט זיך ר' שמעון מיט זיינע תלמידים באַהאַלטען אין אַ הייל, און דאָרטען האָבען זיי פילע יאָרען פאַרבראַכט אין לערנען און אין טראַכטען. אין געוויסע טעג זיינען זיי אַרויסגע־קומען פון הייל און האָבען זיך איינגעקוקט אין די מענשען, וואָס האָבען באַאַרבייט די ערד. האָט זיך ר' שמעון געווענדט צו זיינע תלמידים און אַזוי באַמערקט: „אָט די מענשען פאַרנאַכלעסיגען דאָס אייביגע לעבען און פאַרנעמען זיך בלויז מיט צייטווייליגע באַדערפענישען". די לעגענדע גייט אָן ווייטער און דערציילט, „אַז אַלץ, אויף וואָס עס זיינען נאָר געפאַלען די בליקען פון ר' שמעון מיט זיינע תלמידים, איז פאַרצערט געוואָרען פון פייער. באַלד האָט זיך דערהערט אַ בת־קול,

אַ שטימע פון הימעל, וואָס האָט זיי אַזוי געזאָגט: „איר זייט אַרויס־געקומען צו פאַרניכטען מיין וועלט, קערט זיך צוריק אין אייער הייל אַריין".[49])

דער דאָזיגער בת קול האָט רעפּרעזענטירט די שטימע פון דער אידישער נשמה. ווען ר' שמעון'ס בליק אויף אַרבייט וואָלט אָנגע־נומען געוואָרען, וואָלט עס געהאָלפען ניט אויפצוהאַלטען, נאָר גיכער צו צעשטערען גאָט'ס וועלט. די אמוראים האָבען עס עפּענטליך צו־ריקגעוויזען. אביי האָט געזאָגט: „פילע האָבען געהאַנדעלט ווי ר' ישמעאל, און זיי האָבען געהאָט דערפאָלג, בשעת די, וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט ר' שמעון'ען זיינען דורכגעפאַלען".[50]) מיר ווייסען, אַז רבא, דער גרויסער לערער פון זיין דור, האָט באַפוילען זיינע תלמידים צו פאַרבלייבען אין דער היים און ניט קומען אין דער ישיבה דורך געוויסע סעזאָנען פון דעם יאָר, כדי זיי זאָלען דערפילען זייער פליכט צו ערד־אַרבייט.[51])

אין גאַנצען אַנדערש ווי אַריסטאָטעל און בן סירא, און אין גאַנצען אַנדערש ווי דער אַסקעטישער ר' שמעון, האָבען די חכמים געלערענט, אַז „לערנען אַליין, ווען עס געהט ניט צוזאַמען מיט האַנט־אַרבייט, לאָזט זיך אויס מיט גאָרנישט און ס'ברייננגט בלויז זינד".[52]) כאָטש לערנען איז זייער הויך אָפּגעשאַצט געוואָרען, דאָך האָט אַן אַרבייטער נישט באַדאַרפט אויפשטעלען זיך אַפילו פאַר אַ תלמיד חכם בשעת ער איז געווען פאַרנומען מיט זיין אַרבייט.[53]) ס'איז באמת נישטאָ צווישען אַרבייטער און תלמיד חכם קיין אויבערמאַכט פון קלאַס. דער מדרש דערציילט אונז, אַז אַ געוויסער שמעון סיבנא, אַ גרעבער פון ברונע־מער און אַן אַרבייטער אין די היילען, האָט איינמאָל אָפּגעשטעלט דעם באַוואוסטען ר' יוחנן בן זכאי און צו אים געזאָגט: „רבי, איך בין אַזוי גרויס ווי איר זייט". האָט ר' יוחנן אים געענטפערט: „איך בין דאָך אָבער דער ראש הישיבה". „און איך, — האָט ווידער אָפּגע־ענטפערט דער ברונעם־גרעבער, — איך בין אַ האַרעפּאַשניק, אַן אַר־בייטער, און דערפאַר בין איך אַזוי וויכטיג ווי איר, ווייל אויך איך, ווי איר, בין באַשעפטיגט אין דערפילען די באַדערפענשען פון פל מענ־שען!"[54]) יאָ, ביידע האָבען דורכגעפירט גאָט'ס באַשטימטע אויפגאַ־בען, ווייל די לערער פון דער באַרימטער ישיבה פון יבנה וואָלטען זאָגען: „איך בין גאָט'ס באַשעפעניש און מיין שכן איז אויך זיין באַשע־פעניש. מיין באַגריף איז אין שטאָט, און זיין באַרוף איז אין דאָרף. איך גיי פרי צו מיין אַרבייט און ער גייט זיך צו זיינער. אַזוי ווי ער קען נישט איבערשטייגען אין מיין אַרבייט, אַזוי קען איך אים נישט איבערשטייגען אין זיינער. איך פיר דורך גרויסע זאַכען און ער —

קליינע זאַכען, האָבען מיר אָבער אויף דעם געלערענט, אַז עס מאַכט נישט לחלוטין קיין אונטערשייד צי אַ מענש טוט אויף גרויסע זאַכען צי קליינע זאַכען. זיין באַלוינונג וועט זיין די זעלבע, אַזוי לאַנג ווי זיין האַרץ איז געווענדט צו גאָט".[55])

דאָס איז נישט אַזוי געווען בלויז ביי די פעלקער פון אַלטערטום, ביי וועלכע אַרבייט איז באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ דערנידעריגונג און שאַנד־פלעק. „אין יעדען דור ביז היינט צו טאָג", זאָגט אונז אַ גרויסער אויטאָריטעט, „איז תמיד געלעגען אַ שאַנד־פלעק אויף פּראָסטע אַר־בייט; דאָס טוט באַוועגען מענשען אויסצואַרבייטען פאַרשיידענע פּלענער און איינפאַלען צו לעבען אָהן אַרבייט, און זיי שטעלען זיך דאַגעגען אַפילו היינט צו טאָג קעגען יעדער האַנדלונג, וואָס קען זיי אַוועקשטעלען, חלילה, אין סכנה צו לעבען פון די מי פון אַנדערע".[56]) אָט דעם שאַנד־פלעק געפינט מען נישט אין אידענטום. די שיינע אידעאַלען פון אַרבייט, וואָס ווערען געפּריידיגט פון געזעצגעבער און נביאים, דיכטער און חכמים, דורך לערע אָדער ביישפּיל, האָ־בען זיך איינגעוואָרצעלט אין מענשענ'ס האַרץ און האָבען פאַראורזאַכט, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל ווערען אַ פאָלק פון אַרבייטער און האַרעפּאַשניקעס. גאַנצע שטעט פון פּאַרציייטען זיינען באַרימט געוואָרען פאַר געוויסע קלאַסען אַרבייט, צום ביישפּיל: מגדלא, פאַר פאַרבעריי;[57]) כפר חנניה, פאַר טעפּער; ציפּורין, פאַר וועבעריי.[58]) יוסיפון גיט איבער, אַז גליל, די געגענד פון צפון זייט פון ארץ־ישראל, „איז אין גאַנצען קולטיווירט פון אירע איינוואוינער און קיין פּיצעל ערד ליגט ניט פאַרלאָזען".[59]) דער תלמוד וויזט אָן דעם פאַקט, אַז אין אַלעקסאַנדריא איז די צאָל פון אַרבייטער און מעכאַניקער געווען אַזוי גרויס, אַז אין דער סינאַגאָגע, וואָס איז געווען אויסערגעוויינליך גרויס, זיינען די מענשען דאָרט ניט געזעסען אויסגעמישטערהייט, נאָר די מיטגלידער זיינען געזעסען לויט דעם שטאַנד פון דער פאַרשיידע־נער האַנט־ווערק אָדער באַשעפטיגונג. דער גאָלדשמיד, דער זילבער־שמיד, קופּערשמיד און וועבער — יעדער האָט געהאַט זיין אייגענעם פּלאַץ און אָרט. און ווען אַן אָרימער דורכרייזענדער איז דאָרט אָנגעקו־מען, האָט ער פאַרנומען זיין פּלאַץ צווישען זיין קלאַס, וואָס איז אים באַהילפיג געווען ביז ער האָט געפונען אַרבייט.[60])

ביז צו דער צייט, ווען ס'האָט זיך אויפגעלייזט די נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיגקייט פון די אידען, זיינען אַגריקולטור און האַנט־ווערק געווען די צוויי הויפּט באַשעפטיגונגען. בלויז שפּעטער צו, צוליב זייער צעזייטקייט איבער אַלע עקען וועלט און צוליב זייערע שמאָלע גרעניצען, וואָס האָבען אַרומגענומען זייער אַקטיוויטעט, זיינען זיי

געוואָרען אַ פאָלק פון הענדלער און פאַרמיטלער, פאַרנעמענדיג דעם פלאַץ פון די אַלטע פעניציער.[61]) און אַפילו אין די שפּעטערע צייטען, ווען מ׳האָט זיי נאָר געשענקט די געלעגענהייט, האָבען זיי גלייך אַראָפּ־געוואָרפען פון זיך דעם יאָך און די זאָרג פון דעם הענדלער׳ס לעבען און האָבען זיך צוריקגענומען צו קונסט־ווערק און האַנט־ווערק. די געשיכטע דערציילט אונז, אַז ווען פערדינאַנד האָט געדראָהט אַרויסצו־טרייבען די אידען פון סיציליע אין דעם פופצענטען יאָרהונדערט, האָ־בען די שטאָט־אַדוואָקאַטען געבעטען דעם קעניג לטובה די אידען, לייגענדיג געוויכט אויף דעם פאַקט, אַז זייער אַפּשייד וועט ברייגען פאַרוויסטונג און שאָדען די קריסטען גראד אַזוי פיל. זייער אַרגומענט איז געווען, אַז „כמעט אַלע האַנט־ווערקער אין דער מלוכה זיינען אידען. אין פאַל אַלע אידען ווערען מיט איינמאָל אַרויסגעשטויסען, וועלען אונז אויספעלען בעל מלאכות, וואָס זיינען פעאיג צוצושטעלען מעכאַנישע כלים״.[62]) קיינמאָל, פון די פריעסטע צייטען ביז דעם ערשטען יאָרהונדערט פון אונזער צייט, און, מען קען זאָגען באמת, ביז אַרום אַ פינף הונדערט יאָר שפּעטער, וויזט דאָס אידישע פאָלק אַרויס אַ ספּעציעלען פאַרצוג פאַר יענע צווייגען פון האַנדעל, וואָס האָבען צו טאָן מיט אַרבייט, וואָס קומט פון פרעמדע הענט.[63]) בן סירא שפּיגעלט אָפּ די דאָזיגע אידישע באַציאונג פון זיין צייט, ווען ער זאָגט: „אַ סוחר וועט זיך זעלטען אַרויסדרייען פון טאָן אומרעכט און אַ קליינער סוחר וועט קיינמאָל ניט זיין אין גאַנצען פריי פון זינד, ווייל ווערט ער נישט געשטרויכעלט דורך דעם, ווערט ער געשטרויכעלט דורך עפּעס אַנדערש״.[64]) אין דעם גאַנצען ים התלמוד געפינען מיר קוים אַ וואָרט, וואָס זאָל לויבען האַנדעל. אויך די חכמים זיינען געווען מיט דער מיינונג, אַז דער פּעדלער און דער קרעמער זיינען געווען באַשעפטיגט אין מסחר מיט אַ „שלעכטען גערוך״. אייניגע תלמודישע לערער האָבען אַפילו געקוקט אויף די דאָזיגע הענדלער ווי אויף מענ־שען, וואָס פּראַקטיצירען רויבעריי.[65]) „חכמה קען מען ניט געפינען צווישען סוחרים און אַרומרייזענדע הענדלער״,[66]) איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטעל. עס האָט געהערשט די אַלגעמיינע מיינונג, אַז אין דעם אומ־געזעצטען לעבען פון אַ סוחר, וואָס איז פאַרנומען מיט ספּעקולאַציע און פּראָפיט, האָט מען אַ קנאַפּע געלעגענהייט צו באַקומען אמת׳ע חכמה און די אוצרות פון אַ העכערען לעבען.

נאַטירליך, האַנדעל איז אַנגעגאַנגען אין אַלע צייטען, אַפילו צווישען די אידען אין אַלטערטום. אַגריקולטור און האַנט־אַרבייט קע־נען נישט עקזיסטירען אָהן נאָענטער פאַרוואַנדשאַפט מיט קויפען און פאַרקויפען. מיר טרעפען זיך אָן מיט׳ן אויסדרוק, וואו דער כהן

גדול האָט אין זיין תפילה, קומענדיג צורי קפון קדשי קדשים, צווישען אַנדערע זאַכען געבעטען „פאַר אַ יאָר פון האַנדעל און וואַנדעל".[67] יענער מין האַנדעל אָבער איז געווען געבויט אויף דעם פונדאַמענט פון אַרבייט פון זייערע אייגענע הענט און די פּראָדוקטען פון דעם שווייס פון זייער געזיכט. דאָס פאָלק אַלס אַ גאַנצעס איז דאַך געווען אַ פאָלק פון אַרבייטער און האַרעפאַשניקעס.

דאָס שטימען זיך מיט האַנט־אַרבייט צווישען מאַנכע אידען אין די שפּעטערע יאָרהונדערטער, איז אין עצם ניט געווען אידישליך, נאָר דער רעזולטאַט פון אונטערגאַנג און צעפּוילטקייט, וואָס האָט זיך איינגעפרעסען אין אידישען לעבען דורך דעם מיטעלאַלטער.[68] פאַרקערט, עס זיינען נאָך אַלץ געבליבען לעבען אין דער אידישער טראַדיציע די פאָלקס ווערטלעך, וואָס דריקען אויס די אמת'ע אידישע באַציאונג, אַז מלאכה איז אַ ברכה און אַרבייט איז קיין שאַנדע נישט![69]

דורך די אַלע, אַלע דורות איז ברכה און דערלייזונג מיט דעם אידען געלעגען אין אַקטיוויטעט, אין אַרבייט. „און דער האַר, דיין גאָט וועט דיר בענשען אין אַלע דיינע מעשים",[70] איז געווען די דערקלערונג פון דער ביבעל. „דאַך, גלויב נישט", האָבען די חז"ל צוגעגעבען, „אַז די ברכה וועט זיין דיינע אַפילו ווען דו טוסט גאָרנישט. אַה, ניין! גאָט'ס ברכה וועט אויף דיר רוען 'אויף אַלץ וואָס דו וועסט טאָן' — אויף אַלץ וואָס דו וועסט דורכפירען דורך דיין אַרבייט!"[71]

אויפ'ן גרונט פון דער דאָזיגער טראַדיציאָנעלער אידישער באַציאונג צו אַרבייט, קענען מיר גרינג פאַרשטיין און אָפּשאַצען די ראָליע, וואָס אַרבייט הויבט אָן שפּילען אויפסניי היינט צו טאָג אין דער אויפלעבענדער ארץ־ישראל. דער איד קומט צוריק צו דאָס, וואָס איז אים אייגענס — ניט נאָר צו זיין אייגענער ערד, זיין נחמה, נאָר צו זיין אייגענער נשמה. טעאָדאָר הערצל האָט שוין אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז „דער אומקער צו ארץ־ישראל איז דער אומקער צום אידענטום!" יאָ, מיר קערען זיך אום צו אונזערע אייגענע אידישע ווערטען. דער חלוץ, דער סימבאָל פון דער אַרבייטענדער האַנט, איז היינט צו טאָג דער אַריסטאָקראַט פון דעם אידישען פאָלק. מיר ווילען נאָכאַמאָל דערפילען דעם ביבלישען באַגריף אין אונזער נאַציאָנאַלען לעבען, אַז גאָט'ס ברכה זאָל רוען „אויף אַלץ וואָס דו וועסט טאָן!" פאַר אונז איז ארץ־ישראל ניט אַ לאַנד, וואו מיר ווילען איבערפלאַנצען די געשעפטען פון „שלעכטען גערוך", דורך ספּעקולאַציע און געמבלעריי פון די, וואָס בריען אויס אַלערליי מיני סאָציאַלע

רשעות פון אונזער צייט, נאָר מלאכה אין מלוכה, דאָס נייע קעניג־רייך פון אַרבייט.

מיר קענען איצטער אויך אָפּשאַצן די פילאָזאָפיע, וואָס אונ־טערשטיצט די אַזוי גערופענע „רעליגיע פון אַרבייט”, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַזוי פיל פון אונזערע ברידער אין ארץ־ישראל. צו דעם פאַרשלעגער פון דער דאָזיגע לערע, דער מאָדענער פּראָפעט פון אַר־בייט, אהרן דוד גאָרדאָן, האָט טעס געמיינט אַ צוריקקער צו אַן אידע־אַלער אידישער וועלט. „מיר זיינען די קינדער פון גאָט, וואָס האָט באַשאַפען די גאַנצקייט פון דעם וואָרט, — זאָל אַ פשוט וואָרט דאָן געזאָגט ווערען: וואָס מיר ווילען אין ארץ־ישראל איז צו טאָן די לעבענס אַרבייט מיט אונזערע אייגענע הענט. מיר ווילען באַשאַפען אונזער אייגען לעבען, מיר ווילען עקזיסטירען לויט אונזער אייגע־נעם גייסט און אונזער אייגענער נאַטור”.[72])

מיר וועלען אויפהאַלטען פאַר דעם קומענדיגען קאַפּיטעל די דיסקוסיע פון די ספּעציפישע געזעצען און רעגולאַציעס, וואָס האָבען אַריבערגעפירט אָט די אידעאַלען אין דער טאָג־טעגליכער פּראַקטיקע; און וואָס האָבען געפירט און רעגולירט די באַהאַנדלונג פון דעם אַר־בייטער אין דעם אידישען לעבען.

עס וועט דערוויל גענוג זיין צו באַהויפּטען, אַלס ענטפער צו דער באַשולדיגונג פון דער מאָדערנער אַרבייטערשאַפט אַנטקעגען רעליגיע און דער קירך, אַז דער איד קען בפירוש, און מיט אַ קלאָרען און ריינעם געוויסען, טענה׳ען: נישט שולדיג!

פון אַלע רעליגיעס, פון אַלע קולטורען און ציוויליזאַציעס פון די אַלטע און מאָדערנע צייטען, קען אידענטום באמת מיט אַ פולען מויל באַהויפּטען, אַז עס האָט פון תמיד אָן אנערקענט די שטאַלצקייט, די נאָבעלקייט און די הייליגקייט פון אַרבייט; אַז עס האָט פון תמיד אָן געוואוסט און פאַרשטאַנען ווי אָפּצושאַצען דעם אמת׳ען ווערט און די וויכטיגע נויטווענדיגקייט פון אַרבייט אין דעם מענשען׳ס לעבען, און אַז עס פאַרמאָגט נאָך אַלץ אַ לעבעדיגע און וויטאַלע שליחות צו דעם מאָדערנעם מענשען און צו דער מאָדערנער וועלט!

פערצענטער קאַפּיטעל

די באַציאונג פון אידענטום צום אַרבעטער

אין דעם פאַריגען קאַפּיטעל האָבען מיר דיסקוטירט די באַשולדיגונג, וואָס די פירער פון דער מאָדערנער אַרבייטערשאַפט האָבען געבראַכט קעגען רעליגיע און דער קירכע, און מיר האָבען זיך באַמיט אַנצואווייזען, אַז זייערע טענות האָט מען נישט געקענט אַנווענדען קעגען אידענטום —

אַז דאָס אידענטום האָט פון תמיד אָן זיך באַצויגען צו אַרבייט מיט די שענסטע טערמינען, און האָט זי באַטראַכט ווי אַן „עבודה", אַ פאַרגעטערונג אין אמת'ן זין פון וואָרט — אַלס אַ מיטל צו אַנערקענען אונזער הייליגע פליכט אין לעבען. די אידען זיינען געווען אַ פאָלק פון בעלי מלאכות, ווייל זיי האָבען געגלויבט אין אַרבייט, מלאכה, וואָס פאַרערט און פאַרשענערט דעם מענשען'ס לעבען.

ביז איצט האָבען מיר דורכעקזאַמענירט אין אַן אַלגעמיינעם וועג די באַציאונג פון אידענטום צו אַרבייט. עס וועט אויך זיין פאַנטאַסטיש אינטערעסאַנט דורכצושטודירען און זען ווי אַזוי אָט די אַלגעמיינע באַגריפען און באַציאונגען זיינען אַריינגעפירט געוואָרען אין דעם רעאַלען לעבען — בנוגע דער פאַרוואַנדשאַפט וואָס האָט עקזיסטירט צווישען בעל הבית און בעל מלאכה, צווישען דעם וואָס האָט געקויפט אַרבייט און דעם וואָס האָט זיין אַרבייט און מי פאַרקויפט. צי זיינען אָט די איבערבליקען, וואָס מיר האָבען באַמערקט, בלויז אַבסטראַקטע באַהויפטונגען וואָס ווערען דערמאָנט אין ביכער און געשטודירט אין די אַקאַדעמיעס, לחלוטין אָפּגעשיידט פון ווירקליכער טאָג־טעגליכער פּראַקטיקע אין לעבען, אָדער אָט די באַגריפען און אידעאַלען האָבען באמת באַאיינפלוסט דעם שטייגער לעבען פון דעם טאָג־טעגליכען אידן?

עס וואָלט אונז פאַרפירט צו ווייט, ווען מיר וואָלטען אַריינגיין

אין באַזונדערע פּרטים אָנצואווייזען, ווי די אידישע געזעצען האָבען באַווירקט דעם אַרבייטסגעבער און דעם אַרבייטער. עס איז גענוג צו באַהויפּטען, דאָס אַלע רעגולאַציעס, וואָס באַהאַנדלען דאָס רעכט פון אַרבייט, זיינען געבויט אויף די שענסטע עטישע באַציאונגען, און צו אַלע צייטען האָבען מיר געשענקט אונזער טיף־פאַרטראַכטע און פאָרזיכטיגע איינזעעניש צו דעם מענשליכען לעבען און צו דער גרויסער ווירדע פון מענשליכער פּערזענליכקייט.

כדי צו קענען געהעריג אָפּשאַצען ווי ווייט עס איז דערגאַנגען אָט דער רעספּעקט פאַר מענשליכער פּערזענליכקייט, דאַרפען מיר בלויז באַווייזען דעם קאָנטראַסט פון דער שטעלונג צו שקלאַפעריי גאָר אַמאָל ביי אונז אידען אַנטקעגען דעם סטאַטוס צווישען די אומות העולם. אמת איז, אַז שקלאַפעריי האָט עקזיסטירט אין די אַלטע צייטען ביי אונז אידען אויך. די אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי איז אַזוי אַלט ווי די מענשהייט גופא. און דאָך ווייסען מיר, אַז בשעת אַנדערע פעלקער האָבען באַטראַכט שקלאַפעריי ווי אַ נאַטירליכען צושטאַנד פאַר די ני־דעריגע עלעמענטען מענשען, האָט אָבער דער איד, אַפילו אין דעם פרימאָרגען פון זיין געשיכטע, באַטראַכט אָט די אינסטיטוציע פון עבדות, שקלאַפעריי, און קנעכטשאַפט אַלס אַ קללה.[1] מיר מוזען שטענדיג אין זינען האָבען, זאָגט מייער סולצבערגער אין זיין בוך „דער סטאַטוס פון אַרבייט ביי אידען גאָר אַמאָל", אַז דעם אידען איז שטאַרק געווען דערווידער דער סיסטעם פון שקלאַפעריי. און אָט די דאָזיגע באַציאונג האָט גורם געווען, אַז דער גורל פון דעם שקלאַף איז בעצם געווען אַנדערש פון זיין נידעריגער לאַגע צווישען אַנדערע פעלקער, און אויך אַנדערש פון די פאָרמען פון שקלאַפעריי, וואָס עקזיסטירען נאָך היינט צו טאָג.[2] דאָס אַליין דינט שוין אונז גענוג אויפצוקלערען דעם פאַקט, אַז אין דער צייט וואָס די צאָל שקלאַפען האָט זיך שטענדיג געמערט צווישען די אומות העולם, האָט זיך די צאָל ביי אונז אידען כסדר פאַרקלענערט.

די אידען האָבען אָבער נישט געקענט מיט איינמאָל אָפּ׳פּטר׳ן אַן איבעל, וואָס האָט געהערשט געוויינליך צווישען אַלע פעלקער; די אידען האָבען זיך אָבער לפּחות באַמיט, דורך זייערע געזעצען און זייערע עטישע לערנונגען, אויף וויפיל נאָר מעגליך צו באַזייטיגען אָט דעם איבעל און צו פאַרקלענערען די מעגליכקייט, אַז ס׳זאָל זיך נישט פאַנאַנדערוואַקסען. זיי האָבען זיך אָנגעשטרענגט אַרויסצושטוי־סען פון דער אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי דאָס גאַנצע רשעות וואָס מען האָט געהאַט אויסגעאיבט אויף די שקלאַפען — פאַרשיידענע רשעות׳ן, וואָס זיינען געווען אין דער מאָדע ביי אַלע אַנדערע פעל־

קער. צווישען די אידען פון אַמאָל האָט דער שקלאַף נישט באַדאַרפט קעמפען, אַז מ'זאָל אים אנערקענען ווי אַ מענשליכע באַשעפעניש. די אידען קוקען מיט אַפּשיי אויף די מיינונגען פון אַנדערע פעלקער, ווי די באַבילאָנער, ווי זיי זיינען אויסגעדריקט אָדער אַנגעוויזען אין די האמוראבישע געזעצען, אַז אַ שקלאַף איז באַטראַכט אַלס האָב־און־גוטס, און זיין בעל הבית מעג אים אַפּילו טויטען אָהן שום אחריות.[3]) די גרויסע קלאַסישע רוימישע דיכטער ווי אָוויד און יואווענאַל באַשריי־בען ווי די רוימישע דאַמען פלעגען הנאה האָבען פון צערייסען און צעפליקען די פּנים'ער פון זייערע באַדינער, און פלעגען וואַרפען די לאַנגע נאָדלען פון זייערע שפּילקעס אין יענעמ'ס לייבער אַריין. ה. וואַלאָן, אין זיין בוך „די געשיכטע פון שקלאַפעריי אין אַלטערטום", זאָגט צווישען אַנדערעס, אַז „ווען די רוימישע רעפּובליק האָט גע־האַלטען ביי אונטערגיין, האָט אַ בעל הבית נאָך אַלץ געהאַט די פולע מאַכט צו פאַרקויפען זיין שקלאַף אַלס אַ שווערד־פעכטער אין אַ צירק, אָדער אַלס קעמפער מיט ווילדע חיות".[4]) דאָך, דאָס אידענטום האָט געלערענט עפּעס אַנדערש, ווי עס ווערט געזאָגט אין ספר ויקרא: „זאָלסט נישט הערשען איבער אים מיט שטרענגקייט, נאָר זאָלסט מורא האָבען פאַר דיין גאָט"! (לא תרדה בו בפרך ויראת מאלהיך).[5])

ביין, נאָך מער, קיין מענש האָט נישט געקענט אָנווייזען זיין שקלאַף צו טאָן אומנויטיגע אַרבייט, בלויז כדי אים צו האַלטען פאַר־נומען. און אויב דער בעל הבית האָט געוואָלט מאַכען אַן אָנשטעל, אַז די אַרבייט איז געווען באמת וויכטיג, האָט דאָס אידישע געזעץ אים דערמאָנט וועגען אָט דעם באַדינג, אַז ס'איז אים פאַרבאָטען צו הערשען איבער זיין קנעכט מיט שטרענגקייט, און דער פּסוק אין דער תורה פאַרענדיגט טאָקע מיט די אויסגעצייכענטע ווערטער „נאָר זאָלסט מורא האָבען פאַר דיין גאָט" — דער גאָט וואָס ווייסט אַלץ, וואָס עס טוט זיך ביי דיר אין האַרצען![6])

גאָט איז געווען דער גאָט פון דעם שקלאַף אַזוי גוט ווי פון דעם פרייען מענשען, און דער שקלאַף איז געווען באַרעכטיגט צו אַלע מענשליכע איינזעענישען. און די תורה זאָגט נאָך אַמאָל אין ספר שמות: „און אַז אַ מענש וועט אויסשלאָגען דאָס אויג פון זיין קנעכט, אָדער דאָס אויג פון זיין דינסט, און וועט דאָס אויג צעשטערען, זאָל ער אים אַרויסלאָזען פריי פאַר זיין אויג. און אויב ער וועט אויסהאַקען אַ צאָן פון זיין קנעכט, אָדער אַ צאָן פון זיין דינסט, זאָל ער אים אַרויסלאָזען פריי פאַר זיין צאָן..."[7]) און, מען דאַרף אין זינען האָבען, אַז אָט דער געזעץ, ווי אונזערע חכמים האָבען אָנגעוויזען, איז געווען חל אויף נישט קיין אידישען קנעכט גראַדע אַזוי גוט![8])

זייער און זייער אָפּט האָט מען דעם אידען דערמאָנט: „און זאָלסט געדענקען, אַז דו ביזט געווען אַ קנעכט אין לאַנד מצרים.״ [9] וואָס פאַר אַן אַנדער פאָלק וואָלט געוואָלט, אַז מ׳זאָל אים דערמאָנען פון זיין פריערדיגען צושטאַנד פון שקלאַפעריי? פאַר דעם אידען אָבער איז עס געווען אַ דערפאַרונג, וואָס האָט אים געלערענט דעם טעם פון מענשליכע ליידען, און וואָס האָט אים אויך געמאכט געפיהלבאַר צו די ליידען פון אַנדערע.

אַפילו אין באַצוג צו דעם גוי׳אישען שקלאַף, שטעלט די הלכה אַוועק אַ געזעץ, אַז דער בעל הבית האָט בלויז דאָס רעכט צו מאַכען אים אַרבייטען, אָבער קיינמאָל אים נישט צו באַליידיגען, אָדער אים צו דעגראַדירען: „לעבודה נתתים ולא לבושה״ — איך האָב אים דיר געגעבען פאַר אַרבייט אָבער נישט פאַר באַליידיגען אָדער שאַנד. [10] און מיר דאַרפען דאָ נישט איבער׳חזר׳ן, צו וואָס פאַר אַ שאַנד־פולע אַרבייטען און דעגראַדירענדיגע טאַטען די שקלאַפען זיינען געווען אונטערוואָרפען אין דער אַמאָליגער רוים.

דער איד האָט קיינמאָל נישט געקענט פאַרגעסען די לעהרע פון די ערשטע בלעטער פון דעם חומש — אַז אַ מענש, יעדער מענש איז באַשאַפען בצלם אלקים, אין גאָט׳ס געשטאַלט. עס ווערט געזאָגט, אַז רבי יוחנן האָט זיך געטיילט מיט זיין קנעכט מיט זיין פלייש און וויין, האַלטענדיג, אַז דער קנעכט איז געווען גראָד אַזאַ מענש ווי ער אַליין, און אַז ער האָט באַנוצט געגען אים די ווערטער פון איוב: „צי האָט נישט דער, וואָס האָט אין מוטער־לייב מיך באַשאַפען, אויך אים באַשאַפען?״ [11]

עס איז אינטערעסאַנט צו באַטראַכטען די באַציאונג פון קריסטענטום צו דער פראָבלעמע פון מענשליכער פאַרשקלאַפונג. פראָפעסאָר קענט, אין זיין אַנאַליז פון אָט דער דאָזיגער טעמע, איז אָפענהאַרציג צוגעגעבען אַז: „ישוע הנוצרי, אַלס כלל, האָט נישט אָנגעגריפען דעם עקזיסטירענדיגען בייזען סאָציאַלען מצב. ער האָט ליבערשט געלויבט יענע צושטאַנדען וואָס זיינען געוועזען גוט און געלאָזען יענע וואָס זיינען געווען בייז און שלעכט אויסצוגיין מיט אַ נאַטירליכען טויט. אָט די דאָזיגע באַציאונג איז קענטיג אילוסטרירט דורך זיין שטילשווייגען אין באַצוג צו דער אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי אין זיין צייט.״ [12] האַרנאַך, דער גרויסער קירך־היסטאָריקער זאָגט אונז: יעזוס האָט זיך לחלוטין נישט געמישט מיט דער צייטיגער לאַגע און די עקאָנאָמישע אומשטענדען פון זיין צייט... געזעצען און באַפעלען אָדער פאַרבאָטונגען, וואָס זאָלען אונז שטרענג צווינגען צו

ענדערען די צושטאַנדען פון דער צייט, אין וועלכער מיר לעבען — דאָס געפינט מען נישט אין דעם נייעם טעסטאַמענט.[13])

משה, דער פירער פון פאָלק ישראל, האָט אַנגעגריפען די עקזיס־טירענדיגע אומשטענדען, און ער האָט זיך יאָ אַריינגעמישט אין די עקאָנאָמישע צושטאַנדען פון זיין צייט. „לאָז אַרויס מיין פאָלק!"[14]) האָט ער באַפעלעריש פאַרלאַנגט פון דעם אכזר'ישען פרעה, פיהלענדיג, אַז ער האָט גערעדט אין נאָמען פון גאָט, יושר און גערעכטיגקייט. ווען פאול, דער אָרגאַניזאַטאָר פון קריסטענטום, האָט געָ'עצה'ט נאָכ־געביגקייט צו די עקזיסטירענדע סאָציאַלע אומשטענדען, דערקלער־רענדיג: „זאָל יעדער מענש נאָכפאָלגען דעם באַרוף פאַר וועלכען ער איז באַשטימט"[15]), האָט די תורה פון דעם אידען דערקלערט, אַז דער אידישער קנעכט מוז ווערען באַפרייט דעם זיבעטען יאָר, דעם יאָר פון שמיטה. אויב דער קנעכט איז אַזוי פאַרקנעכטעט געוואָרען בטבע, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון צו ווערען באַפרייט, און האָט בעסער זיך אויסגעקליבען צו בלייבען דער שקלאַף פון זיין בעל הבית, דאַן האָט אים דער בעל הבית באַדאַרפט בויערען זיין אויער אַלס צייכען פון דערנידעריגונג, אַלס אַ באַצייכענונג פון אַ מענשען וואָס האָט נישט אָפּגעשאַצט די ווערדע פון מענשליכער פרייהייט. דאַן, גיט די ביבעל צו, בלייבט ער אַ קנעכט דעם גאַנצען לעבען לאַנג. „והיה לך עבד עולם", און ער זאָל זיין צו דיר אַן אייביגער קנעכט.[16]) נאָר אַפילו אויך דאָ זאָגט דער תלמוד[17]), און יאָזעפוס[18]) דערקלערט, אַז דאָס וואָרט „אייביג" מיינט מען עס נישט בוכשטעבליך, נאָר עס מיינט ביז דעם פופציגסטען יאָר אָדער יובל. מען מוז געדענקען דעם זאָנדערבאַרען פאַקט, אַז די גאַנצע אינסטיטוציע פון אידישער קנעכטשאַפט האָט זיך געענדיגט ווען דער יובל־יאָר אָדער יובל איז געוואָרען אָפּגעשאַפט.[19])

און ס'איז שוין אויך ריכטיג אויסגעדריקט געוואָרען, אַז טאַקע צוליב דער הויכער באַציאונג וואָס דער איד האָט תמיד געהאַט צו אַרבייט, האָט עס אים אָפּגעהאַלטען פון באַטראַכטען אַפילו דעם קנעכט אַלס דעגראַדירטען. אַ פאָלק וואָס האָט אַליין געאַרבייט, ספּעציעל אין די פעלדער און וויינגערטנער, האָט געמוזט קוקען אויפ'ן קנעכט ווי אַ מיטאַרבייטער, אָבער נישט ווי אַ פאַרמעגענס.[20]) ס'איז אינטערע־סאַנט צו באַמערקען, אַז דאָס סאַמע וואָרט „עבד" אין העברעאיש באַ־דייטעט נישט יענע מענשליכע דעגראַדאַציע, וואָס דאָס וואָרט דייטעט אַן אין גריכיש, אין פראַנצויזיש, אין דייטש אָדער אין ענגליש.[21]) דאָס העברעאישע וואָרט „עבד" מיינט פראָסט און פשוט, איינער וואָס טוט אַן עבודה, אַן אַרבייט. דאָס זעלביגע וואָרט „עבד" ווערט גאָר אַ טערמין פון כבוד און שטאַלץ ווען עס ווערט באַנוצט פאַר אַ נביא, אַ

הייליגען, אָדער צו ווען עס זאָל נישט זיין וואָס איז אַן „עבד אדני״, אַן אַרבייטער פאַר גאָט. די באַציאונג פון דעם אידען צו דעם קנעכט — אַפילו דער גוי׳אישער קנעכט, קען ווערען באַשטעטיגט דורך דעם אינטערעסאַנטען פאַקט, דאָס אין קיין שום צייט ווערט נישט אָנגע־וויזען, אין אונזער געשיכטע אָדער ליטעראַרישע באַריכטען, אַן איינ־אונאיינציגער אויפשטאַנד פון קנעכט, אָדער דער מינדעסטער פאַרזוך צו רעבעלירען אַנטקעגען דעם בעל הבית, ווי מיר לייענען עס אין די באַריכטען פון אַנדערע פעלקער.[22])

כדי צו געבען נאָך אַ ביישפיל, אויב נאָך אַ באַווייז איז נויטיג צו באַשטעטיגען, ווי שטאַרק דער קנעכט ביי אידען איז באַטראַכט גע־וואָרען אַלס מענש ווי אַלע מענשען, קענען מיר ציטירען דעם ביבלישען געזעץ, וואָס פאַרבאָט דאָס אומקערען זיך פון אַן אַנטלאָפענעם קנעכט;[23]) „זאָלסט נישט איבערגעבען אַ קנעכט צו זיין האַר, ווען ער וועט זיך ראַטעווען צו דיר פון זיין בעל הבית. ער זאָל בלייבען מיט דיר אין דעם אָרט וואָס ער וועט זיך אויסקלייבען, אין איינעם פון דיינע טויערען, דאָרט וואו ס׳איז אים מער צום האַרצען; דו זאָלסט אים קיין קריוודע נישט טאָן.״ עס איז אפשר אויך צום פונקט דאָ צו באַ־מערקען, אַז דער נייער טעסטאַמענט רעכענט עס צו אַלס אַ לויב פאַר דעם אַפּאָסטאָל פּאָול דעם פאַקט, וואָס ער האָט צוריקגעקערט דעם אַנטלאָפענעם קנעכט אָנעסימוס צו זיין האַר פהילעמאָן.[24])

פיל דורות נאָך פאַר פּאָול, האָט דאָס אידישע געזעץ שוין דער־קלערט עס פאַר אַ פאַרבאָט, כאָטש די ביבעל לויטעט אויסדריק־ליך, אַז אַ מענש מוז צוריקקערען אַן אבידה צו ווען די זאַך באמת געהערט;[25]) „אַז דו וועסט באַגעגענען דיין שונא׳ס אָקס, אָדער אַן אייזעל זיינעם, בלאָנדזשענדיג, זאָלסטו אים אומקערען, אומקערען צום אייגענטימער.״ דער דאָזיגער פאַקט אַליין וואָלט שוין גענוג געווען צו דינען אַלס באַווייז, אַז בשעת דער נייער טעסטאַמענט נעמט אויף מענשליכע פאַרשקלאַפונג אַלס אַ נאַטירליכען צושטאַנד, עטיש באַרעכ־טיגט, האָט אָבער דאָס אידענטום, להיפוך, באַטראַכט עס אַלס אַן אומנאַטירליכען צושטאַנד, עטיש אומגערעכט און אומבאַרעכטיגט — ממש אַ קללה, וואָס האָט באַדאַרפט ווערען אויסגעוואָרצעלט. הגם עס איז געווען אוממעגליך לחלוטין עס אָפּצושאַפען, האָט אָבער דאָס אידענטום זיך נישט אָפּגעשטעלט, דורך די געזעצען און רעגולאַציעס, צו פּראָטעסטירען קעגען שקלאַפעריי און ווייזען כסדר די אָפּשטויי־סענדיגע זייט פון דעם.

צום אידען איז דער קנעכט נישט געווען אַ שטיק אייגענטום, נאָר אַ מענשליכע באַשעפעניש, און אַלס אַזעלכער, ווי אַלע אַנדערע מענ־

שען, האָט ער פאַרמאָגט אין זיך דאָס געבוירענע רעכט צו זיין דער קנעכט פון גאָט, און נישט דער קנעכט פון אַן אַנדער מענשען.[26]) מילדע און מענשליכע באַהאַנדלונגען צום קנעכט זיינען רעקאָמענדירט דורך מצוות, כללים און ביישפּילען. עס ווערט געזאָגט אין תלמוד: „דו זאָלסט נישט עסען ווייסען ברויט און געבען דיין קנעכט שוואַרצען ברויט; זאָלסט נישט שלאָפען אויף ווייכע קישענס און לאָזען דיין קנעכט שלאָפען אויף גראָבען שטרוי".[27]) זייער פיל און זייער פּינקט־ליך זיינען געווען די מצוות און געבאטען מאָנענדיג פון דעם האַר, אַז ער זאָל באַהאַנדלען זיין קנעכט מילד און מענשליך, אַזוי, אַז עס איז געוואָרען אַן אַלגעמיינער שפּרוך־וואָרט „אַז דער וואָס קויפט אַ אידי־שען קנעכט, קויפט ער זיך אַ האַר פאַר זיך אַליין".[28])

ביז איצט האָבען מיר געהאַט אַן איבערבליק, הגם באריכות, וועגען דער באַציאונג צום שקלאַף. נאָר אויב אַזאַ צוגאַנג און מענש־ליכע באַציאונג צו דעם אַרבייטער האָט זיך שיין אַרויסגעוויזען צו דעם קנעכט, וויפיל־זשע מער נאָך האָט זיך אַזאַ מין באַציאונג אַרויס־געוויזען צו דעם פרייען אַרבייטער!

עס איז דאָ אַ שטאַרק־באַקאַנטע מעשה אין דעם תלמוד,[29]) וואָס ווייזט אַרויס, אפשר פיל מער ווי די בלויזע געזעצען, דעם אמת'ן גייסט פון אידענטום צו דעם אַרבייטער. עס איז אַן אַקטועלער פאַל, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר אבא אריכא, און דער באַשלוס אילוסטרירט דעם עטישען גייסט אין וועלכען די חכמים האָבען דורכגעפירט דעם געזעץ, ספּעציעל ווען עס האָט אָנגערירט דעם אַרבייטער. רבה, דער זון פון חנא האָט אָנגעשטעלט געוויסע אַרבייטער־טרעגער אַריבערצו־טראָגען אַ געוויסע צאָל פעסלעך ווייז פון איין פּלאַץ צו אַ צווייטען. טראָגענדיג די פעסלעך זיינען די אַרבייטער, ווייזט אויס, געווען אומ־פאָרזיכטיג,[30]) און זיי האָבען איין פעסעל ווייז צעבראָכען און אויסגע־גאָסען דאָס ווייז. רבה, וועלכער האָט זיי באַשעפטיגט, האָט אַוועקגע־נומען פון זיי די מאַנטלען, כדי צו פאַרזיכערען זיך אַז זיי וועלען אים באַצאָלען פאַר'ן שאָדען — אַ געוויסע האַנדלונג וואָס דאָס געשריבענע וואָרט פון געזעץ פון לאַנד האָט אפשר באַרעכטיגט. די אַרבייטער אָבער האָבען רבה'ן גערופען פאַר אבא אריכא'ן, וועלכער האָט אים באַפוילען תיכף ומיד צוריקצוגעבען די מאַנטלען. „איז עס דאָס געזעץ? איז דאָס יושר'דיג?" האָט רבה געפאָדערט, און גע'טענה'עט. „געוויס", האָט אבא אַריכא אים געענטפערט, און גלייך אויפ'ן אָרט ציטירט אים אַן אויסצוג פון משלי: „כדי דו זאָלסט גיין אין דעם וועג פון די גוטע".[31]) און רבה האָט זיי צוריקגעקערט זייערע מאַנטלען. זיי האָבען זיך אָבער ווייטער באַקלאָגט: „מיר זיינען אָרימע אַרבייטער

און האָבען אָפּגעאַרבייט דעם גאַנצען טאָג, מיר זיינען הונגעריג און מיר גייען אַוועק מיט ליידיגען." דער שופט האָט דאַן געזאָגט: „קום, גיב זיי אַרבייטס־לוין!" „איז דאָס באמת דאָס געזעץ" האָט ווידער רבה, זייער האַר געפּאַדערט. „געוויס", איז געקומען דער ענטפער, „ווייל די תורה זאָגט ווייטער: „און זאָלסט אָפּהיטען די שטעגען פון די גע־רעכטע".[32]) אמת איז, אַז דאָס געזעץ פון לאַנד האָט טאַקע געגעבען דעם בעל הבית דאָס רעכט אויפצומאַנען פון די אַרבייטער־טרעגער פאַר דעם שאָדען, וואָס זיי האָבען פאַראורזאַכט דורך זייער נאַכלעסיג־קייט. און דאָך האָט אבא אריכא, אויסדריקענדיג דעם אמת'ן אידישען גייסט און באַציאונג, דערקלערט, אַז עס איז דאָ אַ פיל העכערער געזעץ ווי דאָס געזעץ פון זאַכען און מטלטלים — דאָס איז: דאָס מענשליכע געזעץ; ווייל איינזעעניש מיט דעם אַרבייטער שטייגט אַריבער דעם טויטען בוכשטאַב פון געשריבענעם געזעץ. און ער ציטירט אַ פיל העכערען געזעץ, איידער דעם געזעץ פון קאָנטראַקטען און דינגען אַרבייטער — דאָס איז דער יסוד, דער פונדאַמענט פון אַלע געזעצען — „צו גיין אין דעם וועג פון די גוטע און אָפּהיטען די שטעגען פון די גערעכטע!" אַט דער דאָזיגער העכערער געזעץ זאָל מאַכען אַ מענשען צו פאַרקוקען זיינע געזעצליכע קריוודעס, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַן אָרימען אַרבייטער.

און דער דאָזיגער העכערער געזעץ דרינגט דורך דעם גאַנצען סיסטעם פון דער הלכה, מיט אַלע באַשלוסען פון געזעץ, וואָס האָבען צו טאָן מיט דער פאַרוואַנדשאַפט צווישען אַרבייטער און אַר־בייט־געבער. און ווי אַנגסטליך־באַזאָרגט דאָס אידישע געזעץ איז אין באַצוג צו דעם לוין פון טאָג וואָס ס'קומט דעם אַרבייטער. מען טאָר נישט די שכירות צוריקהאַלטען די גאַנצע נאַכט ביז מאָרגען: „לא תלין פעולת שכיר עד בקר".[33]), דו זאָלסט נישט לאָזען איבערנעכטיגען דעם לוין פון אַ געדונגענעם אַרבייטער ביי דיר ביז אין דער פרי. „דו מוזט אים געבען זיין לוין אין דעם סאַמע זעלבען טאָג, נאָך איי־דער די זון פאַרגייט; ווייל ער איז אָרים, און לייגט זיין גאַנצע האָפע־נונג אויף דעם; אַניט וועט ער באַקלאָגען זיך פאַר גאָט קעגען דיר, און ס'וועט דיר זיין פאַררעכענט פאַר אַ זינד".[34]) און, נאָכמער, „דו זאָלסט נישט אונטערדריקען אַ געדונגענעם אַרבייטער וואָס איז אָרים און נויטבאַדערפטיג, צי ער איז פון דיינע אייגענע ברידער, אָדער פון די פרעמדע וואָס געפינען זיך אין דיין לאַנד צווישען דיינע טויערען".[35]) און די חכמים האָבען פאַרטגעזעצט די הומאַניטאַרישע טראַדיציע, און צום בעל הבית פון די אַרבייטער זאָגען זיי: „אַט דער דאָזיגער אָרימער אַרבייטער שטייגט אויף די העכסטע רעשטאַוואַניעס

און געשטעלעו, קלעטערט אויף די העכסטעביימער. הלמאי שטעלט ער זיך אין אַלע געפאַרען, אויב נישט כדי צו פאַרדינען דאָס שטיקעל ברויט? זיי דעריבער פאָרזיכטיג, נישט צו אונטערדריקען אים ווען דו דאַרפסט אים באַצאָלען זיין לוין, ווייל דאָס דערהאַלט אים ממש ביים לעבען".[36])

די ריכטער האָבען פרובירט צו זיין גערעכט, ווי געזעץ־קענער מוזען; און דאָך האָבען זיי נישט געקענט צוריקהאַלטען זייער בייגונג צו דעם אַרבייטער. „די גערעכטיגקייטען פון אַרבייט" לויט דעם תלמוד'ישען געזעץ, זיינען באמת די גערעכטיגקייטען פון דעם אַרבייטער! אַ קאָנטראַקט פאַר אַרבייט, למשל, כאָטש עס בינדט דעם אַרבייט־געבער, האָט עס אָבער נישט אויפ'ן זעלביגען שטייגער געבונדען דעם אַרבייטער. דער בעל הבית קען דעם קאָנטראַקט נישט ברעכען, דער אַרבייטער אָבער יאָ.[37]) די תלמידי חכמים מאַכען אַ פיינעם אונטערשייד, וואָס ווייזט אָן ווי ווייט זיי האָבען זיך באַמיט אָפּצוהיטען דעם מענשליכען עלעמענט אין די אַלע באַציאונגען. אויב אַן אַרבייטער שרייבט אונטער אַ קאָנטראַקט צו אַרבייטען אַ געוויסע צייט, קען ער יאָ ברעכען זיין קאָנטראַקט, ווייל, אין פאַרפליכטען זיך מיט זיין צייט, באַרויבט ער זיך אַליין פון זיין מענשליכער פרייהייט. דאָך, ווען דער געשיקטער אַרבייטער, אָדער דער קאָנטראַקטאָר שטימט איין, אַז דער אַרבייטער זאָל פאַרענדיגען אַ באַשטימטע שטיק אַרבייט אָהן וועלכער עס איז באַזונדערער באַציאונג צו צייט, טאָר דער אַרבייטער נישט ברעכען זיין אָפּמאַך, ווייל דאָ פאַרקויפט ער שוין נישט זיין פרייהייט.[38]) דעם געדונגענעם אַרבייטער איז געווען דערלויבט אַרונטערצונעמען פון זיינע אַרבייטס שטונדען די צייט, וואָס ער האָט פאַרשוועגדט גייענדיג פון זיין היים צו זיין אַרבייטס־פּלאַץ. דער אַרבייטער האָט אָבער נישט געקאָנט אַרונטעררעכענען פון זיינע אַרבייטס־שטונדען פאַר דער צייט וואָס אים האָט גענומען קומען אַהיים.[39]) דאָך, ווערען נישט די רעכט און די אינטערעסען פון דעם אַרבייט־געבער אינגאַנצען איגנאָרירט. יושר און גערעכטיגקייט מוזען אים ווערען געשענקט פונקט אַזוי גוט. אַן אַרבייטער, נאָך זיין טאָג־אַרבייט, טאָר נישט אַרבייטען פאַר עמעצען אַנדערש, אין אָוונט אָדער ביינאַכט, ווייל, ווען יאָ, וועט ער אַזוי אויסשעפּען זיינע פיזישע כוחות אין דער שפּעטערדיגער אַרבייט, אַז ער וועט נישט קענען דערפילען זיינע פליכטען צו דער אַרבייט דורך דעם מאָרגענדיגען טאָג, און אַזוי נאָך וועט ער דורך הינטערשטעליגער אַרבייט פאַראורזאַכען פאַרלוסט צו זיין אַרבייט־געבער.[40])

דאָ איז נישט די געלעגענהייט אַריינצוגיין אין אַ דעטאַלען שטו־

דיום פון אידישער אַרבייט־יוריספּרודענץ, נישט געקוקט, ווי אינטע־
רעסאַנט און פאַנטאַסטיש אַזאַ שטודיום זאָל נישט זיין. איך גלויב, אַז ס'איז גענוג באַוויזן געוואָרען צו איבערצייגען ווי אמת'דיג אַזאַ געלערנטער ווי פּראָפעסאָר מור שאַצט אָפּ די אידישע באַציאונג צו אַרבייט און דעם אַרבייטער, ווען ער זאָגט אונז, אַז אַלע תּלמודישע געזעצען אויף דעם דאָזיגען געביט, אַזוי גוט ווי אויף אַנדערע געבי־טען, זיינען נישט בלויז יורידיש, נאָר זיינען באַוואוסטזיניג געפירט און קאָנטראָלירט פון מאָראַלע און סאָציאַלע פּרינציפּען, וואָס זיינען גלייכצייטיג אַ טייל פון דער הייליג־אַנטפּלעקטער תורה. אין טעכ־נישע פראַזען, זיינען די אידישע עטיקס איינגעקריצט אין דער הלכה גראַד ווי זיי זיינען אויסגעדריקט אין דער אגדה[41]).

מיר מעגען אויך האַלטען מיט פּראָפעסאָר שעכטער, דענקענדיג פון די אידישע געזעצען וואָס רירען אָן אַרבייט, אַז „ווי ווייט די געזעצען וואָלטען צופרידען געשטעלט דעם מאָדערנעם עקאָנאָמיסט, איז שווער צו זאָגען".[42]) אין זאַך האָבען מיר יאָ אַ רעכט צו זאָגען — אַז דער גייסט פון יענע געזעצען וואָלט פיל אויפגעטאָן כדי אויפ־צוהויבען דעם מצב פון אַרבייט און דעם אַרבייטער אין דער היינטיגער וועלט, און אַזוינאַך העלפען צו לייזען איינע פון די שווערסטע סאָציאַלע פּראָבלעמען היינט צו טאָג.

איבערקוקענדיג די אידישע לערע און דערפאַרונג אויף דעם דאָ־זיגען געביט אין לעבען, האָבען מיר דאָס רעכט צו זאָגען, מיט די ווערטער פון אַן אויסגעצייכענטען יוריסט און גרויסען אידען, אַז „די גרויסע באַוועגונג פאַר דער פּראָטעקציע און אויסבעסערונג פון דעם אַרבייטער איז איינגעפירט געוואָרען אין ישראל מער ווי דריי טויזענט יאָר צוריק, און ס'האָט אָנגעהאַלטען דורכצודרינגען דאָס אידישע לעבען און די ליטעראַטור, ביז ס'איז באמת געוואָרען אַ טייל פון אַ מענטאַלער און גייסטיגער קאָנסטיטוציע פון דעם אידישען פאָלק."[43])

צו די באַשולדיגונגען פון די אַרבייטער־פירער היינט צו טאָג, קען דאָס אידענטום, מיט אַלע באַרעכטיגונגען וויטער טענה'ן: „נישט שולדיג". עס איז, צום באַדויערען, אַ טראַגישע איראָניע, וואָס צו אַ גרויסער מאָס האָבען די אידישע אַרבייטער־מאַסען היינט צו טאָג לחלוטין פאַרגעסען אין דעם אינטערעס, וואָס דאָס אידענטום האָט שטענדיג אַרויסגעוויזען זיי לטובה. אין דעם אַמאָליגען אַלטען שטיי־גער לעבען, האָט יעדער געקריוודעטער אַרבייטער געקענט אַפילו אָפּשטעלען דעם דאַווענען אין שול, און אַרויסקומען מיט זיינע טענות און תביעות אַנטקעגען זיין בעל הבית אין פנים פון גאַנצען

עולם, און פאַרלאַנגען אַ צוזאָג פון גוטמאַכען זיינע קריוודעס, איידער מ'האָט געקענט אָנגיין ווייטער מיטן לייענען די סדרה פון דער תורה. ווי מאָדנע, דאָס גראָד דער אַרבייטער, וואָס איז תמיד פאַרטיידיגט געוואָרען פון דער סינאַגאָגע, אָט דער זעלבער אַרבייטער זאָל זיך איצט אָפּקערען פון איר! יאָ, צום גרויס באַדויערען ליידט איצט דאָס אידענטום פון דעם, וואָס פיל פון די אַרבייטער, צוליב זייער אומוויסענקייט פון אידישען לעבען און זיינע טראַדיציעס, לייגען אַרויף די זינד פון אַנדערע קולטורען, ציוויליזאַציעס און אַנדערע גלויבענס אויפ'ן אידענטום גופא.

דאָס אידענטום האָט נישט נאָר איינגעפלאַנצט אין דעם באַוואוסטזיין פון דעם אידען אַ טיף־איינגעוואָרצעלטען אינטערעס אין דעם אַרבייטער, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטליך אין אַ גרויסער מאָס. פאַר זיין אומבאַגרעניצטען ברען און איבערגעבענקייט אין יעדער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, נאָר דאָס אידענטום גיט אויך אַ באַשטימטען בליק, אַ קלאָרע באַשטימטע קאָנצעפּציע פון דעם גאַנצען עקאָנאָמישען פּראָבלעם פון מענשען. אַ גרויסער לערער פון דער תלמודישער עפּאָכע, ר' שמעון בן אליעזר, דריקט אויס אָט דעם בליק אין אַ שיינעם, הגם נאַאיווען, שטייגער: „דורך מיין גאַנצען לעבען לאַנג האָב איך קיינמאָל נישט געזען, אַז אַ הירש זאָל זיין פאַרנומען אין צונויפקלייבען פרוכט, אָדער אַז אַ לייב זאָל טראָגען שווערע פּעק, אָדער אַז אַ פוקס זאָל זיין באַשעפטיגט אַלס קרעמער; און דאָך, ווייזט אויס, געפינען זיי פאַר זיך חיונה אָהן צער און אָהן וויטאָג. זיי זיינען באַשאַפען געוואָרען בלויז מיך צו דינען. און איך, וואָס בין באַשאַפען געוואָרען צו דינען מיין גאָט, האָב דאָך געוויס באַדאַרפט זיין פעאיג זיך צו שפּייזען אָהן צער און אָהן זאָרג. דאָך קומט מיר אָן אַזוי שווער צו באַזאָרגען זיך מיט די סאַמע וויכטיגסטע נויטבאַדערפענישען, ווייל מיינע טועכצען זיינען אָנגעפילט מיט שלעכטס; ווי עס שטייט געשריבען: „דיינע זינד האָבען אָוועקגענומען פון דיר דיינע נויטבאַדערפטיגע זאַכען".[44]

יאָ, אין וואָס פאַר אַ טיפער טיפקייט אָט די דאָזיגע איינפאַכע באַמערקונג אַנטפּלעקט פאַר אונז די איבלען פון אונזער סאָציאַלען און עקאָנאָמישען לעבען! די וועלט אין וועלכער מיר לעבען איז גראַדע אַ שיינע וועלט, און זי האָט איבערגענוג צו געבען יעדען איינעם פון אונז. באַטור איז שפע'דיג. מיט ערליכער אַרבייט און מיט יושר'דיגער באַלוינונג פאַר אַרבייט, וואָלט געוויס גענוג געווען פאַר די אַלע באַדערפענישען און פאַרלאַנגען פון אַלע פון אונז. אָבער, צום גרויס באַדויערען, האָט דער מענש, צוליב זיין אומגעצוימטער קאָרופּציע,

פאַרענדערט דעם עקאָנאָמישען סיסטעם אין אַ סכנה'דיגען שטורם־ווינט, וואָס פאַראורזאַכט און ברייגנט רואינע און צרות אין די לעבענס פון די גרויסע מאַסען. דאָס אידענטום בעט פאַר דעם העכערען עטישען געזעץ אין אַלע באַציאונגען, וואָס רירט אָן דאָס לעבען פון דעם מענשען. עס האָט נאָך פיל צו געבען פאַר'ן וואוילזיין און פאַר'ן גליק פון דער מענשהייט. פאַר די געפּלאגטע און געפּייניגטע פּראָבלעמען וואָס שטייען פאָר, ספּעציעל אויף דעם געביט פון אַרבייט, קען דאָס אידענטום אַפילו היינט צו טאָג פאָרלייגען און אָנבאָטען לעבהאַפטיגע, געזונטע וויטאַלע מיטלען און תרופות. ווי אין די אַלטע צייטען פון אַמאָל, אַזוי אויך היינט צו טאָג קען דאָס אידענטום זיין פאַר אונז אַן עץ החיים, אויב מיר נעמען בלויז אָן דעם בוים פון לעבען און האַלטען זיך אָן אין אים!

פופצענטער קאַפּיטעל

די ראָלע וואָס ארץ ישראל האָט געשפּילט אין אידענטום

מיר האָבען זיך באַמיט אין אונזער קורצער סעריע ארטיקלען אַ בליק צו געבען אויף דער נשמה פון אונזער אידיש פאָלק, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין דער ציוויליזאַציע וואָס מיר רופען אָן אידענטום.

אָבער מיר קאָנען ניט פולשטענדיג אָפּשאַצען, וואָס דאָס אי־דענטום איז געווען אַמאָל און וואָס עס איז איצט, אויב מיר וועלען ניט פאַרשטיין די באַזונדערע פּאָזיציע, וואָס ארץ ישראל פאַרנעמט אין אָט דער ציוויליזאַציע, וואָס הייסט: אידענטום.

יעדע פאָלקס־קולטור איז ווי אַ בלום, איינגעוואָרצעלט אין אייגענער ערד, און אויב אָט די קולטור דאַרף וואַקסען און שטייגען, קאָן זי ניט ווערען אָפּגעריסען פון דער ערד, וואָס האָט זי געבוירען. עס איז פאַראַן אַן אינטימע און לעבעדיגע פאַרבינדונג צווישען ארץ ישראל, דאָס לאַנד פון די אידען, און אידענטום, די ציוויליזאַציע פון ישראל.

עס איז פאַראַן אַן אויסגעצייכענטער מאמר אין מסכת נדרים, וואָס דריקט אויס דעם זעלבען געדאַנק אויף אַ מאָדנעם שטייגער: „וואָלט ישראל ניט געזינדיגט, וואָלט זיי דאָן געגעבען געוואָרען בלויז די חמשה חומשי תורה פון משה רבנו און דער ספר יהושע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר ארץ ישראל"[1]) וואָס איז אייגענטליך דער מיין פון אָוועקצושטעלען דעם ספר יהושע העכער פון די אַלע אַנדערע ספרים פון די נביאים און כתובים, און גלייך מיט חמשה חומשי תורה גופא? — עס וועט, אַגב, ניט שאַדען צו באַמערקען דאָ, אַז אָט די דאָזיגע פאַרבינדונג צווישען דעם חומש און ספר יהושע איז זייער אַן אַלטע.[2]) וואָס־זשע איז די היסטאָרישע און פּסיכאָלאָגישע אורזאַך, וואָס קאָן דערקלערען אָט די פאַרבינדונג?

פאַרשיידען און פיל זיינען די אויסטייטשונגען פון רבנישע מפרשים, אָבער הינטער די אַלע דערקלערונגען ליגט דער פונדאַמענ־טאַלער אמת, וואָס ס'איז געווען אין דעם מח פון דעם חכם פון תלמוד, אַז דער ספר יהושע איז גראַד אַזוי וויכטיג און נויטיג פאַר'ן אידען ווי די חמשה חומשי תורה גופא. טאַקע אפשר דערפאַר, וואָס ווי דער גרויסער געלערענטער פון אונזער צייט, פּראָפעסאָר שמואל קליין, האָט עס לעצטענס אויסגעטייטשט, אַז „אין אָט די ספרים פון משה'ן האָבען מיר דעם פונדאַמענט פון דער תורה פון ישראל, און אין ספר יהושע האָבען מיר די באַצייכענונג, דעם אַדרעס און די אָנווייזונג, קאָן מען זאָגען, פון דער היים פון דער תורה — די דעטאַלע אויסמעסטונגען און באַשרייבונגען פון דעם לאַנד פון דער תורה; און פונקט ווי עס איז אוממעגליך פאַר'ן פאָלק ישראל צו לעבען אָהן דער תורה, אַזוי איז אויך אוממעגליך פאַר אָט דעם פאָלק צו לעבען אָהן אַ שום באַהעפטונג צו זיין היסטאָריש לאַנד, אָהן דעם וויסען פון דעם ווערט פון ארץ־ישראל".[3])

אָט די פאַרבינדונג און פאַרוואַנדשאַפט צווישען דער תורה פון דעם אידען, וואָס איז דער סימבאָל פון זיין קולטור און ציוויליזאַ־ציע, — זיין גייסטיגען לעבען, — און דאָס לאַנד פון דעם אידען, איז שטאַרק באַטאָנט אין אונזער ליטעראַטור. אין אַ זייער שייבעם מאמר אין מדרש[4]) פרעגט אַ געוויסער תנא: „פאַרוואָס זאָגען מיר טאָג־טעגליך די אַכצען ברכות?" — און ר' שמואל בר נחמן ענטפערט: „ווייל אַכצען מאָל ווערען אונזערע אָבות צוזאַמען דערמאָנט אין דער תורה". די ערשטע באַהעפטע דערמאָנונג איז אין די ווערטער: „אָבער גאָט וועט זיך געוויס דערמאָנען אין אייך און ער וועט אייך אַרויסברייגגען פון אָט דעם לאַנד צו דעם לאַנד, וואָס ער האָט גע־שוואוירען צו אברהם, יצחק און יעקב",[5]) ווי עס שטייט געשריבען אין ספר בראשית; און די לעצטע דערמאָנונג אין אַ פסוק אין ספר דברים: „און גאָט האָט צו אים אַזוי געזאָגט: אָט דאָס איז דאָס לאַנד, וואָס איך האָב געשוואוירען צו אברהם, צו יצחק און צו יעקב, אַזוי צו זאָגען: איך וועל עס געבען צו דיינע זאָמען".[6]) ס'איז באמת מאָדנע, וואָס דער מדרש ציטירט בלויז דעם ערשטען פסוק און דעם לעצטען, וואו די נעמען פון אונזערע אָבות ווערען דערמאָנט, און דאָס דיביידע שטעלען באַציען זיך ניט בלויז צו די דריי אָבות, נאָר זיי רעדען אויך פון דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט געשוואוירען, אַז עס זאָל זיין אַ ירושה צו זייערע קינדער. לויט דעם אידישען גייסט זיינען רעליגיע (רעפּרעזענטירט דאָ דורך געבעט), ראַסע (רעפּרעזענטירט דורך די פאַטריאַרכען) און לאַנד — געקניפּט און געבונדען צוזאַמען.

עס איז ניט מעגליך קיין לעבעדיגע, וואַקסענדיגע רעליגיע, אָדער אַ פאָלקס־קולטור, אָהן אַ צוזאַמענבונד מיט אַ לאַנד. עס איז ניט קיין חידוש, וואָס ווען דער איד האָט זיך געשטעלט תפילה טאָן, האָט ער תמיד געווענדט זיינע אויגען און אויך זיין האַרץ צום לאַנד פון ישראל:[7] איינער פון אונזערע וויכטיגע חכמים, דער בעל הטורים, האָט שוין באַמערקט,[8] אַז „דאָס וואָרט מורשה, ירש'ענען, ווערט דערמאָנט אין דער תורה צוויי מאָל: איין מאָל אין דברים, וואו עס שטייט געשריבען: משה האָט אונז באַפוילען אַ תורה, מורשה, אַ ירושה פאַר דער איינזאַמלונג פון יעקב;[9] און אויף אַן אַנדער אָרט אין שמות: און איך וועל אייך אַריינברייגנען אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב אויפגעהויבען מיין האַנט און געשוואוירען צו געבען עס צו אברהם, צו יצחק און צו יעקב, און איך וועל עס צו אייך געבען פאַר אַ מורשה".[10]

די תורה און דאָס לאַנד פון ישראל, — זיי ביידע זיינען אַ מורשה, דעם אידענ'ס באַזונדערע ירושה; איינע איז וויכטיג ווי דאָס אַנדערע, ווייל איינע בלויז אַליין, וואָלט דאָן געפעלט דאָס סאַמע וויכטיגסטע, וואָס איז נויטיג פאַר'ן לעבען.

דער דאָזיגער געדאַנק ווערט נאָך קרעפטיגער אויסגעדריקט דורך די ווערטער פון רמב"ן, וועלכער האָט געלעבט אין דרייצענטען יאָהר־הונדערט, אויף דעם שטייגער:

„דאָס לאַנד פון ישראל פאַסט זיך פאַר דער תורה, און די תורה איז ניט פולקאָם, אָדער פערפעקט, סיידען אין לאַנד פון ישראל!"[11] כדי צו זיין פולקאָם און פערפעקט, כדי צו פילען זיך אין גאַנצען היימיש און זיין בכח צו אַנטוויקלען זיך פריי און נאַטירליך, מוז די תורה, — אָדער דאָס אידענטום, — בלייבען ביי די היסטאָריש־נאַציאָנאַלע יסודות".

נו, די פירער פון אידישען פאָלק, פון אברהם אָבינו ביז היינט־צו־טאָג, האָבען תמיד געהאַט אַט דאָס אין זינען. אברהם, ווען ער האָט געהאַלטען אין גרינדען אַ נייע ציוויליזאַציע, אין וועלכער ער האָט געזאָלט געשטאַלטען דאָס לעבען פון זיין פאָלק, האָט דערהערט אַ געטליכע שטים צו גיין „אין דעם לאַנד, וואָס איך וועל דיר ווייזען", וואו ער און זיין פאָלק האָבען זיך באַדאַרפט איינוואָרצלען, און וואו ער האָט געקאָנט דערוואַרטען די דערפילונג פון גאָט'ס צוזאָג: „און איך וועל דיך מאַכען פאַר אַ גרויס פאָלק, און איך וועל דיר בענשען און גרויס מאַכען דייך נאָמען".[12] עס איז געווען אין ארץ־ישראל, וואו עס זיינען אַוועקגעלייגט געוואָרען די פונדאַמענטען פון דער אידישער ציוויליזאַציע און וואו אַט די דאָזיגע ציוויליזאַציע האָט אַן ערד

פון איבער טויזענט יאָר געבליט, געוואקסען און באַרייכערט די געדאַנקען און געפילען פון אַלע פעלקער אויף דער ערד.

מיר קאָנען דעריבער זעהר גרינג פאַרשטייך די צויבערדיגע קראַפט, וואָס ארץ־ישראל האָט אויפ׳ן אידענ׳ס האַרץ און מוח. עס איז ניט בלויז דאָס, וואָס ער האָט געליטען פיזישע דערנידעריגונג זינט ער איז אַוועקגעריסען געוואָרען פון זיין לאַנד, נאָר, ערגער נאָך פון דעם, ער האָט געפילט, אַז זיין נשמה איז אָפגעשניטען געוואָרען פון אירע וואָרצלען און פאַרקריפעלט געוואָרען אין איר וואוקס. אָט דאָס איז באמת דער עיקר, וואָס ער האָט אין זינען געהאַט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ניט נאָר דער איד אין גלות, נאָר אויך די שכינה איז אין גלות.[13] פיל גרעסער ווי דער אומגליק פון גלות פאַר׳ן אידישען פאָלק איז געווען דער פאַרלוסט פון אַ היים פאַר׳ן אידענטום — גלות השכינה — דער פאַרלוסט פון אַ לאַנד, וואו דאָס אידענטום וואָלט זיך געקאָנט אויסלעבען אין זיין גאַנצער פולקייט און טיפקייט. די חז״ל האָבען דעם דאָזיגען פאַרלוסט געפילט זייער שטאַרק. „די שכינה וואוינט ניט מחוץ לאָרץ ישראל“.[14] ווערט געזאָגט אין מועד קטן. אַזוי האָבען עס די חכמים באַדויערט און באַקלאָגט. אַן אַנדער תנא ווידער רעדט וועגען ארץ־ישראל ווי „דאָס לאַנד, וואו די שכינה, הקדוש ברוך הוא, רוט“[15]. זיי האָבען געפילט, אַז זייער פאָלקס־הייליגער גייסט, די אָפשפּיגלונג פון דער שכינה — די געטליכע אויסשטראַלונג — האָט ניט געקאָנט דערגרייכען די גאַנצע הויך און נאַטירליכען וואוקס, סיידען אין דעם אייגענעם היסטאָרישען לאַנד.

נו, דער איד, הגם ער איז געוואָרען אַרויסגעטריבען פון יענעם לאַנד, האָט דאָך קיינמאָל ניט אויפגעגעבען זיין ליבע צו איר. ר׳ יהודה הלוי, דער אידישער געקרוינטער דיכטער פון מיטל־אַלטער, האָט אויסגעדריקט דעם דאָזיגען געפיל פון יעדען אידען, ווען ער האָט געזונגען אין זיין באַרימטען שיר: „מיין האַרץ איז אין מזרח, און איך אַליין בין אין ווייטען מערב!“[16]

עס איז פאַראַן אַ זייער שיינע לעגענדע, וואָס ווערט דערציילט פון די חז״ל, אַז בשעת יעקב אָבינו איז אַנטלאָפען פון זיין ברודער׳ס צאָרן, און אים איז אויסגעקומען אונטערוועגנס צו שלאָפען אויף אַ בעט פון שטיינער,[17] האָבען אָט די דאָזיגע אַלע שטיינער באמת סימבאָליזירט גאַנץ ארץ־ישראל, ווי עס ווערט געזאָגט אין בראשית רבא: „ווייל גאָט האָט צוזאַמענגעלייגט גאַנץ ארץ־ישראל ווי אַ פּנקס, אַ מגלה, און האָט זי אַוועקגעלייגט ווי אַ קישען, אויף וועלכען יעקב האָט אָפּגערוט זיין מידען קאָפּ“.[18]

יאָ, דער איד האָט באמת איבערגעפלאַנצט גאַנץ ארץ־ישראל אין

זיין סאַמע באַוואוסטזיין. ער האָט זיך תמיד פאַרגעשטעלט אין זיין פאַנטאַזיע, אַז ער לעבט כסדר אין דעם לאַנד פון זיינע חלומות. ער האָט זיך געקאָנט וואוינען אין דעם קאַלטען צפון, אָדער אין דעם זוניגען דרום, דאָך האָט ער תמיד געבעטען פאַר רעגען אָדער טוי אין גע־העריגען זמן, אין ארץ־ישראל. דער איד האָט געפייערט זיין חמשה־עשר בשבט, ווען די בוימער האָבען אָנגעהויבען צו בליען אין ארץ־ישראל, אין ווען זיי געבליט שעדעקטין זיך אַפּגעווארפן. ער האָט אויך ווען ער זיין עלטער דער אילוזיע, אַז ער איז אַלץ אין זיין אַלטער היים. זיין נאָמען יהודי איז געוועזן אַ לעבעדיגער אויסדרוק פון פּראָ־טעסט, אַז ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען זיין משכון אויף דאָס לאַנד פון יהודה, פון וועלכען ער איז ניט געווען אָפּגעטיילט מיט זיין האַרץ און נשמה.[19] ער האָט געזונגען פון ארץ־ישראל, און ער האָט גע׳חלומ׳ט פון ארץ־ישראל; עס האָט תמיד פאַרנומען דעם אויבענאַן אין זיינע געדאַנקען אי אין צייטען פון גרעסטער פרייד און אי אין טיפסטען טרויער, כדי צו באַקומען אַ נישקשה׳דיגע אָפּשאַצונג פון דער ראָליע וואָס ארץ־ישראל האָט געשפּילט אין דעם אידענ׳ס גייסט, זע, אדרבה, ווי פול און ווי רייך די אידישע ליטעראַטור איז מיט אָט דער טעמע:

אין דער קאָנקאָרדאַנציע צום תלמוד, וואָס פּראָפעסאָר מיכאל גוט־מאַן האָט געשאַפען, האָט ער אָפּגעגעבען אַ גאַנצען באַנד מיט אָנ־ווייזונגען צו אָט דער טעמע — ארץ־ישראל.[20] אין ויקרא ר׳ ווערט אַזוי געזאָגט: „גאָט ברוך הוא האָט אָפּגעוואויגען אַלע פעלקער פון דער וועלט און האָט אויסגעפונען, אַז בלויז ישראל פון דעם דור המדבר איז זוכה צו קריגען די תורה; ער האָט אָפּגעמאָסטען אַלע בערג און אויסגעפונען, אַז קיין באַרג חוץ דער הר סיני איז ניט ווערט צו באַקומען די טייערע מתנה; ער האָט אויסגעמאָסטען אַלע שטעט, און בלויז די שטאָט ירושלים האָט זוכה געווען צו האָבען דעם בית־המקדש; ער האָט אויך אויסגעמאָסטען און אָפּגעוואויגען אַלע לענדער, און אויסגעפונען, אַז קיין אַנדער לאַנד חוץ ארץ־ישראל פּאַסט זיך ניט אַזוי צום אידישען פאָלק".[21] אָך, וואָס פאַר אַן אומ־באַגרעניצטע ליבע עס איז אויסגעדריקט אין אָט דער באַהויפּטונג, ספּעציעל ווען מען באַטראַכט דעם פאַקט, וואָס דער איד האָט שוין צו יענער צייט געהאַט באַאָבאַכטעט דעם פּראַכט און גלאַנץ פון פיל אַנדערע לענדער, און דאָך האָט ער גיכער אויסדערוויילט זיין אייגען פאַרוויסט און פאַרוואָרפען לאַנד ווי דאָס שענסטע און דאָס פּאַסיגסטע שטיקעל לאַנד פאַר אים!

יאָ, אָט די דאָזיגע ליבע האָט באַוואויגען איינעם פון אונזערע חכמים צו דערקלערען: „ס׳איז בעסער צו וואוינען אין די וויסטע

מדבריות פון ארץ־ישראל איידער צו וואוינען אין פּאַלאַצען מחוץ ארץ־ישראל!״ [22]) ארץ ישראל, ווי דער איד, איז געווען דאָס באַליבט־סטע ביי גאָט. „איך וועל צוזאַמענבעמען״, זאָגט גאָט, „די קינדער פון ישראל, וועלכע זיינען מיר אַזוי ליב און טייער, און איך וועל זיי ברענגען אין דעם לאַנד אַריין, וואָס איז מיר אַזוי ליב און טייער!״ [23])

דער איד איז געווען אַזוי ענטוזיאַסטיש מיט זיין האָפענונג און מיט זיין שטרעבען זיך אומצוקערען צו דעם לאַנד פון זיינע אָבות, אַז הגם די מצוות, בפרט פון שבת, האָבען געמיינט פאַר אים אַזוי פיל, דאָך האָבען דעם אידען'ס לערער זיך דערלויבט צו דערקלערען, אַז: „דער, וואָס קויפט זיך איין אַ הויז פון אַ גוי (און האָט אַן אורזאַך מורא צו האָבען, טאָמער וועט דער פאַרקויפער באַשטרייטען דעם קאָנ־טראַקט) מעג דער איד האָבען דעם קאָנטראַקט אויסגעשריבען אַפילו אום שבת, משום ישוב ארץ־ישראל״ [24]). אַן אַנדער גרויסער תלמיד־חכם גיט נאָך צו, ווי ער וואָלט אָט דעם דאָזיגען געדאַנק באַטאָנט פיל שטאַרקער: „יאָ, די שטאָט יריחו איז געוואָרען איינגענומען טאַקע אום שבת!״ [25]) ישוב ארץ־ישראל איז געווען פאַר'ן אידען די סאַמע גרעסטע מצוה פון אַלע מצוות; אָט די מצוה האָט אַפילו געהאַט דעם פאָרצוג איבער שבת!

מען קען גרינג זען ווי אונזערע אַלטע חכמים פון דעם תלמוד האָבען עס מער אָפּגעשאַצט און פיל טיפער פאַרשטאַנען די אידישע פליכט, ווי מאַנכע פון אונזערע אייגענע שלעכט־פאַרפירטע ברידער (אַפילו ווען זיי מיינען גוט), וואָס שטייען אַוועק פון דער מצוה ישוב ארץ־ישראל, בלויז דערפאַר, ווייל געוויסע חלוצים היטען נישט אָפּ אונזערע צערעמאָניאַלע געזעצען! אַוועק פון דעם פאַקט, וואָס אָט די דאָזיגע נאַכלעסיגקייט איז אַ פּראָדוקט פון דעם גלות און נישט פון ארץ־ישראל, זעט עס אויס, אַז אָט די מענשען פאַרגעסען לחלוטין, אַז די חלוצים זיינען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבען, ביז צו מקריב זיין זיך, און דורכצופירען און מקיים זיין דעם גרויסען אידישען חוב — דאָס ווידעראויפבויען און ווידערבאַלעבען דאָס לאַנד פון ישראל!

די חז״ל פון אַמאָל האָבען ניט געקענט צוזאַמענברענגען דעם עצם געדאַנק פון זינד מיט יענע, וואָס זיינען געווען באַגליקט צו וואוינען אין ארץ־ישראל. אין מדרש תהילים ווערט געזאָגט: „גליק־ליך זיינען די וואָס וואוינען אין ארץ־ישראל, ווייל זיי האָבען ניט קיין זינד אָדער אומגערעכטיגקייט ניט פאַר'ן לעבען און ניט נאָכ'ן טויט״.[26]) די חז״ל זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער, זאָגענדיג, אַז דאָס לאַנד ארץ־ישראל קאָן גאָר ניט פאַראומרייניגט ווערען. מיר געפינען

אויך, לייענענדיג אַ מאַמר אין תלמוד, אַז מען האָט אַנטדעקט די ביינער פון אַ טויטען גוף אין אַ געוויסער אָפּטיילונג פון בית המקדש, און די אָפּטיילונג האָט געדינט פאַר אויפהאַלטען האָלץ. האָבען זיי געוואָלט, דעריבער, דערקלערען ירושלים פאַר אומריין, טמא. האָט זיך ר' יהושע אויפגעשטעלט און פּראָטעסטירט: „וואָס פאַר אַ שאַנדע", האָט ער געזאָגט, „וועט פאַלען אויף אונזערע קעפּ, ווען מיר טוען אַפילו בלויז טראַכטען צו דערקלערען אומריין די שטאָט פון אונזערע אָבות!" און ר' יוחנן האָט באַשטעטיגט, אַז: „דאָס גאַנצע לאַנד פון ישראל איז זיכער פון וועלכער עס איז פאַראומרייניגונג..."[27]

ארץ ישראל, ווי דער עצם אידענטום, איז אַזוי נאָך געווען אינטים פאַרקניפּט און פאַרבונדען מיט דעם גאַנצען גייסטיגען וועזען פון דעם אידען. דער איד האָט תמיד געטראַכט פון דעם חורבן ארץ־ישראל, ווי ער וואָלט האָבען פאַרלאָרען זיין אייגען קינד; דאָס לאַנד איז קיינמאָל ניט אַרויס פון זיין האַרצען. מען האָט דעם אידען געלערענט, אַז „דער וואָס קוקט אָן די שטעט פון יהודה אין זייער פאַרוויסטונג, זאָל זאָגען מיט די ווערטער פון דעם נביא: „דיינע הייליגע שטעט זיינען אַ מדבר" און ער האָט באַדאַרפט קריעה רייסען ווי אַן אָבל". „אַט דער וואָס זעט די שטאָט ירושלים אין איר צער, זאָל זאָגען מיט די ווערטער פון דעם נביא: 'ציון איז אַ מדבר, ירושלים איז אַ וויסטע', און זאָל ווידער קריעה רייסען".[28] און ר' יוסף קארו, דער וואָס האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם שולחן ערוך, איז נאָך מוסיף, אַז די קריעה מוז זיין אַזוי ווייט און טיף, אַז מ'זאָל אַרויסזען דאָס נאַקעטע האַרץ און דער ריס אין די קליידער טאָר קיינמאָל ניט פאַרריכט ווערען.[29]

דער איד האָט געקלאָגט נאָך זיין אַלט לאַנד, ווי ער וואָלט געקלאָגט נאָך אַ טויטען, און דאַן האָט ער קיינמאָל ניט באַטראַכט ארץ־ישראל ווי אינגאַנצען טויט. אויב טויט, דאַן וועט עס צוריק לעבעדיג ווערען און דורכמאַכען תחית המתים. זייער פיל געלערענטע זיינען באמת מיט דער מיינונג, אַז דער גאַנצער בגאַריף פון תחית המתים איז באַשאַפען געוואָרען ניט מיט'ן געדאַנק וועגען לעבען פון דעם יחיד, נאָר מיט דעם געדאַנק וועגען נאַציאָנאַלען לעבען פון דעם אידישען פאָלק, וואָס, ווי עס קוקט אַמאָל אויס טויט און פאַרגאַנגען, וועט אָבער צוריק לעבעדיג ווערען מיט אַ לעבען אין פולסטען זין פון וואָרט. ארץ־ישראל איז פון אידען אַוועקגענומען געוואָרען, ער האָט אָבער דאָס לאַנד קיינמאָל נישט אויפגעגעבען; און נעמענדיג בוכשטעבליך דעם געזעצליכען שפּרוך — קרקע אינה נגזלת, אַז „לאַנד קאַן מען ניט אַוועק'גנב'ענען",[30] האָט ער קיינמאָל אַפילו אויף איין רגע

זיך נישט דערלויבט צו דענקען, אַז ארץ־ישראל איז נישט דאָס לאַנד פון די אידען!

און מאָדנע ווי עס קאָן אויסזען, ארץ־ישראל גופא האָט אויסגעזען צו פילען דאָס זעלביגע — אַז זי האָט באַלאַנגט צו ישראל און נאָר צו ישראל. די געצענדינער, די קריסטען, די מאַכמעדאַנער, די רוי־מער, די עגיפּטער, די טערקען — אַלע האָבען געהאַט איינגענומען דאָס לאַנד און פּרובירט צו מאַכען עס פאַר זייער אייגענטום. ס'איז אָבער קיינעם נישט פון זיי געלונגען; מיט אַן עקשנות'דיגען ווידערשטאַנד האָט דאָס לאַנד זיך אָפּגעזאָגט צו וואַקסען און צו בליען אונטער זייערע הענט און בעסער זיך אויסגעקליבען צו בלייבען אין איר פאַר־וויסטונג. דאָס לאַנד האָט געדולדיג געוואַרט אויף דעם אידען. „דאָס לאַנד אָהן אַ פאָלק," באַנוצענדי גזיך מיט זאַנגוויל'ס אַ פראַזע, „האָט געוואַרט פאַר דעם פאָלק אָהן אַ לאַנד."

אַ לויב דעם אויבערשטען, אז מיר זעען עס איצטער צו מיט אונזערע אייגענע אויגען די ערשטע סימנים פון תחית המתים, די אויפלעבען פון ארץ־ישראל! מען הערט אויפסניי „אין דער שטאָט פון יהודה און אין גאַסען פון ירושלים קול ששון וקול שמחה." און מיר זיינען נאָך פיל מער דאַנקבאַר, וואָס ניט בלויז דער איד אַליין, נאָר אויך די שכינה קומט צוריק צו איר ריכטיגען אָרט. דאָס אידענטום, דער פּראָדוקט פון דער אידישער נשמה, איז באַשערט ווידער צו בליען און צו באַרייכערען די וועלט. ארץ־ישראל ווערט ווידער „ארץ־החיים", דאָס לאַנד פון די לעבעדיגע, ווי חז"ל האָבען זי גערופען.[31] דאָס לאַנד וואו אידענטום וועט ווערען אַ ווירקליכקייט, אַ לעבעדיגער וועזען מיט אַ האַרץ אויפ'ן אַלט־נייעם צענטער, כדי צו קענען צירקו־לירען לעבען־געבענדיגע בלוט צו יעדען פאַרשפּרייטען מקום פון אי־דישען קיום און כדי צו ברייגנען צוריק צו די מידע גלידער פון אידישען פאָלק: שיינקייט, פרישקייט און יוגענדליכקייט.

דאָס אידענטום האָט האָפענונגען אויפסניי צו קאָנען זיך אויפ־הויבען צו נייע הויכקייטען און צו קאָנען שטייגען צו פולקאָמענקייט. אָט דאָס איז אייגענטליך דער אונטערשייד צווישען גלות און ארץ־ישראל פאַר דעם אידען!

ווען אונזער פאָטער יעקב איז געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזען זיין פאָטער'ס הויז און נעמען זיין וואַנדער־שטעקען אין האַנט אַריין, איז גלייך דער געדאַנק צו אים אַריינגעקומען פון צוריקקערען זיך אַמאָל — ווען „איך וועל זיך צוריקקערען צו מיין פאָטער'ס הויז אין פרידען, בשלום!"[32] און פריידיגער האָבען זייער אָפּט געמאַכט באַ־מערקונגען איבער אָט דער מאָדערנער פראַזע. לויט דעם תלמוד, מוזען

לעבעדיגע מענשען, וואָס רעדען וועגען זיין אַדער צוריקקומען אין פרידען, גאָר זאָגען „לשלום": צו פרידען. — בלויז צו די געשטאָרבענע און וועגען די געשטאָרבענע זאָגען מיר „לך בשלום"[83] „גיי אין פרידען". די אורזאַך איז דאָ נאַטירליך זייער קלאָר. די פאַרשטאָרבענע קאָנען זיך שוין ניט פּערפעקטען צו אַ העכערער מדרגה, גייען זיי דעריבער: בשלום, אין דער מדרגה פון פּערפעקציע, צו וועלכער זיי האָבען דערגרייכט; די לעבעדיגע מענשען, אָבער, מוזען זיך קיינמאָל ניט צופרידענשטעלען בלויז מיט דעם, וואָס זיי האָבען שוין דערגרייכט; זיי מוזען זיך שטענדיג האַלטען מיט דער מאָטאָ: לך לשלום! — גיי צו שלום, צו העכערע, ווייטערע, און צו דערהויבענערע מדרגות פון פולשטענדיגקייט און דערפילונג.

יעקב אבינו, רעדענדיג וועגען זיך אַליין ווי אַ לעבעדיגער מענש, האָט באַדאַרפט צו זאָגען: „ושבתי לשלום", און איך וועל זיך צוריקקערען צו שלום. אין דעם אָבער ליגט די טיפזיניגקייט פון יעקב'ן: אַוועקגייענדיג אין גלות, אַ וואַנדערער אין פרעמדע לענדער, האָט ער בחוש דערפילט, אַז ער קאָן ניט האָבען קיין שום האָפענונג, אַז זיין גייסטיג לעבען זאָל זיך שטאַרק אַנטוויקלען; אַז זיין גייסט וועט זיך דערהויבען צו דער פולסטער הויך און פולקאָמענקייט. ער האָט געוואוסט, אַז פאַר דעם מוז ער וואַרטען ביז ער וועט זיך צוריק אומקערען צו זיין פאָטער'ס הויז. אין גלות מוז ער זיך צופרידענשטעלען, אויב ער קאָן אַפילו בלויז אויפהאַלטען לפחות דאָס, וואָס ס'איז שוין זיינס; עס הייסט, אויב ער קאָן צוריקקערען זיך בשלום מיט יענער מדרגה פון גייסטיגער דערגרייכונג, וואָס ער האָט שוין דערוואָרבען. אויב ער קאָן לפחות אויפהאַלטען זיין גייסטיגען לעבען אין איר דעמאָלסטיגער לאַגע, דאַן, ווען ער וועט זיך צוריקקערען צום פאָטער'ס הויז, „וועט דער אויבערשטער זיין מיין גאָט" מיט דער גאַנצער טיפער אויסצייכענונג פון אָט דער הייליגער פאַרוואַנדשאַפט!

אַזוי קאָנען אויך זאָגען די קינדער פון יעקב היינט־צו־טאָג. שוין כמעט 1900 יאָר זינט דער איד איז אַרויסגעטריבען געוואָרען פון זיין פאָטערלאַנד, איז זיין גרויסע אויפגאַבע געווען אויפצוהאַלטען זיין גייסטיגע ירושה — ער האָט זיך באַדאַרפט באַמיען, אַז זיין אידענטום זאָל לפחות איבערבלייבען בשלום, אין יענער לאַגע פון באַרייכערונג, וואָס ער האָט באַקומען לאַנג אַמאָל צוריק. איצט אָבער, אַז ער האַלט זיך אין צוריקציען צו זיין אַלטער היים, הערט ער אַ נייעם רוף: „לך לשלום" — גיי דעם וועג פון שלימות, פון פּערפעקציע! צו גרעסערע, נאָבעלערע, העכערע און באַגייסטערטע דערגרייכונגען!

אָט דאָס איז אייגענטליך געווי וואָס ארץ ישראל, האָפען מיר,

וועט מעגליך מאַכען פאַר אונז צו דערגרייכען. מיט אַ אידיש לעבען אויף אַ אידיש לאַנד, וואו אידישע קולטור מיט איר טיפען גאָט־באַוואוסטען כאַראַקטער וועט געוועלטיגען. אידענטום וועט דאַן ניט דאַרפען קעמפען בלויז פאַר דער אָרימער טאָג־טעגליכער עקזיסטענץ, ווי עס קומט פאַר אין גלות. דאָרט, אין אייגענעם לאַנד, וועט דעם אידענ'ס גייסט זיין פעאיג זיך צו אַנטוויקלען נאַטירליך און נאָרמאַל און זיך צוריקצופאַסען צום לעבען מיט פולער קראַפט און כוח. אידענטום וועט מער ניט זיין אין דער לאַגע פון בשלום, נאָר לשלום — די לעבעדיגע כוחות פון אידענטום, וואָס זיינען געוועזען פאַר דורות־לאַנג פאַרשפאַרט אין די אומגינסטיגע אומשטענדען פון דעם גלות, וועלען באַקומען אין ציון אַ נאַטירליכען שטראָמיגען אויספלוס.

„און עס וועט פאַסירען אין יענעם טאָג, וועלען לעבעדיגע וואַסערען אַרויסגיין פון ירושלים, אַ העלפט פון זיי צו דעם פאָדערשטען ים און אַ צווייטע העלפט פון זיי צום הינטערשטען ים", ווי עס ווערט געזאָגט אין ספר זכריה, „און באַוואָסערען די טרוקענע געגענטען פון אונזער גלות־אידענטום, וועקענדיג צו אַ ניי לעבען, צו וואָס נאָר פאַר אַ זוימען פון גייסטיגען אינטערעס עס זיינען נאָך איבערגעבליבען באַהאַלטען אין דעם האַרץ פון אידישען פאָלק".[34]

זעכצענטער קאַפּיטעל

וואָס איז די צוקונפט פון אידענטום?

מיר האָבען זיך באַמיט צו אַנאַליזירען און אויסצוטייטשען מאַנכע פון די וויכטיגסטע אַנזיכטען פון אידישען לעבען און אידישען געדאַנק; און נאָכצופאָלגען דעם וואוקס און די אַנטוויקלונג פון יענע אידעאַלען און לערען, וואָס שטעלען צונויף דעם עצם אידענטום. מיר האָבען אויך געזען, אַז אָט דאָס דאָזיגע אידענטום אונזערס איז דער פּראָדוקט פון אומצייליגע דורות, אַ לעבעדיגע טראַדיציע, וואָס האָט אָנגענומען איר גאַנג אין די טעג פון אונזערע אָבות און איז פאַרבייגעגאַנגען דורך פילע לענדער, פילע קלימאַטען, פילע יאָרהונדערטער, ביז צו אונזער איי־גענעם היינטיגען טאָג. אָט די דאָזיגע גרויסע טראַדיציע איז דער אָנהויב, דער מקור, די באַגייסטערונג און די טרייבענדיגע קראַפט פון אַלץ מיט אַן אַנדער, וואָס שטעלט צוזאַמען אונזער לעבען, ווי אידען.

אָבער די דאָזיגע גרויסע טראַדיציע, ווי מיר האָבען געזען, איז נישט קיין טויטע זאַך, ס׳איז נישט אַזאַ מין זאַך, וואָס באַלאַנגט צום מוזעאום, נאָר ממש אַ לעבעדיגע זאַך, אַ לעבעדיגער קוואַל, וואָס שפּרודעלט מיט קראַפט, וואָס דאַרף טאָג טעגליך געפינען אין היינ־טיגע מענשליכע הענט גאָר נייע מיטלען פון באַגייסטערונג, פון דער־הויבונג, און פון קענען פירען דאָס היינטיגע אידישע לעבען.

מיר האָבען שוין געהאַט די געלעגענהייט, אין איינעם פון די פריערדיגע קאַפּיטלען, צו מאַכען אַ באַמערקונג אויף אַ פּראַזע אין חומש דברים, וואָס לויטעט: „משה האָט אונז באַפוילען אַ תורה, אַ מורשה פאַר דער קהלה פון ישראל".[1] עס ליגט, דאָך, עפּעס וואָס שטאַרק באַדייטענדיגס אין דעם וואָרט: מורשה. דאָס העברעאישע וואָרט, וואָס האָט געזאָלט אונז איבערגעבען דעם געדאַנק, אַז משה האָט אונז געגעבען די תורה ווי אַן „אַרב" איז ירושה, אָבער נישט מורשה. און דאָך באַנוצט דער חומש דאָס שפּעטערע וואָרט, ווייל

דער חומש וויל איבערגעבען דעם געדאַנק, אַז אַט די תורה — אַט דאָס דאָזיגע אידענטום אונזערס — איז נישט סתם אַ ירושה, וואָס גייט אַריבער פון זיך אַליין, אויטאָמאַטיש אַזוי צו זאָגען, נאָר זי איז אַ מורשה, מען מוז די תורה מאַכען פאַר דער ירושה, די אַרב פון דער קהלה פון ישראל!

מיט אנדערע ווערטער, אונזער ערשטע פליכט, אויב מיר זיינען נאָר פאַראינטערעסירט אין דער צוקונפט פון אידענטום, איז מורשה — צו מאַכען עס פאַר אונזער ירושה — נישט צו קוקען אויפ'ן אידענטום אַלס אַ זאַך בלויז פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר באַציען זיך צו דעם ווי אַ לעבעדיגער טייל פון אונזער לעבען. מיר מוזען זיך אויסלערנען צו זאָגען מיט די ווערטער פון געטהע'ס פאוסט: „אַט דאָס וואָס דו האָסט גע'ירש'ענט פון דיינע עלטערען, דערוואַרב עס אַליין, כדי עס צו באַזיצען!".[2])

אונזער ערשטע און וויכטיגע התחיבות איז צו מאַכען, אַז אידענטום זאָל זיין אונזערס. יעדער איינער פון אונז, וואָס נעמט נאָר אַן אַנטייל אין אונזער אידיש לעבען, וואָס האַלט זיך אַן שטאַרק אין אונזער גרויסער טראַדיציע און באַמיט זיך צו פירען איר ווייטער און פאָרווערטס צו נייע און העכערע הויכען און צו נייע דערגרייכונגען, אַט דער מענש מעג מיט גרויס באַרעכטיגונג פילען, אַז ער האָט כשר פאַרדינט אַט די ירושה, און העלפט פאַרזיכערען איר צוקונפט.

מיר האָבען נאָר וואָס געזאָגט: צו פירען די טראַדיציע ווייטער און פאָרווערטס! יאָ, געוויס, אַט דאָס איז אויך אונזער הייליגער חוב. אויב דאָס אידענטום מוז אָנהאַלטען צו זיין נישט נאָר אַ גרויסע נאָר טאָקע אַ לעבעדיגע טראַדיציע. אידענטום מוז באַרייכערט ווערען דורך אונזער אייגענער גייסטיגער דערפאַרונג. די חז"ל זאָגען אונז, אַז: „יעדער פון אונזערע אַמאָליגע אָבות, שענקענדיג אַ ברכה, האָט אָנגעהויבען דאָרטען וואו דער פריערדיגער האָט אויסגעלאָזט. 'אַט דאָרט וואו מיין פאָטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַט דאָרט וועל איך אָנהויבען!' דאָס איז געווען דאָס געפיל ווי עס איז אויסגעדריקט פון יצחק און יעקב".[3]) אַך, וואָס פאַר אַ טיפע פאַרשטענדעניש אַט די חכמים האָבען עס געהאַט וועגען דעם ריכטיגען באַדייט פון אידישער טראַדיציע און פון אידישער התחיבות! יעדער דור מוז אָנהויבען דאָרט וואו דער פריערדיגער האָט אויסגעלאָזען אָדער זיך אָפּגעשטעלט. אַ לעבעדיגע טראַדיציע מיינט אַזעלכע, וואָס וואַקסט און אַנטוויקעלט זיך, אַזעלכע, וואָס ווערט רייכער און פולער צוליב טיפערען גייסטיגען אַריינבליק און ווייטערע דערפאַרונגען.

מיט דעם ווידערגעבורט פון אידישען לעבען אין ארץ־ישראל

האָבען מיר געגוג אורזאַך צו גלויבען און צו האָפען, אַז אַ גאָר גייער קאַפּיטעל האָט זיך אָנגעהויבען אין דעם לעבען פון אידען בפרט און אין דעם לעבען פון אידענטום בכלל. די ווייטערע דורות וועלען „איבערטראָגען", און איבערגעבען און אָנהויבען פון דעם פּונקט וואו די דורות אין גאַנג פון גלות זיינען געווען געצוואונגען, צוליב זייער אומנאַטירליכען לעבען, איבערצולאָזען. דער שטראָם פון אידישער טראַדיציע וועט אָנהויבען צו פליסען גאָר אויפסניי מיט זיין נאַטירליכען שטראָמיגען לויף, אָפּפרישענדיג די עצמות היבשות, די טרוקענע ביינער פון ישראל איבער גאָר דער וועלט.

און דאָך, נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס מיר דערוואַרטען, לטובה דער צוקונפט פון אידענטום, מצד דעם נייעם לעבען אין ארץ־ישראל, קענען מיר נישט, אַלענפאַלס, און מיר טאָרען נישט, פאַרלאָזען זיך אויף דעם אַליין. אויב אידען דאַרפען זיך אַ נעם טאָן מיט אַלע זייערע כוחות אין אָט דער גרויסער טראַדיציע אונזערער אויפסניי, דאַרפען זיי אויך דערוואַכען צו זייערע התחיבות'ן דורך וויסען — איך מיין אַ וויסען פון דעם אמת'ן באַדייט און גרויסער אויסצייכענונג פון אונזער תורה, אָט די גרויסע אידישע טראַדיציע. אויף די ווערטער אין דער תורה, וואו עס ווערט געזאָגט: „און יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט „משנתו" פון זיין שלאָף".[4]) מאַכט אונז אַ תלמיד חכם אין מדרש אַ זייער שטאַרקע באַמערקונג: — ממשנתו — יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט, „מחמת ער האָט עפּעס געלערענט" ![5]) אַזוי וועט אויך יעקב, דער איד פון היינט צו טאָג, זיך אויפכאַפּען פון זיין גייסטיגען שווערען שלאָף בלויז ממשנתו, דורך שטודירען און לערנען, דורך וויסען, וואָס אידענטום באמת איז און וואָס אידענטום באמת רע־פרעזענטירט !

און ווען מיר מוזען צוגעבען, צו אונזער גרויס באַדויערען, אַז דאָס אידענטום איז אין געוויסע מקומות געוואָרען איינגעשטאַנען און עס האָט אָנגעוואוירען דעם נאַטירליכען כח און וויטאַליטעט, איז עס בלויז, ווייל עס פעלט אים דאָס וויסען פון זיין אמת'ן ווערט.

די חז"ל זאָגען אונז, אין אַ זייער שיינער לעגענדאַרישער פאָרמע, אַז ווען משה רבינו איז אַרונטערגעקומען פון באַרג סיני מיט די לוחות הברית אין זיינע הענט און האָט דערזען ווי זיין פאָלק טאַנצט פאַר דעם עגל הזהב, די גאָלדענע קאַלב, זיינען די אותיות פון די לוחות זיך צעפלויגען, און עס זיינען איבערגעבליבען בלויז שטיינער אין זיינע הענט; און די שטיינער זיינען מיט אַמאָל ביי אים אין די הענט געוואָרען אַזוי אומגלויבליך שווער, אַז ער איז געווען געצוואונגען זיי אַרונטערצולאָזען, און זיי זיינען צעבראָכען געוואָרען:[6]) אָך, וואָס פאַר

אַ טיפער גייסטיגער אַריינבליק עס ווערט צו אונז אַנטפּלעקט אין אַט דער פשוט'ער מעשה'לע! ווען די אותיות, די בוכשטאַבען און די ווערטער פליען אַוועק, דאַן האָט שוין דער קאָנקרעטער אויפהאַלט קיין שום ווערט נישט, ער פאַרלירט דאַן די נשמה גופא! ער באַקומט זיך ווי אַ שווערע משא אין אונזערע הענט, און פאַסט זיך בלויז צו ווערען פאַרניכטעט. די טראַגעדיע מיט אונזער אידענטום היינט־צו־טאָג איז וואָס די אותיות, די בוכשטאַבען, די ווערטער זיינען זיך צעפלויגען — אידישער לערנען און וויסען איז פאַרשוואונדען — און אָהן די אותיות, אָהן אידיש לערנען, ווערט אידענטום, ווי די אַלטע לוחות, אַ פשוט'ע משא פון שטיין אַנשטאָט אַ פריילעכער'ן לעבען. פאַר דעם אידען איז לעבען, זיין אמת'ער זיין, שטענדיג געווען פאַרבונדען און אָפּהענגיג אין לערנען און וויסען. אין סאַמע אָנהויב בראשית געפינט זיך כמעט אַ קינדיש מעשה'לע, אָבער זעלטען שיין, וואָס דערציילט אונז וועגען דעם בוים פון לעבען און דעם בוים פון וויסען, וואָס גאָט האָט איינגעפלאַנצט אין דעם צענטער פון גן עדן: „דעם בוים פון לעבען אויך אין מיטען פון דעם גאָרטען, און דעם בוים פון וויסען גוטס און שלעכטס".[7]) אָך, ווי ווייניג מענשען כאַפּען־אויף די ריכטיגע מיינונג פון אָט דער זייער פשוט'ער באַשרייבונג! די חז"ל, אָבער, האָבען זיך טיפער פאַרטראַכט אין אָט די דאָזיגע ווערטער. „וואו איז געווען אָט דער בוים פון וויסען?" פרעגען זיי. דער פאַקט איז, אַז בשעת מוטער חוה האָט גערעדט צום שלאַנג, האָט זי געזאָגט: „בלויז פון די פרוכט פון דעם בוים, וואָס איז אין מיטען פון דעם גאָרטען, האָט גאָט געזאָגט, דו זאָלסט פון אים נישט עסען"[8]). ווייזט דאָך אויס, אַז אויך אָט דער בוים איז געווען אין מיטען פון דעם גאָרטען. היינט ווי־זשע האָבען ביידע ביימער זיך געקענט געפינען אין מיטען פון דעם גאָרטען, אויף איינעם און זעלביגען אָרט? און חז"ל ענטפערען דעם אינטערעסאַנטען ענטפער צו זייער אייגענער פראַגע, און זיי זאָגען אַזוינאָך: „דער בוים פון לעבען האָט זיך געפונען אינעווייניג פון דעם בוים פון וויסען!"[9]) יאָ, די חז"ל האָבען זיך פאַר־טיפט אין סאַמע האַרץ פון דעם פראָבלעם. פאַר דעם אידען, איז דער בוים פון לעבען אין סאַמע מיטען פון דעם בוים פון וויסען. ווען דער בוים פון וויסען האַלט אין וואַקסען און בליען וועט שוין ממילא דער בוים פון לעבען אויך האַלטען אין וואַקסען און אין בליען. אָבער אָהן דעם בוים פון וויסען, מוז דאַן דער בוים פון לעבען אָפּ־שטאַרבען און פאַרשווינדען!

די צוקונפט פון אידענטום איז אַזוינאָך אַ פיל מער ערנסטער ענין ווי די צוקונפט פון דעם אידען. ווי זאַנגוויל דריקט זיך אויס:

„עס איז דאָ אַ זאַך, וואָס איז נאָך ערגער פון אונטערדריקונג — און דאָס איז: דאָס אינערליכע שטילשוויגען פון דעם גייסטיגען לעבען".[10] אונזערע שונאים אין דער גוי'אישער וועלט וועלען שוין טאַקע זיך באַמיען, אַז מיר זאָלען בלייבען אידען. אַ פיינדליכע וועלט פון דרויסען מעג טאַקע באַשטימען: „על כרחך אתה חי, מיט געוואלט זאָלסטו לעבען, און דו ביזט געצוואונגען צו פאַרבלייבען אַ איד!". אָבער צו פאַרבלייבען אַ איד אָהן אידענטום וואָלט געווען פיל ערגער ווי דער טויט. עס וואָלט באמת געווען, וואָס די חכמים מאָלען עס אויס אַזוי געראָטען מיט די ווערטער פון: „שרפת נשמה וגוף קיים, דעם קערפער אויפגעהאַלטען, אָבער די נשמה איז אין פייער פאַרצערט".[11] מיר וואָלטען דאַן געווען נישט מער ווי גייסטער, פאַנטאָמען פון אַ טויטער פאַרגאַנגענהייט, נישט טויט און אויך נישט לעבעדיג, נאָר — לעבעדיגע מתים!

אָבער, ווען אידענטום וועט אָנגיין מיט לעבען און פול מיט וויטאַליטעט, דאַן וועט דער איד, להכעיס די אַלע בייזע באַמיאונגען פון אַ רשעות'דיגער וועלט אונז אומצוברייננגען, דאָך מוזען טריאומפירען! מחמת דער אַלטער אמת מוז דויערען: „הארון נשא את נושאיו; ניט נאָר האָבען די אידען געטראָגען דעם אָרון, נאָר דער אָרון האָט געטראָגען די אידען!"[12] אויך היינט־צו־טאָג קען אידענטום אויפהאַלטען צום לעבען אָט די, וואָס האַלטען־אויף אידענטום מיט פרישקייט און מיט לעבען! און אויב די דרויסענדיגע וועלט זאָל אָבהאַלטען מיט איר איצטיגען גאַנג, אויב די גויים פון דער וועלט זאָלען אָנהאַלטען מאַכען אונז צו שאַנד און צו שפּאָט און כסדר אונז פאַרפאָלגען, וועלען מיר דאָך האָבען די פרייד, מוט און קוראַזש אָרויסצוזאָגען מיט די ווערטער פון אַ גרויסען אַמעריקאַנער אידען, סיירוס אַדלער: „יאָ, געוויס, איך וועל אָנהאַלטען מיין פאָהן אין דער הויך... איך האָב ביי זיך באַשלאָסען צו פאַרבלייבען אַ רינגעלע אין דער גרויסער קייט. אַלצדינג וואָס איז אויפגעהאַלטען געוואָרען אין פאַרלויף פון די לעצטע פיר טויזענט יאָר איז נישט אָפּגעהיט געוואָרען, אַז איך זאָל עס פון זיך אָפּוואַרפען. מיין פאָלק האָט איבערגעלעבט די פּרע־היסטאָרישע געצענדינערייי, די באַבילאָנישע פיל־געטערייי, דעם עסטעטישען העלעניזם און די שאַרפזיניגע רוימישע וועלט, און אויך דעם פאַלשען גלאַנץ און אויך די פאַרפאָלגונגען פון דער קירך; יאָ, מיין פאָלק וועט איבערלעבען דעם מאָדערנעם דילעטאַנטיזם און דעם פאַרביילויפיגען מאַטעריאַליזם, — אָנהאַלטענדיג אין דער הויך אומבויגזאַם די טראַדיציאָנעלע אידישע אידעאַלען ביז

די פיינדליכע וועלט וועט ווערען פעאיג צו אַנערקענען דעם אידען׳ס גרויסע ווערטען!״.[18]

און ווען איר וואָלט מיר נאָכאַמאָל געפרעגט: אידענטום, און וואָס איז מכח זיין צוקונפט? וואָלט איך אויף דעם געענטפערט: דער איד מוז אויפסניי זיך אויסלערנען צו זאָגען מיט די ווערטער פון אונזערע אור־עלטערען, וואָס זיינען געשטאַנען צופוסענס דעם באַרג סיני, ווען זיי האָבען אָנגענומען די תורה: „נעשה ונשמע!״[14] ניט אין דער פשוט׳ער איבערזעצונג פון די ווערטער, וואָס וואָלט זיך געלייענט — „מיר וועלען טאָן און מיר וועלען הערען״ — נאָר אין אַ מער אָריגינעלער און מער פונדאַמענטאַלער באַדייטונג פון דעם וואָרט: נשמע, וואָס מיינט, „מיר וועלען טאָן און מיר וועלען פאַרשטיין!״[15] זאָל דער איד זיך באַמיען צו טאָן, צו פראַקטיצירען, צו לעבען זיין אידענטום און צו פאַרשטיין עס און צו קענען עס; זאָל ער אויפהאַלטען דאָס ליכט פון אידענטום, אַז דאָס ליכט זאָל כסדר ברענען אין פאַרלויף פון זיין לעבען־לאַנג, און דאָס ליכט זאָל אויך צינדען די הערצער דורך דעם לעבען פון זיינע קינדער, — ערשט דאַן וועט אידענטום זיין געזיכערט.

און דאָס, וואָס עס האָט צו טאָן מיט דער באַציאונג פון דער דרויסענדיגער וועלט צו אונז אידען, קענען מיר זיך טרייסטען און באַרואיגען, ווען מיר וועלען זיך דערמאָנען אין דעם שיינעם מאמר אין אונזער מדרש, וואו דאָס פאָלק ישראל ווערט צוגעגליכען צו איינעם, וואָס וואַנדערט אין דער פינצטערער נאַכט מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט צו באַלייכטען זיין וועג; דאָך יעדעס מאָל, וואָס ער צינדט עס ווידער אָן, קומט דער ווינט און שטורם און לעשט דאָס פייער אויס, און ער באַשליסט סוף כל סוף צו וואַרטען ביז עס וועט ווידער אָנהויבען צו טאָגען.[16] שטאַרקע שטורמס און בייזע ווינטען קומען אָן כסדר אויסצובלאָזען דאָס ליכט פון אונזער אידענטום. מיר וועלען אָבער נישט פאַרלירען אונזער האָפענונג און גלויבען, נאָר מיר וועלען אָנהאַלטען ווידער אָנצוצינדען אונזער ליכט ביז ס׳וועט אָנקומען אויפסניי דאָס גרויסע ליכט פון טאָג צו באַלויכטען די גאַנצע וועלט!

זיבעצענטער קאַפּיטעל

דער ספר און די שווערד

(אין צוזאַמענהאַנג מיט פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיינס 10־יאָ־ריגען יובילי, וואָס ווערט איצט געפייערט איבער גאָר דער וועלט, איז אָט די רעדע פון דר. ראַבי לעווינטהאל פון ברוקלין דזשואיש צענטער צייטליך און פון באַזונדערען אינטערעס. זי איז געהאַלטען געוואָרען ביי אַ „דינער", וואָס איז געגעבען געוואָרען אין דעם צענ־טער, וואו פּראָפ. איינשטיין איז געווען דער עהרען־גאַסט, באַצייכענענדיג דעם חינוך, די ווידמונג פון דער צענטער־ביבליאָטעק, וואָס האָט געזאָלט אַריינגעמען די אַלע ביכער וואָס זיינען פאַר־ברענט און פאַר׳חרמ׳ט געוואָרען פון די נאַציס.)

מיר אַלע דאָ, וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט אונזער אינסטיטו־ציע, זיינען דריי מאָל פּריווילעגירט היינט נאַכט. מיר האָבען, קודם כל, די פּריווילעגיע צו באַגריסען, צווישען די ווענט פון אונזער היי־ליגען בנין, איינעם פון די אינטעלעקטועלע ריזען פון אונזער דור, דעם מענשען, וואָס איז אנערקענט אַלס איינער פון די גרעסטע ווי־סענשאַפטסלייט אין דער וועלט — איינער פון די בויער פון דעם אוני־ווערזום — פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין.

מיר נעמען אים אויף מיט אָפענע הענט און מיט אונזערע אויפ־ריכטיגע הערצער, ניט בלויז צוליב די גרויסע לייסטונגען פון זיין געדאַנק, נאָר צוליב — און דאָס איז פיל מער טייער — די גרויסע ביישטייערונגען פון זיין האַרץ.

יאָ, ס׳איז גוט צו זיין גרויס — און איינשטיין איז באמת גרויס! עס איז אָבער גאָר גרויס צו זיין גוט — און איינשטיין איז די גוטס־קייט גופא! מיר אַלע האָבען אים שטאַרק האָלט און מיר שאַצען אים הויך מחמת זיין האַרץ פולסירט מיט טיפער ליבע און מיט גרויס סימפּאַטיע פאַר יעדער ווערטהפולער אונטערנעמונג, פאַר יעדער זאַך, וואָס טראָגט אַ נאָבעלען און אידעאַלען ציל אין לעבען.

מיר אַלע, זיינע אידישע ברידער, האָבען אים ליב און פאַרערען אים צוליב נאָך אַן אורזאַך. ס׳איז אמת, אַז פיל מער נאָך גרויסע

זיין זיינען דאָ צווישען אונזער פאָלק ישראל, דאָך בין איך אין ספק, צי נאָך איינער ווי ער טוט פריידיג געניסען אַזאַ מין אומבאַגרעניצטע מאָס ליבע פון אַלע אונזערע איבער גאָר דער וועלט, ווי עס טוט באַקומען אונזער ליבער פראָפעסאָר איינשטיין. און ער געניסט אָט די גרויסע ליבע אונזערע פון אונזער גאַנצען פאָלק ישראל, ווייל ער גופא איז אַזוי פאַרליבט אין גאַנץ ישראל! איינשטיין איז נישט קיין פאַרטיי מענש, אָדער אַן אָנהענגער פון וועלכער ס'איז גרופע מענשען. זיין פירענדיגער פרינציפ אין לעבען איז: „אַלע אידען זיינען מיינע ברידער!"

עס איז פאַראַן אַ גאָר שיין מעשה'לע, וואָס די תלמידי חכמים פון פאַרצייטענס דערציילען וועגען אונזער פאָטער יעקב. איר געדענקט דאָך מן הסתם די ביבלישע סצענע, וואָס שילדערט ווי ס'איז יעקב'ן אויסגעקומען נאָך דעם, ווי ער איז געווען געצוואונגען צו אַנטלויפען פון זיין פאָטער'ס הויז, צו שלאָפען אויפ'ן נאַקעטען פעלד אויף אַ בעט פון שטיינער. יעקב האָט גענומען, שטייט געשריבען אין בראשית, „פון די שטיינער פון דעם אָרט און האָט אים אַוועקגעלעגט צוקאָפּענס".[1]) האָבען זיך די חכמים געוואונדערט: ווי קומט עס, וואָס פריער זאָגט דער פסוק „פון די שטיינער" — בלשון רבים, אין מערער צאָל — און אַביסעלע ווייטער: „און האָט אים אַוועקגעלעגט" בלשון יחיד, דאָס הייסט, ווי איינעם. נאָר די חכמים דערקלערען, אַז: „אויפ'ן פעלד זיינען געווען צוועלף שטיינער, אַנטקעגען די צוועלף שבטים פון ישראל, און די שטיינער האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו קריגען צווישען זיך. יעדער שטיין איז צוגעשטאַנען מיט זיין פאַרלאַנג אַז: „אויף מיר זאָל דער צדיק אַוועקלעגען זיין קאָפּ!" האָט יעקב גענומען די אַלע צוועלף שטיינער און געמאַכט פון זיי אַלע — איין שטיין — און אַוועקגעלעגט אויף דעם איין שטיין זיין קאָפּ, ווייל דאָס האָט רעפּרעזענטירט אין זיין געדאַנק די איינפאָרמיגע און פאַראייניגטע שבטים פון דעם אידישען פאָלק."[2]) דאָס זעלביגע קען מען זאָגען וועגען אונזער היינטיגען אויסגעצייכענטען גאַסט. ער, ווי זיין נאָמען באַצייכענט) האָט געמאַכט — איין שטיין — פון אַלע שטיינער וואָס רעפּרעזענטירען די פאַרשידענע פאַרטייען און אָפּטיילונגען אין ישראל — און אָט אויף דעם לאָזט ער רוען זיין קאָפּ און זיין האַרץ!

עס איז אויך אונזער כבוד און פּריווילעגיע וואָס מיר באַגריסען היינט אָוונט אַן אַנדער גאַסט, אַן אַנדער גרויסען זון פון אונזער פאָלק, און דאָס איז — היינץ ליפּמאַן. מיר גיבען אים אָפּ כבוד פאַר זיינע דערגרייכונגען ווי אַ שריפטשטעלער, נאָוועליסט און ווי אַן אויסגעצייכענטער געלערענטער. אָבער מיר פאַרערען אים פאַר נאָך אַ זאַך,

און צוליב אַ פּיל מער איבערצייגענדיגער אורזאַך. — ווייל מיר אַלע ווייסען, וואָס אַט דער מענש האָט דורכגעליטען, און אַלע שרעקען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט און פאַרטראָגען אין די הענט פון יענע בייזע טיראַנען, וואָס געוועלטיגען איצט איבער דעם גורל פון זעכציג מיליאָן מענשען פון דייטשען פאָלק. מיר זעען אין אים אַ סימבאָל. ער איז פאַר אונז אַ פּערזאָניפיקאַציע, אַ פאַרקערפּערונג פון יענער גרויסער גרופּע ליבעראַלע דענקער, שרייבער און סטודענטען, וואָס האָבען געוואָגט צו בלייבען געטריי זייער איגענעם געוויסען, און זיי זיינען איצט אין גלות, פאַרטריבען פון זייער אייגען לאַנד, אַלס אַ רעזול־טאַט פון דער אומ׳ברחמנות׳דיגער און האַרט־האַרציגער באַציאונג פון די יעניגע, וואָס האָבען צוריקגעדרייט דעם זייגער פון ציוויליזאַציע אויף טויזענטער יאָרען, מיט היטלער ימח שמו, דער טייפעל־הערשער.

און דריטענס, זיינען מיר אויך פּריווילעגירט מיט דעם, וואָס מיר פייערען היינט אָוועגט אין אונזער בנין דעם חינוך פון אַ ביבליאָטעק, וואָס פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל קאָפּיעס פון יענע ביכער, וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרען אָדער ליגען איצט אין חרם אין נאַצי־דייטשלאַנד.

און דאָ קומט מיר ווידער אויפ׳ן געדאַנק אַ גאָר שיינער אויס־דרוק, וואָס אונזערע חכמים האָבען אונז צוגעטיילט. עס ווערט דער־ציילט, אַז ווען גאָט האָט געגעבען די אידען די תורה אויפ׳ן באַרג סיני, אין אָט יענעם מאָמענט, זיינען אַרונטערגעקומען פון הימעל „אַ ספר און אַ שווערד״, „הסייף והספר״, צוזאַמענגעלעגט איינער געגען צוויי־טען, ווי זיי וואָלטען זיך פאַרמאָסטען מיט זייערע כוחות, כדי צו זעהן, ווער עס וועט אַרויס זיגרייך! און מ׳האָט געהערט אַ בת־קול אויס־רופען: „קלייבט זיך אויס איינע אָדער די צווייטע! אויב איר ווילט זיך אויס דעם ספר, וועט איר האָבען לעבען; אויב איר ווילט זיך אויס דעם שווערד, וועט איר האָבען טויט!״ [3]) אָט די־אָ פשוט׳ע לעגענדע לערענט אונז אויף אַ זייער קלאָרען שטייגער דעם שטענדיגען קאַמף פון ציוויליזאַציע. עס איז געווען דער ספר, דער צד שכנגד, וואָס האָט זיך קעגענגעשטעלט דעם שווערד; עס איז געווען גייסט קעגען ברוטאַלער מאַכט. עס איז ניט קיין צופאַל בלויז, בשום אופן — עס האָט אַנדערש נישט געקענט זיין — וואָס דער ערשטער רשעות׳דיגער אַקט וואָס די נאַציס זיינען באַגאַנגען נאָך דעם, ווי זיי זיינען אַריין אין מאַכט, איז געווען צו פאַרברענען ביכער. עס איז דער אַלטער קאַמף איבערגע׳חזר׳ט, — די שווערד קעגען דעם ספר — דאָס בוך. די נאַציס האָבען געגלויבט, אַז מיט דעם, וואָס זיי וועלען פאַרברענען די ביכער, וועלען זיי אויך פאַרברענען און אומברענגען דעם מענשליכען

געדאַנק. אַה, ווי ווייניג אָבער זיי האָבען פאַרשטאַנען דעם גאַנג פון דער מענשליכער געשיכטע!

איר זועט זיך גרינג דערמאַנען, וואָס דער תלמוד זאָגט אונז וועגען ר׳ חנינא בן תרדיון. די רוימער האָבען אים געטויט מיט אַן אכזריות׳דיגער מיתה. זיי האָבען אַרומגעוויקעלט זיין קערפּער מיט דעם הייליגען פּאַרמעט פון דער ספר תורה און זיי ביידען אונטערגע־צונדען. און ווען די פלאַמען האָבען מיט זייערע צונגען געשלונגען די ברענענדיגע ספר תורה, פאַרצערענדיג צו דער זעלבער צייט דעם תנא׳ס לייב, האָבען די תלמידים זיינע אים געפרעגט: „רבי, רבי, וואָס זעט איר?״ און ער האָט זיי געענטפערט: „איך זע די ספר־תורה ברענען, איך זע אָבער אויך די אותיות פון דער ספר־תורה שוועבען הויך אַרויף צום הימעל!״ [4]) אין אָט דער דאָזיגער מעשה׳לע קענען מיר באַקומען דעם ענטפער פון אונזער ציוויליזאַציע צו די נאַצים מיט זייער אכזר׳דיגען און ווילדען אַקט פון פאַרברענען די ביכער. מען קען פאַרברענען דאָס פּאַפּיר פון די ביכער, אָבער די אותיות פון די ביכער קען מען נישט אומברייגגען, זיי ווערען קיינמאָל נישט פאַרניכ־טעט. זיי פליען און שוועבען הויך אַרויף צו די הימלען. די אותיות פון די ביכער און די ספרים. ווי דער עצם אמת, וואָס זיי רעפּרע־זענטירען, הגם זיי ווערען צעטראָטען און צעריבען אויף דער ערד, הויבען זיך אָבער ווידער אויף אין דער לופטען אויף דאָס ניי! מען קען אַריינלייגען אין חרם די ביכער, מען קען אָבער נישט אַריינלייגען אין חרם דעם אמת, וואָס די ביכער לערנען אונז, דער אמת מוז סוף כל סוף דורכדרינגען דעם מענשענ׳ס האַרץ און נשמה!

אָט די ביבליאָטעק, וואָס מיר באַנייען היינט אָוועגט, קלינגט אָפּ די אַלטע פּאָעטישע פראַזע, וואָס איז אַרונטערגעקומען פון די הימלען, אַזוי שטאַרק עפּיגראַמאַטיש אויסגעדריקט פון די חכמים: „אָדער דער ספר אָדער די שווערד — וואָס קלייבט איר זיך אויס? אויב איר נעמט די שווערד, מוז דער ספר פאַרשווינדען. אויב איר נעמט דעם ספר, דאַן קענט איר די שווערד נישט האַלטען״. [5]) אָט די ביבליאָטעק אונ־זערע איז אונזער ענטפער צו דעם אַרויסרוף פון די נאַצי־דייטשען. זיי האָבען זיך אויסגעקליבען די שווערד: און זייער גאַנצע באַרי־מעריי איז היטלער! מיר קלייבען זיך אויס דעם ספר, דאָס בוך, און אונזער שטאָלץ איז איינשטיין! זיי ווילען בעסער פייער, פאַרניכטונג, דעם סימבאָל פון טויט! און מיר ווילען זיך תמיד האַלטען מיט גע־דאַנק און געפיל און מיט אונזערע שיינע און דערהויבענע אידעאַלען — די אייביגע סימבאָלען פון לעבען!

נאָטיצן און באַמערקונגען

צו דעם ספר יהדות (אידענטום)

פון

הרב דר. י. ח. לעווינטהאַל

אידיש : דר. א. אייסען

נאָטיצן און באַמערקונגען.

פאָרוואָרט.

1) שמות, 12 : 26.

2) מכילתא, שמות, 12 : 26.

3) דז. ס. ביקסלער, רעליגיע אין דער פילאָסאָפיע פון וויליאַם דזשיימס, זייט 90 ; דזשיימס, דער ווילן צו גלויבן און אַנדערע עסייען אין פאָפולערער פילאָסאָפיע, זייט 117.

קאַפּיטעל 1.

דאָס אידענטום — אַ דעפיניציע.

1) דברי הימים א, 28 : 9.

2) אבות, 2, 5.

3) Israel Abrahams, Judaism, p. 51

4) ויקרא, 26 : 16.

5) ישעיה, 1 : 3.

6) ספרי דברים, קאַפּ. 309.

7) ישעיה, 1 : 18.

8) שבת, ל״א, א.

9) אַן אַלט אידיש ווערטל, אין העברעאיש, וואָס גייט צוריק צום 12־טן י. ה. פון יהודה ברי׳ שמואל החסיד. (ספר החסידים, זייט 321)

10) דברים, 28 : 48.

11) ירושלמי, שבת, יד, קראטשין, קאַפּ. 14.

12) דברים, 28 : 48.

13) מכילתא, יתרו.

14) Israel Abrahams, Judaism, p. 66

15) סנהדרין, קט :

16) ש. ד. לוצאַטא, ויקרא, 1 : 2.

17) מגילת אסתר, א. עזרא 7 : 14.
18. משנה כתובות, ז, 6. אויך סוכה, נו :
19) מגילה, יב, א.
20) Louis Finkelstein, "Some Aspects of Early Rabbinic Nationalism."
21) אַן אויסדרוק וואָס איז לעצטענס זייער פּאָפּולער. זע, פּראָפעסאָר מרדכי קאַפּלאַן : אידענטום אַלס אַ ציוויליזאַציע, זייט 173.
22) ספר המכביים, וו, 2 : 21.
23) יומא כ"ח, ב, מדרש תנחומא לך לך, 14.
24) מאזנים 1932, באַנד 3. זע אויך פּראָפ. יוסף קלויזנערס : תורת המדות הקדומה בישראל, 12.
25) ירושלמי, פאה וו, מדרש שמות רבה 28 : 4.
26) ישראל זאנגווילס, „נח'ס תיבה" אין די געטאָ־טראַגעדיעס.

קאַפּיטעל 2.

די איינציגקייט און באַזונדערקייט פון אידענטום.

1) מגילה, ט.
2) ראש השנה י"א, א.
3) ראש השנה.
4) מדרש תנחומא פקודי יא.
5) תענית ל, ב.
6) יבמות, מז, ב.
7) זע מגילת אסתר ח. יז. ס'איז אמת, אַז די חכמים האָבן שפּעטער צו־געגעבן אַ טעאָלאָגישע באַדייטונג צו דעם נאָמען „יהודי," למשל : אל תקרא יהודי אלא יחידי (לייען ניט „איד," נאָר — דעם וואָס פּראָקלאַמירט די איינציגקייט פון השי"ת) — אסתר רבה 6 : 4. זע אויך פּראָפ. לוי גינזבורג : לעגענדעס פון די אידן, V : 378.
8) זע פּראָפ. מורס באַהויפּטונג : "The Significance of the initiatory rite was not entrance into a religious community, it was naturalization in the Jewish nation", Judaism, 1, p. 232.
9) רות א, ט"ז.
10) רשי צו תהילים 83 : 6.
11) Cf. Solomon Zeitlin: "The Origin of the Synagogue," in Proceedings of the American Academy for Jewish Research, 1930-31 pp. 70,79; The History of the Second Jewish Commonwealth, p. VIII.
12) סוטה לה : א.
13) סנהדרין מ"ד : א.
14) ישעיה 60 : 21.
15) לידי מאַגנעס : אידישע פּאָרטרעטן, זייט 147.
16) זע : פּראָפ. שמואל ש. כהן : „וואָס מיר אידן גלויבן," זייט 31.

17) דברים ל : יב.
18) בראשית רבה א : י״ג.
19) John 18:36.
20) Math. 6:25.
21) דברים ה : ט״ז, ו : ב.
22) ספרי, האזינו. זע : אויך רש״י צו בראשית כד : ז.
23) נדרים י. א. זע אויך תלמוד ירושלמי. נדרים ט. אויך רמב״ם, משנה תורה, הלכות דעות : ג. א.
24) מור, „דזשודאַאיזם״ I, 271 און II, 378.
25) דר. מ. היגער, „די אידישע אוטאָפּיע,״ זייט 6.
26) ויקרא י״ח, ה.
27) יומא פ״ה, ב.
28) זייט 8 John Haynes Holmes: Judaism and Christianity.
29) See: Moses Mendelson's classic sentense: "Judaism does not say 'Thou halt believe,' but 'Thou shalt do!' " Jerusalem (Samuels trans.) 11, 106.
30) אַ זייער שיינע לעגענדע אין שבת, דף 88, וואו מלאכים האַלטן וויכוח מיט משהן, אַז די תורה באַלאַנגט צו די איינוואוינער אין הימל און נישט צו די שטערבליכע אויף דער ערד.
31) זאַנגוויל, אין „געטאָ טראַגעדיעס,״ זייט 220.
32) שלחן ערוך, אבן העזר, א׳, א׳.
33) פראַנסיס בייקאָנ׳ס עסייען V.
34) ירושלמי, קדושין, סוף.
35) "A Jewish Notebook," Opinion, Oct. 1932.

קאַפּיטעל 3.

די גאָט־אידעע אין אידענטום.

1) Marlowe, "The Jew of Malta" Oct. 1, sc. 1.
2) איוב 11 : 9 ; מדרש שמות ר., קאַפּ. 41, וואַרשא, 1867.
3) ציטירט פון קאָופמאַן קאָהלער, אידישע טעאָלאָגיע, זייט 72.
4) הושע 2 : 21.
5) New York Times, Oct. 9, 1932.
6) דעצ. 29, 1930.
7) Sir James Jeans in Living Philosophies, p. 117. *His statement,* "The Universe shows evidence of a designing or controling power that has something in common with our own individual minds." The Mysterious Universe, pp. 158-159.
8) Forum, April 1930.
9) Arthur Stanley Eddington, Science and the Unseen World, p. 58.
10) Ibid. p. 91.

11) Science and Religion: A symposium, with forward by Michael Pupim, page 19.

12) מעשה אברהם, אין יעלינעק'ס בית המדרש, I, זייטן 27־29.

13) Bernard Heller, Is Spinozism compatible With Judaism? p. 11.

14) תהילים 42 : 3.

15) Isaac Husik, A History of Mediaeval Jewish Philosophy. N.Y. 1918, p. 17; cf. K. Kohler, Jewish Theology, 67f.

16) B. Heller, ibid., p.7.

17) Cosmic Religion, p. 97.

18) J. E. Boodin, "God" in Hilbert Journal, vol. 27, p. 577

19) ברכות דף י. ויקרא רבה ד : ח, וואַרשא, 1867.

20) מדרש שמות ר., קאַפּ. 5, טייל 8.

21) חגיגה, דף ה.

22) Havelock Ellis, Dance of Life, p. 188.

23) תהילים יד : א ; נג : ב.

24) Meyer Levin, Golden Mountains, page 86.

25) Samuels S. Cohon, What we Jews Believe p. 131.

26) K. Kohler, Jewish Theology, p. 35.

27) מכילתא בשלח, זייט 37, אַרויסג. פריעדמאַן ; תלמוד סוטה, דף 30, שמות רבה, קאַפּ. 23, אַפּט. 9, וואַרשא, 1867.

28) J. Strahan, art. "Inspiration" in Hastings Encyc. of Rel. and Ethics, VII, p. 347b.

29) כוזרי מאמר I, סעקצ. 95, 103 ; מאמר II, סעקצ. 44, ורשא, 1911.

30) Abraham Geiger, Judaism & Its History I, p. 61.

31) I. Kant, Kritic, at the end. Edmund Konig, "The Truth of Old Test. Religion".

32) תהילים יט, פסוקים : ב. און ח.

33) Moore, Judaism, I, p. 362.

34) גאָט'ס נאָמען „הקדוש ברוך הוא" וואָס מען טרעפט אָפט אין דער ליטע־רטור פון חז"ל, באַווייזט אונזער שטאַנדפּונקט.

35) שבת פו, א, במדבר רבה ט : 4. Warsaw 1867; cf. Schechter, Aspects of Rabbinic Theology, p. 199 b.

36) ספרי עקב, מט, סוטה, יד, א.

37) F. W. Weber, Judische Theologie, p. 148f.

38) ברכות דף מ.

39) ספרי דברים לא.

40) ספר העקרים מאמר ב, קאַפּיטעל ל. Warsaw 1877.

41) מורה נבוכים, I, קאַפּ. 59, זייט 88, וואַרשא, 1872. Also סעדיה, אמונות ודעות I, 4, p. 41a, Yusefov 1885

42) שמות 33 : 18־20.

43) תלמיד ירושלמי, ברכות, קאַפּ. ט, אַרויסגעג. קראָטאָשין.

44) תהילים 16 : 8.

45) רשב"א, ש"ך, יורה דעה, רס ו : ה.
46) שמות, 33 : 13־19. איך 34 : 6־7 ; רמבם, מורה ו, קאַפּ. 54, וואר־שא, 1872.
47) William Orton, "A Challenge to Israel," in Harpers, Nov. 1931.
48) רש"י, שבת קלג. Israel Abrahams, Festival Studies, p. 17. See also Rabbi B. Epstein, תורה תמימה.

קאַפּיטעל 4.

די אַנטוויקלונג פון דער גאָט־אידעע אין אידענטום.

1) Mathew Arnold, Literature & Dogma.
2) Moore, Judaism, I, 361.
3) שמות, קאַפּ. 33 : 20.
4) " 18.
5) " 23.
6) אנעים זמירות, זינגער'ס סידור, זייט 78, לאָנדאָן, 1912.
7) רמב"ם, משנה תורה, תשובה, ווו, 7.
8) ראב"ד, אויפ'ן אָרט.
9) אבות ד"ר נתן, ווערזיע ו, קאַפּ. 2, ווערזיע וו, קאַפּ. 3, זייט 7. אַרויס־געגעבן — שעכטער.
10) 32 מידות, ד"ר אליעזר, נומער 14, ווילנא.
11) *Quoted by* S. S. Cohon, What We Jews Believe, p. 138. F. Max Muller: chips from a German worshop. I, 350, and Life & Religion, p. 55.
12) אנעים זמירות, זינגער'ס סידור, זייט 79.
13) מדרש תנחומא, יתרו, טייל 17. אַרויסגעגעבן : בובער.
14) Harry Elmer Barnes.
15) שמות, קאַפּ. 3 : 13.
16) " 2 : 23.
17) " 3 : 14.
18) ויקרא רבה, יא : ה. Warshau, 1867.
19) שמות 6, פסוקים 2־3.
20) מדרש בראשית רבה, קאַפּ. 33, ווארשא, 1867 ; אבות ד"ר נתן, אַרויס־געגעבן — שעכטער, ווערזיע 2, קאַפּ. 38.
21) רש"י, שמות, 6 : 2.
22) ברכות דף 7.
23) פירוש „עץ יוסף" צום סידור אוצר התפילות, זייט 155, ווילנא, 1923.
24) יומא דף 69 : תלמוד ירושלמי, מגילה, סוף קאַפּ. 3 — קראַטאשין ; דברים 10 : 17, ירמיהו 32 : 18, דניאל 9 : 4.
25) Tolstoy, Essay on Religion & Morality.
26) זכריה 14 : 9.
27) פסחים, דף נ.

קאפיטעל 5.

איז אידענטום אין צוזאמענשטוים מיט וויסענשאפט?

1) שבת נה.
2) רש"י צו בראשית 1 : 1 ; אויך בראשית רבה 1 : 3.
3) קידושין דף מט.
4) Louis Ginzberg, "The Religion of the Pharisee," in Students, Scholars, and Saints, p. 105.
5) גיטין ס.
6) יבמות 109.
7) שמות, 21 : 25.
8) בבא קמא, דף פד.
9) מדרש ויקרא רבה, קאפ. 1, טייל 3 ; תלמוד מגילה 13.
10) Frederick J. E. Woodbridge, The Purpose of History, pp. 41 and 57.
11) אבות, קאפ. 5, מ. 22 — געדרוקט : ווילנא.
12) Harry A. Wolfson, "Judaism in Relation to Philosophy and Science," printed in Jewish Exponent, Phila. July 2, 1926.
13) חגיגה ג ; מכילתא בא, זייט 18 : Friedman.
14) S. S. Cohon, What We Jews Believe, p. 113.
15) מדרש שמות רבה, קאפ. 28, טייל 4, ווארשא, 1867.
16) מדרש תנחומא, יתרו, טייל 11, ווארשא, 1902.
17) זעלבן ארט.
18) " "
19) שבת יד ; מגילה לב. טור אורח חיים קמז.
20) Moore, Judaism, I, 381.
21) מדרש בראשית ר. 3 : 7 ; מדרש שמות ר., 30 : 2.
22) עבודה זרה ג.
23) תהילים סח : יח.
24) בראשית 2 : 7.
25) עירובין דף יח ; בראשית רבה, 14 : 12.
26) בראשית 4 : 26.
27) מדרש בראשית רבה 23 : 9.
28) בראשית 2 : 3.
29) פסיקתא רבתי 1. רמב"ם מורה, ו, 67.
30) זינגער'ס סידור, זייט לט.
31) מדרש שמות ר. 13 : 1 — אויסטייטשענדיג איוב 38 : 38.
32) יומא נד.
33) בראשית 1 : 5.
34) מדרש בראשית ר. 3 : 8.
35) בראשית, זעלבן ארט.
36) *In a recent Hebrew homiletic work whose name I can not recall.*

37) S. D. Luzzatto, Commentary on Genesis, I.
38) בראשית 1 : 9.
39) In his sermon אור החיים quoted by I. Nissenbaum, קניני קדם 1.13.
40) רמב״ם, מורה נבוכים 11, 25.
41) ערכין יא.
42) מדרש תנחומא, נח, טייל 3, ווארשא, 1902.
43) Science and Religion: A symposium, with forward by Michael Pupim, p. 21.
44) זעלביגן אָרט.
45) זעלביגן אָרט.
46) רמב״ם, הקדמה צו שמונה פרקים, קאַפּ. 4.

קאַפּיטעל 6.

דאָס אָרט וואָס ריטועל און צערעמאָניע האָט געשפּילט אין אידענטום.

1) Moore, Pudaism, II, pp. 7,8.
2) תהילים קיט : נד.
3) Heinrich Heine, Confessio Indaico, ed. by H. Bieber, p. 13 (letter to Immanuel Wohlwill, April 1, 1883).
4) ויקרא 19 : 2.
5) ויקרא קאַפּ. 19.
6) זעלב. קאַפּ. פּסוק מד.
7) מורה נבוכים. 25f. cf. also Morris Joseph, Judaism as Creed and Life, pp. 180-189.
8) K. Kohler, Jewish Theology, p. 453.
9) תהילים 18 : 31.
10) מדרש בראשית ר. 44 : 1.
11) ספרא, קדושים, סוף צג. אַרויסג. ווייז.
12) John Dewey, Human Nature & Conduct, p. 21.
13) שמות 20 : 15.
14) „סדר־נאַכט" אין „קינדער פון דער געטאָ" — זאַנגוויל, קאַפּ. 25.
15) „טאָג־בוך פון אַ משומד," אין די געטאָ־טראַגעדיעס, זייט 422.
16) תהילים קיט : קכט.

קאפיטעל 7.

וואָס זאָל זיין די באַציהונג פון דעם מאָדערנעם אידן צו ריטועל און צערעמאָניע?

1) שמות 20 : 8.
2) דברים 5 : 12.
3) פסיקתא רבת כג. p. 115 b ed. Friedman.
4) מדרש איכה רבה פתיחתא ב.
5) נדה, סא. (pp. 106-8) And the Jewish Utopia by M. Higger.
6) R. Travers Herford, Judaism and the Beginnings of Christianity, p. 163. cf. Ahad Ha-Am "Flesh and Spirit" in Eng. trans. Selected Essays by Leon Simon p. 156f.
7) אבות 1 : 1.
8) ברכות כד.
9) ד. ז. נח.
10) Kohler, Jewish Theology, p. 453.
11) Ignatz Zollschan, Jewish Questions, pp. 24f; 34.
12) Louis Ginzberg, "Zechariah Frankel," in Students, Scholars and Saints, p. 204.
13) ד. ז. זייט 205.
14) בראשית 28 : 20־21.
15) בראשית רבה קאַפּ. 70, טייל 5.
16) דברים 17 : 16־17.
17) מדרש שמות ר. 6 : 1. אויך מדרש ויקרא ר., 19 : 2.
18) מגילה 29.
19) דברים 32 : 47.
20) ירושלמי פאה א. Col. 15b ed. Krotoshin.
21) תהילים קיט : קכה.

קאַפּיטעל 8.

דאָס אָרט פון עטיק אין אידענטום.

1) שבת לג; יומא עב.
2) Moore, Judaism, II, p. 79.
3) Cf. M. Lazarus, Ethics of Judaism, I, Ch. 5.
4) משנה, יומא פה.
5) סוטה דף יד.
6) מדרש תנחומא וישלח sec. 10 Warsaw 1902 — where it adds the words „ואמצעיתה" to the statement given in סוטה יד.
7) אינערע באַציהונגען דער קאַנטישען פילאָזאָפי צום יודענטום, זייטן 9, 60.

8) ספרא קדושים פט ; תלמוד ירושלמי נדרים ; מדרש בראשית ר. קאַפּ. 24.
9) ויקרא 19 : 18.
10) מדרש בראשית ר.
11) בראשית 5 : 1.
12) שבת לא.
13) Moore, Judaism, II, p. 81.
14) ה. ז. 1, 362.
15) ספרי, האזינו. L. Ginzberg, Students, Scholars and Saints p. 103 note 19.
16) M. Lazarus, Ethics of Judaism I, p. 112, 114; L. Ginzberg, p. 103, also Joseph Klausner, תורת המידות הקדומה בישראל, אָדעס, 5678.
17) ויקרא 19 : 2.
18) M. Lazarus, I, Ch. 2.
19) Cf. Supra, ch. III, p. 46.
20) דברים 13 : 5.
21) תהילים 77 : 20.
22) Midr Tanh, Wayishlah, end ed. Warsaw 1902; cf. Psalms, 25:10.
23) כתובות, סח.
24) עבודה זרה יז.
25) Lazarus I, p. 114.
26) חבקוק 2 : 4.
27) שבת לא.
28) Moore, ibid. II, 93; cf. Romans 3:20.
29) Acts 16:30-31; cf. Mark 16:16.
30) תהילים 24 : 3־4.
31) Cf. Supra ch. 11, p. 23f.
32) דברים 16 : 20.
33) שמות 21 : 24.
34) Math 5:39; Luke 6:29.
35) See note 8.
36) Cf. Supra ch. V, notes 7 and 8.
37) מיכה 6 : 8.
38) ראש השנה יז.
39) אחד העם : על פרשת הדרכים V, 451.
40) ויקרא 19 : 17.
41) עמוס 5 : 24.
42) כתובות דף ג.
43) אבות, קאפ. 1, מ. 14. ווילנא.
44) דברים 16 : 20.
45) סנהדרין לב ; מדרש תנחומא, שפטים.
46) ישעיה 26 : 2.
47) ספרא אחרי מות Col. 86b ed. Weiss.

48) עובדיהו 1 : 18.
49) עבודה זרה י.
50) ברכות מ.
51) דברים 20 : 19־20.
52) Cf. Moore, Judaism II, p. 80.
53) L. Ginzberg, "Jewish Thought as Reflected in the Halakah," p. 112.
54) L Ginzberg, The Jewish Primary School p. 28f.
55) ב. נבן „מה חדשה שיטת המוסר" (ירושלים) אין דעם „ההד".
56) סוטה יב ; חולין צא.
57) ד, ז.
58) תהילים קטז : 9.
59) יומא דף עא.
60) זעט אנמערקונג 22.

קאפיטעל 9.

די לערע פון גיהנם און גן־עדן אין אידענטום.

1) תוספתא חגיגה, קאפ. 2, אפט. 4־3, ארויסג. צוקערמאנדעל ; תלמוד חגיגה, דף יד ; ירושלמי חגיגה קאפ. 2, דף עז, ארויס. קראטאשין.
2) Kaufman Kohler, Heaven and Hell in Comparative Religion, p. 122.
3) משנה סנהדרין 10 : 1, ארויסג. ווילנא.
4) חגיגה יג. בבא בתרא קמא. יבמות סג. סנהדרין ק. ירושלמי ברכות, יג, ירושלמי נזיר ה.
5) Moore ib. II, 388-89.
6) Israel Abrahams, Judaism, p. 5.
7) Moore I, p. 359.
8) George Adam Smith, "The Hebrew Genius in the Old Testament," in Israels Legacy, p. 8.
9) Solomon Schechter, "Doctrine of Divine Retribution," in Studies of Judaism, I, p. 231.
10) L. Ginzberg, "The Religion of the Pharisee" in Students, Scholars and Saints, p. 92.
11) Cf. Supra, ch. II, p. 26.
12) M. Higger, "The Jewish Utopia," p. VI.
13) בראשית 2 : 8־9.
14) יהושע 15 : 8 ; מלכים ב. 23 : 10 ; ירמיהו 7 : 31.
15) ישעיהו 25 : 8.
16) ישעיהו 38 : 11 ; תהילים 116 : 9.
17) K. Kohler, Jewish Theology, p. 279.
18) George Adam Smith ib, p. 26.

19) קהלת III, 21, ציטירט אין תלמוד, חגיגה דף יג.
20) משנה, חגיגה II, 1.
21) דברים 4 : 40.
22) S. Schechter, Some Aspect of Rabbinic Theology, p. 30.
23) ירושלמי ראש השנה, קאַפּ. 1 ; מדרש בראשית ר. קאַפּ. מח, טייל 9, אַרויסג. ווארשא, 1867.
24) סנהדרין דף צג ; חולין דף צא ; Kohler's Theology, p. 186.
25) David Newmark, quoted by Kohler.
26) Moore, ib. I, 404.
27) “But מלאך means שליח; hence everyone that is entrusted with a certain mission is an angel” רמב"ם מורה II, 6.
28) נדרים כ.
29) Moore, II, p. 289.
30) ישעיהו 30 : 10 ; איוב 30 : 17 ; תהילים 9 : 14, 107 : 18.
31) תהילים 18 : 5.
32) Ibid.
33) Moore, II, p. 291.
34) קהלת 3 : 18-22 ; אויך 9 : 4-6.
35) איוב 14 : 7-12 ; תהילים 30 : 10, 115 : 17.
36) זע *See*: Moore, II, 291
37) תהילים 118 : 17.
38) " 115 : 16.
39) Moore, II, 291.
40) תהילים 16 : 10-17.
41) " 49 : 16.
42) I. Abrahams, Judaism, p.70.

קאַפּיטעל 10.

די לערע פון גיהנם און גן־עדן — המשך.

1) תהילים 16 : 10.
2) תלמוד, פסחים נד.
3) Moore, Judaism, II, 394.
4) ד. ז. II, 279.
5) K. Kohler, Heaven and Hell, p. 61.
6) מעגלאך, אַז דאָס איז געווען אַריינגענומען אין די ספרי חצונים. פּראָפּ. מור, II, 280.
7) Kohler, ib., p. 62.
8) זעלב. אָרט זייט 66.
9) כתובות יעז ; אויך סנהדרין צח.
10) חגיגה יב ; אויך שעכטער, טעאָלאָגיע, זייט 26.
11) משה חגיגה II, 1. תוספות, חגיגה II, 1.
12) אבות IV, 16, אַרויסג. ווילנא.

13) אבות ד"ר נתן, ווערזיע ו, קאַפּ. 32, זייט 47 ; מ. איגער, די אידישע אוטאָפּיע, זייטן 6־7.
14) אבות ד : יז. Ed. Witna; L. Ginzberg, The Religion of the Pharisee.
15) John 18:36.
16) Ginzberg, pp. 97 and 98.
17) Moore, II, p. 389.
18) תמיד, לב.
19) עירובין, יט.
20) פסחים, צד.
21) סוטה י.
22) ברכות נז.
23) שבת לט.
24) מדרש קהלת ר. קאַפּ. 7.
25) K. Kohler, Heaven and Hell, p. 134.
26) חגיגה יב, הלכות ואגדות פון מ. היגער, זייטן 141־150 ; און בית המדרש פון יעלינעק, III, 136.
27) בבא בתרא מד־מה. בראשית רבה 27 :2, און אַנדערע.
28) תהילים 23 : 5 ; ישעיהו 65 : 13 ; איוב 40 : 30.
29) ברכות 34.
30) בבא בתרא 75 א־ב.
31) תענית לא ; ישעיהו כה : ט.
32) ברכות יז.
33) Inferuo, Canto IV, lines 39 (trans. of H. F. Cary).
34) תוספתא סנהדרין יג : ב. 13:2 ed. Zuckermandel. *Both base views on* Ps. 9:18.
35) Ibid., Canto III, line 3.
36) זע אַנמערקונג 30.
37) ראש השנה, תוספתא סנהדרין. 13:3 ;16b17a.
38) עירובין יט.
39) מורה III, 29־37. איבן עזרה, איוב, 1 : 6.
40) שבת לג.
41) חולין קלג.
42) בבא מציעה נט.
43) עירובין מא.
44) Moore, Judaism, II, p. 89.
45) אבות, 4 : 2, ווילנא.
46) Ibid 1:3.
47) נדרים ח.
48) דאָרטן.
49) ברכות לד ; ישעיהו סד : ג.

קאַפּיטעל 11.

די משיח־אידעע אין אידענטום.

1) Joseph Sarachek, The Doctrine of the Messiah in Medieval Jewish Literature, p. 3. Cf. W.O.E. Oesterly, The Education of the Messianic Idea, p. 43.
2) K. Kohler, Heaven and Hell, p. 156.
3) L. Ginzberg, Students, Scholars and Saints, p. 96.
4) ויקרא 4 : 3, 5, 16 ; 6 : 15.
5) שמואל א, 16 : 6 ; 24 : 6, 10 ; 26 : 9 ; שמואל ב, 1 : 14 ; 19 : 22. איכה 4 : 20.
6) שמואל א, 24 : 6 ; שמואל ב, ז : 14.
7) Cf. Cf. J. Sarachek, ibid., p. 9; K. Kohler, Jewish Theology, p. 382.
8) David was identified by some of the prophets and Rabbis with the Messiah cf. Hosea 3:5; Jeremiah 30:9. Cf. also J. H. Greenstone, The Messiah Idea in Jewish History, p. 21.
9) Israel Friedlander, The Messianic Idea in Islam, in Past and Present, p. 141.
10) ישעיהו, קאַפּ. 2 און 32.
11) חגי, 2 : 1, 9, 20, 23 ; זכריהו, קאַפּ. 4.
12) ישעיהו מה : א.
13) ירושלמי תענית. Ch. 4, 68d, ed. Krotoshin; Warsaw, 1867. מדרש איכה רבה 2 : 5.
14) Cf. Schechter, Aspects of Rabbinic Theology, p. 89, 103. Cf. also Ginzberg op. Cit., p. 99.
15) ישעיהו ב : 2־4 ; מיכה ד : א־ז.
16) Israel Abrahams, Judaism, p. 90.
17) Cf. יחזקאל chs. 38-39; Kohler, ibid., p. 381.
18) Cf. Greenstone, ibid., p. 50.
19) Cf. J. Sarachek, ibid., p. 6.
20) Cf. ibid., p. 8.
21) Ibid., p. 7.
22) Ali Ibn Hazm, quoted by Israel Friedlander, ibid., p. 139.
23) מדרש איכה רבה. Ch. I, sec 57, ed. Warsaw, 1867.
24) ברכות כח.
25) איכה רבה II, 5.

קאפיטעל 12.

די משיח־אידעע — המשך.

1) ירושלמי תענית, קאפ. 4, 68 ; איכה רבה, ב : ה.
2) Israel Zangwill, "Noah's Ark," p. 122.
3) סנהדרין צח.
4) רש"י סנהדרין צט. Cf. also Kohler, Jewish Theology, p. 388.
5) מדרש תהילים, זייט 107, ארויסג. בובער.
6) סנהדרין צח.
7) אויך צז.
8) שבת 118. זע אויך גרינסטאון, זייט 92.
9) Moore, Judaism, II, p. 361.
10) Emanuel Deutch, The Talmud, pp. 24, 25.
11) S. Schechter, Rabbinic Theology, pp. 101, 102
12) זכריהו ח : כג.
13) חגיגה יד ; סנהדרין לח.
14) ברכות לד ; שבת דף סג ; פסחים דף סח ; סנהדרין צט.
15) משנה תורה, הלכות, מלכים, קאפ. 12, אפט. 1־2.
16) ד. ז.
17) מלאכי ג : כג.
18) סוכות נב, א און ב.
19) S. Zeitlin: History of the Second Commonwealth, p. 18 note 60; cf. Sarachek; Kohler, Jewish Theology, p. 384.
20) רמב"ם. אויך : ל. גינצבערג זייט 229.
21) כתובות דף קיא.
22) שבת ל ; סנהדרין ק.
23) Kohler, p. 386.
24) סנהדרין צז.
25) Kohler, p. 388.
26) לוח אחיאסף, Vol. VI, 1998, page 166.
27) Quoted by Grenstone, p. 267.
28) ויקרא כו : מב.
29) רש"י ילקוט ראובני בחוקותי 137, ארויס. ווילנערסדארף, 1861.
30) Israel Friedlander, p. 158.
31) From a paper read at Berlin before World Congress of Religious, 1910.

קאַפּיטעל 13.

די שטעלונג פון אידענטום צו אַרבייט.

1) Labor speaks for itself, ed. by Jerome Davis. N.Y., 1929.
2) Ib., p. 24f.
3) Ib., pp. 153, 155, 156.
4) Ib., p. 260.
5) Lady Magnus, Jewish Portraits, p. 151.
6) ויקרא יח: ה; יומא פה; סנהדרין עד.
7) The Ethics of the Halakah, by J. Lauterbach.
8) Metamorphoses, Eng. transl. by F. J. Miller, I, 101, 102.
9) בראשית ב: יה. בראשית רבה XVI, 5.
10) בראשית ג: יח־יט. פסחים קיח.
11) אבות ד"ר נתן, ווערזיע II, קאַפּ. 21, זייט 22 — שעכטער.
12) דאָרטן.
13) שמות כ: ט. דברים ה: יג.
14) שבת קיט.
15) אבות ד"ר נתן.
16) Politics, I, II, par. 6; III, 5, par. 9. Eng. transl. by B. Jowett. Oxford, 1905.
17) Ibid., II, 9 par 11; II, 11 par 10.
18) תהילים, קכח: ב.
19) משלי לא: כז.
20) קוהלת ב: י.
21) דאָרט ה: יא.
22) נדרים מט, בבא קמא עט.
23) נדרים מט.
24) תוספתא קידושין I, 11, אַרויסג. צוק; תלמוד קידושין כט.
25) דברים ל: יט.
26) ירושלמי, קידושין 1, רש"י בבא מציעא ל.
27) אבות 1, 10.
28) פסחים קיג.
29) תוספתא, ברכות VII, 8, אַרויסג. צוק.
30) כוכבי יצחק Ed by Stern, Wien, 1863, vol. 29, p. 12.
31) גיטין סז.
32) נזיר נב.
33) בבא מציעה דף 85; ראש השנה דף 20.
34) שמות ר, קאַפּ. 13; טייל 1, אַרויסג. ווילנא.
35) תענית כא.
36) עירובין נו.
37) נידה כד; חולין קה; ברכות כח; שבת לא; עירובין פח און אַנדערע ערטער.

38) רש"י ברכות כ"ח ; ירושלמי ברכות 7 : 4.

39) Israel Abrahams, Jewish Life in the Middle Ages, p. 228.

40) His letter to Joseph Aknin.

41) בן סירא לח : לג.

42) דאָרטן, לט : ג־ד.

43) S. Schechter, "Social Life of the Jews in the Age of Jesus the Son of Sirach," Studies in Judaism, sec. 11, p. 79.

44) בן סירא, 7, 15.

45) יהושע א : ח.

46) דברים יא : יד.

47) Sifre, "Ekeb," sec. 42, p. 80; ed. Friedman.

48) Cf. S. Schechter, "Jewish Philanthropy,".

49) שבת לג.

50) ברכות לה.

51) דאָרטן.

52) אבות ב : ב. ווילנא.

53) קידושין לג ; חולין נד.

54) קוהלת ר, סוף קאַפּ. ד. ווילנא.

55) ברכות יז.

56) Ross, Principles of Sociology, p. 345.

57) Cf. B. B. 75 b.

58) ירושלמי קידושין, קאַפּ. 2, 62 און אַז. ו. ; ירושלמי תענית, 4 : 69.

59) Josephus, "Wars of the Jews," III, 3.

60) סוכות נא.

61) Franz Delitch, Jewish Artisan Life in Time of Christ.

62) Israel Abrahams, Jewish Life in the M. A.. p. 227.

63) F. Delitch, ibid.

64) בן סירא כו : כט.

65) קידושין פב.

66) עירובין נח.

67) ירושלמי, יומא, קאַפּ. 5, 42. אַרויסג. קראָט.

68) S. Schechter, Studies Ser III, p. 272.

69) A. Teudlan, also R. Israel Al-Nakawa.

70) דברים יח : יח.

71) ספרי ראה, קכג. Friedman, P. 99.

72) Hans Cohon, "Labor Nationalism, the Religion of Aaron David Gordon," Menorah Journal, Vol. XX, I, p. 12.

קאַפּיטעל 14.

די שטעלונג פון אידענטום צו דעם אַרבייטער.

1) בראשית ט : כה ; יהושע ט : כג.
2) Mayer Sulzberger, The Status of Labor in Ancient Israel, p. 6.
3) Cf. ibid., p. 7.
4) H. Wallons work — Paris, 1879, ch. II, page 175.
5) ויקרא כה : מג.
6) ספרא בהר, קט. Ed. Weiss.
7) שמות כא, כן־כז.
8) רש"י שמות כא, כו־כז.
9) דברים טו : טו.
10) נידה מז. ספרא בהר קיט, אַרויסג. וויס.
11) ירושלמי, בבא קמא ח : ו ; איוב, 31 : 15.
12) C. F. Kent, Social Teachings of the Prophets and Jesus, p. 247.
13) A. Harnack, What is Christianity?.
14) שמות ז : טז.
15) I Coriut. 7:20; cf. Ephes, 6;5.
16) דברים טו : יב־יז.
17) קידושין יד : טו.
18) Josephus, Antiquities, IV, 8:28.
19) קידושין 69 ; ערכין 29.
20) העבודות על פי התורה והתלמוד, Zadon Kahu, tr. by Solomon Fuchs, p. 3.
21) Ibid., cf. אויך Dr. I. S. Bloch "The Workers in the Days of the Taumaim — Ha Hed Jerusalem—IX, 4, p. 18.
22) Z. Kahn, ibid., p. 78.
23) דברים כג : טז־יז.
24) Philemon vs 15-16.
25) שמות כג : ד.
26) ויקרא כה : נה. בבא קמא קטז, קידושין כב.
27) קידושין 20.
28) ידים Ed. Wilna;.
29) ירושלמי, בבא מציעה, Tells the same story, etc.
30) זע רש"י אויפן אָרט.
31) משלי ב : כ.
32) ד. ז.
33) ויקרא יט : יג.
34) דברים כד : טו.
35) Ibid., 24:14.

36) ספרי כי תצא .Sec. 279, p. 123 ed. Friedman

37) קידושין 22b; M. Katz, בבא קמא 77a; בבא מציעה 116 b; "Protection of the Weak in the Talmud," p. 30

38) בבא מציעה דף עז.

39) בבא מציעה דף פג.

40) תוספתא, קאפ. 8, 2. .Ch. 8, secfi. 2 ed. Zuck

41) .Moore, Judaism, II, 140

42) .Schechter, Aspects of Rabbinic Theology, p. 113

43) M. Sulzberger, The Status of Labor in Ancient Israel, .p. 120

44) ירמיהו 5 : 25 ; קידושין 28.

קאפיטעל 15.

דאָס אָרט וואָס ארץ ישראל שפּילט אין אידענטום.

1) נדרים כב.

2) Cf. S. D. Driver, An Introduction to the Literature of .Old Testament, 1906, p. 5

3) פּראָפ. ס. קליין, אין זיין אינאַגורירונגס לעקציע אין העב. אוניווערזיטעט.

4) תנחומא ויסעו א, ווארשא, 1902.

5) בראשית ג : כד.

6) דברים לד : ד.

7) .Ber. 30a

8) בעל הטורים, אָנהויב וירא.

9) דברים לג : ד.

10) שמות ו : ח.

11) אין „ספר הארץ," י. פישמאַן, דביר, ירושלים, 5687, זייט 3.

12) בראשית יב : 1־2.

13) מכילתא, בשלח, זייט 44. ווייס.

14) מועד קטן 25.

15) ילקוט שמעוני, וירא צט.

16) .Selected Poems of Yehuda Halevi, p. 2. Phila., 1924

17) בראשית כח : יא־יג.

18) בראשית רבה, קאפ. סט, אָפּט. 3. ווילנא.

19) Cf. I. H. Levinthal, Steering or Drifting—Which? .Sermon on Jew, Hebrew, Israelite, p. 228

20) מפתח התלמוד .Vol. II, p. 2

21) ויקרא ר. קאַפּ. יג, טייל 2. ווילנא.

22) בראשית ר. קאַפּ. לט, טייל 8.

23) דברים ר., קאַפּ. כג, טייל 7.

24) בבא קמא דף פ.

25) ירושלמי, מועד קטן, קאַפּ. 2, 81 ; יהושע 6 : 15.

26) מדרש תהילים, קאַפּ. 85, טייל 2. בובער.
27) זבחים, 113.
28) מועד קטן, 26.
29) שולחן ערוך, אורח חיים, 561.
30) ב״ק, דף 95.
31) בראשית ר, קאַפּ. 74, טייל 1 ; מדרש תנחומא, ויצא, טייל 33, אַרויסג. בובער ; ילקוט שמעוני, תהילים, קאַפּ. 142, טייל 888.
32) בראשית כח : כא.
33) מועד קטן, 29.
34) זכריהו יד : ח.

קאַפּיטעל 16.

וואָס איז די צוקונפט פון אידענטום ?

1) דברים לג : ד.
2) Goethe's Faust, Part I, 682, 683.
3) דברים ר, קאַפּ. 11, טייל 1. ווילנא.
4) בראשית כח : טז.
5) בראשית ר, קאַפּ. סט, טייל 7.
6) שמות ר, קאַפּ. מו, טייל 1.
7) בראשית ב : ט.
8) דאָרט, ג. ג.
9) ילקוט ראובני, בראשית, זייט 33, ווארשא, 1884, אויך ל. גינזבערג׳ס מקומה של ההלכה בחכמת ישראל.
10) „נח׳ס תיבה״ אין געטאָ־טראַגעדיעס, זייט 94.
11) סנהדרין נב.
12) במדבר ר, קאַפּ. 4, טייל 20.
13) Cyrus Adler; quoted in J. H. Herz, Book of Jewish Thought, p. 4.
14) שמות כד : ז.
15) שמות ר׳, קאַפּ. 27, טייל 9.
16) מדרש תהילים, קאַפּ. 22, טייל 3־5 ; 11 אַרויסג. בובער.

קאַפּיטעל 17.

דער ספר און די שווערד.

1) בראשית כח : יא, יח.
2) חולין צא ; מדרש תנחומא, ויצא, טייל 1.
3) מדרש ויקרא רבה לה : ה : ספרי צו דברים יא : יב.
4) עבודה זרה, יז.
5) דאָרטן.

heavens, took the keys and disappeared into the heavens again." And then the tale significantly adds: "From that moment on, the keys never descended from the heavens again." [6]

As I look upon the workings of history in our day, it seems to me that the Divine Hand is offering us the keys of the Holy Land from the heavens where they were hidden all these centuries. Let us seize these keys. We dare not permit the keys to the gates of Israel to disappear into the heavens again. "Awake and bestir yourself, for your light has come; arise and shine! Awake, awake, utter a song; the Lord's glory is revealed upon you!" [7]

6. Tannit 29a; Leviticus Rabbah XIX. 6.
7. From the poem *Lecho Dodi,* by Rabbi Solomon Alkabetz.

camp before Sinai. We have not yet learned the elementary lesson in the philosophy of history, that one cannot play with history—that if you sleep when the hour demands that you be awake, you are bound to pay the penalty of being forced to stay awake when people should be asleep.

Let us not pay that heavy price again, for, if, heaven forbid, we miss this opportunity now, then for countless ages to come, we shall have to atone by denying ourselves the sleep of rest and peace which other peoples enjoy. Happily, we do find large numbers of American Jews who are awake and who show that they are prepared for this significant hour. But for every one of such Jews there are a score who are asleep, and who cannot be awakened to their duty. Ah, if all American Jewry were awake, how easily our historic destiny would fulfill itself. The great *Cabbalist* gave expression to an historic truth when, speaking of this custom to be awake on the night of Shabuoth, he said: "Everyone who does not sleep in this night may be assured that his sleep will not de disturbed on other nights, and that no injury will befall him."[5] If we remain awake in this momentous hour and stand ready to fulfill our obligation to our people, we may be assured that no injury will befall us in the years to come.

There is a beautiful legend told by our ancient Rabbis, with which I wish to close this message. "When Jerusalem was captured by the enemy and the Holy Temple set to flames, the young priests rushed to the roof of the burning Temple and hurled the keys of the sacred edifice heavenward, saying: 'O Lord, we were evidently unworthy to guard these keys. Take Thou them now from us: we return them to Thee!' And at that very moment a hand of fire came down from the

5. The *Ari,* quoted in *Otzar Hatfiloth,* p. 1007.

might behold the return of Israel to its ancient land. In all these centuries, we seemed to hear the Heavenly Voice speaking to us *He-yu Nechonim,* "Be prepared" for that eventful hour. One would think that once that hour came, all Jews would be awake and ready to grasp the historic opportunity. One would imagine that immediately upon the proclamation of the birth of the State of Israel, all Jews would stand prepared to give of themselves whole-heartedly in order to enable the Jews suffering in the hells of Europe to reach their Land of Promise and to find there a home of peace and happiness.

What, however, do we see, particularly here among the Jews of America? So many of them are in a deep slumber. Yes, they are happy at the outcome of the events, at the victories achieved by their brethren in Israel. But they seem to feel, as the Rabbi in the Midrash expressed it, that "sleep on a holiday is very pleasant," and so they indulge themselves in that luxury.

Not so the Jews in the land of Israel! They were and are prepared for this glorious opportunity. They were not found asleep. When the historic moment came, they were there; when Destiny called they answered. What heroism, what martyrdom they displayed in those eventful days! They were and are awake to the need of opening the gates of Israel wide to the hundreds of thousands of their brethren whose eyes are turned to its shores for their salvation.

But, alas, here in America vast numbers of our people are still in slumber. Nothing seems to be able to arouse them. Neither the thunders nor lightnings nor the sounds of powerful trumpets to which our leaders are forced to resort are able to awaken them from their stupor. Aye, one needs a Moses to arouse them, just as he aroused the slumbering Jews in the

upon the mountain, but found the Israelites asleep. They slept all through that night, for sleep on a holiday is very pleasant, and the night at this time of the year is short. And there were thunders and lightnings and the sound of a Shofar exceeding loud, but still they slept. And Moses had to arouse them and awaken them from their slumber, and thus brought forth the people out of the camp to meet God. And Rabbi Isaac adds, it is with reference to this that the prophet Isaiah reproved the Israelites when he said: 'Why, when I came, was there no one; when I called, was there none to answer?' "[3]

And later Rabbis add the significant comment: *L'chaper Al Shenah Shel Atzeres, Tiknu Liheyos Erim Kol Ha-layloh Ha-ze L'doros.* "It is to atone for their sleeping at this festive moment, that it was decreed that they shall remain awake all through this night throughout the generations to come!"[4]

What a remarkable interpretation of the workings of history do we find in this fascinating tale and comment! If a people sleeps when it should be awake, history demands a heavy penalty. It must then pay the price of remaining awake when it should be asleep. All through the ages the Jews remained awake this night of Divine Destiny to atone for their neglect to be awake and to be ready to meet that hour of fateful opportunity.

This little tale hardly needs further elaboration—one readily sees its application for our day. Once again we are offered a *rendezvous* with destiny. For 1900 years we were waiting, hoping, dreaming and praying for this great day in the life of our people, when we

3. Midrash, Shir Ha-shirim, I. 56, referring to Song of Songs ch. I. verse 12. Also Isaiah L. 2.

4. Mogen Abraham to Shulchan Aruch, Orach Chayim, 494. See also commentary Pische Olam Umetaame Hashulchan, ibid.

ASLEEP IN THE HOUR OF DESTINY*

The older men and women may still recall a strange custom observed by pious Jews on the night of Shabuoth. They would stay awake throughout the night and spend the hours reading and studying passages taken from all parts of our Biblical and Rabbinic literature, known as *Tikkun Lel Shabuoth.*

It is interesting to note how this custom originated. It is connected with a quaint tale in our Midrashic literature. When God was about to give the Torah to the Israelites, He said to Moses: "Go unto the people, and sanctify them today and tomorrow, and let them wash their garments, and be ready against the third day. For on the third day the Lord will come down in the sight of all the people upon Mount Sinai." [1] Moses went to the people and repeated to them the words of God, *He-yu Nechonim,* "Be prepared for the third day!" [2]

We should imagine that once the Israelites knew what was about to happen, that within three days they would hear immortal truths from God Himself, they would count the very moments for that glorious event, they would be restless and impatient, awaiting and preparing for that historic hour. But what actually happened? The Rabbis elaborate upon the Biblical narrative. "And it came to pass on the third day, when it was morning, the Holy One Blessed be He came

---

* Preached on Shabuoth, June 4, 1949.

1. Exodus, XIX. 10-11.

2. Verse 15.

Chipozon Shechinah, "It was the haste of the *Shechinah*—of God Himself!"[9] We, too, may repeat these words. The Holy One Blessed Be He desires haste to reveal to the world the triumph of justice and righteousness. Too long has it appeared that truth is powerless and right is vanquished. Let us, as co-partners with the Divine, make haste to prove to the world the vindication of God's ideals.

The beginning has already been made. The words of the prophet have come to pass: "Behold I will do a new thing; even now it is springing forth; do ye not recognize it?"[10] It is now in our power to make this new spring-time that has entered our lives to blossom and to flower into richness and fullness of Divine blessedness!

9. Yalkut Shimoni, Isaiah, par. 476, to ch. LII. verse 12.
10. Isaiah XLIII. 19.

Above all, we dare not delay in the fulfillment of our duty. Haste in our response is of the essence. The *Matzoh*, which we eat on this festival, as you well know, is to remind us *Ki Be'chipozon*, "that in haste didst thou come forth out of the land of Egypt."[7] The Rabbis, analyzing this statement, ask: *Be'chipozon Shel Mi*, "In haste, because of whom?" One sage replies: *Chipozon De'Mitzrayim*, "The haste was because of the Egyptians"; the second sage answers: *Chipozon De'Yisrael*, "The haste was because of the Israelites."[8] Yea, both Rabbis are correct. There was need for haste because of the Egyptians, lest they might change their minds and refuse to let the Israelites go. There was need for haste because of the Israelites, because they could not endure their bondage any longer.

How true this analysis is for our day. Now there is the opportunity for the Jews to leave the Egypts of Europe. We must make haste, lest the doors of exit in some of these lands may close. There is need for haste, too, because the more Jews there will be in Israel, the less will be the chance for the Pharaohs to stir up strife and warfare among the Arab peoples. Yea, there is need for haste because of the Egyptians of today. But there is also need for haste because of the Jews. They can no longer endure their sufferings and hardships in the D.P. camps and in those lands of misery where they have been languishing so long. They yearn for a taste of that new freedom and that new life that have come to their brothers and sisters in Israel.

And a third Rabbi adds his answer to the question: *Be'chipozon Shel Mi*, "In haste because of whom?" Says R. Aba Chanan in the name of R. Elazar: *Zeh*

---

7. Deuteronomy, XVI. 3.

8. Berachot 9a; Mechilta to Exodus XII. 11. See also Torah Shelemah, ibid, for further references.

plead for a greater realization of our own role in this historic drama. They speak in terms of challenge to American Jewry to rise to the momentous occasion. "If you will say yes, it shall be yes. If you will say no, it shall be no!" *Ha-re Mesurah Be'yedchem,* "It is now dependent upon what you will do!" The task to protect this new accomplishment, these new values that have come to bless Israel's life, is up to us, the only Jewish community in the world now blessed with the wherewithal so essential for the safeguarding of Israel's future.

Another version of God's words makes it even more emphatic: *Mikol Makom Ye-he Hacheshbon Be'yodom,* "From every aspect, the reckoning shall be in their hands!"[5] The reckoning of fate—whether it shall be success or failure, strength or weakness, the continuation of this "newness" or the return to the drab and dark "oldness" of Jewish life—this reckoning is in our hands today.

And, finally, continuing their play upon *Chidush* and *Chodesh,* the Rabbis add a further significant comment. Said R. Berachya in the name of R. Isaac: "God said to Israel: *Chidshu Ma-a-sechem,* 'Make new your deeds!'"[6] Again, these words come with special force to us Jews of America. We will have to put "newness" into our actions. New standards must mark our deeds to meet the new events in our people's life. The old measure of our giving and of our sacrifices in the years past is not sufficient to meet the challenge of the new day in which we find ourselves. *Chidshu Ma-a-sechem,* "Put newness into your actions!" Make them worthy of this glorious era of Israel's rebirth.

---

5. Tanchuma Yashan, *Bo,* 13; Pesikta Rabbati XV. 77 and Pesikta d'Rav Kahana V. 53.

6. Pesikta Rabbati, XV.79. Also Pesikta d'Rav Kahana, V. 55.

acquired a sense of belonging, a feeling of pride, an attitude of dignity. And something new has come into the land of Israel. We behold the first aspects of peace, the first signs of the fulfillment of our great hope that the Arab peoples may realize the futility of war and acquire the desire to develop a spirit of fellowship and comradeship with the budding State of Israel. Verily, we may now joyfully proclaim: "The time of singing has come, and the call of the turtledove is heard in our land." [3]

But our text goes further, and the Midrash penetrates deeper into the significance of the Rabbinic interpretation. In their discussion of the quoted Biblical verse, the sages add this illuminating comment: "Said the Holy One to Israel: *L'she'avar Haya B'yadi,* In the past this task was in My hands. *Elo Mikan V'elech Ha-re Mesurah Bi'yedchem,* But from now on it is given over in your hands! *Im Amartem Hen, Hen; Im Amartem Lav, Lav,* If you will say yes, it shall be yes, if you will say no, it shall be no, as it is said: *Hachodesh Ha-ze Lochem,* 'This month is for you!' " [4]

The sages were referring to the proclamation of the New Moon, which was the function of the Sanhedrin or High Court, but their words may well apply to their original interpretation of *Chodesh* as *Chidush.* The miracle of "newness" that has entered Jewish life is the achievement of God, whose Divine inspiration has helped our leaders and forces to bring about these glorious events. We may indeed say that all that has thus far occured was in the hands of God.

"But from now on it is given over in your hands!" These words come with special force to us Jews of America. They demand a searching of our hearts; they

3. Song of Songs, II. 12.
4. Exodus Rabbah, XV. 3. See Torah Shelemah, ibid, for additional references.

tion from the bondage of Pharaoh: *Hachodesh Ha-ze Lochem,* "This month shall be unto you the beginning of the months." [1] The Rabbis read *Chidush* instead of *Chodesh,* and tell us that God said to Israel: *Chidush Devarim Ani Oseh Lochem,* "I am doing something new, something novel, for you. Never before have I redeemed a people from the midst of another people; but to you I do this that is altogether new." [2]

These words of our Rabbis best portray the events of the memorable year in which Israel proclaimed its freedom. *Chidush Devarim Ani Oseh Lochem!* Something new has appeared on the world scene during the past year—a people that ghost-like walked the face of the earth, neither dead nor alive, is now alive and free in its own land, with its own state and government, with its own parliament and diplomatic corps—an equal among the peoples of the world.

We were accustomed to see the Jew kicked about, beaten, and spat upon, always accepting the lash, being what Israel Zangwill termed the only true Christian, ever turning to the smiter the other cheek. Behold, *Chidush Devarim*—something new has happened to the Jew in Israel. He stands erect, defies his enemies, hurls back their blows, and bravely defends himself from every attack. He has suddenly acquired new strength, a strength that, relying upon the justice of God, achieved a miraculous victory over all his enemies united to destroy him.

Yea, *Chidush Devarim Ani Oseh Lochem!* The homeless, wandering Jew, driven from land to land, is now at home on his ancient, ancestral soil, where he welcomes his own brothers with open arms. He has

1. Exodus, XII. 2.
2. Pesikta Rabbati. XV. 76; Pesikta d'Rav Kahana. V. 52. cf. Exodus Rabbah, XV. 21. Also Torah Shelemah to Exodus XII. 2, for different versions.

CHODESH AND *CHIDUSH* — THE NEWNESS IN JEWISH LIFE*

It is a different Passover that we are celebrating this year from all the other Passovers in the last nineteen hundred years. This year, as we sat at the *Seder* table, we felt like kings. When we heard the child ask: *Mah Nishtanah,* "Why is this night different from all other nights?", the question took on a new meaning. We realized not only that this night was different from the other nights in the year, but that this year's festive night was different from all the other *Seder* nights throughout the centuries since we were driven from the land of Israel. True, we were always reminded that "in every generation one must regard himself as if he too had been redeemed from the bondage of Egypt." But in the past we had the feeling that it was "make-believe." We had to try to imagine that we were freed from the lash of a Pharaoh. This year we experienced a real *Yetziat Mitzrayim,* we cast off the yoke of bondage; we felt like free men glorying in their freedom. We were witnessing something new in the life of the Jewish people, something novel in our experience of the last nineteen centuries.

Our sages of old, who possessed the unique gift of reading new meanings into the ancient Biblical texts, make a striking observation with regard to the words in Exodus which refer to the month of the Jews' libera-

* Preached on Passover, April 14, 1949.

God, it speaks also in new terms of a determination to build, to create a life that shall be ours, true to our inner self, to our ideals, to our faith, to our God.

But we dare not forget that as in the days of Joshua and in the days of Ezra and Nehemiah, the Sukkah is still only the builder's hut. It is not yet the completed home. The work is only beginning and there is so much yet to be done.

We may indeed rejoice at the miracle which we were privileged to behold, but our joy must inspire us to a new spirit of consecration to complete the great task now so gloriously begun. To build, to build! That is the supreme duty of each and every one of us. With every Jew answering the challenge of the new Sukkah, we may hope to see realized in our day the vision of the prophet: "In that day I will raise up the tabernacle of David that is fallen, and close up the breaches thereof, and I will raise up his ruins, and I will build it as in the days of old." [6]

6. Amos IX. 11.

This year, however, the Sukkah in the land of Israel takes on a new meaning. As the Jews celebrate this festival in their old-new land, we can truthfully say that "since the days of Joshua the son of Nun"—and we might add, since the days of Ezra and Nehemiah, "the children of Israel had not done so." What joy this Sukkot brings to our heart. It brings to us the message of the new life, the new hope, the new future, which the Jew is fashioning in this new land. The era of Joshua and the era of Ezra and Nehemiah are being relived in our day. How thankful and grateful to God we should be that we are the privileged generation which, to use the words of the immortal Bialik, *Dor Acharon L'shibud, V'rishon Ligeulah Anachnu* "We are the last generation of servitude, and the first for redemption." [2]

And this builder's hut will enable us to fashion the life that is ours, that is true to the Jewish soul, to the Jewish mind and heart. *Ulkachtem Lochem,* "And you shall take unto yourselves the fruit of goodly trees." [3] This command the Jew in Israel will now be able to fulfill in the spirit of the Rabbis: *Ulkachtem Lochem, Mishellochem,* "You shall take that which is yours" [4]—that which belongs to your true self. The Jew in Israel will now be able to take to himself these Sukkot plants, as interpreted by the Rabbis,[5]—his own heart and heart's ideals; his own backbone and self-esteem; his own eye and his eye's vision; his own lips, the expression of his own culture and civilization.

Yea, the Sukkah still reminds us of our bitter exile of 1900 years, of our wandering in the wilderness of nations these nineteen centuries. But this year, thank

2. *"He-te Midbar."*
3. Leviticus XXIII. 40.
4. Sukkah, 41b; Tal. Jer. Sukkah, III. 1.
5. Lev. Rab. XXX. 13.

wandering in the wilderness. And when the Jews dwelt safely in their own land, the Sukkah reminded them of their wanderings in the wilderness, when they had had no home, and no other shelter than that offered by the frail and moveable hut.

But there is another type of Sukkah—the hut of the builder. It, too, may be frail and weak, but it symbolizes the very reverse of the wanderer's hut. It typifies hope, it tells of a structure that is being built, of an edifice that is to be a permanent home.

When Joshua and the Jews of the wilderness entered the Promised Land and celebrated the first festival of Sukkot on that holy soil, the Sukkah, for the first time, took on this added meaning. It kept alive the memory of their forty years' wandering in the wilderness, but it also took on the symbol of the builder's hut, of the new home that they were building and fashioning in their own land. We can imagine the joy with which they ushered in this festival in that memorable year. And this, too, was the meaning of the Sukkah in the days of Ezra and Nehemiah. Just as in the days of Joshua, these Jews who now returned to their land from the Babylonian exile saw in the Sukkah the symbol of the new home which they had to rebuild. It was now not the booth of the wanderer, but the hut of the builder, in which he laid the tools and the plans for the structure that he was to erect and that was to be his home. "Since the days of Joshua the son of Nun unto that day had not the children of Israel done so." And we can readily understand that "there was very great gladness."

For the last 1900 years, the Sukkah again became the symbol of the wanderer's hut. It reflected the life of the homeless Jew, of the frail and temporary shelter that he had in every land.

THE SUKKOT OF THE DAYS OF JOSHUA*

In the book of Nehemiah we read an interesting description of the first festival of Sukkot celebrated by the Jews who returned from Babylon to Palestine in the days of Ezra and Nehemiah. "And all the congregations of them that were come back out of the captivity made booths, and dwelt in the booths; for since the days of Joshua the son of Nun unto that day had not the children of Israel done so. And there was very great gladness." [1]

What mean these strange words? The ritual of the festival is fixed. Surely the statement cannot mean that the Jews of the Return celebrated the festival not in the prescribed manner in which their fathers had observed it. Nor is it possible to believe that in all the centuries since the generation of Joshua, the Jews failed to dwell in huts in the week of the fifteenth of *Tishre*. Evidently the author of the Biblical statement had a different thought in mind. The Sukkah took on a new meaning in the days of Ezra and Nehemiah, a meaning that it had had only for the Jews entering the Holy Land with Joshua.

There are two kinds of Sukkah. There is, first, the hut of the wanderer, which is carried along from place to place. It symbolizes homelessness. It is the hut that can offer only temporary shelter. That was the Sukkah which the Jew carried with him in the forty years of

* Preached on Sukkot, October 18, 1948.
1. Nehemiah, VIII. 17.

begun to shine upon Zion, we must remember the connection between the Book of Joshua and the Book of Job. Job must remain for us the classic example of the invincibility of a living faith in righteousness.

R. Azariah d'Rossi relates to us an interesting tradition, that Moses used to read the story of Job to the Hebrew slaves in Egypt every Sabbath.[7] Moses wanted these bondmen to hold fast to their hope of freedom, not to forsake their faith in the eventual triumph of justice. The Book of Job imparted to these slaves the strength to live on and also the confidence that the darkness of their lives would one day give way to light and joy.

Yea, the story of Job was joined to the Law of Sinai and to the Book of Joshua! How great is the need for that message today. According to one Rabbi, the Heavenly Council, before which Satan challenged the faithfulness of Job, took place on *Rosh Hashanah* and on *Yom Kippur*.[8] On this solemn season may we dedicate ourselves anew to our faith and to our ideals—to work for them, to live by them, and, if need be, to die for them.

With the image of Job before us, let us carry on until our ideals become realities and the Promised Land of happiness becomes the inheritance of all mankind.

7. *Me'or Enayim,* IV. 4, quoting Origen. See Prof. Ginzberg, Legends, V. 405.
8. Targum Jerusalm, Job I. 6; II. 1.

not only followed the Pentateuch but also preceded the Book of Joshua. Again, what depth of meaning this statement has for us. The Book of Joshua tells the story of the gradual conquest of Eretz Israel. God promised that land to the children of Israel. But Moses wanted the Israelites to know that in the attainment of this goal, there would also be a test of faith. Even though the land was promised them, it would not come to them easily. Many battles would have to be fought; the land would have to be won through effort and will. Again, when hope seemed lost, when despondency had taken hold of them, they were bidden to remember Job—how he refused to surrender his faith even in his darkest moments.

Oh, how well we have learned this lesson in our day in the struggle to win the Promised Land. What treachery has been perpetrated by officials and governments to thwart us in our efforts; how they have hounded us and tortured us—hoping that we would abandon and sacrifice our ideal. There were years when darkness enveloped us, when everything appeared hopeless, when a Weizmann was forced to cry out: "Hitler may have lost the war, but as far as the Jews are concerned he won a complete victory!" But, like Job, the Jew clung to the ideal of Zion reborn. Despite all obstacles, despite the opposition of Britain and the Arab states, the Jew fought on, building with trowel in one hand, and with sword in the other defending himself against every attack. The image of Job was ever before him, and, like Job, he too saw the triumph of his faith.

And we need to remember Job even today, though the Jewish State is, thank God, an established fact. Our enemies have not yet acknowledged defeat. Satan is still on the alert; he is still hoping to force us to give up our ideal. Even now, when the sun of freedom has

he knew that, like Job, men would frequently see wickedness triumphant, the cruel and the arrogant successful.

How important it is to have the Book of Job closely attached to the Divine Law—to remind us of the courage and the strength needed to hold us fast to our ideals. At times we do become despondent. We see those who trample under foot the ideals of truth and honor apparently achieving success, scorning those who attempt to live by God's Law. How often are we urged to curse God and live. How often do the words resound in our ears—the effort is not worth while, forsake your ideal! But, Moses warns us: hold fast to your faith. Learn to say with Job: "Even though He slay me, yet will I trust in Him!"

When, more than now, was there a greater need for such a message? We have recently fought a war for democracy and justice at the price of sweat and blood and tears. We thought that with victory achieved it would be a simple matter to transform our hopes, our dreams and our ideals into reality. But see, Satan is tempting us again. Hatred and suspicion, prejudice and fear, have raised their heads anew. Already we hear talk of a new war. Darkness once more fills the world; all is in confusion. From all sides we are told: Give up your ideal of universal peace, your dream of One World. Man is a beast; he will always fight; the battle is to the strong; the race to the swift! Just in such a time we need to read the Book of Job to keep us awake to the holy task before us. Despite all odds, let us not surrender our ideals. In a world where many have lost their faith in what is good and noble let us cling to such faith with all our strength and thus bring new hope to a despondent mankind.

The Book of Job, according to the second tradition,

Some of the Rabbis see in this book not the story of one individual, not the record of an isolated happening. In fact, one Rabbi tells us: *Iyov Lo Haya V'lo Nivra.* "Job never was and never existed, but is only a *mashal*—a parable."[4] We do not know the author of the book. One tradition, however, which is recorded in the Talmud, tells us: *Moshe Kosav Sifro V'sefer Iyov,* "Moses wrote his own book and also the Book of Job."[5] He, who on the mountain of Sinai proclaimed God's law to the world, was also the one who conceived this tale of a man ready to endure every pain rather than yielding his faith in his noble ideals.

Another tradition goes yet further and tells us that originally the Book of Job was placed in the Bible not where it is found now—in the third or Scriptural section of the sacred volume,—but immediately following the Pentateuch—the five books of Moses—and preceding the Book of Joshua.[6]

What a fine truth is revealed to us in these ancient traditions, and how meaningful for our day! What insight they reveal into the struggle for high ideals, for the Kingdom of God on earth!

Moses gave the world a Law of truth and justice, of love and righteousness—a Law which, if man observed it, would transform this earth of ours into a veritable Garden of Eden. The Torah is the blue-print of happiness for the world. But Moses knew that it would not be easy to achieve that Law. He knew that Satan would often appear and bring to those who strive for the triumph of God's Law disappointment and disillusion, suffering and anguish,—tempting them to forsake the path which Moses had revealed. Nay, more,

4. Baba Bathra, 15a. cf. Prof. Louis Ginzberg, "Legends of the Jews," V. p. 381.
5. B. B. 14b and 15a.
6. Peshitta to Job.

is accepted. Job is afflicted with leprosy; but, though lying in pain and in anguish, he refuses to surrender his faith in the righteousness and the final victory of his ideals. His wife urges him to curse God, to accept the apparent victory of injustice. But Job in answer cries out: "Even though He slay me, yet will I trust in Him!"[1]

At times he is bitter at his fate. He cries, he curses the day of his birth. "Sighs are my daily bread, and groans pour from me like water. I am not at ease, get no rest, have no peace, for trouble keeps coming."[2]

The philosophy is developed later when his friends visit him and argue the whole problem of suffering. Many sceptical thoughts are expressed, but, withal, Job remains steadfast and clings to his faith in his ideal of justice. The end we all know. There is a happy conclusion. Satan is defeated; Job is the victor. He is restored to health and joy and prosperity. This drama has become the classic example of faith and patience in the ultimate triumph of right and of truth.

It is interesting to note that in the Temple days, when the priests functioned in Israel, the Book of Job was among those books of the Bible that the High Priest had to read or to have read to him during the night of *Yom Kippur*, in order to keep him awake for his sacred duties on that holiest day of the year.[3] Evidently there was something vital and essential in this story of Job for the High Priest, the representative of all Israel, to remember on this day of days when we are to achieve *at-one-ment* with God. And today, with Temple and High Priest no more, we Jews may still find in Job a message of deep import for our life.

---

1. Job, XIII.15.
2. III.24-26.
3. Mishnah Yoma, I.6.

FAITH IN OUR IDEALS*

One of the greatest and most impressive books in our Bible is the Book of Job. Many Bible students and literary critics regard it as a most fascinating creation of literary genius. It is a philosophical work, dealing with the problem of the suffering of the righteous. Why should the just and the innocent suffer? How is it that the wicked often prosper? But though it deals with a major problem of philosophy it is not written as a dry philosophic thesis. It is composed in the form of a drama, brilliant in style and executed with great skill. As a literary production it compares most favorably with the great classic Greek plays.

This is not the occasion to give a detailed analysis of the problems posed in the Book of Job. Just the barest outline of the contents will suffice for our present purpose.

Job is a righteous man, blessed with every gift from God's cornucopia. One day, during a session of the Heavenly Court, God asks Satan whether he noted the saintliness and faithfulness of Job. Satan is ready with a cynical reply. "Strike him and see whether in misfortune, his faithfulness endures." God accepts the challenge. Job is stripped of his wealth; his dear ones die; other misfortunes befall him. But Job remains true to his faith and his ideals. Satan does not admit defeat so readily. He argues that Job will turn against God once his own body is stricken. Again the challenge

* Preached on Yom Kippur, October 12, 1948.

by so many of the seventy nations of our day. He aspires to speak a language which the world has not yet learned, but which it needs to master if the world is not to end in self-annihilation. The hand of peace which Israel has been extending to the Arabs is part of that new, that godly, language that he has learned. The ideals incorporated in the proposed Constitution of Israel are further evidence of that new language of holiness and godliness which the Jew in Israel wants to speak. The very name Israel which the Jews gave to their nation and their country is the most eloquent testimony that, like the angel Gabriel, they have taken the name of God and incorporated the Divine letters within their own, to make certain that godliness shall at all times mark all their thoughts and all their deeds.

Joseph interpreted the dream of Pharoah and helped to save a nation from approaching catastrophe. It is our hope and our prayer that the Jew of Israel, standing before the rulers of the world, will once again interpret the dreams of a weary humanity, and bring to mankind the sustaining bread of life in this world of spiritual hunger.

Like Joseph of old, the new Jew of Zion will yet be able to say to us and to all the peoples of the world, "God hath sent me before you to be a source of life"[5]—the source of a new life of hope and peace and dignity for the Jew and for the world!

5. Genesis 45:5.

despite the attitude of most of them. It was by the Jew's own efforts, by his own heroism and martyrdom, that this miracle occurred. And we know that the task is not yet completed. To quote our own immortal Bialik: "The road is yet long; great is yet the battle." There will yet be attempts made to strangle the new country, and certain nations may yet do all in their power to stifle the growth of Israel. We shall have to gird ourselves for new sacrifices, for new heroism. But we are confident that the State of Israel will live, and that for all time the Jew is out of the dungeon of the modern Egypts.

With the triumph of Israel the cause of justice itself will be vindicated. Who knows, perhaps that little land that once gave to the world the first message of universal peace and brotherhood may again be the instrument to help the world to find its soul.

I told you the legend that the Talmud tells, how the angel Gabriel taught Joseph to speak a language he did not know. But you recall that the Talmud says that Joseph could not learn these languages. It was only when the angel Gabriel took the letter of God and placed it within his name—his inner self—that the miracle happened and he became master of a new speech. It isn't just the usual language of the nations that Joseph learned; indeed, he refused to learn that type of language. He learned the language which reflected godliness, the language of holiness, of righteousness and of truth.

That is the language which we hope, and which we are assured, the new Jew of Israel has learned to speak. Israel does not want to be just another nation like unto many of the nations of today. He does not want to learn the language of hidden diplomacy, of deceit, of falsehood, of duplicity, that is so often spoken

angel Gabriel occurred, and this new Joseph mastered the language which he had not known.

Or take the language of government, and see how here, too, the new Jew of Zion learned the language he had not known. For 1900 years he had no experience in the art of government or diplomacy. He had no relationship, politically, with the nations of the world. They commanded and he obeyed. Never did he dare to speak to them as an equal. Suddenly, the new Jew of Israel mastered this language. Even the most enthusiastic Zionist among us thought that there would have to be a transition period of months or years before the Jews of Israel could learn the intricacies of government and political life. Take, for example, the simplest needs of a country—running a post office or minting money. Where did the Jew learn this? Yet—see—instantly as it were, on the very day that Britain left the country, the government of Israel functioned in every way, within the land, and in diplomatic relationship with the nations of the world. Again "a language which I did not know, I learned!"

And we, too, the Jews of the Diaspora, we Jews of America, have also suddenly learned a language which we had not known before this modern Joseph became free. We have learned the language of self-respect, a new esteem for the very name of Jew. We walk now with head erect, no longer feeling that we are the pariahs of mankind. The world has been forced to look upon the Jew in Israel in a new light, and we too share in that transformation.

Ah, how much the newly freed Jew could achieve if the other nations of the world would but realize the justice of this historic force that marked the Jew's emancipation. Alas, however, all this happened not with the aid or encouragement of these nations, but

said they, "Will you permit this slave, this outcast to be a ruler among our people? One who aspires to be a ruler must know the languages of the seventy nations of the world. Examine him and see how ignorant and unfit he is to sit in our councils!" Just then, says the Talmud, the angel Gabriel appeared and tried to teach Joseph all the seventy languages. But somehow Joseph could not learn them. Gabriel then took one letter from God Himself—the letter "*H*"—and added it to Joseph's name—*Be'yehosef*—and instantly he mastered all the languages, so that in whatever language Pharoah or his ministers spoke to him, Joseph understood, and answered in that very tongue. Yea, in very truth he could say: "A language which I did not know, I suddenly learned!"[4]

How well this tale applies to Zion and to the new Jew of Israel! Take the very art of defending oneself—that is a language which the Jew did not know. He bent his back before every oppressor. He cringed before every tyrant. He knew only the language of silence and submission to every taunt, to every kick, to every beating. Suddenly we see the miracle of the *Haganah*, of the learning over-night a language of which for almost 1900 years they had been ignorant. And what a mastery of that language the Jew displayed! The Jew who was a stranger to the intricacies of army organization and discipline, who knew nothing about arms or weapons, suddenly became master of that language, and held back and almost defeated seven nations and their standing armies—one even supported by mighty Britain itself and led by British officers. What a remarkable story this miracle of *Haganah* tells. Nations thought—and some even hoped—that the Israeli forces would be crushed within a few weeks. But the miracle of the

4. Sotah 36b.

all that happened to Zion and to the people of Zion. Like Joseph, the Jew of Zion languished in countless dungeons in many Egypts throughout these centuries. In our own day we saw millions of these Jews, with the image of Zion engraved upon their minds and hearts, slaughtered mercilessly, and the remnant veritably languishing in the dungeons of Europe.

Thank God, this Rosh Hashanah marks the Jews' exit from their prison, a free people standing before the nations of the world with strength, with dignity and with self-respect.

It is interesting to note how the Rabbis associate Joseph's freedom with Rosh Hashanah. They quote the verse from the Psalms (81:4-6): "Blow the horn at the new moon, at the full moon for our feast-day. . . . He appointed it in Joseph for a testimony, when he went forth over the land of Egypt; a language which I did not know I heard." A connection is here between the commemoration of Rosh Hashanah and the statement that Joseph went out over the land of Egypt, learning a language which he did not know. This was sufficient warrant for the Rabbis to conclude that it was on Rosh Hashanah that he became a free man, entering a new epoch in his life of usefulness and achievement.

But the Rabbis go deepr in the analysis of this statement of the Psalmist. What could he have meant by the words: "A language which I did not know, I heard, I understood"? And why is the name of Joseph spelled here so strangely, so differently from the usual way, with the added letter "*H*" inserted in it?[3] And so they tell us a beautiful legend.

When Joseph appeared before Pharaoh, the king's advisors and ministers laughed and mocked. "What!"

3. ביהוסף instead of ביוסף

JOSEPH FREED FROM THE DUNGEON*

This is indeed a New Year in Jewish history in more than a literal sense. It is altogether a new Rosh Hashanah, distinctive from every other Rosh Hashanah of the last nineteen centuries. It marks not only the usual change in the Jewish calendar—5709 instead of 5708—but is *year one* of a new epoch in the annals of Jewish life.

The miracle has happened. For the first time in 1878 years we are a free people again, a nation on its own historic soil. The dawn of Jewish freedom has entered our national life.

A very interesting historic note is given by the Rabbis in the Talmud with reference to Rosh Hashanah. They try to recall what great and important events occurred on this holiday, and one of the Sages tells us: "It was on Rosh Hashanah that Joseph was freed from the dungeon of Egypt."[1] Joseph the dreamer, who suffered so much because of his dreams—sold as a slave, thrown into pit, languishing in Egyptian dungeon, finally saw his freedom on a Rosh Hashanah. This outcast among men now stood before the ruler Pharaoh, interpreting his dreams, and saving a people from starvation.

"What happened to Joseph happened also to Zion," says a Rabbi in the Midrash.[2] Joseph is a symbol of

* Sermon preached on Rosh Hashanah at the Brooklyn Jewish Center, October 4, 1948.

1. Rosh Hashanah 11a.

2. Tanchuma, Vayigash, 10.

We know and we feel that this is but the beginning of aa new, glorious, era in the ilfe of the Jew and in the advancement and creativity of Judaism.

I hope and pray that these sermons, spoken on the holy and festive days of this glorious year in Israel's history, may inspire the reader with an understanding of the significance of these days and with an apprecia-tion of his duty to rededicate himself to the task of making Judaism a vital factor and influence in the every day life of the Jew.

J. H. L.

PREFACE

I have yielded to the request of both the translator and the publisher of the Yiddish edition of my volume "Judaism—An Analysis And An Interpretation" to include as a Supplement a group of sermons which I recently preached from the pulpit of the Brooklyn Jewish Center.

All these sermons, delivered during the historic first year of the independence of the State of Israel, deal with the significance of that memorable event.

We look upon *Eretz Israel* not only as the haven of the Jew but also as the focal point of Judaism. There Judaism had its birth and growth and there it reached the zenith of its development. Now that Israel is reborn, we may say with the Psalmist, *Shuvi Nafshi Limnuchoichi,* "Return my soul to thy restingplace."[1] We look forward not only to the emergence of a new Jew but also to the flowering of Judaism, to a healthy, normal development of the Jewish spirit, to the strengthening of the Torah—the civilization of the Jew.

We rejoice at the miracle which we were privileged to behold in the emergence of the Jewish State. Verily, the prophet's words have come to pass: "For it pleased the Lord to make you His people."[2] Rabbi Judah, however, adds a significant note to these words: "Read not *Ho'eloh* but *Hascholoh*—not that God was pleased, but that God *has only begun* to make you His people!"[3]

1. Psalms, CXVI.7.
2. I Samuel, XII.22.
3. Yalkut Shimoni, loc. cit.

CONTENTS

Preface 5

Joseph Freed From The Dungeon 7

Faith In Our Ideals 13

The Sukkot of The Days of Joshua 19

Chodesh and Chidush — The Newness
In Jewish life 23

Asleep in The Hour of Destiny 29

There is worse than oppression — there is inward stagnation of the Spiritual Life

ISRAEL ZANGWILL

The Hour of Destiny

A Sheaf of Holiday Sermons

By

ISRAEL HERBERT LEVINTHAL
D.H.L., D.D., D.J.T.
Rabbi, The Brooklyn Jewish Center

Author of, Steering or Drifting — Which? (Sermons and Discourses), A New World is Born, Judaism—An Analysis and An Interpretation

Pardes Publishing House, Inc.
U. Z. Bookbinder, Pres.
New York, N. Y.